STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01817

DURKHGELEBT UN DURKHGETRAKHT

Isaac A. Benequit

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דורכגעלעבט
און
דורכגעטראַכט

ערינערונגען, עפּיזאָדן און בילדער פון דער אַלטער היים

פון

י. א. בענעקוויט

ערשטער באַנד

פאַרלאַג „קולטור פעדעראַציע“
325 א. 21טע גאַס, ניו יאָרק
1934

Copyright 1934
I. A. BENEQUIT
(*All rights reserved*)

אַלע רעכט באַהאַלט דער מחבר
י. א. בענעקוויט
2150—68th Street
Brooklyn, N. Y.

Published by
THE CULTURE FEDERATION
325 East 21st Street
New York, N. Y.

געווידמעט מיין עלטערער טאָכטער ראָוז



פאָרוואָרט פון מחבר

עס פאַסירט אָפט, — אומדערוואַרט פאַר אייך אַליין — אַז עס פליט דורך אין מוח אַ בליץ-געדאַנק, וועלכער איז גאָרניט צו-געפּאַסט צום געגעבענעם מאָמענט.

אַזוי, אַ שטייגער, קען אייך איינפאַלן אַ געדאַנק פון אַ קאָ-מישער סיטואַציע, נאָכגייענדיק דעם אָרון פון אַ נאָענטן גוטן פריינט. פאַרקערט ווידער, אויף אַ חתונה אָדער אויף אַן אַנדער שמחה, פליט דורך אין מח אַ געדאַנק וואָס מאַכט אייך פאַר אויס מחותן, אויס אַנטיילנעמער פון דער שמחה — איר טראַכט איצט וועגן טויט... פון אָט אַזאַ בליץ-געדאַנק איז קיינער נישט געזי-כערט, נישטאָ פאַר אים קיין צוים, עס גילטן פאַר אים נישט די ערשנדיקע געזעצן, גרענעצן, וויזעס... ער באַזוכט אייך אין „מיטנדרינען" ווען איר דערוואַרט אים אַמווייניקסטן.

אָפט זיינט איר מיט אים נישט איבעריק צופרידן און אָפט, פאַרקערט, איז ער אייך אַן אָנגעלייגטער גאַסט, ווייל ער פאַר-כאַפּט אייך מיט זיך, טראָגט אייך אויף זיינע געשווינטע פליגלען און וועלטן דורכגעלעבטע, פאַרגאַנגענע, אויף וועגן שוין לאַנג געטראָ-טענע, מיט גראָז פאַרוואַקסענע און ער צווינגט אייך אַ צווייטן מאָל איבערצולעבן עפּיזאָדן שוין לאַנג אָפּגעווישטע פון זכרון. ער זעטיקט אייער גייסטיקע אויג מיט אָנגענעמע בילדער פון די ליבע קינדער-יאָרן, איר טרעפט זיך מיט פּערזאָנען מיט וועלכע איר זענט געווען ענג פאַרקניפּט און געבונדן.

איך האָב אַמאָל געלייענט ווי אַ חסיד לאָזט איבער זיין פערד און וואָגן מיט סחורה אין אַ מיטן מאַרק, אין אַ הו-האַ פון יריד אין אַ פרעמדער שטאָט, זייענדיק אַרומגערינגלט פון פּויערים קונים, וואָס קויפן זיין סחורה, ווייל דער דערמאָנטער אומגעבע-טענער גאַסט האָט אים פּלוצלונג באַזוכט; דער בליץ-געדאַנק האָט אַ לעכער געטאָן זיין מח מיט דער פראַגע: „אָט אַ דאָס איז דער

תכלית פון לעבן?" ער וואַרפט זיין פערד און וואָגן, זיין סחורה מיטן גאַנצן פדיון און גייט אוועק צום רבין, וואו ער בלייבט א לענגערע צייט און אינדערהיים האַלט מען אים שוין פאַר א טויטן און זיין פרוי פילט זיך ווי אן אלמנה אָדער נאָך ערגער — אן עגונה.

ער לעבט אָבער און נאָך וואָס פאַר א לעבן. ער קומט אינ-גאַנצן א ניי געבוירענער מיט א ניגון, וואָס שפּייזט זיין נשמה פון וועלכן אפילו זייטיקע צוהערער קוועלן אן מיט א באַזונדערן נחת רוח.

דער געבראַכטער נגון פון „אים זאָל לעבן" ווערט אויפגע-כאַפּט און ברענגט אַלעמען א באַפרידיקונג...

דאָס לעבן אין אמעריקע, אין אָט דעם אייגנאַרטיקן לאַנד פון טויזנטער אומעגלעכע מעגלעכקייטן — א משך פון קרוב א האַלבן הונדערט יאָר — לייגט, ווילנדיק נישט ווילנדיק, אַף דעם מענטשן א חתימה פון דעם מערקווירדיקן לאַנד. איך בין, פאַרשטייט זיך, קיין אויסנאַם נישט, האָב אויך דורכגעמאַכט אין מיין צייט אַלע טרויעריקע עטאַפּן וואָס אן עמיגראַנט האָט דאָ געדאַרפט דורכ-מאַכן, געהאַט פאַרשיידענע צייטן, זיך געטראָפן מיט פאַרשיידענע מענטשן, זיך געדרייט אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, מיטגעמאַכט פאַרשיידענע באַוועגונגען, געווען מאָמענטן און אפילו גאַנצע פּעריאָדן פון אנטציקונג, געווען אויך אנטוישונגען; הנאה געהאַט און אויך געליטן אי פיזיש, אי גייסטיק, הכלל געלעבט דעם דורכ-שניטלעכן אמעריקאַנעם אידישן לעבן און מיט אמאָל...

דער אורח האָט מיך באַזוכט און וואָס אמת — אין א מאָ-מענט גאָרנישט קיין צוגעפּאַסטן און אַף זיינע פליגלען מיך אוועק-געטראָגן צו זיך אין שטעטל אין דער אַמאָליקער, ליבער, אַלטער היים אין דער אָרימער, אידישער שטעטל און מיך טריט בא טריט געפירט אַף די וועגן, וואו מיין אינגסטע יוגנט איז פאַרלאָפן.

פאַר מיינע גייסטיקע אויגן האָט זיך געוויזן ווי אין א קאַליי-דאָסקאָפּ אַלטע בילדער, בונטע, רייכפאַרביקע עפּיזאָדן, באַהויכטע מיט א נעפּל פון אידילישע קינדעריאָרן, פּאַסירונגען, איינדרוקן

אָבט

און איבערלעבענישן. און אַט אין אזא „לופט רייזע״, זייענדיק מיט מיין גייסטיקן „איך״ אַף יענער זייט ים האָב איך פארצייכנט אַט די אַלע בילדער און עפּיזאָדן וועלכע איך גיב דאָ איבער ווי א מתנה דעם לעזער.

ווי באוואוסט זענען די מערסטע טאַטן פון א מענטשן עגאָ-איסטיש. איך בין זיך מודה ומתודה פארן לעזער, אז מיר פערזענ-לעך פארשאַפן אַט די אלע איבערלעבענישן פון אריינקוקן אין דער טיפער פארגאַנגענהייט זייער אסך פארגעניגן, ווי דאָס וואָלט פּאַ-סירט מיט איטלעכן פון אייך. גלייכצייטיק אָבער בין איך געגוג דרייסט צו מיינען און האָפן, אז אויך דער לעזער וועט הנאה האָבן סיי פון לייענמאַטעריאל ווי אזעלכעס, און סיי פארן אריינטראכטן זיך מיטן ציל צו פאָרשן דעם אמאָליקן אייגנאַרטיקן אַרט לעבן אין דעם שטעטל און ציען דערפון די נויטיקע קאָנסעקווענצן. דאָס איז — ווי באוואוסט — דער שכר פון מחבר: דער באוואוסטזיין, אז זיין טרחה האָט געבראַכט נוצן...

איך וויל, חלילה, דערמיט נישט זאָגן, אז מיינע זכרונות דארפן דינען ווי א וועג-ווייזער פארן פאָרשער, דארפן זיין ווי א האנטבוך פארן שול-לערער.

פארקערט, איך וויל זיך נאָר דערמיט פארענטפערן פאר מיין באַגאַנגענעם חטא:

אונטערגעטראָגן א בוך דעם לעזער, ווען יענער האָט עס פון מיר נישט געבעטן.

אוים אומפּראַקטישקייט, אָדער פיליכט אוים צופיל פּראַק-טישקייט, האָב איך צוגעשריבן צו יעדן קאַפּיטל א נאָכוואָרט. עס פארשטייט זיך, אז דער לייענער איז נישט מחויב דאָס צו לייענען, כאָטש עס וועט אים געוויס נישט שאַדן.

י. א. בענעקוויט.

ברוקלין, ניו־יאָרק, דעצ., 1933.

1-טער קאַפּיטל.

שריפות.

פאַרגעניגן פון שריפות. — דער סדר פון לעשן דעם פייער. — סוכות אינמיטן זומער. — א שאלות חכם.

איך האָב זייער פיל נאָכגעדענקט: וועלכע געשעענישן זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין קינדערשן זכרון?

נאָך א לאַנגן נאָכדענקן האָט מיין זכרון מיך צוגעפירט צו די סאַמע ערשטע פּאַסירונגען וואָס האָבן איבערגעלאָזן א טיפן איינדרוק און דאָס זענען — די שריפות.

איך בין נאָך גאָר א קינד געווען און האָב קיין שום באַגריף נישט געהאַט וועגן פייער ווי א זאַך וואָס פאַרניכטעט, מאַכט חרוב, ברענגט אומגליק און האָב דעריבער נישט געקאָנט באַגרייפן און עס פלעגט מיר אויסקומען משונה-ווילד, ווען איך האָב געזען ווי דערוואַקסענע מענטשן, איבערהויפּט מענער, וויינען ווען זייער הויז ברענט.

מער פון אַלעמען האָט מיך געוואונדערט מיין מאַמע, אפילו זי האָט געוויינט בעת אונדזער הויז האָט געברענט.

סטייטש, האָב איך זיך געטראַכט: אַזאַ מאַמע ווי מיינע זאָל גאָר וויינען ווען עס ברענט!

פאַרקערט, ס'איז דאָך אַזוי שיין, א מחיה צוצוקוקן ווי די לאַנגע פייערצונגען לעקן די ווענט און דעכער פון די הילצערנע הייזער און הויבן זיך צום הימל באַגלייט ווערנדיק פון געדיכטע וואָלקנס רויך, וועלכע קרייזלען זיך און שאַפן אַף זייער וועג שיינע צויבערבילדער, וואָס האָבן מיך ווי פאַרכישופט. ווער רעט נאָך ווען צו די דאָזיקע שיינע בילדער איז נאָך צוגעקומען דער הענדום-פּענ-

דומדיקער ארומשמייען און לויפן פון פייער-קאָמאַנדיר וועלכער האָט געשריען ביז הייזעריק ווערן: „וואָדע דאַווייטע*).

שווער איז מיר געווען צו באַגרייפן פאַרוואָס מענטשן ווײַנען אַנשטאָט זיך צו פרייען און האָבן הנאה פון אַזאַ שיינעם ספּעק-טאַקל...

פאַרשטייט זיך, אַז נישט נאָר די פאַרשלאָפענע וואַסער-פירער מיט זייערע עטלעכע פעסלעך וואַסער, נאָר אפילו די גאַנצע „פּאַ-זשאַרנע קאָמאַנדע" מיט'ן גאַנצן קלאַפּערגעצייג האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן.

די הילצערנע הייזלעך מיט די שטרויענע דעכער האָבן גע-שמאַק געברענט, נישט געקוקט אַף דעם וואָס דער פייער-קאָמאַנ-דיר, אַ הייזעריקער שוין ווי די וואַנט, האָט מיט זיינע לעצטע קרעפטן געשריען: „גאָספּאָדאַ, כאַזייעווא, פּאָמאָגיטיע!!!**).

די שטאָט האָט סך הכל פאַרמאָגט איר אייגנס צוויי וואַסער-שפּריצן, וועלכע מען האָט געדאַרפט פּאָמפּן מיט די הענט. מען האָט זיך געווענדעט צו די יונגעלייט וואָס האָבן זיך געפונען צווישן עולם זיי זאָלן זיך מטריח זיין העלפן פּאָמפּן. איך האָב שטאַרק מקנא געווען אָט דאָס שטיין לעבן וואַסער-שפּריץ און וואַרטן אַף וואַסער, ווארום דאָס רוב איז נישט געווען קיין וואַסער וואָס צו פּאָמפּן.

איך האָב דאַן פעסט באַשלאָסן בא זיך: אַז איך וועל אויס-וואַקסן אַ גרויסער, וועל איך נישט וואַרטן ביז מען וועט מיך בעטן זיך מטריח זיין צום פּאָמפּ, איך וועל אַליין גיין. זאָל נאָר גאָט געבן עס זאָלן זיין גענוג שריפות און וואַסער וואָס צו פּאָמפּען...

דערפאַר אָבער האָב איך נישט געהאַט וואָס מקנא צו זיין די מענטשן וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט מיט ארויסראַטעווען פון פייער וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט: בעטגעוואַנט, מעבל און אַנדערע כלי בית. זיי, נעבעך, האָבן גאָר קיין הנאה נישט געהאַט

*) דערלאַנגט וואַסער.

**) הערשאַפטן, בעלי-בתים, העלפט!

צוועלף

פון די פייערן... תמיד פאַרנומען, פאַרהאַוועט מיט שלעפּן, פּאַקן, בינדן; קיין צייט ניט געווען הנאה צו האָבן.

שטאַרק פאַרדראָסן האָט מיך דאָס, וואָס די בעלי בתים פון די ברענענדיקע הייזער און די שכנים זייערע פלעגן אַרויפקריכן אויף די שטרויענע און הילצערנע דעכער פון די דערביי שטייענדיקע הייזלעך און — שטעלט זיך נאָר פאָר אַ בעלנות — באַגיסן מיט עמערס וואַסער די ווענט און די דעכער, כדי דאָס פייער זאָל זיי נישט פאַרכאַפּן.

אין מיין קינדערשן מוח האָט דאָס אויסגעוויזן ווי דער באַוואוסטער וויץ וואָס אַ גוי וויצלט זיך איבער אַ אידן: „דורנעי זשיד, מייע האַריליקע אי פּראָדאַיע"*) איך פלעג דאַן טראַכטן: אָט זעענען דאָס נאַרישע מענטשן, אַ בילד וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם, אַזוי שיין איז עס, קומען די גרויסע און ווילן דאָס נאָר צעשטערן...

אויסער די מאַסמיטלען וואָס די פייערלעשער פלעגן אָננעמען, איז אויך געווען אַן אָנגענומענער מיטל באַ די שטעטלשע גויים אַרויפצוקריכן אויף די דעכער פון זייערע הייזלעך מיט איקאָנעס**) ווי אַן אויסגעפּרואוווטע סגולה צו לעשן אַ שריפה...

עס האָט כמעט ווי נישט פּאַסירט, אַז אַ שריפה זאָל מען פאַרלעשן מיט די אַלע אויסגערעכנטע מיטלען. תמיד האָט אָפּגעברענט אַלץ וואָס עס האָט נאָר געקענט ברענען, נאָר ווי דאָס זאָל ניט זיין — מיך האָט זייער שטאַרק פאַרדראָסן, ווען דאָס פייער האָט שוין ניט געהאַט מער קיין ברענשטאָף און צום ספּעקטאַקל האָט גענומען אַ סוף.

איינמאָל האָט באַ אונדז אין שטאָט, ווי אין די אַרומיקע שטעטלעך, אויסגעבראָכן אַ מין עפּידעמיע פון שריפות: יעדן טאָג האָט געברענט אין אַן אַנדער שטאָטווינקל, אַנדערע גאַסן, אַנדערע הייזער. באַנאַכט האָט מען נישט געקענט צומאַכן קיין אויג צו-

---

*) אַ נאַרישער איד, האָט בראַנפן און פאַרקויפט עס גאָר.

**) הייליקע בילדער: יעזוס קריסטוס, הייליקע מאַריע און אַנדערע צדיקים פון דער קריסטלעכער קירך.

ליב דער קלינגעריי פון די קלויסטער-גלאָקן, וועלכע האָבן געגעבן צו וויסן דער שטאָטישער באַפעלקערונג וועגן א נייער שריפה.

עס פלעגן אויסברעכן דריי-פיר שריפות א נאכט, קיינער איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן און מען האָט זיך דערטראַכט צום פאָלגנדיקן מיטל: מען האָט פארנומען די פאמיליע מיט די נויט-ווענדיקסטע בעבעכעס הינטער דער שטאָט און אף פרייע פלעצער אויפגעשטעלט ביידלעך וואו מען האָט צייטווייליק געלעבט.

אין איינעם אזא פאל האָט זיך אונדזער פאמיליע, צוזאמען מיט די אנדערע איינוואוינער פון אונדזער שטאָט-טייל ארויסגע-קליבן אפן פרייען פלאַץ לעבן דער גימנאַזיע, וואו עס איז, אגב, גע-ווען אויך די „פאזשארנע קאָמאַנדע". עס איז דאָך, פארשטייט זיך, איבעריק צו זאָגן, אז די שריפות עפידעמיע האָט בא מיר גע-האַט דעם זיבעטן חן. שוין די ביידל אליין אפן פרייען פלאַץ איז דאָך עפּעס ווערט, ווער רעט נאָך דער אילומינירטער הימל אין אָפשיין פון די שטאָטישע שריפות אפן פאָן פון די זומערדיקע אוקריינישע נעכט.

אין מיין קינדערשער נשמה האָט דאָס בילד פארזייט קערנדלעך פון טיפער ליבע צו די בלויע הימלען פון דער געבענטש-טער אוקריינע.

איך בין דעריבער געווען שטארק צופרידן וואס מיר האָבן זיך באַזעצט אין א ביידל אף דער פרייער לופט, וואָרים ניט געקוקט אף דעם וואָס איך פלעג זיין אָוונטצייט זייער מיד פון ארומלויפן, שטיפן, פלעג איך דאָך נישט קענען איינשלאָפן אין די זומערנעכט אין שטוב, ווייל טיר און פענצטער זענען געווען פארריגלט און פארשלאָסן, כדי זיך צו באוואָרענען פון די היימישע גנבים מיט זייערע קליינלעכע גנבהשע השגות ווי אשטייגער: א הון פון שטייג, א קריגל מילך, א מעשענעם לייכטער, א. ד. ג., דערצו פלעגט מען נאָך שלאָפן צו דריי-פיר מענטשן אין איין אלקער, איז שוין קיין גרויסער חדוש ניט, וואס די קליינוואָרג איז געווען צופרידן דער-פון וואס מען האָט געלעבט זומער אין א ביידל אף א פרייען פלאַץ.

פערצן

ימים טובים צייט האָבן מיר זיך אָנגעהויבן קלייבן צוריק אין הויז אריין.

איך געדענק ווי איך האב דאן א פרעג געטאָן מיין מאמען:

— מאמע! וועלן מיר, אם ירצה השם, קומענדיקן זומער אויך לעבן אין א פּאַלאַטקע?*)

אין אָוונט האָט זיך די מאַמע געררייצט מיטן טאַטען וועגן מיין חכמהדיקער שאלה, מחמת דער טאַטע פלעגט אָפט זאָגן, ריידנדיק וועגן מיר:

— „דאָס וואקסט א קלוג אינגל".

מיין טאַטע האָט מיך שפּעטער א ווײַלע גענומען אַף א פאַר-הער וועגן דעם זעלביקן ענין. ער האָט זיך געוואָלט דערגרונטעוון צי האָב איך באמת געפרעגט דער מאמען די שאלה, ווי זי האָט אים איבערגעגעבן און אויב יאָ, די סיבות וואס האָבן אזאַ שאלה ארויס-גערופן:

— זאָג מיר נאָר, זונעלע, דו האָסט געפרעגט באַ דער מאַמען צי מיר וועלן דעם צווייטן זומער לעבן אין א פּאַלאַטקע?

— נו, יאָ, געוויס — האָב איך נאַאיוו געענטפערט.

— זאָג מיר, פאַרוואס וואָלסטו עפּעס געוואָלט בעסער וואוי-נען אין א פּאַלאַטקע?

— ווייל אין פּאַלאַטקע שלאָפט זיך אזוי געשמאַק, און באַ-טאָג איז אזוי באַקוועם און פריי זיך צו שפּילן אין פערדלעך מיט די חברים, עס איז גוט ארויפצוקריכן אַפן צוים פון גראַפּסקן סאָד**), דאָ קען מען זען די פּאַוועס מיט די רעגנבויגנדיקע קאָלירן פון זיי-ערע פעדערן אַף די לאַנגע עקן, הערן זייער משונה מאָדנעם גע-שריי און דאָס געזאַנג פון כלערליי פויגעלעך — א מחיה!

— נו, און די שריפות? האָט ער מיט א גוטמוטיקן, פאָטער-לעכן שמייכעלע א פרעג געטאָן ווי פאַרבייגנענדיק.

---

*) ביידל.

**) פרוכטגאָרטן.

— אָ, יאָ יאָ, טאַטע, האָב איך אים באַגייסטערט אונטער־געכאַפּט, יאָ, געוויס, די פייערן זענען דאָך אַזוי שיין, אַזוי ליכטיק, כישופדיק... אַזוי... אַזוי...

איך האָב זיך אַריינגעלאָזן אין אַ ווייטערדיקן אויסרעכענען אַ לאַנגע רשימה פון אַזוי און אַזוי, אָבער איך האָב פּלוצלונג באַמערקט אַן ענדערונג אויף מיין טאַטנס גוטמוטיקן פּנים און דאָס האָט איבערגעהאַקט מיט אַמאָל מיין באַגייסטערונג, מיין ענטוזיאַזם און האָב מיין „אַזוי... אַזוי...״ נישט פאַרענדיקט.

די ענדערונג אויף מיין טאַטנס פּנים האָב איך זיכער פאַלש אויסגעטייטשט אָדער איבערהויפּט נישט געקענט באַגרייפן.

איך האָב זיך אַליין געפרעגט: איז ער אומצופרידן מיט מיינע ענטפערן, אָדער טראַכט ער שוין וועגן אַריבערפּעקלען זיך אין אַ פּאַלאַטקע אויפן נייעם זומער.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מיך מיין טאַטע פעסט צוגע־דריקט צו זיין ברוסט, אַ קוש געטאָן און אַרונטערלאָזנדיק פון זיינע קני אַ מורמל געטאָן:

— גיי, קינד מיינס, גיי זיך שפּילן.

———:———

נאָכוואָרט:

שריפות.

פייער האָט נאָך אין דער פּרהיסטאָרישער צייט באַגייסטערט דעם אורמענטשן מיט א נאַטירלעכער באַגייסטערונג. ער האָט באַקומען אן עלית נשמה און געגאַפט, אַנקוקנדיק דעם כשופדיקן רויטן צונג וואָס לעקט דעם קרבן זיינעם ביז ער פאַרניכטעט אים.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס פייער האָט געגאָלטן ווי א גאָט צו וועלכן מען האָט געדינט און געבראַכט אפילו מענטשלעכע קרבנות. די גראַנדיעזע שריפות אין די אוראַלטע וועלדער זענען זיכער געווען בכח צו ברענגען די אַמאָליקע פּרימיטיווע מענטשן אין א רעליגיעזן עקסטאַז.

קינדער — אין תוך גענומען פּרימיטיוון — האָבן נאָך איצט אפילו א ניצוץ פון דעם און ראשית כל זעען זיי אין פייער קיין שום אנדער זאַך ווי דערהויבנקייט, גראַנדיעזקייט און עס פאַרכאַפּט זיי און באַצויבערט אַלץ מער, וואָס גרעסער און גראַנדיעזער דער פייער איז.

שוין אפילו אין די שפּעטערדיקע צייטן, און נאָך היינט — אין די ווילדע געגנטן, טאַנצן די ווילדע אַרום פייער זייער רעליגיעזן פול מיט פייערדיקן עקסטאַז טאַנץ. פייער האָט די מאַגישע קראַפט און ניט אומזיסט רינגלען אַרום פייער זייער טיפזיניקע לעגענדעס ווי למשל: די גניבה פון גאָט, א מתנה פאַר ליידנדיקע מענטשן פאַר וועלכע דער גנב*) האָט באַצאָלט אזוי טייער, אז דער אָדלער רייסט זיין פלייש ביז היינטיקן טאָג און ער, זייענדיק צוגעשמידט צום פעלז, פילט דעם ווייטיק נישט, ווייל ער איז אינגאַנצן באַהערשט פון דעם הייליקן ציטער און באַוואוסטזיין, אז ער האָט דעם פייער געבראַכט דער מענטשהייט, כדי זיי צו ראַטעוון פון אונטערגאַנג.

„דאָס איז נישט אנדערש ווי אן אָנשיקעניש פון גאָט אָדער א שפּיצל פון טייוול" אזוי פלעגט מען אין שטעטל זאָגן בעת א מגפה פון שריפות, בּאַ מיר איז יענע עפּאָכע איינגעקריצט אין זכרון צוליב דעם אייגנאַרטיקן אופן, ווי איך האָב אויפגעפּאַסט די שריפות.

*) פּראָמעטעאוס.

זיבעצן

2-טער קאַפּיטל.

מען אַרעסטירט מיין טאַטן.

פאַרברעכן און שטראָף. — א מעשה מיט א דבר אחר. — מיין השגה וועגן טאַטנס חטא. — דעם טאַטנס חכם. — אַ יולדות מיט מזל אין תפיסה.

א זייער שווערע איבערלעבעניש אין מיין פריעסטן עלטער איז געווען דער מאָמענט, ווען מען איז געקומען צו אונדז אין הויז און מען האָט צוגענומען מיין טאַטן אין דער פּאָליציי.

עס האָט געהייסן — מען האָט אים אַרעסטירט.

איך האָב נאָך גענוי נישט פאַרשטאַנען וואס דאָס איז אַזוינס, וואָס מיינט דאָס.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן צו הערן דאָס וואָרט „אַרעסטירט" אַרויסגעזאָגט אַזוי ערנסט, טרויעריק און באַגלייט מיט א געוויין.

— וואָס איז אייגנטלעך געשען?

— וואָס האָט מען צו מיין טאַטן?

אָט די שאלות האָבן געמאַטערט מיין קינדישן מוח. איך האָב אין יענעם עלטער נישט געהאַט קיין שום באַגריף וועגן דעם, וואָס עס הייסט פאַרברעכן. איך האָב געוואוסט, אַז עס זענען פאַראַן זאַכן וואָס מען טאָר נישט טאָן און טוט מען דאָס, ווערט מען דערפאַר באַשטראָפט.

ווען איך, למשל, האָב געטאָן א זאַך וואס מען טאָר נישט, האָט מען מיך אָבער נישט אַרעסטירט, נאָר מיין מאַמע אַליין פלעגט מיך באַשטראָפן דערפאַר.

איך געדענק א פאַל, ווען אונדזער שכנס א שגץ האָט אָפּגעטאָן דעם גרעסטן פאַרברעכן, וואָס איך האָב זיך נאָר געקאָנט

אָבצן

פאַרשטעלן און האָט טאקע גלייך אָפן אָרט באקומען זיין פסק, קיי-נער אָבער האָט אים נישט אַרעסטירט.

און געטראָפן האָט אָט וואָס:

צו אונדזער שכן אין גאָרטן איז איינמאָל אריינגעקראָכן א חזיר און האָט מעשה דבר אחר צוראָיעט*) א שטיק פארזייטן גאָרטן.

ווען דער שגץ, וואָס האָט דאן געהאַקט האָלץ לעבן שטוב, האָט דאָס דערזען, איז ער געלאָפן צום גאָרטן און פון דאָרטן ארויס-געיאָגט דעם דבר אחר.

ער האָט אבער דערביי פארגעסן צו פארמאכן דעם אריינ-גאנג אין גאָרטן, האָט זיך דער חזיר לאנג נישט געלאָזן בעטן און זיך פארקליבן אין גאָרטן אריין און האָט אָנגעטאָן נאָך מער שאָדן ווי דאָס ערשטע מאָל.

אז די שכנה האָט דאָס דערזען, האָט זי געמאכט קולות אף איר זון, אים אָנרופנדיק דערביי נאר, בלינדער און אנדערע זידל-ווערטער, דערביי זיך געבייזערט הלמאי ער גיט נישט אכטונג אפן גאָרטן. דער שגץ איז דאן אריין אין גרימצאָרן און מיט א רוגזה נאָכאמאָל געלאָפן ארויסיאָגן דעם חזיר פון גאָרטן, האַלטנדיק דאָס האָלץ-העקל אין האנט.

ווען דער דבר אחר האָט זיך נישט אָפגעטראָגן מיט גוטן, האָט דער שגץ נישט לאנג טראכטנדיק א וואָרף געטאָן אין אים דאָס העקל מיט אַזאַ קראפט, אז עס האָט זיך טיף אריינגעשניטן אינם פעטן, ווייכן לייב פון דבר אחר און א הייסער שטראָם בלוט האָט זיך א גאָס געטאָן אָט טאקע ווי דאָס ווערטל זאָגט: „בלוט ווי פון א חזיר"...

דאָס מוראדיקע קוויטשען פון פארוואונדעטן חזיר, האָט זיך דערטראָגן ביז צו די אויערן פון זיין בעל הבית, וועלכער איז אויך געווען א דערבייאיקער שכן. יענער איז תיכף געקומען צולויפן און דאָס ערשטע האָט ער זיך געכאפט ראטעווען דאָס וואס עס לאָזט

*) צעגראָבן, חרוב געמאכט.

זיך. ער האָט גלייך אַף אַן אָרט דערשטאָכן זיין חזיר און אים אָפּ-געפירט צום טייך סמאָליען*).

ערשט נאָכדעם האָט ער זיך א נעם געטאָן צום רוצח פון זיין חזיר און מיט דער צושטימונג פון זיינע אייגענע טאַטע-מאַמע אריינגעצימבלט אים א גאַנץ שיינע פּאַרציע פייערדיקע ריטער.

איך געדענק נישט געגוי וויפיל, נאָר א גענוג לאַנגע צייט איז דער בילד פון דער עקזעקוציע געשטאַנען פאַר מיינע אויגן. איך געדענק נאָך ווי היינט דעם פאַל, אַז די מוטער איז בלאָס געוואָרן דערהערנדיק די ערשטע יאָמערלעכע געשרייען פון איר זון און נישט קענענדיק ווייטער אויסהאַלטן האָט זי זיך אָפּגעטראָגן ווישנדיק מיטן פאַרטוך א טרער; דער פאָטער איז געבליבן ביזן סוף...

אָט אַזאַ באַגריף האָב איך געהאַט וועגן פאַרברעכן און שטראָף, אָבער אָרעסטירן, האַלטן ערגעץ אין דער פּאָליציי, דאָס האָט מיין קליינער מוח נישט געקענט באַנעמען. דערצו האָב איך באַ זיך נישט געקענט פועלן, אַז מיין טייערער, ליבער טאַטע זאָל זיין א פאַר-ברעכער.

ווי קען אַזאַ גוטער טאַטע ווי מיינער — באַגיין א פאַר-ברעכן?

ער אַליין פלעגט מיך אַזוי אָפט לערנען, אַז א אינגעלע טאָר אפילו קיין ליגן נישט זאָגן, דעם קלענערן ברודערל קיין עולה נישט טאָן, מען טאָר נישט שלעפּן די קאַץ פאַרן עק, עס איז א צער בעלי חיים, מען טאָר נישט כאַפּן קיין זשאַבעס**) און גרויסע, שוואַרצע זשוקעס מיט הערנער און זיי האַלטן אין א קעסטל און קוקן ווער וועמען וועט בעסער און שטאַרקער בייסן; נעסטן פון פויגעלעך טאָר מען נישט חרוב מאַכן, א מענטש טאָר נישט הרגענען א לע-בעדיקע באַשעפעניש.

נו, זאָגט אַליין, קען אַזאַ גוטהאַרציקער טאַטע באַגיין קעגן וועמען ניט איז א חטא, א פאַרברעכן?!

---

*) רייניקן דורך פייער די הויט.

**) פרעש.

צוואַנציק

אמת, איך געדענק אפילו ווען איינמאָל בײַ אַזאַ אויסרעכענען פון עולות וועלכע מען טאָר נישט באַגיין האָב איך אים אַ פרעג געטאָן אַ האַרבע קשיה:

— פאַרוואָס קוילעט דער שוחט עופות, אַ זאַך וואָס איך אַליין האָב געזען נאָך כפּרות שלאָגן?

מיין טאַטע האָט מיר אויף דעם געענטפערט:

אַז דו וועסט עלטער ווערן און לערנען גמרא וועסטו וויסן. דאָרטן שטייט געשריבן, אַז שוחטים וואָלטן חלילה געוואָרן גזלנים אויב זיי וואָלטן קיין שוחטים נישט געוואָרן און אַ חוץ דעם — דער שוחט מאַכט דאָך אַ ברכה ווען ער קוילעט...

דער צווייטער תירוץ אויף מיין קשיה האָט מיר מער צופרידנגעשטעלט ווי דער ערשטער.

אויך אַ צווייטן מאָל האָט מיך צופרידנגעשטעלט זיינער אַן ענטפער אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס האָט די מאַמע געהייסן דער וואַסערטרעגערקע, פעדאַסיען, זי זאָל אַריינוואַרפן דריי פון אונדזערע פיר קליינינקע קעצעלעך אין וואַסער אַריין — דו האָסט דאָך, טאַטע, מיר אַליין געזאָגט אַז מען טאָר דאָס נישט, צער בעלי־חיים?

— באמת אַן עולה, אַן עולה בנאמנות, וואו איז די מאַמע, איך וועל איר גלייך אָנזאָגן אַז זי זאָל נאָכאַמאָל אַזאַ זאַך נישט טאָן.

צוליב דעם האָב איך בײַ זיך נישט געקענט פּועלן, אַז מיין טאַטע זאָל האָבן באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, דערפאַר האָבן מיך גע־וואונדערט די טרערן פון מיין מאַמען און קליינע שוועסטערל.

ממה נפשך האָב איך געטראַכט: איז דער טאַטע אַ פאַר־ברעכער (מיר איז געווען שטאַרק דערווידער אַזאַ געדאַנק) פאַר־דינט ער דאָך כשר אַ שטראָף, פאַרוואָס־זשע וויינט די מאַמע? איז ער קיין פאַרברעכן נישט באַגאַנגען, וועט ער דאָך נישט באַ־שטראָפט ווערן, איז דאָך אומזיסט דאָס וויינען.

— פאַרוואָס אָבער האָט מען מיין טאַטן צוגענומען?

— פאַרוואָס עפּעס אַרעסטירט מיין טאַטען?

אַ תירוץ האָב איך זיך אויסגעפונען:

אודאי די גויים, די דעסיאטניקעס*), וואָס מיין טאַטע פלעגט זיי נישט וועלן מער געבן (אפילו פאַר געלט) קיין בראָנפן, ווען זיי זענען שוין געווען טויט שכור. זיי זוכן מסתמא זיך נוקם צו זיין אין אים און צוגעטראַכט אַ בלבול.

ווען איך האָב מיין פילאָזאָפישן געדאַנק פאַרטרויט מיין שוועסטערל, אַ מיידל פון אַ יאָר 11 (מיט גאַנצע זיבן יאָר עלטער פון מיר) האָט זי מיך אַ שטויס געטאָן פון זיך און געזאָגט:

— ווי געפעלט ער דיר, דעם טאַטנס חכם! דערווייַלע וועט דאָך דער טאַטע זיצן אין תפיסה און נאָך אפשר געשיקט ווערן אין אויעזד**).

דאָס וואָרט „אויעזד" האָט זי מן הסתם געהערט און אפשר האָט זי אויך געוואוסט דעם פירוש דערפון.

פאַר מיר איז דאָס געווען תרגום לשון, האָב איך זיך געבעטן זי זאָל עס מיר פאַרטייטשן, האָט זי מיט אַ ביטול אַ מאַך געטאָן אַף מיר מיטן האַנט זאָגנדיק דערביי:

— „נו, גיי שוין גיי, טאַטנס חכם".

די מאַמע איז אומגעלאָפן אין דער פאָליציי און אָפט מיט־גענומען דאָס שוועסטערל, אַז איך האָב אַמאָל געוואָלט מיטגיין האָט זי מיר אַף דעם געזאָגט: „דער טאַטע האָט ניט געהייסן דיך מיטנעמען"! אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט פּאַסירט ווי מיין שוועסטערל האָט פאָרויסגעזאָגט: מען האָט דעם טאַטן געשיקט אין אויעזד אריין.

די מאַמע איז אין יענעם טאָג געקומען צולויפן אַהיים און וויינענדיק, ברעכנדיק מיט די הענט האָט זי אַרויסגעבליפּעט:

לעבעדיקע יתומימלעך מיינע, קומט זיך געזעגענען מיט אייער טאַטן, מען פירט אים אַוועק היינט אין אויעזד און איין גאָט אין הימל וויים, וואָס דער סוף דערפון וועט זיין. אין אַ ווײַלע אַרום זענען מיר שוין געווען באַ דער פּאָליציי, וועלכע האָט זיך געפונען

---

*) נידעריקע פּאָליציי באַאַמטע.
**) קרייז־שטאָט.

נישט ווייט פון אונדזער הויז. צוקומענדיק האָב איך דערזען מיין טאַטן שטייענדיק מיט נאָך עטלעכע אידן און גויים אויסגעשטעלט אין א שורה איינער נאָכן אנדערן. ארום זיי האָבן זיך געדרייט א פּאָר סאָלדאטן*) מיט ביקסן אין די הענט און א צענדליק דעסיאַט-ניקעס; קיינעם האָט מען שוין צו די ארעסטירטע נישט מער צו-געלאָזן זיך געזעגענען.

מענטשן ארום האבן זיך צונויפגעקליבן ווי אין א מאַרק-טאָג; איך האָב פון מיין טאַטן די אויגן נישט ארונטערגעלאָזן און ווען אונדזערע בליקן האבן זיך צונויפגעטראָפן האָב איך אין זיי אויס-געלייענט צו זיך א רחמנות און מיין טאַטע האָט זיינע אויגן ארונ-טערגעלאָזן ווי פאַרשעמט.

מיין שוועסטערל האָט זיך פלוצלונג א ריס געטאָן צום טאַטן און מיט איין שפרונג שוין געהאנגען בא אים אפן האלדז א וויי-נענדיקע, די דעסיאַטניקעס האבן געהאַט א שווערן עסק אָפּצו-רייסן איר פון טאַטן. אין דעם טומל האָב איך מיט דער מאַמען געהאַט א געלעגנהייט זיך צו זעגענען מיטן טאַטן און איך ווייס ניט פאַרוואָס, אבער וואס אמת איז אמת: אף מיין שוועסטערל האָב איך געהאַט אין דעם מאָמענט מער רחמנות ווי אפן טאַטן.

פון דער פּאָליציי איז אונטערדעסן געקומען אן אונטער-אָפּי-ציר, האָט א קאָמאנדע געטאָן און אלע ארעסטירטע האָבן אָנגע-הויבן מאַרשירן, ווערנדיק באגלייט פון א מחנה אידן און גויים צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די בכבודיקסטע, פאַרמעג-לעכע און איינפלוסרייכע אידן פון שטאָט. א טייל פון זיי זענען געבליבן שמועסן מיטן פריסטאַוו, איספּראַווניק און שליח מיוחד פון קיעוו מכוחן ווייטערדיקן גורל פון די ארעסטירטע.

דער געדיכטער עולם באגלייטער איז וואס ווייטער אלץ שי-טערער געוואָרן און ווען מיר זענען געקומען צו דער „הרעבליע"**) איז שוין כמעט קיינער נישט געבליבן. מיר און אנדערע איינ-וואוינער פון דער אלטער שטאָט (נישט ווייט פון דער הרעבליע),

---

*) זעלנער.

**) דאַמבע.

זענען געבליבן שטיין און מיט טרויער נאָכגעקוקט ווי די ארעס-טאַנטן ווערן ביסלעכווייז פארשוואונדן פון אונדזערע אויגן.

עטלעכע פרויען זענען נאָכגעפאָרן נאָך זייערע ארעסטירטע מענער קיין וואסילקאָוו ; דאָס הייסט אין דער קרייז-שטאָט.

זיכער וואָלט אויך די מאַמע מיטגעפאָרן, ווען ניט די אומ-שטענדן אין וועלכע זי האָט זיך דאן געפונען, כאָטש דער סוף איז געווען אז אפילו די אומשטענדן האָבן איר נישט איינגעהאלטן און אין עטלעכע טעג ארום איז זי דאָך אוועק קיין וואסילקאָוו געוואויר ווערן ווי עס האלט מיטן פראָצעס, ווען די ארעסטירטע בלייבן אין אויעזד אָדער מען וועט זיי גאָר טרייבן אין די גובער-ניע אריין — קיין קיעוו הייסט עס.

אונדז, קינדער, האָט זי איבערגעלאָזט אין שטוב מיט דער באָבען, (דער מאַמעס מאַמע), וועלכע האָט אפילו נישט געוואוסט וועגן דער מאַמעס אוועקפאָרן, ביז א גוי איז געקומען און גע-בראַכט א בריוול פון דער מאַמען, וואו זי שרייבט אז זי געפינט זיך אין אויעזד און וועט אין עטלעכע טעג ארום צוריקקומען.

קומענדיק קיין וואסילקאָוו, האָט מיין מאַמע דעם זעלביקן אָוונט געבוירן א קינד — א מיידעלע, צוליב וואָס זי איז געצוואונגען געווען צו פארבלייבן דאָרטן מער ווי עטלעכע טעג.

זי האָט דעם טאַטן נישט געוואָלט מצער זיין, האָט זי אים נישט געלאָזט וויסן, אז זי איז אין וואסילקאָוו.

פון טאַטן האָט זי יעדן טאָג באַקומען א בריוו וואו ער פרעגט זיך נאָך אף אַלץ בכלל און אף דער מאַמעס צושטאַנד בפרט.

מיט פרייד האָט אַמאָל די מאַמע דערציילט, אז ווען זי איז געקומען געוואויר ווערן דעם טאַטן, איז ער געווען אף איר אזוי בייז, אז ער האָט א קורצע ווײַלע מיט איר אפילו ריידן נישט גע-וואָלט, אָבער צוקוקנדיק זיך צו דער מאַמען, האָט ער זיך דערפרייט און געפרעגט :

— „קומט אונדז, הייסט עס, א מזל טוב ? !"

מיין מאַמע האָט אים דאן איבערגעגעבן די פּרטים מכוח איר קימפּעט אין א פרעמדער שטאָט און דער טאַטע האָט איר גע-

טרייסט מיט גוטע האָפענונגען, אז ער און נאָך אידן וועלן גאָר אינ-גיכן באַפרייט ווערן.

ווען מיין מאַמע איז געקומען צופאָרן פון אויעזד מיט א קליין מיידעלע איז מיר די גאַנצע מעשה פאַרגעקומען קשה.

איך האָב זיך שטאַרק געוואונדערט און מיין קינדעישער מוח האָט נישט געקענט באַנעמען ווי אַזוי מיין מאַמע האָט זיך געקענט פאַר-גלוסטן האָבן א קינד אפן וועג אין אַזאַ צייט.

איך האָב מיין שוועסטערל א פרעג געטאָן וועגן דעם.

דער ענטפער איז, ווי איר שטייגער איז געווען, געקומען נאָכ-דעם ווי זי האָט מיך א שטופ געטאָן פון זיך זאָגנדיק דעם באַ-קאַנטן פזמון:

„גיי שוין, גיי, דעם טאַטנס חכם!"

מיין ניי געבוירן שוועסטערל האָט באַ אונדז אין שטוב גע-לעבט בלויז א פאָר וואָכן און ווען מיין טאַטע איז אין עטלעכע וואָכן ארום אהיימגעקומען, האָט ער שוין זיין קינד נישט מער גע-פונען.

די ערעסטן פון מיין טאַטן און אנדערע אידן זענען פאַרגע-קומען — ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן — אין צוזאַמענ-האַנג מיט די שריפות, באַ אונדז אין שטאָט.

אַזוי ווי מען האָט קיין שפּור נישט געקענט געפינען פונוואַנען עס נעמען זיך אַזוי אָפט און אַזוי פיל שריפות, האָט דער דאַ-מאָלסטדיקער קיעווער גובערנאַטאָר ארויסגעגעבן א באַפעל — ארעסטירן אלעמען באַ וועמען עס וועט ברענען און אונטערזוכן צי זיי אליין זענען נישט קיין אונטערצינדער. דאָס רוב ארעסטירטע האָבן געקענט באַווייזן, אז זיי זענען בעת דער שריפה גאָר אינדער-היים נישט געווען. נאָכמער, וואָס קענען זיי געווינען פון דעם, אז זייערע הייזער און בעבעכעס וועלן אָפּברענען, אז זיי זענען נישט פאַרזיכערט אין פאַל פון א פייערשאָדן.

אויך מיין טאַטע האָט קיין גרויסע שוועריקייטן נישט געהאַט צו דערווייזן זיין אומשולד: ער איז גאָר קיינמאָל נישט געווען סטראַכירט, ס'הייסט קיינמאָל אַף זיין הויז קיין פייער-פאַרזי-

כערונג נישט געהאט, דערצו איז גראָד אין דעם טאָג וואָס די „עפּידעמיע" האָט אויסגעבראָכן, האָט ער געהאט יאָרצייט, און ער האָט מיט עדות דערוויזן, אַז ער איז געשטאַנען און געדאַוונט באַם עמוד.

די שמחה וואס איז געווען באַ אונדז אין הויז דעם שבת, ווען מיין טאַטע איז אַהיימגעקומען פון אויעזד איז זיך גאָר נישט פאָר־צושטעלן. מיט די קוגלען וואָס מען האָט אונדז צוגעשיקט יענעם שבת לכבוד דעם גאַסט, וואָלט מען געקענט אָנקאָרמענען אַ גאַנצן פּאָלק סאָלדאַטן.

איך בין נישט גאַנץ זיכער אויב אַ פּאָלק סאָלדאַטן וואָלטן זיך איבערגעגעסן מיט די אַריינגעשיקטע קוגלען, אָבער אַז איך האָב זיך איבערגעגעסן דאָס געדענק איך גאַנץ גוט, וואָרים דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל אין מיין יונגן לעבן, וואָס מיין טאַטע האָט באַ מיר געפּועלט, אַז איך זאָל איינגעמען ריצנאַייל.

ווען איך האָב פרייוויליק איינגעוויליקט צו נעמען דעם ריצנ־אייל האָט מיין שוועסטערל אין אַ שפּאַס אַ זאָג געטאָן:

— „פּאָרט דעם טאַטנס חכם"...

———:———

נאָכוואָרט:

מען אַרעסטירט מיין טאַטן.

ווען מען טראַכט זיך אריין אינם ענין פון „פאַרברעכן און שטראָף“, זעט מען ווי נויטיק עס זענען דאָ גרינטלעכע רעפאָרמעס, ווייל בלי שום ספק ווערן אָפט איינגעשפאַרט אין די תפיסות, געהאַנגען אף תליות, אומגעבראכט אפן עשאַפאָט, אפן עלעקטרישן שטול, פאַרשיקט אין די ווייטסטע מדבריות מענטשן, וועלכע דאַרפן לויטן באַגריף פון גערעכטיקייט, זיך געפינען אף דער פריי און פאַרקערט, הונדערט פראָצענטיקע פאַרברעכער גייען אַרום פראַנק און פריי און געניסן פון דאָס בעסטע אין לעבן.

די רשימה, פון אומזיסטע און אומנישטע מאַרטירער, ציט זיך פון דור צו דור; די בלבולים אף אומשולדיקע זענען פאַרשיידן נאָך דער צייט נאָך, אין וועלכע מיר לעבן און מענטשן געוואוינען זיך צו, צו די „פאַרברעכער“, ווי צו עפעס נאַטירלעכעס, זעלבסטפאַרשטענדלעכעס.

די תפיסה, ווי אן אינסטיטוט אויסצובעסערן פאַרברעכער, דערגרייכט נישט דעם ציל, ווייל עס קורירט ניט, נאָר פאַרקערט — אַנטוויקלט און פאַרגרעסערט דעם צאָל פאַרברעכער, ווייל ראשית באַקומט דער געפאַנגענער אַ נקמה־געפיל צו דער אַלם אַזעלכע גאַנצער געזעלשאפט און שנית איז די תפיסה געוואָרן אַ מין הויכשול, אַ גוטער חדר וואו „חברה“ לערנט זיך ערשט רעכט אויס די קונסט ווי צו באַגיין קוואַליפיצירטע און קאָמפּליצירטע ארט פאַרברעכנס.

3-טער קאַפּיטל.

מיינע ערשטע חדר-טעג.

דער ערשטער מודה אני. — גראָבער און דינער סדור. — אַ מיאוסקייט אַ רביצין. — ויברח פון חדר. — דער הייליקער אָרט. — אַ שמועס מיט די מתים.

צווישן אַלע זכרונות וואָס בלייבן אונדז איבער פון די סאַמע יונגט-יאָרן, פאַרנעמט דער חדר דעם חשובסטן אָרט.

איך בין געווען זיכער, אַז דער חדר איז אַ מקום פורעניות. פונוואַנען אַזאַ זיכערע מיינונג האָט זיך בא מיר גענומען, ווייס איך אַליין ניט, נאָר פאַר מיר איז געווען גענוג וואָס צדוק דער רויטער, שמעון דעם שוסטערס אַ אינגל (ער האָט אָנגעהויבן גיין אין חדר מיט אַ זמן פריער פאַר מיר) האָט נישט געוואָלט גיין אין חדר און דער באַהעלפער האָט אים געמוזט שלעפּן אַף זיינע פּלייצעס אין חדר אַריין. צדוק פלעגט זיך דערביי וואָרפן ווי אַ יונג קעלבל וואָס מען האָט אָקאָרשט אָפּגעריסן פון דער מוטער.

מיר, חברה קליינוואַרג, האָבן רחמנות געהאַט אַף צדוקן זע-ענדיק ווי די מאַמע זיינע פלעגט אים אַרויסבאַגלייטן מיט סטו-סאַקעס*) שרייענדיק: „נאַ, נאַ, און זאָל אַ אינגעלע וויסן אַז מען מוז גיין אין חדר...“

פאַרשטאַנען האָב איך, אַז צדוקל דער רויטער איז נישט גלייך צו מיר אָדער צו אַנדערע באַלעבאַטישע קינדער, ווייל ער פלעגט אַרומגיין באָרוועס. אפילו אום פסח, געדענק איך, האָט ער נישט געהאַט קיין ניי גאַרניטערל און ניט קיין ניי קאַשקעטל.

הגם דער טאַטע זיינער איז געווען אַ שוסטער, האָט ער אפילו

---

*) קלעפּ.

קיין נייע שיך נישט געהאַט, ווייל זיין טאַטע פלעגט נאָר לייגן לאַטעס אַף אַלטע שוכוואַרג.

צדוקלס אויסזען איז אויך געווען אַן אומגעווײנלעכער: כּסדר גערונען פון נעזל, אַפן קאָפּ אַ מין „פּאַקרישקע"*) וואו ער פלעגט אָפּט בגניבה אַ קראַץ טאָן מיט איין פינגער.

דאָס היטל אַפן קאָפּ האָט ער געהאַלטן טייער, זייער טייער און געהיט ס'זאָל חלילה נישט אַראָפּפאַלן...

מיר פלעגן אים, אַרייננעמען אין אונדזערע שפּילערייען נאָר פון רחמנות וועגן.

מיר האָבן געוואוסט אַז ער האָט קיינמאָל נישט קיין גראָשן אַף נאַשעריי, אַז בּאַ זיי שלאָפן אַלע זעקס קינדער אַ חוץ טאַטע־מאַמע און די ציג מיט דער שיינער קוטשעריאַוואַער**) ציקעלע, די קאַץ מיט די קליינע קעצעלעך, די עופות אין שטייג וואָס מען האָרעוועט אַף יום טוב — אַלע, אַלע שלאָפן זיי אין אַלקער.

איך האָב באַ זיך געטראַכט אַז פון אַזאַ היים דאַרף נישט באַנק טאָן צו גיין אין חדר, דערצו גיט מען מיט דעם קינד וואָס גייט אין חדר פון דאָס בעסטע וואָס אַ מאַמע האָט נאָר אין שטוב און נאָך אַלעמען האָט זיך צדוקל געבריקעט, יאָמערלעך געוויינט, זיך געבעטן רחמים — ער וויל נישט גיין אין חדר. מן הסתם — האָב איך דאַן באַשלאָסן — מוז דאָך דער חדר זיין אַ מקום פּורעניות און איך האָב באַקומען אַ בלינדע שנאה צום חדר.

חול המועד סוכות האָב איך דערזען באַ אונדז אין שטוב אַ שוואַרצבערדלדיקן יונגנמאַן מיט לעבעדיקע, גוטמוטיקע, שמייכלענדיקע אויגן וועלכער איז מיר לפנים זייער געפעליק געוואָרן. עס איז אָבער געווען גענוג אַז איך זאָל זיך דערוויסן אַז דאָס איז לייזער דער מלמד ווי מיין האַרץ האָט פּלוצלונג פאַרקלעמט: פאַר מיינע אויגן איז גלייך אַרויפגעשוואומען דאָס בילד פון צדוק'ל, גע־

*) אַ צודעקל פון אַן אויוון.
**) געקרייזלטע.

שלעפט פון באהעלפער אין חדר אריין, באגלייט מיט קלעפ און גע-
שרייען פון זיין מאמען.

איך בין געשטאנען ווי פארגליווערט און פון דעם צושטאנד
האט מיך ארויסגעשלאגן לייזער דער מלמד מיט זיין פראגע:

— ווי אלט ביזטו, אינגעלע?

— קארגע פינף יאר.

— ווייסטו חשק האבן צו גיין אין חדר?

— ניין, איך וועל אין חדר נישט גיין — האב איך נישט
לאנג טראכטנדיק געענטפערט.

— פארוואס?

— ווייל א סך קינדער וויינען און ווילן נישט גיין אין חדר,
א סימן, אז עס איז נישטא צו וואס חשק צו האבן.

מיין טאטע, ווייזט אויס, האט שוין מיט לייזער דעם מלמד
געהאט א לענגערן שמועס מכוח דעם ענין.

מן הסתם ארויסגעזאגט אים זיין מיינונג וועגן קינדער דער-
ציאונג, געבראכט באווייזן און ראיות פון די אומות העולם,
אויפגעוויזן ווי דארטן רייסן זיך די קינדער צו גיין אין
שול אריין, קענטיק גערעט אויך מכוח די סאניטאר און היגיענישע
זייט פון שול און חדר, א. א. וו.

ווען דער מלמד איז אוועק האט זיך צווישן מיר און מיין
טאטן פארבונדן פאלגנדיקער שמועס:

— קינד מיינס, זאג מיר נאר אקארשט, פארוואס וואלסטו
ניט וועלן גיין אין חדר?

— ווייל אין חדר קען מען זיך נישט שפילן נישט אין פערד-
לעך, נישט אין זיבן הימלען*), נישט אין גריבלעך און נישט
אין מיאטש**).

*) א שפיל בא וועלכן מען שפרינגט אף איין פוס אין זיבן אפ-
טיילונגען אויסגעקריצטע אף דער ערד.

**) פילקע, באל.

דרייסיק

— ניין, נישט אמת. מיין קינד, קינדער אין חדר קענען זיך שפּילן אַסך. מלאכים ברענגען פאַר די גוטע חדר-אינגלעך גראָשנס אַף צוקערקעס און אויב זיי לערנען גאָר גוט, ברענגען זיי די מלאכים אפילו שיינע מתנות.

— טאָ פאַרוואָס ווילן ניט גיין אין חדר צדוקל, שמעון דעם שוסטערס און ישראלקע דער יתום?

— דערפאַר, ווייל זיי זענען שלעכטע קינדער, זיי ווילן נישט לערנען און זיי וועלן אויסוואַקסן גראָבע יונגען.

— ניין, טאַטע, זיי זענען נישט קיין שלעכטע קינדער, א סימן האָסטו, אז עמיצער האָט אמאָל ישראליקן געבראַכט אייער-קיכלעך, האָט ער זיי אליין נישט אויפגעגעסן נאָר זיך געטיילט מיט אנדערע אינגלעך, אפילו מיט די וואָס האָבן אים קיינמאָל קיין זאַך נישט געגעבן און צדוקל האָט אמאָל געפונען דריי גראָשנס האָט ער זיך מיט אלע קינדער געטיילט די מאַנדעלעך וואָס ער האָט געקויפט פאַר דאָס געלט. דערצו שפּילן זיי אזוי גוט אין גריבלעך און זיבן הימלען. ישראליק וועט נישט אויסוואַקסן קיין גראָבער יונג, פאַרוואָס זאָל ער נישט וועלן, אַז מלאכים זאָלן אים ברענגען גראָשנס אַף צוקערקעס און אַנדערע מתנות? ער איז דאָך אַ יתומל, אַלע זאָגן דאָך אַזוי.

— אָבער דו וועסט דאָך זיין א גוט אינגעלע און וועסט גיין אין חדר, יאָ?

מיין טאַטע האָט מיך דערביי ארומגענומען און א הארציקן קוש געטאָן.

איך האָב געמיינט, אז נאָך דעם שמועס בין איך שוין פּטור געוואָרן פון גיין אין חדר, ערשט ניין — א טעות אין חשבון:

אין א וואָך ארום איז צו אונדז געקומען א באַהעלפער; ער האָט מיר געהאָלפן זיך אָנטאָן, מיך ארומגעוואַשן און געהייסן אים נאָכזאָגן וואָרט בא וואָרט „מודה אני". דערביי האָט מיין מאַמע ארויפגעוואָרפן אַף מיר א ניי ארבע כנפותל. דער באַהעלפער האָט צונויפגענומען די ציצית, דערלאַנגט זיי מיר אין האַנט און ארויס-

זאָגנדיק עפּעס משונה-מאָדנע ווערטער — געהייסן מיר קושן די ציצית.

דאָס מעכאַנישע זאָגעניש פון פרעמדע, נישט פאַרשטענדלעכע ווערטער און קושן דערביי די ציצית איז מיר זייער געפעליק געוואָרן און ווען דער באַהעלפער האָט מיר שפּעטער א פרעג געטאָן: „וועסטו אפשר גיין אין חדר זיך שפּילן" האָב איך מיט שמחה אויסגערופן:

— שפּילן זיך? יאָ, איך וועל גיין.

דער באַהעלפער האָט געוואַרט ביז איך האָב אָפּגעגעסן אָנבייסן און דאַן בין איך מיט אים אַוועק אין חדר זיך שפּילן און אין דער אמתן האָב איך דאַרטן קיין אנדער זאַך נישט געטאָן ווי נאָר געשפּילט זיך.

אנשטאָט מיט א פּאָר קינדער האָב איך זיך דאָ געשפּילט מיט זייער אסך.

אזוי זענען פאַרביי אין גאָלע שפּילערייען עטלעכע טעג. איך האָב שוין געקענט די גרעסערע העלפט פון מודה אני אף אויסווייניק.

אפן פינפטן טאָג האָט מיך דער רבי — לייזער דער מלמד צוגערופן, א קניפּ געטאָן אין בעקל און געפרעגט:

— ווי געפעלט א אינגעלע דער חדר?

— דאָ איז זייער גוט, אָבער איך לערן דאָך גאָר ניט.

דער רבי האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— באַלד, באַלד וועט א אינגעלע אָנהויבן לערנען. זעסט אָט דעם דינעם סידור? וועסטו אים איינגיכן אויסלערנען.

— ניין, ניין, רבי, איך וויל בעסער דעם גראָבן סידור, ער געפעלט מיר בעסער.

דער רבי האָט זיך ווידער גוטמוטיק צעלאַכט און א זאָג געטאָן:

— גוט, מאָרגן וועט א אינגעלע אָנהויבן לערנען פון דעם גראָבן סידור.

די סיבה פון מיין חשק צום גראָבן סדור איז באַשטאַנען אין

דעם, וואָס אין גראָבן סדור האָבן די אינגלעך שוין געדאַוונט און איך האָב אויפגעכאַפּט באַקאַנטע ווערטער פון מודה אני און דער רבי האָט געגלעט ליבלעך די בעקלעך פון די תלמידים זאָגנדיק דערביי:

— „גוט אַזוי, גוט אַזוי, זאָג אינגעלע, זאָג זשע ווייטער נאָכ-אַמאָל, גוט, גוט, פיין, אינגעלע, פיין"...

אין דינעם סדור האָט מען ערשט אַריינגעקלאַפּט אין יונגען מוח דעם קמץ אלף — אָ, איך האָב אָבער שטאַרק חשק געהאַט צום גראָבן סדור, כדי אויסצוהערן פון רבין די גוטע ווערטער: „גוט אַזוי, פיין, פיין, גוט" און דערביי ווערן פון רבין געגלעט...

אַף מאָרגן בין איך מיט אַ באַזונדערן חשק געגאַנגען אין חדר. איך האָב זיך ווייניקער געשפּילט און מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז דער רבי זאָל מיך שוין נעמען לערנען. צו מיין אַנטוישונג האָט מיך דער באַהעלפער גענומען אַף די קני און מיר אָנגעהויבן ווייזן וואָס אַן „אלף" איז און וואָס אַ „בית".

איך האָב געזאָגט דעם באַהעלפער אַז איך וויל בעסער דער רבי זאָל מיט מיר לערנען ווי ער לערנט מיט די גרעסערע אינג-לעך. מיר איז געפעליק, זאָג איך צום באַהעלפער — ווי דער רבי שרייט אויס: אַ וואויל אינגעלע, אַ גוט אינגעלע. אָט אַזוי וויל איך זאָל דער רבי מיט מיר אויך לערנען און אַז ניט וועל איך מער אין חדר ניט קומען.

אַף מאָרגן האָב איך בשום אופן נישט געוואָלט גיין אין חדר. דער באַהעלפער איז געקומען און האָט מיר צוגעזאָגט, אַז היינט וועט דער רבי מיט מיר לערנען ווי מיט די גרעסערע אינגלעך.

איך האָב זיך געלאָזט איבעררעדן און אַוועק אין חדר.

לייזער דער מלמד איז, קענטיק, גאָר קיין נאַר נישט געווען, האָט דערפילט מיין פאַרלאַנג, ער האָט מיך אַוועקגעזעצט לעבן זיך, געעפנט דעם גראָבן סדור און אָנגעהויבן האַלב זינגענדיק:

— נו, אינגעלע, זאָג שוין, אָט אַזוי, גיכער אביסעלע, נו, זאָג זשע אינגעלע...

איך האָב אַריינגעקוקט אין סדור ווי אַ האָן אין „בני אדם" און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זאָל איך זאָגן, רבי, איך ווייס דאָך ניט וואָס צו זאָגן...

דער רבי האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— איצט זעסטו שוין אַז מען מוז אָנהויבן פון אלף-בית איידער מען קומט צו עברי פּונקט ווי אַ אינגעלע קען נישט ווערן אַ „מאַט-קע*) אין מיאַטש שפּיל איידער ער איז אַ „פּאָלומאַטקע*).

דער פאַרגלייך האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען מוז לערנען בהדרגה, שטופנווייס און אַז די עלטערע אינגלעך אַף וועמען איך האָב זיך פאַרקוקט, שטייען שוין אַף אַ העכערער שטופּע ווי איך. פון דאַן אָן איז מיר שוין קיין אונטערשייד ניט געווען ווער עס זאָל מיט מיר לערנען דער רבי אָדער דער באַהעלפער.

איך געדענק ניט אַזאַ טאָג ווען איך זאָל נישט האָבן געהאַט קיין חשק צו גיין אין חדר. כל זמן איך בין געגאַנגען צו אַ דרדקי מלמד האָב איך קיין אומחן צום חדר און צו אַלץ וואָס מיט אים איז פאַרבונדן ניט געפילט אַחוץ... צו דער רבצין.

דאָס איז געווען אַ לאַנגפּיסיקע פּעך-שוואַרצע באַשעפעניש מיט קאַסאָקע אויגן און געלע אויסגעפוילטע מיאוסע ציינער. איר אויסערלעכער אויסזען פלעגט אַף מיר ארויפוואַרפן אַן אימה געמישט מיט אַ געפיל פון עקל. ערשט אין חדר, קוקנדיק אַף דער רביצן האָט זיך באַ מיר געשאַפן דער באַגריף פון שיינע און מיאוסע פּנימער. ביזן חדר האָב איך דעם אונטערשייד נישט געוואוסט.

ווען איך בין אריבער צו די העכערע מלמדים פון חומש מיט רש״י, תנ״ך און ווער שמועסט צום גמרא מלמד, האָב איך שוין נישט איינמאָל מאַנעווורירט אַזוי, אַז איך זאָל זיך אויסדרייען דאָנערשטיק אין חדר נישט צו גיין.

איינמאָל, ווינטערצייט איז דאָס געווען. האָב איך, נאָכדעם ווי אַלע מיטלען זענען שוין געוואָרן אויסגעשעפּט, קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי פּשוט זיך אויסצובאַהאַלטן דעם טאָג, איך האָב דאָנערשטיק זיך נישט געקענט באַווייזן אין חדר, ווייל איך האָב

---

*) טיטולן אין באַל-שפּיל.

נישט געקענט איבערזאָגן דאָס, וואס מיר האָבן געלערנט א גאנצע וואָך. איך האָב זיך אַף דעם טאָג אויסבאהאלטן אין בית מדרש, אָבער נישט דאָרטן וואו מיר פלעגן דאווגען, נאָר אין אן אנדערן — אין סטעפּענער בית מדרש. דאָרטן בין איך אָפּגעזעסן א גאנצן טאָג, אָפּגעקומען מיט א פּאָר הרעטשאניקלעך וואס איך האָב איינ-געהאנדלט באַם שמש. פארנאכט, קומענדיק א היים, בין איך גע-וואויר-געוואָרן, אַז א אינגל איז געוועזן זיך נאָכפרעגן אַף מיר און אַז מיין מאמע ווייס שוין פון דעם סוד אַז איך בין אין חדר נישט געווען.

איך בין געווען זיכער, אַז דער טאַטע איז שוין פון דער מאמען אינפאָרמירט געוואָרן און מיך דערוואַרט היינט א מיאוסער פּסק, האָב איך באשלאָסן די נאכט אינדערהיים נישט צו נעכטיקן. האָב איך אַף גיך אָפּגעגעסן און צוריק אוועק אין בית מדרש.

נאָך מעריב האבן זיך בית מדרש אידן פארקליבן צו דער וואַ-רימער הרובע און פארפירט א שמועס מכח וועלטלעכע ענינים; אַשטייגער — וועגן דער טערקיש-רוסישער מלחמה און אירע הויפּט-העלדן — אסמאן פּאשאַ און זיינע גבורות, מכוח דעם פלעוונער העלד—גענעראל סקאבעליאָוו אפן ווייסן פערד. לאנג האָט מען זיך אַף איין טעמע נישט אָפּגעשטעלט און מען איז טאקע תיכף ומיד אריבער צום אייזערנעם קאנצלער ביסמארק, פון אים א שפּאַן געטאָן צו משה מאנטעפיאָר, א שפרונג צו ראָטשילדן, באַראָן הירש און שבתי צבי ימח שמו.

אידן, נישט שטארק באהאַוונטע אין הויכע וועלט פּאָליטיק, האָבן ארויסגעוויזן זייערע פארשטענדעניש אין אנדערע צווייגן, אַשטייגער אין חכמת אסטראָנאָמיע ריידנדיק וועגן לקוי חמה, לקוי לבנה, דעם סוד פון עיבור יאָר. אנדערע האָבן דערציילט מופתים פון בעל שם, אנדערע גרויסע חסידישע רביים, לאַמעדוואָווניקעס. נאָך אנדערע אידן האבן דערציילט וועגן די גזירות און כמעלניצ-קעס רציחות, דערביי האָבן זיך צווישן די אידן געהערט געשמאקע אידישע קרעכצן. דער שמועס האָט זיך פארקירעוועט אַף ארץ ישראל און ר' מאיר בעל הנס פּושקעס. די „אויפגעקלערטע" צווישן

דער גרופע האָבן גערעט מכוחן רמב"ם און זיין פילאָזאָפיע. דערביי האָט מען זיך געהיצט, געחקירהט: דער גראָבער פינגער האָט דער-ביי געאַרבעט מעשים, געדרונגען פונקט קאַפּויער.

דער הרובע-שמועס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אינדער-נאַכט. מען האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין.

איך האָב דאַן זיך געווענדעט צום שמש און אים א פרעג געטאָן צי ער בלייבט נעכטיקן אין בית מדרש. דער שמש, קענ-טיק א דורכגעטריבענער אידל, האָט מיך באַטראַכט און מעשה גו-טער ברודער גע'עצהט:

— „דו גיי בעסער אהיים, באַקום דיין שטראָף און פאַרטיק".

בשום אופן האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין פונוואַנען ער ווייס דעם סוד, אז איך באַהאַלט זיך פון א שטראָף...

בלייבן אליין נעכטיקן אין בית מדרש האָב איך פשוט מורא געהאַט, ווייל איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט וועגן דעם, אז די מתים קומען זיך דאָרטן צונויף נאָך האַלבער נאַכט דאַוונען, האָב איך באַשלאָסן צו גיין אהיים און נעכטיקן אפן בוידים.

איך בין אריין צו אונדזערן א שכן — א גוי, אים אויסדער-ציילט מיין ביטער הארץ און געבעטן בא אים אנטלייען א פעלץ.

שטילערהייט האָב איך זיך ארויפגעגנבעט צו אונדז אפן בוי-דים און זיך איינגעמיעסטעט*) אין שטרוי א גוטן פלאַץ צום שלאָפן.

ווען מיינע עלטערן האָבן דערהערט, אז עמיצער פאַרעט זיך אפן בוידים, איז מיין טאַטע ארויס אין פאַרהויז און א געשריי גע-טאָן איינמאָל און א צווייטן מאָל: „כטאָ טאַם?"**) איך האָב זיך אָפּגערופן מיט א „איך".

מיין טאַטע איז געווען אזוי איבעראַשט פון מיין געוואַגט-קייט, אז ער האָט מיר מוחל געווען און ניט באַשטראָפט, נאָר אָנ-געזאָגט מיטן הארבן וואָרט אז דאָס זאָל זיין דאָס לעצטע מאָל זיך אויסצובאַהאַלטן פון גיין אין חדר.

---

*) איינגעאָרדנט.

**) ווער איז דאָרטן?

קס-און-דרייסיק

איך האָב אים צוגעזאָגט און מיר קומט פאַר אז איך האָב געהאַלטן וואָרט.

פון אָט יענער צייט געדענקט זיך נאָך א פאַל, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון:

איינמאָל, — פאַר די ימים נוראים — האָט מיין מאַמע מיך מיטגענומען אפן „הייליקן אָרט“.

וואָס דאָס איז אזוינס „הייליקער אָרט“ האָב איך ניט געוואוסט, אבער דער נאָמען אליין איז שוין געווען אָנציִענדיק און איך בין מיט שמחה מיטגעגאַנגען. ווי איבעראַשט בין איך אָבער געוואָרן, ווען איך האָב דערזען ווי דאָס „הייליקע אָרט“ זעט אויס, אַסך אויסגעשטעלטע ברעטלעך מיט אויסגעקריצטע אותיות, וואו ניט וואו א שטיין מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועטען אויפשריפט. אף די קליינע, מיט גראָז באַוואַקסענע, בערגלאָך זענען געלעגן איינגעבויגן עלטערע מענער און פרויען, דאָ און דאָרטן אויך קינדער — באַ אלעמען די אויגן פאַרוויינט, איטלעכער רעט, טענהעט, שרייט און בעט דערביי מאכנדיק באַוועגונגען מיט די הענט, מיטן קאָפּ.

די רויטע פאַרוויינטע אויגן, דאָס אָפטע שנייצן די נאָז און יאָמערדיקער קול האָט אף מיר ארויפגעוואָרפן א פחד און איך האָב געבעטן דער מאַמען זי זאל מיך גלייך פירן אַהיים.

די מאַמע האָט מיך באַרואיקט מיט דעם, וואָס זי האָט מיר צוגעזאָגט, אז באלד וועל איך זען וואו מיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך ליגן. עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט זען וואו מיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך ליגן.

איך האָב זיך געלאָזט איבערריידן און די וויינענדיקע מאַמע האָט מיך פאַר א הענטל געפירט ווייטער ביז מיר זענען געקומען צו א געוויסע אויפגעשטעלטע ברעטל.

די מאַמע האָט זיך באַם ברעטל ארונטערגעלאָזן צו דער ערד און עפּעס משונה אויסגעשריען:

— באבל, נאַ, אָט האָב איך דיר געבראַכט דיין איין-און-איינציקן ברודערל — בעט גאָט פאַר אים (באבל איז געווען דער נאָ-

מען פון מיין שוועסטערל, וואס איז מיט א קורצער צייט צוריק גע-שטאָרבן).

די מאַמע איז אומגעגאַנגען פון איין ברעטל צו א צווייטער, היסטעריש געוויינט און געטענהט, זיך אויסגערעט דאָס האַרץ.

איך האָב ערשט איצט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אז איך געפין זיך אף א בית עולם און דאָ הינטער די ברעטלאַך אונטער די בערג-לעך ערד ליגן באַגראָבן די מתים און דערפאַר רופט מען דאָס הייליקער אָרט.

אפן וועג צוריק האָט מיין מאַמע מיר געזאָגט, אז משיח וועט קומען וועלן אַלע מתים לעבעדיק ווערן. קומענדיק אהיים האָב איך אָפגעוואַרט מיין טאַטן און אים א פרעג געטאָן:

— טאַטע, ווען וועט קומען משיח?

— ווען אַלע אינגלעך וועלן זיין גוטע קינדער.

איך האָב אין דעם מאָמענט באַשלאָסן איבערצורײדן מכוח דעם מיט אַלע מיינע חברים, אז מיר זאָלן זיין גוטע קינדער, כדי משיח זאָל קומען...

גלייך נאָכדעם האָט ווידער פאַסירט עפּעס אַזוינס, וואס איז מיר פרעמד געווען — דער טויט פון מיין באָבען (מיין מאַמעס מאַמע).

עס איז געווען א ווינטערדיקער שבת פאַרנאַכט בין מנחה למעריב, דער טאַטע האָט ארומגעשפּרייזט איבערן צימער זאָגנדיק קאַפּיטלעך תהילים מיטן באַוואוסטן סקאַרבאָוון נגון וועלכער איז אזוי צוגעפּאַסט צו דעם שבתדיקן בין השמשות ווען טונקעלע שאָטנס שפּרייטן זיך אף די ווענט אָנזאָגנדיק דעם אָנקום פון דער וואָך מיט אירע אַלע קליינלעכע וואָכעדיקייטן, פּאַרהאָוועטקייט און פּרנסה זוכעניש.

מיין מאַמע האָט מיך אַריינגענומען צו זיך אין בעט און דער-ציילט די שיינע מעשה׳לעך פון גוטע מלאכים, וועלכע היטן אָפּ אידישע קינדער, דערביי געגלעט און געצערטלט ווי נאָר א מאַמעס א האַנט איז עס אומשטאַנד צו טאָן.

אין א צווייטער בעט איז געלעגן מיין באָבע.

אכט-און-דרייסיק

ווען עס איז געוואָרן פינצטערלעך, האָט די מאַמע מיינע א זאג געטאָן צו דער באָבען: דו ווייסט, מאַמע, עס איז שוין צייט צו זאָגן „גאָט פון אברהם“.

די באָבע האָט ניט געענטפערט.

די מאַמע האָט א צווייטן מאָל זיך געווענדעט צו דער באָבען און אָלץ קיין ענטפער נישט באַקומען.

מיינענדיק אַז די באָבע שלאָפט, האָט די מאַמע איר אָנגע-הויבן וועקן, אָבער יענע האָט ניט געענטפערט.

עס איז געוואָרן א טומל, א געשריי, אָבער אומזיסט — די באָבע איז געווען טויט.

מיך האָט מען תיכּף אוועקגענומען פון שטוב, אוועקגעשיקט צו אַן עלטער-פעטער, דער באָבעס א ברודער, כּדי איך זאָל נישט זיין באַ דער גאַנצער מעשׂה פון אַראָפּהויבן, טהרה און די אַנ-דערע צערעמאָניעס וואָס זענען פאַרבונדן מיטן ברענגען א מת צו דער קבורה, וואָס קען שלעכט ווירקן אַף א יונג נפשל.

זייענדיק באַ מיין עלטער-פעטער האָב איך געהערט ריידן, אַז די באָבע איז געווען א צדקנית, א אידענע אָן א גאַל און נאָר דער-פאַר האָט איר גאָט באַגליקט מיט אַזאַ לייכטן טויט.

ווען איך בין עלטער געוואָרן און זיך אָנגעהויבן דערמאָנען אָן מיין באָבען מיט איר גליק — דער לייכטער טויט, האָב איך גע-טראַכט באַ זיך: נישט נאָר א לייכטן טויט, נאָר אפילו קיין חבוט הקבר וועט זי אויך נישט ליידן, ווייל זי האָט זיך, נעבעך, גענוג אָנגעליטן פון איר מאַן, דעם זיידן מיינעם — זאָל ער מיר מוחל זיין — וועלכער איז זיין גאַנצן לעבן געווען א שטיק שגעון און צו דער עלטער נאָך געוואָרן א גרויסער שוטה, אַן עובר בטל.

באַם עלטער-פעטער בין איך געבליבן א פּאָר טעג.

קומענדיק צוריק אהיים, האָב איך געפונען מיין מאַמען זיצן אַף דער ערד אין זאָקן.

איך האָב עפּעס געמערקט אַן ענדערונג אין אונדזער שטוב: דער שפּיגל אומגעדרייט צו דער וואַנט, עס ברענט א ליכט און דער-

ביי שטייט א גלאָז וואסער און עס ליגט א טיכעלע. אין מיין קינ־דערשן מוח האָבן זיך געבילדעט פראַגן וועגן די באַטייטונגען פון אָט די אלע זאכן, אָבער מיין מאמעס טרויעריקער בליק האָט מיך צוריקגעהאלטן פון פרעגן בא איר.

אין מיין שפּעטערדיקן עלטער האָב איך זיך דערוואוסט, אז זיצן אף דער ערד איז אן אויסדרוק פון טרויער און האָב עס זייער גוט פארשטאַנען.

אָבער אז די גלאָז וואסער איז אן אָרט פאר דער נשמה זיך צו טובלען — האָט זיך מיר ניט פּאָטויפעט אין מוח.

———:———

נאָכוואָרט:

מיינע ערשטע חדר-טעג.

דער חדר געהערט צו די עכט אידישע אייגנאַרטיקייטן, וועלכע זענען פאַרשטענדלעך נאָר דעם אידן און נאָך ריכטיקער דעם יעניקן אידן, וועלכער האָט געלעבט אין דער עפּאָכע ווען חדר האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער אידישער דערציאונג.

קיין איין אידיש קינד האָט עס ניט געקאָנט אויסמיידן און איטלעכער געדענקט עס, ווייל דער חדר האָט איבערגעלאָזן זכרונות וואָס לאָזן זיך נישט אויסמעקן פון זכרון.

וועגן חדר האָבן זיך שוין ארויסגעזאָגט אסך אידישע שרייבער און דענקער, מען האָט עס געשילדערט מיט זייער טונקעלע פאַרבן, נאָר, נאָך מיין מיינונג, איז עס אַביסל איבערטריבן.

אמת איז, אז די חדר אטמאָספער איז נישט געווען קיין געהויבענע, אבער אין פאַרגלייך צו דער אמאָליקער היים — נישט זייער שטאַרק הינטערשטעליק אין אַלע פּרטים סיי אין היגיענישן זין, סיי אין פאַרוויילונג פאַרן קינד.

נאָך אַלע זיינע חסרונות האָט אבער דער חדר געהאַט איין פונדאַמענטאַלע מעלה: געבן דעם אָרימסטן אידישן קינד אַן אָנפאַנג פון „וויסן" — זאָל דאָס אפילו זיין אויסגעדריקט בלויז אין עברי.

———:———

4־טער קאַפּיטל.

מען ברוקירט צוויי גאַסן.

די שפע פון בלאָטע. — פּרנסה פאַרן טאַטן. — גראַף בראַניצקי און זיין רעזידענץ—אַלעקסאַנדריע. — נישט אַלע טאָג איז פּורים. — אַ כלב רייסט מיר אָן אַן אויער. — אַ קיעווער קאַפּעלושל ווי אַ סיבה צו תאוה.

אַ פּוד אוקראיינער ערד — האָט עמיצער אַמאָל געזאָגט — איז ווערט מער ווי אַ פונט גאָלד, ווייל פון אַ פּוד ערד פון אוקראיינער באָדן קען מען אַרויסבאַקומען מער ווי פון אַ פונט גאָלד.

אויב דאָס איז ווירקלעך אַזוי — בין איך אין ספק, אָבער זי־כער בין איך אין דעם, אַז עס פלעגן קומען די ערב פּסחן ווען די זונענשטראַלן פלעגן אַרויסטרייבן די ווינטערדיקע רעשטלעך פון דער ערד, דאַן פלעגט די שוואַרצע ערד צעגיין און באַקומען אַ ווייכע, גערדיכטע פעטקייט וואָס איז געווען אַ ברכה פאַר די פעל־דער און אַ קללה פאַר די וועגן, וועלכע פלעגן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גערדיכטער בלאָטע, וואו די איינוואוינער האָבן געבראָדיעט ביז די קני און פורן — אַריינקריכן ביז איבער די אַקסן פון די רעדער...

אַזאַ צושטאַנד האָט עקזיסטירט אין אַלע שטעט און שטעט־לעך פון אוקראיינע, מיט אַ קליינעם אויסנאַם פון עטלעכע גרויסע שטעט ווי אָדעס, קיעוו, כאַרקאָוו און אַנדערע.

אין אַזעלכע גרויסע שטעט ווי בעלאַצערקאָוו, בערדיטשעוו, אומאַן און אַנדערע פלעגט מען זיך ממש באָדן אין בלאָטע עטלעכע חדשים אין יאָר.

די שטעט האָבן על פּי רוב געהערט צו געוויסע גראַפן און אַנדערע טיטולירטע אַדעליקע.

אַזוי, למשל, האָט אונדזער שטאָט — בעלאַצערקאָוו — גע-הערט צום גראַף בראַניצקי.

ווי דער שטייגער איז אין יענער צייט געווען בײַ אַלע גוטבאַ-זיצער, צו מאַכן פאַרבעסערונגען ערשט דאַן, ווען דער חלף איז שוין געלעגן אַפן האַלדז, האָט אויך גראַף בראַניצקי גענומען זיך ברוּ-קירן די שטאָט, ווען עס האָט שוין געדראָעט די געפאַר, אַז די שטאָט זאָל פאַרקלענערט ווערן.

מען האָט פשוט געוואָלט מאַסנוויז פאַרלאָזן די שטאָט מיט אירע אומגעוויינלעכע בלאָטעס, מיט וועלכע בעלאַצערקאָוו האָט זיך אויסגעצייכנט אפילו לגבי אַנדערע בלאָטיקע שטעט. געוויינט-לעכע קאַלאָשן (ראָבערס) האָט מען געקאָנט באַנוצן אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, אָבער נישט פּסח צייט.*)

די גראַפן האָבן מייסטנס געלעבט „זאַגראַניצע״ — אין אויס-לאַנד הייסט עס. זעלטן ווען זיי פלעגן באַזוכן זייערע מאַיאָנט-קעס כאָטש זיי האָבן דאָרטן געהאַט גרויסע, שיינע פּאַלאַצן מיט גרויסע גוט געפּלעגטע סעדער און גערטנער.

אין בעלאַצערקאָוו האָט דער גראַף בראַניצקי פאַרמאָגט דעם באַרימטן פּאַלאַץ — אַלעקסאַנדריאַ. דער דערמאָנטער פּאַלאַץ האָט געהאַט נאָך דערצו אַ ריי פּראַכטפולע בנינים, שיינע קונסט-סטאַ-טועס, געווען אַרומגערינגלט מיט הונדערטער אַקער לאַנד, וועלדער, גערטנער און סעדער, וואו עס האָבן זיך געפונען כלערליי קינסט-לעכע און אפילו נאַטירלעכע פאָנטאַנען.

דאָס גרעסטע פאַרגעניגן פון די איינוואוינער פון שטאָט — איבערהויפּט אידן — איז געווען אום שבת, אין אַ יום טוב אָדער סתם אין אַ ליידיקן טאָג — צו גיין שפּאַצירן „אַף דער אַלעק-

---

*) רוסלאַנד פלעגט פאַבריצירן, דירעקטע פאַר אוקריינע, ספּעציעלע זייער הויכע קאַלאָשן — „באָטינקעס״ האָבן זיי זיך גערופן. זייער הויך האָט דערגרייכט ביז צוואַנציק צאָל, געבויט גאַנץ פעסט מיט אַ גע-דיכטן פעלצענעם אונטערשלאַק, כדי זיי זאָלן דינען אויך ווי אַ שוצמיטל קעגן די אוקריינער פרעסט.

סאנדריע.״ עס איז נישט אזוי גרינג געווען ווי עס רעט זיך אהין אריינצוקומען, אבער איז מען שוין אריין, האָט מען, אין דער אמתן, קיין בעסערס און שענערס נישט געדאַרפט.

שטעלט זיך פאַר וואָס פאַר א רושם עס האָט געדאַרפט מאכן אפן שטאַטישן אידן די ברייטע אלייע, געדיכט פון קאַסטאַניען און ליפּע בוימער, וועלכע פלעגן זיך מיט זייערע שפּיצן ווי צונויפ־פלעכטן און בילדן א גרינעם געוועלב אין וועלכן עס האָבן זיך גע־פונען כלערליי זינגפויגעלעך, וואס האבן פולגעמאכט די הערלעכע, ריינע לופט מיט זייער געטשעווטשעריי און געזאַנג ווי א שבח, א שירה צום באשעפער...

די דאָזיקע אלייע האָט געפירט צו א וועראַנדע פון פאַרביקע מאַרמאָר־זיילן, באַזוימט מיט קולטעווירטע בלומענבייטן, וועלכע האָבן פולגעמאכט די לופט מיט די שענסטע אראָמאַטן. פּשוט — דער אָטעם פלעגט פאַרכאַפּן פונם אָנגענעמען גערוך.

ארום פּאַלאַץ, געבויט אין א געמישטן סטיל פון גאָטיק און מאָדערן האָבן זיך געפונען פאָנטאַנען און קונסט־פיגורן, וועלכע האָבן פאַרקערפּערט פאַרשיידענע מיטאָלאָגישע העלדן פון דער גרי־כישער און רוימישער מיטאָלאָגישער עפּאָכע.

דער אומגעהויער גרויסער פּאַרק וואו דער פּאַלאַץ איז גע־שטאַנען, האָט פאַרמאָגט זייער רייכע טרויב־גערטנער, וואו עס זיינען קולטיווירט און געפלעגט געוואָרן אלערליי פרוכטן און גע־וויקסן פון די וואַרימסטע לענדער.

דער פּאַלאַץ האָט אויך פאַרמאָגט רייכע שטאַלן מיט ריינ־בלוטיקע אראַבישע און אַנדערע ראַסנפערד צום רייטן, א רייכע הונט־צוכט פאַר יאַכטצוועקן און אנדערע פאַרגעניגנס.

אין רעכטן מיטן פּאַרק האָט געשטראַמט א זילבערווייסער טייכל אין אויסגעפלאַסטערטע מיט געהאַקטע שטיינער־פּלאַטן ברעגעס און פאַרמאָגט קינסטלעכע מיניאַטור האַפנס פאַר שיפלעך פון פאַרשיידענע מינים: צום רודערן, צום פישפאַנגען און שפּאַ־צירן אפן וואסער.

אין הויכע און ברייטע דראָט־שטייגן האָבן זיך געפונען פאַר־

שיידענע פויגלען פון פרעמדע לענדער און אויך רויב-פויגלען ווי א שטיינער, אָדלערן, סאקאלן, פילינס און אנדערע. יונגע פיקסעלעך מיט זייערע חנוודיקע, כאַטש גלייכצייטיק כיטרע*) מאָרדעס, יונגע וועלפעלעך, בערן און אנדערע רויב חיות, וואס געפינען זיך אין די היימישע וועלדער, האָט גראף בראַניצקי לעבעדיקערהייט געפאנגען און ארייננגעזעצט זיי אין געהעריקע שטייגן אף צו באַצירן זיין שלאָס.

נישט נאָר דעם בעלאַצערקאָווער אידן, פארהאַוועט נאָך גראַ-שענע פרנסות, האָט בראַניצקים גאָרטן, פּאַלאַץ און פּארק געקענט אריינברענגען אין התפעלות, נאָר אפילו דעם גרויסשטאָטישן מענטשן האָט עס געקענט געבן גענוג שטאָף פאר פאָרשונגען מערק-ווערטיקייטן און פשוטער עולם הזה. א חוץ דער „אַלעקסאנדריע" האָט בעלאַצערקאָוו פארמאָגט נאָך מערקווערטיקייטן, נאָר דער הויפטשטאָלץ פון דער שטאָט איז געווען און געבליבן דער „ברום" מיט זיינע קלייטן.

דער „ברום" — א ריזיקער, מאַסיווער בנין פון וואונדער-באָרער ארכיטעקטור, וואָס איז געשטאַנען אין מיטלפונקט פון שטאָט האָט פארנומען דעם ריזיקן שטח פון טויזנט פוס.

ארום און אינמיטן פון „ברום" זענען געווען עטלעכע הונדער-טער פארשיידענע קראָמען פון אלערליי סחורות.

ארום די קלייטן איז געווען דער מאַרק וואו טויזנטער מענטשן פלעגן דורכגיין אין משך פון טאָג. פון די קלייטן האָבן די קרע-מער געצויגן א בכבודיקע חיונה, אנדערע אפילו עשירות.

דער קרעמער, וואָס זיין קלייט האָט זיך געפונען אין „ברום" איז שוין געווען פאררעכנט פאר א מיטלמעסיקן בעל הבית, אויב נישט נאָך העכער — פאר א רייכן סוחר.

די קלייטן האָבן אלע געהערט צום גראף בראַניצקי, אָבער די „חזקה" אף אזא קלייט איז געוואָרן געשאַצט אין עטלעכע טויזנט

---

*) לוסטיקע.

רובל. עס האָט זיך געוועגדעט וואו די קלייט איז געווען איינגע-טיילט.

אויך די אידישע שול פון בעלאַצערקאָוו שמ'ט איבער גאַנץ אוקראיינע. איך ווייס ניט ווי אַלט די שול איז, אָבער איר בויער, דער אַרכיטעקט אירער איז זיכער געווען א גאָניאַלער מענטש. די אַרכיטעקטור קען נאָך היינט פאַררעכנט ווערן אין דער ריי פון דער מאָדערנסטער בוי-קונסט. די שול איז אומגעהויער גרויס, געבויט אין דער פאָרם פון א קוואַדראַט מיט פיר שולכלעך אף אַלע פיר עקן, הויך אין פאַרגלייך צו די אַרומיקע בנינים — ווי אַ ניו-יאָר-קער וואָלקנקראַצער און אַרומגערינגלט מיט א גרויסן, הויכן גע-מויערטן צוים.

זיכער האָט געמוזט נעמען א סך יאָרן און אָפּקאָסטן א שלל מיט געלט ביז מען האָט די שול אויסגעבויט.

אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז אַן אַלטער גראַף בראַניצקי (דעם איצטיקנס — אפשר — אַן עלטערזיידע) האָט געגעבן א גאַנצן אוצר מיט גאָלד אף צו בויען די שול.

איך געדענק אַז איינער פון די בראַניצקים איז געשטאָרבן אין מיין צייט, האָט מען אים געבראַכט אין שול פריער ווי אין „קאָסטיאָל"*) און מען האָט אים דאָרטן געפּראַוועט אַן „אל מלא רחמים". אָט דער גראַף איז א קורצע צייט פאַר זיין טויט געקומען צו דער איבערצייגונג אַז מען מוז תיכף זען א תרופה צו די שטאָטישע בלאָטעס.

היות ווי בעלאַצערקאָוו האָט פאַרמאָגט איר אייגנס צוויי הויפּטגאַסן — קיעווער און בערדיטשעווער, האָט ער באַשלאָסן צו ברוקירן אָט די צוויי גאַסן.

בעת דער אַרבעט, זענען — פאַרשטייט זיך — די גאַסן גע-בראַכט געוואָרן אין אַזאַ צושטאַנד, אַז קיין פורן האָבן בשום אופן דאָרטן נישט געקענט דורכפאָרן און מען האָט פאַר זיי געמוזט גע-פינען א „דיטור", אַן אומוועג.

---

*) קאַטוילישע געבעט-הויז.

אונדזער הויז איז געשטאַנען אַן אַ זייט וועג פון דער קיעווער גאַס און האָט פאַרמאָגט אַ ברייטן דורכפאָר-הויף. דאָס האָט געבראַכט דערצו, וואָס אונדזער הויז איז פאַר אַ געוויסער צייט געוואָרן דער צענטראַלפּונקט פון פאַרקער. אַלע פורן האָבן געמוזט דורכפאָרן דורך אונדזער הויף, כּדי אַריינצוקומען אין שטאָט און אַף אַזאַ אופן איז אונדזער הויז געוואָרן אַן אמתע שפע פון פּרנסה. די דורכפאָרער, אחוץ וואָס זיי פלעגן אַריינגיין צו אונדז אין שענק עפּעס געניסן — טרינקען און צוביַיסן האָבן נאָך געמוזט צאָלן פאַרן דורכפאָרן דעם הויף ווער מיט באַרע געלט, ווער מיט שוה כּסף — ווי אַשטייגער אַ בינטל שטרוי, אַביסל האָלץ, אַ צענדליק אייער, אַ קרענצל ציבעלעס, עטלעכע העפטלעך קרויט, אַ מעסטל קאַרטאָפליעס, בוריקעס, רעטעך, מערן, אַביסל האָניק, א. ד. ג.

פלעגט אַ גוי פירן עפּעס פאַרקויפן אַפן מאַרק ווי, למשל, הינער, קאַטשקעס, גענדז, אינדיקעס, מעל קאָרן, ווייץ, האָבער, גערשטן און אַנדערע דאָרפישע פּראָדוקטן, זענען מיר געווען די ערשטע פון אים צו קויפן.

אַ פּאָר אידן האָבן אונדז געצאָלט אַ וועכנטלאַכן אָפּצאָל פאַר דער פּריווילעגיע צו שטיין אין דורכפאָר מיט סמאָלע, רעדער, דייזשקעס וכדומה מכשירים אין וועלכע דער דאָרפסגוי נויטיקט זיך.

אַפילו בעטלער פלעגן אָפט אַריינקומען אין שענק און געבן צו לייזן פאַר די ערלויבניש צו שטיין אין דורכפאָר און בעטלען נדבות.

דער טאַטע מיינער פלעגט זיך אין יענער „געבענטשטער“ צייט אָפט ווייצלען און זאָגן: אַז ווען דאָס זאָל נישט זיין ווי „איין טאָג אין יאָר פּורים“ וואָלט ער געקאָנט ווערן אַן עושר...

דער דורכפאָר האָט אָנגעהאַלטן בלויז דריי חדשים אָבער — נישט צו פאַרזינדיקן — פלעגט מיין פאָטער זאָגן. ער האָט באַוויזן אָפּצושפּאָרן אַ שיינע פּאָר טויזנטער פאַר דער קורצער צייט.

אָבער אַזוי באַלד ווי די אויסגעברוקירטע גאַס האָט זיך געעפנט פאַרן אַלגעמיינעם פאַרקער, האָט זיך די שפע אָפּגעטאָן פון אונדזער הויז.

זיבן־און־פערציק

ניִשט נאָר איז מער קיינער ניט דורכגעפאָרן אונדזער הויף, נאָר אפילו די שטענדיקע קונדן וועלכע פלעגן אריינקומען נעמען א טרונק בראָנפן האָט מען שוין אויך מער אין די אויגן נישט געזען, ווייל עס האָבן זיך געעפנט שענקן אף דער פאַראַדנער גאס, וועלכע האָבן געצויגן צו זיך דעם גוישן עולם.

זוכנדיק א קוואל פון נייע פרנסה איז דער טאַטע מיינער אַוועקגעפאָרן אין זיין געבורטסשטאָט (לעבן דייטשישן גרענעץ) וואו ער האָט זיך אונטערגענומען א „פּאָדריאַד" און ער האָט באַ-גראָבן דאָס גאנצע אָפּגעשפּאָרטע געלט פון די „זיבן גוטע יאָר".

דער סוף איז געווען, אז מיינע עלטערן האָבן געמוזט אויפ-געבן דעם שענק און עפענען א קלייט פון מעל אפן גרויסן מאַרק. דער טאַטע איז שוין געבליבן באַ דער דאָזיקער פרנסה ביז זיין טויט.

כאָטש איך בין נאָך דאן גאָר א קליין אינגל געווען, געדענק איך גוט יענע עפּאָכע צוליב דריי סיבות: דער פּלוצימדיקער הו-האַ וואָס איז געוואָרן, באַ אונדז אין שענק. איטלעכער ווינקעלע פון אונדזער שטוב איז געוואָרן שענק. אפילו די ספרים אַלמערס זענען אויך געווען אָנגעשטעלט מיט פלאַשן פאַרשיידענע משקאות.

איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן ווי איך האָב אמאָל זיך פאַרכליניעט שיעור נישט דערשטיקט צו ווערן מיט א ליוועֶר (אַזאַ טרייבל מיט וועלכער מען ציט ארויס ביר אָדער וויין פון א פעסל) בעת איך האָב פּרובירט ארויסציען ביר פון א פאס.

צווייטנס — געדענק איך — ווי „בימי הדורכפאָר" האָב איך עפּעס אמאָל געוואָלט ארויסנעמען פון א פּויערשן וואָגן, האָט מיך א גרויסער שוואַרצער הונט א כאַפּ געטאָן פארן אונטערשטן טייל פון מיין רעכטן אויער און טאקע אָפּגעביסן א שטיקל אויערלעפּל אַזוי, אז ביז היינטיקן טאָג בין איך פארבליבן אן „אויסגעצייכנ-טער"...

דריטנס — צוליב דער גרויסער שמחה, פון א קאַפּעלושל וואָס מיין טאַטע האָט מיר געבראַכט א מתנה פון קיעוו, וואוהין

ער איז געפֿאָרן „אַף קאָנטראַקטן"*) און וואו ער האָט געשלאָסן זיין שלימזלדיקן געשעפֿט — דעם אויבנדערמאָנטן „פּאַדריאַד"...

דאָס דאָזיקע קאַפּעלושל האָט אין מיין לעבן געשפּילט א פּאַ-טאַלע ראָלע און איז געווען די הויפּט סבה וואס אנשטאָט צו לער-נען, האָב איך זיך אָפּגעגעבן צו פּוסטער גאוה און שפּעטער צו וואוילזונגערישע געניסן פון לעבן.

אין יענער צייט איז א קאַפּעלושל געווען דער סימבאָל פון גבירהשאַפט, מאַטעריעלער געזיכערטקייט און אריסטאָקראַטישקייט.

דאָס קאַפּעלושל האָט געדינט זיין טרעגער ווי א צייכן, אז ער האָט געהערט צו די אויסדערוויילטע, צו די „אויבערשטע פון שטייסל", אַז נישט אַלע זענען גלייך צו אים. דאָס האָט מיין יונג האַרץ פולגעמאַכט מיט שטאָלצקייט. איך האָב זיך אָנגעהויבן חברן מיט חברה-לייט, וואס האָבן פאַרבראַכט די צייט אין פּוסט-קייט, זוכנדיק אַלץ נייע פאַרוויילונגען, נייע פאַרגעניגנס, תאוה'ס און האָב זיך זייער ווייניק געקימערט וועגן מיין לערנען און גייס-טיקע פאָלקאָמענקייט.

אין מיינע שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך דערפון זייער שטאַרק געליטן און באַצאָלט דערפאַר א זייער טייערן פּרייז — כמעט מיט מיין גאַנצן איך, ווייל איך האָב עובר געווען אַפן פאָלקס-ווערטל: „ווער עס אונטערנעמט אין דער יוגנט צו ליידן, דער וועט אַף דער עלטער צרות אויסמיידן" וואָלט איך דאַן פאַרשטאַנען אז לער-נען מוז מען נאָר אין דער יוגנט, כדי צו זיין באַוואָפנט מיט וויסנ-שאַפט אַף דער עלטער דאָס אויסצונוצן, וואָלט איך יונגערהייט נישט געווען דער פּראַנטישער פּוסט-און-פּאַסניק און וואָלט אַף דער עלטער ניט מקנא געווען דאָס, צו וואס איך האָב שוין נישט געקענט דערגרייכן.

---

*) אַ צוזאַמענפאָר פון סוחרים, אונטערנעמער, מעקלער און אַגענטן וועלכע זוכן דורכצופירן פאַרשיידענע געשעפטן.

נאכוואָרט:

מען ברוקירט צוויי גאַסן.

אַנגענומען איז די מיינונג, אַז אָרונטערפירן פון דרך הישר קענען שלעכטע חברים, ווייל עס איז זייער פאַרשפּרייט צווישן מענטשן דער טעות, אַז מען ווערט געבוירן מלאכים און נאָר שלעכטע אומשטענדן מאַכן דעם מלאך, — דעם מענטשן שלעכט און פאַרדאָרבן. דער אמת איז אָבער אָפט דער היפּוך דערפון.

זייער אָפט פּאַסירט, אַז אין שאול תחתיה ברענגט אייך אריין גראָד דאָס אומגעקערטע — גוטסקייט : פּאַטערלעכע ליבע, ברייטע גוטהאַרציקייט, רייכקייט, רייכע קליידונג, אויסערלעכער פּוץ א. ד. ג. און גראַד שווערע לעבנסבאַדינגונגען — אָרימקייט, נויט, הונגער, קעלט א. א. וו. שמידן אוים א כאַראַקטער, לערנען דעם יונגן מענטשן שוין אין די אינגסטע יאָרן זיך צו באַגיין אָן ניאַנקעס און וועגווייזערס, פאַרהאַרטעווען זיין קערפּער און גייסט זיך קעגנ-צושטעלן שטורמווינטן וואָס פּאַסירן אין לעבן און אַזאַ נפש קען אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין לעבן לייכט געפינען אַן אויס-וועג, ווייל די שווערע משא פון מאָמענט קען אים נישט ברעכן, ער איז געוואוינט צו דעם.

פאַרקערט, איבעריקע צערטלעכקייט, צופּיעסטשעטקייט, פאַר-צויגנקייט, מאַכט דאָס קינד פאַר אומפּייאיק אין דעם נויטיקן שווערן מאָמענט אין לעבן, זיך אַקעגנשטעלן דעם לעבנס-שטורם.

די ערשטע כפּרה ווערט דאָס לערנען, דער יונגער מענטש באַ-צאָלט אַ טייערן פּרייז, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, פאַר אָט דעם דורכגעלאָזענעם אָרט אין זיין דערציאונג, וואָס איז געבליבן נישט אָנגעפילט מיטן נויטיקן סכום ידיעות, וועלכע גיבן זיך זייער לייכט איין אין די יונגע יאָרן. זייער שווער איז אין די מיטעלע יאָרן גוט צו מאַכן דאָס דורכגעלאָזענע, ווען דאָס לערנען געפאַלט שווער און אָפּטמאָל אינגאַנצן אומעגלאַך צוליב דעם שווערן לאַסט, וואָס דאָס אַלטעגלעכע לעבן לייגט אַרויף אַף דעם מענטשן.

פּופּציק

5-טער קאַפּיטל.

אַ קרובֿ אַף קעסט.

אַ רעטעניש. — עס לויערן רויבפויגלען. — שווידער־לעבע מעשיות. — אַ פאַרלוירענער טאַלאַנט. — דאָס גאָלדן פּישעלע — גוטע ברידער.

יענעם ווינטער, ווען איך האָב אָנגעהויבן גיין אין חדר, האָט זיך באַ אונדז אין הויז אויפגעהאַלטן אַ יונגערמאַן, בעריש האָט ער געהייסן — אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט אַ היפּשער באָרד.

ער איז געווען באַ אונדז טאָג און נאַכט. דאָס האָט מיך שטאַרק געוואונדערט, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז ווען דער טאַטע אָדער די מאַמע, מיט מיר, אָדער אָן מיר, פלעגן גיין ערגעץ וואו צו גאַסט, פלעגט דאָס זיין אַף אַ שעה אָדער צוויי. אזוי איז אויך געווען מיט די געסט וואָס פלעגן קומען צו אונדז. טאָמער זענען געקומען צו אונדז געסט פון אַנאַנדער שטאָט, פלעגן זיי בלייבן אַ פּאָר טעג, העכסטנס אַ וואָך צייט. אָבער בעריש איז שוין געווען אַסך אַ לענגערע צייט. דערצו איז מיר פאָרגעקומען, אַז ער איז גע־ווען גאָר אַ גאַנץ ווייטער קרובֿ, ווייל איך האָב אים פריער קיינמאָל ניט געהאַט געזען באַ אונדז און מיר זענען נאָך קיינמאָל ניט געווען באַ אים.

פרעגן באַ עמיצן וואָס ער טוט דאָ האָב איך ניט געוואַגט, נאָר די געשיכטע איז מיר פאָרגעקומען זייער קשה. איבערהויפּט האָט מיך געוואונדערט אָט וואָס: ווען אַלע פלעגן אַוועקגיין פון דער היים, ווער אין מאַרק, ווער ערגעץ אַנדערשוואו, און ווען איך פלעג, אַמאָל מיטן באַהעלפער און אַמאָל אָן אים, אַוועקגיין אין חדר, פלעגט בעריש אַלץ איבערבלייבן אינדערהיים באַ אונדז.

אפילו שבת, ווען מיין פאָטער פלעגט מיך מיטנעמען אין בית

מדרש, איז בעריש אליין געבליבן אין שטוב, נאכמער, דער שבת פון ראש חודש בענטשן, ווען די מאמע פלעגט אויך גיין אין בית מדרש, אפילו דאן איז בעריש געבליבן אין הויז און ער פלעגט אליין פאר זיך דאווענען.

דער מאמען האב איך יא איינמאל געפרעגט, וואס טוט בא אונדז בעריש און פארוואס גייט ער נישט ארויס פון שטוב. אבער זי האט מיר געענטפערט מיט א האלבן מויל און פון איר ענטפער האב איך פארשטאנען, אז איך דארף קיין פראגעס ניט שטעלן און דערפאר האב איך זיך אפגעהאלטן פון פרעגן באם טאטן.

אבער איינמאל, ווען איך בין געגאנגען פון בית מדרש מיט מיין טאטן, האב איך זיך אנגענומען מיט מוט און אים דערציילט, אז איך האב געפרעגט בא דער מאמען וועגן בערישן און זי האט מיר געענטפערט, אז א אינגל דארף ניט פרעגן קיין צופיל קשיות. דער־ביי האב איך אויסגעדריקט מיין פארוואונדערונג וועגן דעם, וואס בעריש גייט ניט ארויס פון שטוב, אחוץ שפעט באנאכט, ווען עס איז שוין גאנץ פינצטער, אזוי ווי ער וואלט מורא געהאט פאר עמיצן. איך האב דערציילט דעם טאטן, אז אפילו ווען יאניקל, מיין קליין ברודערל, איז איינמאל געפאלן אינדרויסן און האט זיך אפגעשלאגן און געשריען נאך הילף, איז בעריש געשטאנען ניט ווייט פון פענצטער און איז ניט ארויסגעגאנגען צו אים.

די געשיכטע האט מיך אזוי פארדראסן און איך בין אזוי ברוגז געווען אף בערישן, אז איך פלעג ניט וועלן ליידן וואס די מאמע איז צו אים אזוי גוט און גיט אים פון דאס שענסטע און דאס בעסטע.

מיין פאטער האט זיך אביסל פארטראכט, ווי זיין שטייגער איז געווען ווען עמיצער פלעגט אים עפעס פרעגן, און ער האט מיר געזאגט, אז ווען מען ענטפערט ניט איז א סימן אז מען דארף ניט, אדער אז עס איז ניטא וואס צו ענטפערן.

פונדעסטוועגן, האט מיין פאטער צוגעגעבן, וועל איך דיר זאגן, אז ער באהאלט זיך בא אונדז נישט דערפאר וואס ער איז חלילה באגאנגען א פארברעכן ; ניין, ער איז א גאנץ שטילער יונ-

גערמאַן. עס איז נאָר דערפאַר וואָס מיר אידן זענען אין גלות און ער איז, נעבעך, פון אַן אָרימער פאַמיליע. כאָטש ער איז שוין א טאַטע פון צוויי קינדערלעך, פונדעסטוועגן לויערן איבער אים כאַ-פּערס, ווי רויב-פויגלען איבער א שפּעלע. מען וויל אים כאַפּן און אָפּגעבן פאַר א סאָלדאַט.

— נו, — האָט מיין פאָטער געפרעגט מיט א שמייכל, — פאַרשטייסטו איצט מער ווי פריער ?

די ווערטער „כאַפּערס וואָס לויערן איבער אים ווי רויב-פויגלען״, האָב איך, באמת געזאָגט, טאַקע נישט פאַרשטאַנען. נאָך ווייניקער האָב איך פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט, אז „מיר אידן זענען אין גלות.״ דאָס איינציקע וואָס איך האָב יאָ פאַרשטאַנען איז געווען, אז מען וויל אים אָפּגעבן פאַר א סאָלדאַט. איך האָב גע-וואוסט פון סאָלדאַטן. א צייט לאַנג האָב איך מקנא געווען די סאָלדאַטן, ווען זיי פלעגן זיך סמאָטרעווען*) אזוי שיין ; אָבער ווען איך האָב אמאָל געזען, ווי דער „דיאַדקע״ אָדער אונטער-אָפיציר האָט געפּאַטשט א נאָוואָבראַנעץ**), האָב איך שוין מער קיין סאָל-דאַט ניט מקנא געווען. ווער שמועסט נאָך ווען איך האָב געזען, ווי א שכורער פעלדפעבל האָט מיט זיין שווערד געשלאָגן אן אונטער-אָפיציר און אים געזידלט מיט שענדלעכע ווערטער, און יענער האָט געענטפערט : „טאַק טאָטשנאָ״,***) דאַן האָב איך שוין ניט נאָר ניט מקנא געווען, נאָר רחמנות געהאַט אויף די סאָלדאַטן...

און איצט, ווען איך האָב געהערט פון מיין טאַטן, אז מען וויל בערישן צונעמען פאַר א סאָלדאַט, האָט זיך אין מיין הארצן דער-וועקט א רחמנות און פון דאַן אָן בין איך געוואָרן זייער פריינט-לעך צו אים.

ער האָט מיין פריינטשאַפט פאַרדינט. ניט איינמאָל פלעגט דער רבי לייזער מיך א קניפּ טאָן אין בעקל פאַר מיין גוט לערנען.

---

*) מושטירן.

**) נייער צוגענומענער סאָלדאַט.

***) אזוי איז עס.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און איך האָב שוין געזאָגט עברי; דער רבי האָט זיך מיט מיר געצאַצקעט און שטאָלצירט. ער האָט נאַטירלעך, ניט געוואוסט, אז בעריש פלעגט מיט מיר לערנען דריי מאָל אזוי פיל ווי איך פלעג לערנען אין חדר.

עס איז געווען ווינטער-צייט. די שפּילן אין פערדלעך, אין „מיאַטש" און אנדערע שפּילן האָבן אויפגעהערט.

אחוץ גליטשן זיך און מאכן בערג פון שניי איז ניט געווען וואָס צו טאָן. פלעג איך זיין צופרידן וואָס בעריש האָט מיט מיר געלערנט עברי. וואָס מער דער רבי לייזער האָט מיר געקניפּן אין די באַקן, אלץ בעסער, מיט מער חשק פלעג איך לערנען מיט בערישן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון סאָלדאַטן און איך פלעג זיך באַהאַלטן, אז דער רבי זאל ניט געוואויר ווערן פונוואַנען איך שעפּ מיין קענטעניש.

איך בין געוואָרן מיט בערישן ווי צוויי גוטע ברידער. אחוץ עברי פלעגט ער מיך אויך לערנען שפּילן אין „ציג און וואָלף" און אין „קוויטלעך". בנאַכט, ווען דער טאַטע און די מאַמע פלעגן שוין שלאָפן, פלעג איך בלייבן מיט בערישן לעבן דער חרובע און ער פלעגט מיר דערציילן מעשיות. ער האָט ליב געהאט צו דערציילן אַלערליי מרה שחורהדיקע, און שרעקנדיקע מעשות וועגן שדים און טייוואָלעם, וועגן מתים און „ניט גוטע", וועגן פוסטע הייזער און היילן, וועגן אָרימע יתומים און פאַרוואָגלטע קינדער, פון בידנע אלמנות און עגונות, פון ווייסע און שוואַרצע בערן, וועגן לייבן, לעמפּערטן, טיגערס, וועלף, פוקסן און ווילדע הינט. מער פון אלץ האָט ער ליב געהאט צו דערציילן וועגן גיהנום. ער פלעגט שילדערן דעם גיהנום מיט אזעלכע פארבן, מיט אזעלכע בילדער, אז דאָס האַרץ פלעגט שיעור ארויספאַלן פאַר אימה און שרעק. מאָמענטנוויים האָט באַנג געטאָן וואָס מען איז גאָר אינגאַנצן געבוירן געוואָרן, אויב מען דאַרף דורכגיין אזא גיהנום. זעלטן, פלעגט ער דראַמאַטיש אויסשרייען, זעלטן ווער עס קאָן אויסמיידן דעם גיהנום!

שילדערנדיק דעם גיהנום פלעגט ער מיט זיכערקייט זאָגן, אז

עס הערן זיך דאָרטן שטענדיק דונערן און בליצן, קרעכצן און געשרייען פון די געמאַטערטע און געפּייניקטע.

זינדיקע נשמות בראָטן זיך אויף פייערן פון פּעך און שוועבל. מען ווערט דאָרט געביסן פון בייזע שלאַנגען, געשמיסן מיט פייערדיקע ריטער און ארונטערגעשליידערט פון הויכע טורעמס, געפירט דורך קאַלך-אויוונס און פארוואָרפן מיט שטיינער. מען הערט דאָרטן וידוי פון בעלי תאוהניקעס, פון פארשייטע אלמנות, פון ניט טוגנטלעכע כלות, פון פאַלשע נביאים, פון ליגנערישע מוסר זאָגער, פון שווינדלער, באַטריגער, גרויזאַמע הערשער, צבועיאַקעס און שבתי-צביניקעס, פון אונטערדריקער און אונטערטעניקע שקלאַפן, פון אלערליי כלי קודש, רביים, גלחים און דעסגלייכן. יעדע נשמה, פלעגט בעריש זאָגן, מוז אין גיהנום אליין דערציילן דעם גאנצן אמת וועגן איר אויפפירונג און וועגן אירע מעשים. יעדע נשמה האָט חרטה, אבער עס איז פארפאַלן.

איך פלעג זיך באַ אים בעטן, ער זאָל מיר דערציילן פריילעכע געשיכטעס. ער פלעגט מיר צוזאָגן, אבער ניט האלטן קיין וואָרט. איינמאָל, גייענדיק פון חדר, האָב איך געפונען א פערטל פונט טאַבאַק. איך האָב עס געגעבן בערישן, אָבער מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל מיר דערציילן פריילעכע מעשיות. האָט ער מיר דערציילט א מעשה מיט א גאָלדן פישעלע, וואָס א אינגל האָט געכאַפּט אין טייך. דאָס פישעלע האָט געזאָגט דעם אינגל, אַז עס וועט טאָן פאַר אים וואס ער וועט נאָר פארלאנגען, אויב ער וועט עס אָפּלאָזן און צוריק אין וואסער אריינוואַרפן. אַלץ וואס ער דאַרף טאָן, איז קומען צו דעם אָרט, וואו ער האָט דאָס פישעלע געכאַפּט און אויסשרייען דריי מאָל: „פישעלע, פישעלע, פישעלע!“ און עס וועט אים גלייך ענטפערן, און וואס זיין בקשה זאָל נישט זיין וועט זי תיכף דערפילט ווערן. דאָס אינגעלע האָט איינגעוויליקט און אָפּגעלאָזן דאָס פישעלע אין וואסער. פון דאַן אָן פלעגט דער אינגל קומען און רופן דאָס פישעלע, און עס פלעגט זיך גלייך באַווייזן. און וואס דער אינגל האָט נאָר געבעטן, פלעגט ער גלייך באַקומען.

ער האָט באַקומען שיינע מתנות, שיינע גאַרניטערלעך, אפילו

א שיין, לעבעדיק פערדעלע, אלץ נאָר וואס ער האָט פאַרלאַנגט. אָבער איינמאָל איז דער אינגל געקומען און געבעטן דאָס פישעלע. עס זאָל אוועקנעמען פון זיינעם א חבר דאָס שיין פידעלע וואס יענער האָט באַקומען א געשענק פון זיין רייכער מומען. דאָס פישעלע האָט א מאַך געטאָן מיט'ן עקעלע און איז פאַרשוואונדן און מער ניט צוריקגעקומען.

ער האָט מיר נאָך ענלעכע קינדערשע מעשה'לעך דערציילט, אָבער ניט מיט אזא פאַטאָס ווי די אומגעלומפּערטע געשיכטעס. ער האָט מיר אזוי פיל דערציילט וועגן שדים, פוסטע הייזער, אז איך פלעג פשוט מורא האָבן פאַרבייצוגיין לעבן דער פוסטער הויז וואס איז געווען נישט ווייט פון אונזער דירה, אנטקעגן דעם גרויסן ווייסן קלויסטער.

אָט דער בעריש איז געווען א מערקווירדיקער בריה צו דערציילן מעשיות. אין א גרויסער שטאָט פון דער היינטיגער צייט וואָלט ער אָן צווייפל געווען, אויב ניט קיין גרויסער ארטיסט, אלענפאלס א שיינער פאַרלעזער.

אז ער האָט צוליב דעם סיפּור המעשה געוואָלט עמיצן קאַפּירן, איז ער געווען אזוי נאַטור-טריי, אז מען פלעגט פאַרגעסן אז דאָס רעדט בעריש. ער פלעגט א ברום טאָן ווי א לייב, זיך א וואָרף טאָן ווי א טיגער, קריכן מיט די לאַפּעס ווי א בער, שפּרינגען פלינק ווי א פוקס און בילן ווי א הונט. זיין מימיק, ווען ער האָט נאָכגעמאַכט דעם אינגל, וואָס האָט געבעטן פאַרשיידענע זאכן באַם פישעלע, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מען האָט געקענט שווערן אז דאָס רעדט א אינגל.

איך האָב נאָך דאַן נישט געזען נישט קיין בער, נישט קיין לייב און נישט קיין אנדערע ווילדע חיות; איך האָב קיין אנונג נישט געהאַט וואס אזוינס איז א שד, א רוח, אָבער זיין פאַרשטעלונגסקראַפט, זיין שילדערונג, זיין אינטאָנירונג, זיינע העויות און זיין מימיק, האָט מיר געגעבן א שטיקל באַגריף וועגן די פאַרשיידענע פּערזאָנען און ברואים, וועגן וועלכע ער האָט דערציילט.

זעקס-און-פופציק

ער איז אָפּגעזעסן א לאַנגע צייט באַ אונדז אין הויז. „אָפּגעזעסן“ איז דאָס ריכטיקע וואָרט, ווייל ער פלעגט ניט ארויסגיין פון שטוב, אַחוץ אין פינצטערע נעכט. אפילו אַף נאַטירלעכע באדערפענישן פלעגט ער גיין פון נאכט צו נאַכט.

אזוי איז ער באַ אונדז געווען כמעט דעם גאַנצן ווינטער. איידער ער איז אַוועק פון אונדז, בין איך צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל מיר נאָך עפּעס דערציילן. ער האָט מיר צוליב געטאָן און דערציילט די פאָלגנדיקע מעשה:

אַמאָל האָט א יונגער העלדישער בחור געשפּאַצירט אין א וואַלד, פלוצלינג האָט ער דערהערט א פארצווייפלטן געשריי, ער איז אָן איבערלייגונג גלייך געלאָפן צום פּלאַץ פונוואַנען דער הילפּסגעשריי האָט זיך געהערט, און ווען ער איז געקומען צום פּלאַץ האָט ער צו זיין דערשטוינונג דערזען ווי רוצחים בארויבן א גרייזגראָען מאן, וועלכער האָט שוין מער קיין כוח ניט געהאט צו שרייען, פארלאָזנדיק זיך אויף זיין גבורה האָט ער זיך העלדיש א וואָרף געטאָן אויף די רוצחים און נאָך א לאַנגן געשלעג האָט ער זיי אלע צוממיתט און פאריאָגט. ווען דער אלטער מאן איז צו זיך געקומען, און דערזען זיין רעטער, איז ער געפאַלן פאַר אים אויף די קני, געקושט זיינע פארוואונדעטע הענט און זיך געבעטן רחמים באַ אים ער זאל זיך לאָזן באלוינען פאר זיין העלדישקייט, ווייל ער איז א רייכער מאן און ער וואָלט געוואָלט אָפּקויפן פון אים כאָטש אַ טייל פון זיין עולם הבא פאר דער מצוה וואס ער האָט פאַרדינט מיט זיין מסירת נפש. זיי האבן צווישן זיך באשטימט אַף מאָרגן זיך צו טרעפן באַ דעם אלטן מאן אין זיין פּאַלאַץ. אין דער באַשטימטער צייט האָט שוין דער אלטיטשקער אויף אים געוואַרט. דערזעענדיק אים האָט ער זיך דערפרייט, אים ארומגענומען ווי א נאָענטן פריינט און אים צוגעפירט צו אַ פרעכטיק שיינעם מאַרמאָרנעם פּאָנטאַן און אָנווייזנדיק אין א געווויסער ריכטונג געזאָגט: „זעסטו יענעם אויסערגעוויינלעכן בוים אויף וועלכן עס וואקסן דריי פארשיידענע פירות? ווי עפּל זעען זיי אלע אוים.“

„איין פרי א ווייסע, די צווייטע א העל-רויטע, די דריטע א

געלבלעכע? זעסטו זיי? קוק זיך גוט צו! רייס ארונטער איינע פון די דאָזיקע דריי פּירות, וועלכע דיר געפעלט, נאָר זיי וויסן, וועסטו ארונטעררייסן דעם ווייסן, וועסטו קליגער ווערן פון אלע מענטשן; וועסטו ארונטעררייסן דעם רויטן, וועסטו רייכער ווערן פון אלע מענטשן; וועסטו ארונטעררייסן דעם געלן — וועסטו זיין שענער פון אלע מענטשן. באשלים וואָס גיכער, ווייל באלד וועלן די פּירות פארדארבט ווערן און דו וועסט זיי נישט קענען עסן." דער גבור האָט זיך פארטראכט און געזאָגט ווי צו זיך אליין:

— וואָס טוט מען? וועל איך ווערן קליגער פון אלע מענטשן וועל איך פון קלוגשאפט משוגע ווערן. וועל איך ווערן רייכער פון אלע מענטשן, וועל איך קיין רו נישט האָבן. וועל איך ווערן שענער פון אלעמען וועלן מענטשן טייטלען אף מיר מיט די פינגער. ניין, איך רייס ניט קיין איינע פון די פּירות.

ער האָט זיין באשלוס ארויסגעזאָגט דעם אלטן מאַן.

יענער האָט זיך צעלאכט און געזאָגט:

— ביזט נישט נאָר א העלד, נאָר קלוג דערצו. רייך וועסטו שוין סיי-ווי-סיי דורך מיר ווערן, און שיינקייט אליין ברענגט גאָר נישט.

נאָך א מעשה געדענק איך:

א אינגל איז אמאָל געלאָפן אין חדר, דאָס איז געווען א דאָנערשטיק, ווען ער דארף איבערזאָגן פארן רבין דאָס, וואָס ער האָט מיט אים געלערנט א גאנצע וואָך. לויפנדיק האָט דער אינגל דערזען פאר זיך אן אלטן, שוואכן מאן מיט אָפּגעריסענע קליידער, א פּנים פול מיט קרעץ, ווי ער שטייט מיט אן אויסגע-שטרעקטער האנט און בעטלט נדבות.

דער אינגל האָט רחמנות געקראָגן און האָט דעם אָרימען בעט-לער געוואָלט אוועקגעבן זיין גראָשן וואס זיין מאַמע האָט אים מיטגעגעבן צו קויפן נאשעריי.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען זוכן אין די קעשענעס. אָבער דעם גראָשן ניט געפונען.

דער אָרימאַן האָט מיט פיינלעכן אומגעדולד געוואַרט. די

ציטערנדיקע הענט געהאַלטן אויסגעשטרעקט וואַרטנדיק אַף דער מטבע.

דער אינגל האָט זיך געפילט זייער אומבאַקוועם, געטראַכט, אַז ער האָט פאַרגעסן דעם גראָשן אינדערהיים אָדער פאַרלוירן לויפנדיק; ווי אַ פאַרשעמטער האָט ער ארויסגעשטאַמלט:

— אָרימער מענטש! דעם גראָשן וואָס מיין מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן בין איך געווען גרייט אייך אוועקצוגעבן, אָבער איך האָב אים מסתמא פאַרלוירן. מיין מיטאָק, אויב איר ווילט, קענט איר נעמען, אָבער גיכער, איך איל זיך, ווייל מיין רבי וואַרט אַף מיר.

דער אָרימאַן האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ שוואַכע שטימע:

— ניין, קינד מיינס, דיין מאָלצייט וועל איך פון דיר נישט אוועקנעמען און פאַר דיין גוט האַרץ דאַנק איך דיר. דאָס איז באַ מיר גלייך ווי דו וואָלסט מיר געגעבן אַ נדבה און אַ גרויסע דערצו.

איך האָב די גאַנצע מעשה דאַן נישט פאַרשטאַנען, אָבער שפּעטער מיט יאָרן און ביז היינטיקן טאָג איז באַ מיר פאַרבליבן אַ רעטעניש: ווי קומט בעריש צו דערציילן געשיכטעס ענלעכע צו די געשילדערטע פון דעם רוסישן געניאַלן שרייבער טורגעניעוו? זיינע שיינע פאַרכאַפּנדיקע פיקאַנטע מעשיות פון אליהו הנביא, געדענק איך שוין ניט גענוי כדי צו קענען זיי איבערדערציילן.

באַ מיר איז בלויז איבערגעבליבן אַ פאָרשטעלונג, אַז אליהו הנביא איז געווען אַ כשוף-מענטש, שטענדיק צו ווענען ער האָט זיך נאָר באַוויזן, האָט ער אים געבראַכט אַ ישועה. אליהו הנביא איז פאַרבליבן אין מיינע געדאַנקן ווי אַ צונויפמישונג פון גוטסקייט און ליבע. ער האָט געמוזט טראָגן אין זיין האַרצן דעם צער פון די ליידנדיקע, און זיין באַפרידיקונג איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געמינערט יענעמס יסורים.

פאַר פּסח איז בעריש אוועק צו זיך אהיים. עטלעכע מאָל בין איך דערנאָך געווען באַ אים מיט מיין טאַטן. שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז ער האָט פאַרלאָזן די שטאָט, פרוי און קינדער און קיינער האָט נישט געוואוסט וואו ער איז אהינגעקומען. שפּע-

טער מיט יאָרן האָב איך געהערט ריידן, אז ער האָט געשיקט זיין ווייב א גט. מען האָט אויך גערעדט, אז ער געפינט זיך אין ענגלאנד.

היינטיקן טאָג נאָך, ווען איך זע א טאַלאַנטפולן רעאַליסטישן קאָמיקער אָדער אן ערנסטן דראמאַטישן קינסטלער, דערמאָן איך זיך בערישעס געשטאַלט. פאר מיר איז ער איצט נישט מער ווי א שאָטן פון א ווייטן עבר, ווייל עס איז שוין באלד זעקס צענדליק יאָר זינט ער איז געווען בא אונדז, דאָך בין איך מער ווי איבערצייגט, אז בא אנדערע באדינגונגען און אומשטענדן, וואָלט בעריש געוואָרן א בארימטער וואָרטקינסטלער.

מעגלעך, אז בעריש איז ערגעץ וואו טאַקע געוואָרן דאָס, וואָס ער האָט געדארפט ווערן א דאנק זיין מיטגעבוירענעם טאַלאנט און אויך מעגלעך אז ער, ווי אסך זיין גלייכן, האָט זיך פארלוירן אין דער גאָרער, טרויעריקער ווירקלעכקייט פון לעבן.

עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן אז ער געהערט שוין נישט מער צו די בירגער פון אונדזער זינדיקער וועלטל.

ווי און וואו ער זאָל נישט זיין — אין מיין זכרון לעבט ער און וועט אויפהערן לעבן צוזאמען מיט מיר...

נאָכוואָרט:

אַ קרוב אַף קעסט.

היינט נאָך אפילו און ווער רעט שוין אין די אמעֶליקע יאָרן האָבן אידן געהאַט אַסך מער פליכטן ווי רעכטן.

רוסלאַנד איז אָבער אין דעם הינזיכט געווען א קלאַסישע מדינה: אידן האָבן קיין שום רעכטן נישט געהאַט אין דער צייט ווען זיי האָבן געמוזט טראָגן אַלע בירגערלעכע פליכטן אריינגע-רעכנט אויך דאָס שווערסטע פליכט — מיליטערדינסט. עס איז נישט מער קיין סוד, אז אידן האָבן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען זיך געזען ארויסצודרייען פון מיליטערדינסט. די רייכע פלעגן זיך פשוט אויסקויפן מיט געלט, צוליב וואָס די אָרימעלייט האָבן גע-מוזט פולמאַכן די נאָרמע אויך פאַר די רייכע.

אלעמען איז באַוואוסט די פינצטערע צייט פון די אַזוי גערופע-נע „כאַפּערס", ווען געדונגענע אויסוואורפן, אָפּט, לפנים, אָנגעזעענע מענטשן, געדונגענע פאַר געלט פון אידישן קהל פלעגן כאַפּן קליינע אידישע קינדער, אוועקרייסן זיי פון די מאַמעס און פאַרשיקן זיי אין די ווייטסטע געגנטן פון גרויסן, ברייטן רוסלאַנד.

דורך עכטע אינקוויזיטאָרישע מיטלען האָט מען אַ סך פון זיי געבראַכט צום שמד, אַסך אינגאַנצן אומגעבראכט יונגערהייט פון דער וועלט און די ווייניקע וועלכע זענען לעבן געבליבן האָבן גע-האַט אויסצושטיין כל עבודת פרך אונטערן שווערן יאָך פון פינף-אונצוואַנציק-יאָריקן דינסט אין דער אַרמיי פון ניקאָלאַי דעם ערשטן.

———:———

6-טער קאַפּיטל.

די באָד.

אידן, אין באָד אַריין!... — אַ צאַצקע אַ בעזימל. — די אינקוויזיציע אַף דער אויבערשטער באַנק. — אַ וואונטש גרויסערהייט צו שמייסן דעם טאַטן. — דער בלוטצאַפּער.

באַם סאַמע ברעג פון ראָס (אַזוי הייסט אונדזער טייך) איז געשטאַנען די קהלשע באָד.

איך האָב פון דער אינסטיטוציע קיין שום באַגריף נישט געהאַט. געוואוסט האָב איך, אַז אַ באָד געפינט זיך ערגעץ אין שטאָט פון די אָפּטע אויסגעשרייען וואָס מיר פלעגט אויסקומען צו הערן אָפן מאַרק פּלאַץ (אָפּנים אין די טעג ווען מען פלעגט הייצן די באָד) „אידן, אין באָד אַריין!" אָדער „ווייבער, אין באָד אַריין!"

באָד-געלט — קומט מיר פאַר — האָט מען נישט געצאָלט און אויב יאָ, האָט עס געמוזט זיין גאָר אַ קליינינקייט.

און אָט אין אַ ווינטערדיקער נאַכט איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיט דער קהלשער באָד פּנים אל פּנים, טאַקע — ווי מען זאָגט — ווערן אליין אַ „באָד-יונג".

איך געדענק נאָך היינט דעם גלימערדיקן פראָסט, וועלכער האָט דורכגענומען אַלע מיינע בגדים אין וועלכע די מאַמע האָט מיך איינגעוויקלט, כדי איך זאָל זיך חלילה נישט צוקילן; איבערגעבנדיק מיך אין די הענט פון טאַטן, וועלכער האָט מיך צום ערשטן מאָל אין לעבן גענומען אין באָד אַריין, האָט אים די מאַמע פאַרזאָגט און פאַראָרדנט ווי מיך צו פאַרוויקלען נאָכן באָד אַזוי, אַז ווען דער טאַטע זאָל זיך אין דער אמתן האָבן צוגעהערט, אָדער געוואָלט אויספירן אַלע פאַראָרדנונגען וואָלט איך זיכער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „מומיע"...

איך געדענק ווי מיר זענען אריינגעקומען אין א גרויסן, קאַלטן פּאַדערצימער. דאָ האָט מען זיך געדאַרפט אויסטאָן און פון אַלע אויבערבגדים, אונטערוועש, שיך, זאָקן און איבעריקע טואַלעט אַט-ריבוטן האָט מען געדאַרפט מאַכן א „פּעקל״, עס הייסט צונויפקנוילן, פאַרדרייען אַלע אויסגעטאָנענע בגדים אין אויבערבגד (ווייל עס איז דער גרעסטער און קען אריינעמען די איבעריקע זאַכן), פאַרבינדן עס מיט א רימען אָדער א שטריקל און עס אַוועקלייגן אױף דער הוילער ערד, צווישן אַנדערע אַזעלכע „פּעקלעך״.

נישט איינמאָל האָט פּאַסירט אַז א „פּעקל״ האָט זיך פונאַנדער-געבונדן און זאַכן וועלכע האָבן געהאַט דעם קלענסטן ווערט, פלעגן פאַרשוואונדן ווערן פון „פּעקל״.

קאָמישע סיטואַציעס פלעגן פאָרקומען ווען עס האָט זיך אַרויס-געוויזן, אַז עס פעלט למשל איין זאָק, איין שטיוול אָדער גאָר דאָס היטל.

מען פלעגט אויך אָפטמאָל קומען אהיים מיט א פרעמדן בגד, א העמד, א פּאָר גאַטקעס, א היטל, ווייל אין ענגשאַפט, אין געדראַנג פלעגט מען פאַרבייטן די „פּעקלעך״ און זיך אָפּבייטן שוין האָבנדיק צומישט דאָס אָנטאָן. די „באַלויכטונג״ האָט אויך מיטגעווירקט, אַז אַזעלכע פאַלן זאָלן אָפטער פּאַסירן און שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה מודעות, אויסרופעניש אין די בתי מדרשים אַז דער פלוני בן פלוני האָט ביום ערב שבת קדש פאַרביטן אין מרחץ א... טלית קטן, א העמד, א פּאָר פלודערן, א. ד. ג.

ווען אונדזער „פּעקל״ האָט שוין אָנגעהויבן אָננעמען א פאָרם און אַן אויסזען פון אַן אומגעלומפּערטער באַשעפעניש, האָט מיר מיין קינדיש הערצל אָנגעהויבן קלאַפּן, עס האָט מיר געדריקט עפּעס אַן אומקלאָרער געדאַנק אַז אָט דער „חיה״ קען מען נישט אָנטרויען מיין אוצר מיט געלט וועלכער איז — אמת — געלעגן אין זיבערע הענט — אין א ציצה פון טלית קטן, אָבער דאָך...

מיין קאַפּיטאַל איז באַשטאַנען פון א דרייער און עטלעכע איינ-צעלנע גראָשנס אָפּגעשפּאָרטע פון אָנבייסנס, כדי צו באַצאָלן אַן „ערן-חוב״ דער קוואַסניטשקע פאַר דעם קוואַס וואָס איך און מיינע

חברים פלעגן בא איר טרינקען אין די שבתים. מיין קרעדיט בא ר׳ צאליקס אידענע איז געווען אן אומבאגרענעצטער און איך האָב טאַקע שטענדיק געצאָלט צום טערמין און געשמט פאר א גוטן קונה.

א גוטער נאָמען פארפליכט צו עפּעס און דערפאר טאַקע האָב איך נישט געקענט זיך שיידן מיטן פּעקל וואו עס איז געלעגן מיין גאנצער פארמעגן אָנגעטרויט דעם „אייזערנעם שראנק" פון דעם ארבע כנפות. מיין גוטער נאָמען, מיין קרעדיט איז געשטעלט גע־וואָרן אין א סכנה.

איך האָב אין דעם מאָמענט מיין קאַפּיטאַל נישט ווינציקער אָפּ־געשאַצט ווי די גרויסע מענטשן זייערע גרויסע קאפּיטאלן און בין זיך מודה ומתודה אז געפינענדיק זיך אין באָד זענען מיינע געדאנקען גע־ווען געוועגדעט אין פאָדערצימער וואו צווישן אסך פּעקלעך איז זיך רואיק געלעגן אף דער ערד אונדזער פּעקל. אָט צו דעם פּעקל זענען געווען געווענדעט אלע מיינע געדאנקען.

ווען מיין טאַטע האָט מיך אריינגעפירט אין באָד איז דער ערש־טער איינדרוק געווען — דער געדיכטער נעפּל פון פּארע. עס איז אויסגעקומען ווי דאָס ווערטל זאָגט: „פּארע ווי אין א באָד"...

ווען דער ערשטער אומאנגענעמער איינדרוק איז פארביי און עס האָט אים פארביטן דער אנגענעמער — א ווארימקייט, א פייכטע אנגענעמע ווארימקייט, — האָט מיין אויער פארנומען א געפּילדער, א געמיש פון קולות, א בבל פון געשרייען מיט פארשיידענע שטי־מען — דינע און באַסאָווע, הייזעריקע און קלינגנדיקע, א הו־האַ ווי אף א יאַר־מארק.

ווען מיין אויער האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט און אָנגע־הויבן פארנעמען איינצעלנע קלאנגען, האָב איך פון צווישן פארשיי־דענע אויסגעשרייען וועלכע האָבן קיין שום באטייטונג נישט אין לעקסיקאָן ווי אשטייגער: טע־טע־טע, האַ־האַ־האַ, כע־כע, אָפּ־אָפּ וכדומה און אנדערע אָפּגעריסענע ליבווערטער: גוט, גוט, וואויל ווי די וועלט, א מאכל, א מחיה נפשות, עס קוויקט, עס סמאַליעט — וכדומה, האָב איך אויך אויסגעטיילט צוויי ווערטער — און דוקא

גויישע — וועלכע האָבן זיך אָן אַן אויפהער ווידערהאָלט: „פּאַרע דאווייטע“*).

די אַלע אויסגעשרייען, וואס צוזאמען האָבן געבילדעט א מיש-מאַש פון א שדים-כאָר, האבן זיך צו מיר געטראָגן פון די בענק פון שוויץ-פּאָל וואו עס זענען געלעגן אידן מיט און אָן בערד, אַלטע און מיטליאָריקע אין פארשיידענע פּאָזעס, האבן זיך געשמאק געפּרעגלט אין דעם אייגענעם און פרעמדן שוייס, וואס האָט פון זיי געשטראָמט טייכנווייז. אינדערלופטן האָט זיך געהערט דאָס פּאָכן פון בעזים-לעך און דאָס אָנקלאַפּן אָן נאַקעטן לייב פון די נאַסע בעזימבלעטלעך.

מיין טאַטע האָט אונטערדעסן פון עטלעכע בעזימער געבונדן איינעם אַן אויסנאַם-בעזים, ארויסגעוואָרפן ריטלעך. איבערגעלייגט, פונאַנדערגענומען, סאָרטירט ביז עס איז ארויסגעקומען דאָס וואס ער האָט געוואָלט.

אזוי האָב איך פארשטאַנען פון זיין אָנקוועלן, פון זיין צופרי-דענעם אויסדרוק אפן פּנים. פּארטיק ווערנדיק מיטן איבערבינדן, האָט ער עטלעכע מאָל א פּאָכע געטאָן מיטן בעזימל אינדערלופטן ווי איינער רעדט: אויסזען זעסטו אויס ווי א לייט, ווי אָבער וועסטו זיין אין דער ארבעט?

קענטיק, אז די „לופט-פּראָבע“ איז אויך געווען לייטיש, ווייל מיין טאַטע האָט געשמאָקעט מיט די ליפּן און קוקנדיק אפן בעזימל ווי אף אַן אתרוג, א לולב להבדיל ארויסגעזאָגט: טצע-צע-טצע, אָט דאָס הייסט, דאָס אמתע בעזימל.

מיט אמאָל דערלאַנגט מיך דער טאַטע א נעם פאַרן הענטל און שלעפּט מיר נאָך זיך אפן שוויץ-פּאָל. איין באַנק, א צווייטע, א דריטע; דער אָטעם פארכאַפּט מיר פון היץ, דאָס קעפּל פארדרייט זיך, אין די אויערן קלינגען פארשיידענע קלאַנגען און איך באַווייז ניט אויסצודריקן מיין אומצופרידנקייט מיט מיין נייער לאַגע — איך ליג שוין אפן בייכל און דאָס בעזימל טאַנצט איבערן רוקן, בריט און ברענט. איך הויב אָן מאכן קולות, שריי אין אנגסטן, רייס זיך

*) דערלאַנגט היץ!

פון טאטנס הענט, ווייל ארויס פון גיהנום וואו מען בראָט מיך אין א קעסל מיט סמאָלע (טאַקע אַט אזוי האָט זיך מיר אויסגעוויזן) אבער דאָס בעזימל טאַנצט זיין שדים-טאַנץ, ברענט און בראָט מיך.

ווען מיינע קולות האָבן שוין אָנגעהויבן ווערן פארדעכטיקט האָט זיך דער טאטע מרחם געווען, ארונטערגענומען פון דער אויבערשטער באַנק, באַגאָסן מיט לעבלעכע וואסער, איך האָב אָפּגעלעבט.

מיר וועט זיין זייער שווער צו שילדערן מיינע איבערלעבונגען אף דער אויבערשטער באַנק, אָבער עס וועט זיין גענוג ווען איך וועל זאָגן אז איך האָב דאַרטן פארגעסן אפילו אָן מיין קאַפּיטאל, וואס איז מיר ביז דאַן אפילו אף א סעקונדע פון געדאַנק נישט ארויס...

איך בין אין דעם מאָמענט געווען שטארק ברוגז אף מיין טאַטן און אפילו נישט געענטפערט אף זיין פראגע: „נו, זונעניו, ווי פילסטו זיך! ?"

איין פארלאַנג האָב איך איצט געהאט — איך זאל ווערן א גרויסער און קענען גוט מכבד זיין דעם טאַטן מיטן בעזימל טאַקע אף דער אויבערשטער, העכסטער באַנק.

זעענדיק ווי דער טאַטע רוקט זיך נעענטער צו מיר און מורא האָבנדיק אז די שפּיל זאל זיך חלילה נישט איבערחזרן, האָב איך כלומרשט גענומען וויינען — איך וויל מען זאל מיך פירן אהיים. מיין טאַטע האָט מיר צוגעזאָגט אפן פּאַל נישט מער צו נעמען, האָב איך זיך באַרואיקט.

קענטיק אבער, אז מיטלען ווי צו דערגיין די יאָרן זענען דאָ אסך אויסער דער אויבערשטער באַנק...

מיין טאַטע האָט צעקלאַפּט אן איי און מיר אָנגעהויבן דערמיט צוואָגן די קאָפּ. איך ווינטש עס ניט דעם ערגסטן גוי, כאָטש עס ברענט נישט און עס טוט נישט וויי. מען פילט אבער אזא עקל ווען עס רינט איבערן בעקל, נאָז, אויגן א שטיקל ווייסל אָדער געלכל פון א רויער איי, נאָך ערגער איז געוואָרן ווען דער טאַטע האָט מיט זייף גענומען ארונטערוואשן דאָס איי פון קאָפּ. איך האָב דערפילט דעם זעלביקן טעם וואס איך פיל אלע ערב שבת ווען די מאמע צוואָגט

מיך לכבוד שבת. דער טאַטע האָט דאָס געמאַכט מעשה מאַנסביל, האַמעטנער אביסל אַזוי, אַז די זייף-מולענעס זענען אריין אין די אויגן און איך האָב געטאַנצט פון ביטערקייט.

די געברענטע צרות האָבן געדויערט ביז דער טאַטע האָט מיר דערלאַנגט אַ שעפל וואַסער, אָוועקגעזעצט מיך אַפן דיל און געזאָגט אַז איך קען זיך אַליין וואַשן וויפיל איך וויל.

נאָכדעם ווי ער האָט מיך איינגעאָרדנט, איז ער אַליין אוועק פראַוון דעם באָד-סדר.

קומענדיק צוריק אַן אָפּגעמאַטערטער האָט ער זיך געווענדעט צו מיר: זאָג, קדיש מיינער, צו רפואה. איך האָב עפּעס אַ מורמל געטאָן, ווייל מיין רוגז אַפן טאַטן איז נאָך נישט געווען פאַריבער. איך וואָלט זיך ערשט דאַן איבערגעבעטן ווען איך וואָלט אים געקענט אַזוי ריכטיק אָפּצימבלען מיטן בעזימל ווי ער האָט עס פאַרדינט...

איך האָב, זיצנדיק אַפן דיל, געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אײנג-לעך. איינער פון זיי האָט זיך באַרימט, אַז ער גייט איינער אַליין אַף דער העכסטער באַנק און לאָזט זיך בעזימען פון זיין טאַטן אַ לאַנגע צייט, אָט ווי אַלע גרויסע מענטשן, ער שרייט אַפילו „פּאַרע דאַווייטע“, אין מיינע אויגן איז ער אויסגעקומען איינס פון די ביי-דע: אָדער אַ גרויסער באַרימער, אָדער אַ פּרא אָדם.

איך האָב אין דעם גאַנצן ענין פון דער „אויבערשטער באַנק“ קיין שום בראַווקייט נישט איינגעזען.

ביני לבינו האָט דער טאַטע פאַרענדיקט זיין באָדן זיך און מיר זענען געגאַנגען זיך אָנטאָן. לעבן אַרויסגאַנג פון באָד אין דעם קאַלטן פאָדערצימער, האַרט באַ דער טיר האָב איך פּלוצלונג דערזען אַ בילד וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

אין ווינקל באָד איז געזעסן אַן אַלטינקער, אויסגעדאַרטער אידל מיט אַ פּנים פון אַ מת, אַפן קאָפּ קיין סימן נישט פון האָר, אַפן שפּי-ציקן, קרומען נאָז אַ פּאָר גרויסע ברילן.

ער איז געזעסן אַף אַ נידעריקן בענקל און „געשטעלט באַנקעס.“

בלוט, שטראָמען בלוט, זענען גערונען אַף זיינע הענט, אַפן דיל, אַף די נאַקעטע לייבער פון זיינע פאַרשוינען, עס האָט מיך אַרומגע-

כאַפּט אַן אימה, איך בין געבליבן שטיין ווי א פאַרגליווערטער און האָב צוגעזען די גאַנצע פּראָצעדור.

דער פאַרשווין זעצט זיך אויף א נידעריקן בענקל מיטן רוקן צום אלטיטשקן און יענער, מיט א גאָלמעסער דערלאַנגט א שניט דעם „קליענט" אפן אָרט, וואו די באַנקעס דאַרפן געשטעלט ווערן — אפן פאַטילניצע, אף די פּלייצעס; וויפיל באַנקעס אזוי פיל שניטן מיטן גאָלמעסער. ווי נאָר עס האָט זיך געוויזן בלוט, האָט ער צוגעשטעלט אפן אָפענעם וואונד א קיילעכדיקע לענגלעכע באַנקע פריער אָנ-וואַרעמענדיק די לופט אין איר, כדי עס זאָל זיך פעסט אָנקלאַמערן אָן לייב.

פון אָפענעם וואונד פלעגט זיך אָנצאַפּן בלוט אין דער באַנקע און דאָס האָט געהייסן א סגולה. א רפואה צו אַלע ווייטיקן.

איך בין פאַרציטערט געוואָרן פון דאָזיקן בילד. דער אלטיטש-קער האָט נישט נאָר דעם גאָלמעסער, די באַנקעס נישט געוואַשן, נאָר אפילו זיינע הענט וועלכע זענען געווען איינגאַנצן באַגאָסן מיט בלוט פון די פאַרשווינען.

ביז היינטיקן טאָג איז מיר נישט קלאָר דער ענין פון אזא באַר-באַריזם. וואו זענען געווען די קלוגע, די אינטעליגענץ, די פּאָליציי?

ווען מיין טאַטע האָט זיך געוואָלט זעצן אפן בענקל, כדי צו שטעלן געהאַקטע באַנקעס, האָב איך געמאַכט אזעלכע ווילדע קולות, אז ער איז, נעבעך, געווען גענויט זיך אָפּצוזאָגן פון דער „סגולה צו געזונט."

ער האָט דאָס מיר שפּעטער תמיד אויפגעוואָרפן און מיט גרינג-שעצונג מיך אָנגערופן — „פּיצעלע אינגעלע", כאָטש אין דער אמתן בין איך שוין געגאַנגען דעם ערשטן זמן אין חדר...

איך האָב פון דער באָד מיטגעבראַכט א פאַרקילונג: עס האָט מיך געוואָרפן פון היץ און געטרייסלט פון קעלט. אין אסך יאָרן ארום האָב איך פאַרשטאַנען אז דאָס פאָלקס ווערטל — „א נאַר פון באָד ארויס" מוז שטאַמען פון א ליץ, וועלכער האָט זיך צוגעקוקט צו אָט דער „בלוטפאַרגיסונג" נאָך וועלכער מען פלעגט ארומגיין מיט וואונדן א לענגערע צייט.

אכט־און־זעכציק

נאָכוואָרט:

די באָד.

לויט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען קומט אויס, אז אידן זענען געווען פון די ערשטע קולטורעלע פעלקער, וואָס האָבן איינגעפירט צוליב קערפער היגיענע — די באָד.

די שפּעטערדיקע קולטור פעלקער — גריכן, רוימער א. א. וו. האָבן די באָד ווי אזוינע אויך פאַראייניקט מיט רו, נאָך שפּעטער אפילו מיט ספּאָרט.

נאָכן שׂכל הישר קומט אויס, אז דער אָנהייבער, דער „אלף" זאָגער האָט געמוזט גיין שטופנווייז און דערגרייכן אין דעם ענין צו דער העכסטער מדרגה און תמיד זיין אפן וועג פון זאָגן דעם „תיו" געוועדעט אין איינקלאַנג, גייענדיק פוסטריט מיט די אלע נייעסטע טעכנישע דערגרייכונגען אף דעם געביט.

אפילו נעמענדיג אין אכט דעם דערנער-וועג וואָס דאָס אי-דישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט, האָט אמווייניקסטן די באָד געמוזט דינען ווי א סאַניטאַר-היגיענישער אַנשטאַלט אָפּצוהיטן דאָס געזונט.

אין דער אמת'ן האָט זיך באקומען א פאַרשאָלטענער היפּוך.

דער אַלטער דור וועט אייך באַשטעטיקן, אז אַזאַ אנטי-סאַ-ניטאַרער, אנטי-היגיענישער אנשטאַלט ווי א אידישע קהלשע באָד איז געווען אין די אידישע שטעט און שטעטלעך, איז זיך באַ היינ-טיקע צייטן שווער פאָרצושטעלן.

גראַד איז באַ אידן געוואָרן די באָד א מין „פּאָליטישער קלוב". אפשר אויך א רו-אָרט, אבער בשום אופן נישט א קוואַל פאַר פאָלקס-געזונטהייט און קערפּער-היגיענע.

ווער רעדט נאָך, אז מען זאָל צורעכענען די אטריבוטן פון אמאָליקער באָד ווי „אָדער לאָזן", „באַנקעס שטעלן" (און טאַקע „געהאַקטע"), „פּיאַווקעס צולייגן" א. אַ. וו., קען מען מיט רעכט זאָגן, אז די אמאָליקע אידישע באָד איז געווען א דירעקטער מקום סכנה און נישט ווייניק קברים זענען א פּועל יוצא פון דער קהל-שער באָד.

הכלל, אסך דורות האָבן געצאָלט א צו טייערע באָד-געלט...

7-טער קאַפּיטל.

דריי קינדער און אַלע ווערן מיר קראַנק.

אָפּשפּרעכערקעס, מכשפים, דאָקטוירים און טאָטערן. — ווערימקרויט און יאָדע — פּאָקן און מאָזלען.

מיר זענען דאָן געווען דריי קינדער. איך בין געווען א זעקס-יאָריקער אינגל; מיין שוועסטערל — 13 יאָר אלט, א זייער גע-ראָטן מיידל, און מיין קליין ברודערל, 3 יאָר אלט, זייער א שיין אינגעלע. זענען מיר אלע דריי אין איין טאָג קראנק געוואָרן.

מען קאָן זיך משער זיין, וואס ביי אונדז אין שטוב האָט זיך דאָן אָפּגעטאָן.

ווער מען איז ניט באקאנט די אידישע מאַמע פון די אמאָליקע יאָרן אין רוסלאנד, גאליציע און רומעניע, וועלכע האָט געהאט אין איר לעבן צען, צוועלף אָדער פערצן קינדער און איבערגעבליבן זענען נישט מער ווי צוויי, דריי אָדער פיר? דאָס געדענקט יעדער איינער. אבער ניט אלע האָבן דאָן געוואוסט, אז דער פּראָצענט שטערבלעכקייט איז געווען א רעזולטאַט פון אבערגלויבן און פאַ-נאַטיזם, די עקאָנאָמישע לאגע איז אויך געווען א וויכטיקער פאַק-טאָר און דער עיקר די דאמאָלסטדיקע סאניטארע אומשטענדן.

מען דאַרף זיך איצט מער וואונדערן אף דעם, וואס בא א מו-טער פון פערצן קינדער זענען איבערגעבליבן פיר, ווייל אסך מאַ-מעס פלעגן ברענגען אן אָפּשפּרעכערקע צו זייער קראַנקן קינד, ווען דאָס קינד איז שוין געווען אין א קריטישן צושטאַנד, און אפילו נאָכדעם ווי עס איז שוין באַהאַנדלט געוואָרן פון א דאָק-טאָר, פלעגט מען ערשט דאָן רופן א טאָטער, ער זאל אָפּשפּרעכן דעם קינד און געבן קוויטלעך.

דער טאָטער פלעגט אָנשרייבן עפּעס מיט רויטן טינט אויף

פּאַפּיר אין א שפּראַך וואס ער אליין האָט נישט פאַרשטאַנען און אַנאַנדערער אודאי נישט און די באַשריבענע קוויטלעך, וועלכע פלעגן דורכגיין דעם טאַטערס שמוציקע הענט, ערשט איינווייקן אין וואסער און דאָס געבן דעם קינד צו טרינקן א פּאָר מאָל אין טאָג, לויט די „דירעקטיוון" פון דעם „מכשף", דעם טאַטער.

ער פלעגט אויך געבן קמיעות צו טראָגן. ניט איינמאָל האָט געטראָפן, אז ווען א דאָקטאר פלעגט קומען און זיך דערוויסן פון דעם, פלעגט ער צעברעכן די כלי מיט די איינגעווייקטע קוויטלעך און מער ניט וועלן קומען צום קראנקן, נישט אכטנדיק אַף דעם, וואס ער האָט מאטעריעל דערפון געליטן. אזא פאַל, געדענק איך, האָט געטראָפן איינמאָל בא אונדז אין הויז.

איך וועל קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פארגעסן, ווי דאנקבאר איך פלעג זיין דעם טאַטער, ווען ער האָט אָפּט באם אָפּשפּרעכן א קילן בלאָז געטאָן אַף מיר, ווייל איך בין דאָך מן הסתם געלעגן מיט זייער הויכע טעמפּעראטור.

אָט אזא „מעדיצינישע הילף" פלעגן באקומען די מערסטע קינדער.

עס האָט זיך געווענדעט נאָך דעם גראד פאנאטיזם פון די עלטערן.

דער ערשטער פון די דריי קינדער בין איך קראנק געוואָרן. מען האָט מסתמא פריער גערופן אן אָפּשפּרעכערקע, א רופא, א טאַטער און דערנאָך ערשט א דאָקטאר.

הקיצור, מיין צושטאנד איז געקומען צו אזא שטופע, אז די דאָקטוירים האבן זיך שוין מיאש געווען פון מיר און אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען מיך צו ראטעווען פון טויט.

מיין מאמע פלעגט דערציילן, אז מען האָט מיך צוגעדעקט מיט א טלית און געוואַרט אויף דער לעצטער טרויעריקער מינוט.

דערווייל האָט מען זיך א נעם געטאָן ראטעווען די אנדערע צוויי קינדער, וועלכע זענען קראנק געוואָרן מיט א וואָך אָדער צוויי נאָך מיר.

דער סוף איז געווען אז איך האָב גובר געווען די קרענק; מיין קריזיס איז אריבער און איך האָב אָנגעהויבן קומען צו זיך און בין געזונט געוואָרן. אָבער די אנדערע צוויי קינדער זענען געשטאָרבן.

א סגולה איז אויך געווען געבן קינדער רעגלמעסיק „ווערים-קרויט" (אזא מין צוקערקע) און ענלעכע זאכן, כדי די ווערים זאָלן ארויס פון אָרגאניזם. דאָס ווייזט, ווי אומריין די שפייז און טרינק-וואסער זענען געווען. די מאַמעס ניט האָבנדיק קיין אנונג וועגן דעם, פלעגן שרייען און טענות האָבן צו גאָט, פאַרוואָס ער שטראָפט זיי אזוי.

האָט א קינד זיך צוגעקילט, אפילו ווען דאָס איז געווען אין א מילדער פאָרם און אין א ווארימען וועטער, האָט מען עס ארומגע-וויקלט מיט וואטע, כדי קיין לופט זאָל צו דעם קינדס האלדז נישט צוקומען.

עסן פלעגט מען דעם קינד דאַן געבן פון די רייכסטע שפייז: די בעסטע סמעטענע, די פעטסטע הינער-יויך, דעם בעסטן חלק פון דער הון. ברויט האָט מען דעם קינד אָנגעשמירט הויך מיט פוטער און אים געגעבן אלערליי פרוכט-נאַשערייען, וויפיל עס האָט נאָר פאַרלאַנגט.

מיט איין וואָרט, מען האָט דאָס קינד „געקעכלט", ווי די מא-מעס פלעגן זיך דאַן אויסדריקן.

האָט א קינד געקראָגן מאַזלען, פלעגט מען עס באהאלטן אין א טונקעלן צימער אף א וואָך, האָט א קינד באקומען דיפטעריע, און מען האָט עס דערשפּירט און פארכאַפּט אין דער צייט, פלעגט מען דעם קינד פירן צו א רופא, אז ער זאָל אויסשמירן דעם האלדז מיט יאָדע. דער רופא פלעגט אבער צייטנווייז שמירן דעם מויל, נישט דעם האלדז, ערשטנס האָט דאָס קינד זיך ניט געלאָזט שמירן; צווייטנס פלעגט דער רופא ניט וויסן ווי אזוי צו שמירן און ווי ווייט מען דאַרף גיין מיט דער „בארשט".

א באָד האָט דאָס קינד געהאט ערשט דאַן, ווען עס איז גע-וואָרן אלט גענוג צו גיין זומער צום טייך זיך באָדן. דאָס הייסט

אויב עס איז געווען א טייך אַרום שטעטל, טאָמער ניט, איז מען זיך באַגאַנגען ביז דאָס אינגל פלעגט שוין זיין בכוח צו גיין מיטן טאַטן אין באָד; אָבער מיידלעך מיט דער מאַמען זעלטענער, וואָרים ווען פלעגט א אידענע גיין אין באָד? סיידן זי האָט געדאַרפט גיין טבילה...

מען דאַרף גאָט דאַנקען דערפאַר וואָס קלוגע אידן האָבן אריינ- געשטעלט אין שולחן ערוך צווישן אנדערע גוטע דינים דעם דין פון טבילה...

אַזוי זענען קינדער געשטאָרבן מאַסנווייז און די מאַמעס פלעגן יאָמערן, זיך די אויגן אויסוויינען.

פאַר עגמת נפש פלעגן זיי אַלט און קראַנק ווערן פאַר דער צייט.

י. א. בענעקוויט

נאָכוואָרט:

דריי קינדער און אַלע ווערן מיר קראַנק.

נישט געקוקט אַף דעם גוטן, געזונטן קלימאַט וואס הערשט אין אוקריינע א גאַנץ יאָר און איבערהויפּט אין די זומער-חדשים ווען די לופט איז אָנגעפילט מיט געזונטע ריחות פון וועלדער, פעלדער און גראָזן מיט וואָס אוקריינע איז אזוי געבענטשט פון דער נאַטור, פלעגן דאָרטן אָפּט אויסברעכן עפּידעמיעס פון וועלכע די אידישע באַפעלקערונג, איבערהויפּט די יונגוואַרג, האָט זייער שטאַרק געליטן.

די אָפּגעשטאַנענקייט און אומבאַוואוסטזיניקייט פון די אי-דישע עלטערן האָבן געבראַכט דערצו, אז דער „טאָטער“, די „אָפּ-שפּרעכערקע“ און אנדערע היימישע „דאָקטוירים“ און „פּראָפּע-סאָרן“ זענען געוואָרן שותפים צו דעם מלאך המות פון זייערע יונגע, אומשולדיקע קינדערלעך...

יעצט איז מען איבערצייגט, אַז וואָס מער אַנטוויקלט אַ פאָלק, אָדער אַ לאַנד איז, אַלץ ווייניקער קומען פאָר קרענק-עפּידעמיעס.

8-טער קאַפּיטל.

מען באַגייט קעגן מיר צוויי עולות.

אַ לערער צוליב געשעפט. — אַ לופט־רייזע. — א שכן מיט לאָקשן פון טיטון. — לא תגנב מיט אן אייגענעם פירוש. — מיין טאַטע לערנט אן אנדער פשט. — איך בין אַ מארטירער און ווייס נישט וואָס דאָס מיינט...

אפן צוועלפטן יאָר פון מיין לעבן האָט מיין טאַטע געדונגען פאַר מיר א לערער — שלמה טשערקאַסקעס א זון — הענזל האָט מען אים גערופן. מיין לערער איז נאָך אליין געווען א שילער פון די לעצטע קלאַסן גימנאַזיע און דאָך האָט מיין טאַטע אים גע־צאָלט זייער גרויסע געלט פאַר דעם אוראָק*) וואָס ער פלעגט מיר געבן.

מיר איז אפילו געווען א חדוש פאַרוואָס מיין טאַטע האָט פּלוצלונג גענומען אף זיך אזא גרויסע לאַסט, אבער שפּעטער האָב איך באַקומען צו ווייסן, אז דאָס האָט געהאַט א געשעפטלעכן הינ־טערגרונט — צוליב אן עסק וואָס מיין טאַטע האָט געהאַט מיט שלמה טשערקאַסקי. איך בין געווען זייער צופרידן וואָס איך האָב געהאַט א לערער מיט א צאַצקע אפן היטל, מעשענע קנעפּלעך, עס האָט מיך אימפּאָנירט און נישט איבערגלאָזן קיין אָרט פאַר פראַגן.

אין א געוויסן מאָנטיק (אפנים, אז מאָנטיק מוז טאַקע זיין א פאַרשאָלטענער טאָג און מען דאַרף אין דעם טאָג זיין זייער פאָר־זיכטיק...) א זייגער צוועלף באַטאָג איז מיין טאַטע אומגעריכטער־

---

*) לעקציע.

הייט געקומען פון קלייט זען ווי איך גרייט צו מיינע אויפגאבן איידער דער לערער קומט מיר געבן דעם אוראָק.

זיכער האָט ער זיך געגרייט מיך צו געפינען מיט א פאר-קנייטשטן שטערן באַ א שווערע „זאדאטשע"*), אָדער אמוויי-ניקסטנס אומגייענדיק איבערן שטוב און האלטן אין איין זוב-רעוון**) קרילאָווס א באסניע***) אָדער וואס שוין גאָר א בזיון צו זאָגן — איבערשרייבן וואס פון בוך.

שטעלט זיך אבער ארויס, אז איך האָב די אַלע הויכע ענינים אַף אַווײַלע אָפּגעלייגט אָן א זייט און איך האָב זיך גאָר געהוידיעט אַף א הוידעלקע.

מיין טאַטע, נישט רײדנדיק קיין וואָרט, נישט פרעגנדיק אפילו צי איך האָב מיינע אויפגאבן אפשר שוין פארטיק געמאכט, א. ד. ג., איז צוגעלאָפן צו מיר מיט א רציחה, וואס איז לחלוטין פרעמד געווען זיין גוטמוטיקן כאראקטער, אָנגענומען מיך מיט זיינעביידע הענט פאר מיינע ביידע אויערן, אויפגעהויבן הויך אינדערלופטן און געלאָזט מיך פאַלן אַף דער ערד.

פאַלנדיק האָב איך שטארק צעשלאָגן און צעשניטן אָן שטיינדל-לעך דעם אָרט וואָס מען קען אליין נישט זען און נישט איבעריק באקוועם צו ווייזן אן אנדערן...

איך האָב זייער געליטן פון ווייטיק און פון שרעק, געוויינט, געשריען, געהאַלטן זיך פארן „אָרט" און מיין טאַטע האָט מיט בושה געמוזט לויפן אין אפטייק, קויפן א זאַלב, שמירן, באנדא-זשירן און בכלל זיך אינטערעסירן מיט דעם וואָס ער האָט דאָ אָפּ-געטאָן.

די ערשטע כפרה איז יענעם טאָג געווען דער אוראָק. איך האָב שוין געהאט רעכט דעם אוראָק נישט צו נעמען. דער ווייטיק איז ביסלעכווייז פארביי, אבער א לענגערע צייט האב איך זיך זייער

---

*) אריפמעטישע אויפגאבע.

**) לערנען אַף אויסווייניק.

***) א פאבל.

שלעכט געפילט צוליב דער חרפּה וועלכע האָט דערגרייכט דעם שאַרפסטן פּונקט דאַן, ווען מיינע אַ נאָענט-באַקאַנטע מיידל און שפּעטער מיין ערשטע געליבטע פּלעגט מיך פרעגן: פאַרוואָס האַלט איך אין איין שטיין און זעץ זיך נישט לעבן׳איר...

ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך עטלעכע מאָל גע-פּרואווט פאַרהאַלטן מיין פאָטער ווענן אָט דער דערמאָנטער פּאַ-סירונג. איך האָב זיך געוואָלט דערגרונטעווען צו דער סיבה פון אַזאַ רציחה, ווייל מיין פאַרברעכן האָט אפילו פאַר דעם באַגריף פון יענער צייט נישט געטאָרט אַרויסרופן אַזאַ האַרבע שטראָף, אַזאַ פּלוצימדיקע, אָן פריער זיך צו דערוויסן אויב איך פאַרדין בכלל אַ שטראָף.

ער פלעגט זיך תמיד אין אַזאַ פאַל אַרויסדרייען פון אַ דירעקטן ענטפער און ווי פאַרשעמט צוגעבן די ווערטער: נו, גיי שוין, גיי! זיך דערמאָנט...

די עולה נומער צוויי איז געווען אַסך גרויזאַמער:

באַ אונדז אין הויז האָט געלעבט אַ שכן, אַן עלטערער מענטש, אַ פּשוטער חי וקים.

בנוגע צו אים איז נישט געווען גילטיק דער כלל וואָס איז אָנגענומען באַ דער וועלט, אַז אַ שכן ווערט אין הויז ווי אַן איי-גענער מענטש.

ער האָט באַ אונדז קיין שום אָרט נישט פאַרנומען. דער טאַטע, ווי שוין געזאָגט, אַ איד אַ יודע ספר, האָט ניט געפונען קיין געמיינזאַ-מען לשון מיט אים. פאַר מיר איז ער געווען צו אַלט און אויב איך האָב אים באַמערקט, איז עס נאָר צוליב זיין רויכערן—ממש אָנצינדן איין פּאַפּיראָס אָן צווייטן. זיינע פּאַפּיראָסן זענען געווען גע-שטאָפּט פון שענסטן טיטון*) געשניטן ווי לאַנגע, דינינקע לאָקשן.

דערציילט האָט מען, אַז אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען אַ טיטון-שניידער אויף דער טאַבאַק-פאַבריק. אויף דער עלטער האָט

*) טאַבאַק.

ער זיך דערדינט צו ווערן אַן אויפזעער איבער די מיידלעך, וואָס קלעפּן די באַנדעראָלן*) אויף די טיטון-שאַכטלעך.

מען האָט גערעדט וועגן אים ווי וועגן אַ מזיק אַריבערצופּעק-לען פון פאַבריק אין טאַבאַק-קראָם שיינע עטלעכע הונדערטער פונטן טאַבאַק אָן באַנדעראָלן און דער „אַקציזנער סמאָטריטעל״**) וואָס פלעגט דערביי שטיין האָט גאָרנישט געזען אָדער... זיך געמאַכט נישט זעענדיק...

דער דאָזיקער שכן האָט געהאַלטן פאַר אַ באַזונדערן כבוד צו טראַקטירן דעם טאַטן מיט אַביסל טאַבאַק, הגם ער איז נישט גע-ווען קיין שטאַרקער רויכערער (ווען ניט ווען אין די אָוונטן און ימים-טובים).

צוליב דעם האָב איך געוואוסט וואו דעם שכנס טאַבאַק ליגט.

בא אונדז אין שטוב האָט זיך אין יענער צייט אויפגעהאַלטן דער מאַמעס אַ ברודערל, אַ יתום פון אַ יאָר צוועלף-דרייצן. מיר האָבן זיך גוט פאַרטראָגן צווישן זיך, כאָטש איך בין געווען אינגער פאַר אים מיט אַ יאָר דריי-פיר; איך האָב צוליב אונדזערע חברישע באַציאונגען אים ניט גערופן פעטער, נאָר באַם ערשטן נאָמען — דן.

דן איז געווען אַן ערנסטער בר-מצוה אינגל. האָט פלייסיק געלערנט אין חדר, גערדינט בא די מלמדים ווי אַ מוסטער, תמיד גע-וואוסט וואָס ער האָט געלערנט; אין די אינגלשע שפּילן קיינמאָל קיין אָנטייל נישט גענומען, קיין אנונג נישט געהאַט וועגן די כללים פון באַל-שפּיל, גריבלעך, זיבן הימלען וכדומה — אַ וואויל לערנער.

איך האָב געקוקט אויף אים מיט אַ געוויסן בטול — אַ מענטש וואָס ווייס פון גאָרנישט.... אָבער אַז ער האָט מיך גענומען לערנען שווימען, האָב איך געפילט אַז ער שטייט העכער פון מיר...

איינמאָל האָט ער מיך — פאַרן גיין באָדן זיך, געבעטן איך

---

*) רעוועניו סטעמפּס.

**) רעגירונגס-אויפזעער.

זאָל אריינגיין צום שכן און דאָרטן נעמען אביסל טאַבאַק מיט פּאַ-פּיראָסן-פּאַפּיר.

אפנים אז איך האב דאָס נישט באַטראַכט ווי א פאַרברעכן, ווייל דער שכן האָט דאָך אסך טאַבאַק.

מן הסתם האָב איך גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם ענין — פאַרברעכן. — איך האָב אין דעם אויגנבליק געטראַכט בלויז איין זאַך: ברענג איך אים ניט ארויס קיין טאַבאַק, גייט ער מיט מיר זיך נישט באָדן, דאָס הייסט — ער לערנט מיך נישט שווימען און אָט דער „נישט לערנען מיך שווימען" איז בא מיר דאַן טייערער געווען ווי אפילו מיט א פּאָר יאָר שפּעטער דער „לא תגנב"...

איך האָב זיך אפילו ניט פאַרטראַכט, דרייסט בין איך אריין צום שכן אין אלקער, געעפנט די שאפע וואו דער טאַבאַק איז גע-לעגן אין א הילצערנער קעסטעלע. מיט מיין מעסערל האָב איך אויפגעהויבן דאָס דעקל, וואָס איז געווען צוגענאָגלט מיט א נע-געלע, אָנגענומען א הויפן מיט טאַבאַק און עס אונטערגעטראָגן מיין מאַמעס ברודער.

צופרידענערהייט זענען מיר ביידע אַוועק צום טייך זיך באָדן.

מיר האָט שטאַרק הנאה געטאָן צו זען ווי מיין פעטער איז אזוי פרייגיביק, טראַקטירט אלע אינגלעך מיט פּאַפּיראָסן. דאָס מאָל האָבן מיר זייער לאַנג פאַרבראַכט באַם טייך, ווייל די לעקציע האָט געדויערט לענגער און אסך מאָל זיך איבערגעחזרט...

אהיים זענען מיר געקומען שפּעטלעך. אריינקומענדיק אין שטוב, האָב איך באַמערקט אן אומגעוויינלעכע מרה שחורה אויף מיין טאַטנס פּנים. איך האָב געמאַכט א פאַרזוך ליבלעך צו זיין, אבער עס איז נישט געגאַנגען.

געוויינלעך פלעגט מען מיר יעדן אָוונט עפּעס מיטברענגען פון מאַרק א נאַשעריי, אן אפּעלסין אָדער א פּאַרקע*) און מען פלעגט דאָס מיר גלייך געבן, ווייל איך בין דאַן געווען א בן יחיד. אָבער

*) א לענגלעכע ווייסע חלה.

יענער אָוונט איז געווען אַן אויסנאַם. ווי איך בין נאָר אַריינגע-קומען, האָט זיך מיין טאַטע געווענדעט צו מיר און מיט אַ ברוגז'ער מינע געזאָגט:

— „תכשיטל, זעץ זיך עסן וועטשערע!"

איך כאַפּ זיך אַריין אין קיך, הער איך ווי דאָס דינסטמיידל דערציילט מיין פעטער, אַז דער שכן האָט זיך געקלאָגט פאַר מיינע עלטערן, אַז מען האָט באַ אים גענגבעט טאַבאַק, און אַז דאָס איז ניט געווען קיין אַנדערער ווי איך, ווייל אין איילעניש האָב איך איבערגעלאָזט מיין מעסערל באַם טאַבאַק קעסטל.

דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל דאָ גלאַט ניט אָפּ-שניידן, כאָטש איך האָב זיך געקענט מיין גורל פאַרלייכטערן, ווען איך דערצייל דעם אמת, אַז דן האָט מיך געבעטן צו נעמען אַביסל טאַבאַק פאַר אים, און ווען איך שווער, אַז איך רויכער נישט, דאָך האָב איך באַשלאָסן צו נעמען אויף זיך די גאַנצע שולד.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען מיר ביידע, דן און איך, צוגעקומען צום טיש און זיך געזעצט עסן.

אין מיין פעטער, האָט מען גיכער געקענט דערקענען אַ שול-דיקן ווי אין מיר.

מיט אַמאָל פרעגט מיך דער טאַטע, צי איך האָב גענגבעט טאַ-באַק באַם שכן.

ווי קליין איך בין דאַן געווען, איז מיר דאָס וואָרט גענגבעט נישט געפעלן געוואָרן.

האָב איך געענטפערט מיט ווירדע, אַז איך האָב נישט גע-גנבעט, נאָר איך האָב גענומען אַביסל טאַבאַק פאַר די גרעסערע אינגלעך.

אויף זיין פראַגע, צי איך האָב דעם טאַבאַק געגעבן דן'ען, צי האָט ער מיך דאָס צוגערעדט צו נ ע מ ע ן (שוין ניט גנבענען) דעם טאַבאַק, האָב איך געענטפערט מיט אַן אַנטשיידענעם „ניין".

מער האָט ער קיין פראַגעס ניט געשטעלט.

איך האָב שוין אָנגעהויבן גלויבן, אַז די סכנה איז אַריבער און איך לאָז זיך אַרויסגיין, זאָגט צו מיר דער טאַטע:

אבציק

— אייל זיך נישט תכשיטל מיינער, ווארט א ווײַלע. מען נעמט מיך אונטער די אָרעמס און מען פירט מיך אַריין אין דער מאַמעס אַלקער. מען לאָזט מיר אראָפּ די הייזקעלעך, די מאַמע נעמט מיך אָן פאר די פיסלעך און דער טאַטע ציט ארויס א בינטל באַהאַל-טענע ריטער און הויבט מיך אָן שמייסן אומברחמנותדיק.

איך האָב מיט מיינע קליינע הענטלעך בלויז האלב באַשיצט א געוויסן פליישיקן פלאַץ, דערפאר זענען מיינע הענטלעך נעבעך אָפּגעקומען, און דער טאַטע האָט דערביי ברוגזלעך געזאָגט: נישקשה, נישקשה, האַלט די הענטלעך, זאָלן די הענטלעך טאַקע וויסן, אַז מען טאָר נישט נעמען קיין פרעמדס.

איך האָב זיך שטארק געוואָרפן, יאָמערלעך געוויינט און גע-שריען, ביז מען האָט מיך אָפּגעלאָזט און אריינגעוואָרפן אין דער מאַמעס בעט.

איך בין געלעגן א היפּשע ווײַלע, און הגם עס האָט מיך שטארק וויי געטאָן, האָב איך זיך געטרייסט דערמיט וואס אַלץ איז שוין פאַרביי.

איך האָב שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַריבערגיין אַף מיין געלעגער, וואס איז געווען צוזאַמען מיט מיין פעטער דן, און דער-ביי האָב איך געטראַכט בא זיך, ווי גרויסמוטיק איך וועל זיך פילן, וואָס איך האָב גאָרנישט אויסגעזאָגט.

פּלוצלונג האָב איך דערהערט, ווי דער טאַטע און די מאַמע זענען ווידער אריינגעקומען אין אַלקער, איך האָב זיך געמאַכט שלאָפנדיק.

אָבער ס׳האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן.

מען האָט מיך ארויסגענומען פון בעט און די חתונה האָט זיך ווידערהאָלט אויף דאָס ניי. מען האָט מיך געשמיסן נאָכאַמאָל, מיט מער פרישקייט.

דעם צווייטן מאָל האָבן די שמיץ טאָפּלט וויי געטאָן, נאָר מיינע געשרייען זענען געווען שוואַכער.

מיין פאַרביטערטקייט און מיין פאַרדרוס איבער דער שרעק-לעכער עולה וואס מיינע עלטערן זענען קעגן מיר באַגאַנגען, האָט

זיך אויסגעדריקט אין א שטילן, פֿארביסענעם געדאנק: „אך, ווען איך וועל עלטער ווערן, וועל איך זיך אָן זיי נוקם זיין!“...

דער שכן האָט דערנאָך מיין טאטן געזאָגט: — ר' אברהם-שלמה, ווען איך זאל געוואוסט ווייסן, אז איר וועט אייער בן יחיד אזוי באשטראָפן, וואָלט איך אייך ניט געוועז דערציילט.

— באשר איר ווייסט ניט די עברה פון גנבענען — האָט מיין טאטע מיט פארדרוס אים געענטפערט, — סטייטש, גנבענען?! —

מיין פעטער דן איז פאר א לאנגער צייט געווען צו מיר אן איבערגעבענער קנעכט, און איך האב זיך געהאלטן פאר א מאר-טירער, כאָטש איך האָב נאָך דאן ניט פארשטאנען וואס דאָס איז אזוינס.

———:———

נאָכוואָרט:

מען באַגייט קעגן מיר צוויי עולות.

די פּסיכאָ־אַנאַליטישע וויסנשאַפט לערנט אונדז, אַז קינדער שאַצן אָפּ סיטואַציעס אַסך טיפער און ברייטער ווי דאָס טוען דער־וואַקסענע.

קינדער האָבן זעלטן אַ טעות אין זייערע אָפּשאַצונגען.

אויף אַזאַ אופן זעען קינדער פאַרויס ווען עלטערן וועלן זיי באַ־שטראָפן פאַר דעם אָדער יענעם חטא און ווען נישט.

קינדער קענען אָבער נישט פאַרשטיין איין זאַך און זייער אַ וויכטיקע — די אומשטענדן.

איז דען אַ קינד בכח צו פאַרשטיין דעם טאַטנס שטימונג בעת יענעם האָט פאַרשאַט דער שבת׳דיקער טשאָלנט, אָדער ווען דער מאַמען פעלט אוים געלט אויף שבת—כדי זיך דערמיט צו רעכענען און זיין דעריבער „גוט און פרום״.

אפילו, ווען באַ דער קעכן איז עפּעס נישט געראָטן: צובראָכן אַ כלי, א. אַ. וו. — טאַר שוין — על פּי לאָגיק — דאָס קינד דאַן נישט זיין צודרענגלעך מיט עפּעס, כדי נישט אַרויסצורופן אַן אומצופרידנ־קייט באַ „די גרויסע״ וואָס וועט אויסגיין צו אים פאַר פרעמדע פעלערן...

קען דען אַ קינד זיך דערגרונטעווען צו דעם, אַז דער פאַקט וואָס דער זיידע באַציט זיך היינט צו אים, זיין אייניקל, אַזוי קאַלט, איז נישט געווענדט אין אים אליין, נאָר ערגעץ אין בית המדרש וואו מען האָט היינט דעם זיידן פאַרזען מיט אַן עליה...

אָט די אַלע פאַרשיידענע אומשטענדן, וועלכע זיינען פאַרן קינד נישט צוגענגליך, ברענגען אים אָפּט צו אַ טעות און דערפון איז נישט ווייט די אַנטווישונג און אין דער אמתן איז עס אַ פּרוכט פון אומשטענדן. עס נעמען אָפּט אַסך יאָרן ביז דאָס קינד דערוויסט זיך די אמתע סיבה פון דעם אָדער יענעם אומפאַרשטענדלעכן האַנד־לען לגבי אים און ביז דאַן איז ער זיכער, אַז קעגן אים איז באַ־גאַנגען געוואָרן אַן עולה, אַ פאַרברעכן...

דרוי־און־אַכציק

9-טער קאַפּיטל.

צוליב מיר פּאַטשן זיך צוויי סעדעכעס*)

זאַבאַבאָנעס און גלויבן אין „פּאָטשאַטאָק**). — קללות און ברכות אין איין מויל. — א טעות וואָס ברענגט כבוד. — עס פליען פּעטש און איך בלייב אָן פּוטער.

אין די ברייטע קרייזן פון די קליינהענדלער זענען פארשפּרייט פאַרשיידענע אבערגלויבענישן און זאַבאָבאָנעס. נישט קיין קליינעם אָרט פארנעמט צווישן זיי דאָס גלויבן אין א „גוטער האנט", גוטן אָנהויב אָדער ווי די סעדעכעס האָבן עס גערופן — „פּאָטשאַטאָק". יעדער קרעמער אין זיין קראָם, יעדע סעדעכע באַ איר טישל סחורה, האָבן ארויסגעקוקט זייערע אויגן אפן ערשטן קונה, וועלכער האָט געזאָלט באַשטימען דעם גורל פון זייער טאָג-פּדיון מיט זיין „גוטער" אָדער חלילה נישט גוטער האנט...

די סעדעכעס זענען געווען מער ווי זיכער, אַז איך בין א מזלדיקער פּאָטשאַטאָק און צוליב דעם האָט מען זיך איבער מיר גערישן און איינמאָל איז אפילו געקומען צו א געשלעג. פּעטש זענען געפלויגן, מען האָט זיך געריסן פאר די האָר, געזידלט, געשאָלטן...

געקומען צו דעם איז אָט ווי אזוי:

ווען מיינע עלטערן האָבן אויפגעגעבן דעם שענק און געעפנט א קלייט פון מעל אפן מארק, פלעגט די מאמע מוזן שטיין אין מעלקלייט גלייך מיטן טאַטן. צוליב דעם איז בּיסלעכווייז פארנאַכלעסיקט געוואָרן די הויזווירטשאפט.

ווען די מאמע איז נאָך געווען א הויזווירטין, האָבן מיר באַ-

---

*) מאַרקזיצערקעס, מארקהענדלערקעס.
**) אָנהויב, די ערשטע האַנט, ערשטע לייזונג, פּדיון.

אַרבעט דעם גרויסן גאָרטן פון אונדזער הויז און באַקומען אַלץ וואָס א גאָרטן קען געבן, אַפילו געזייערטע קאָווענעס פלעגן מיר שטעלן פון אייגענעם גאָרטן און נישט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר קרובים און אַפילו באַקאַנטע. דער שטובקעלער איז געווען פול מיט כלערליי גרינס: קרויט, מערן, קאַרטאָפל, רעטאַך, בוריקעס, אוגערקעס, קאַווענעס און אַנדערע גאָרטנגרינס.

מיר האָבן אויך געהאַט א מעלקעדיקע קו מיט א טעלעצע, עט־לעכע עופות, אַפילו א פּאָר גענדז.

איך געדענק נאָך ווי איצט די גרויסע קריגלעך מיט מילך וואָס מען פלעגט אוועקשטעלן אין קעלער, כדי עס זאָל ווערן סמעטענע און אונדזער דינסט פלעגט זיך באַ מיר בעטן, אַז איך זאָל איר העלפן אויסשלאָגן פון דער סמעטענע פּוטער.

קורץ, מיר האָבן געהאַט א „פולע" שטוב.

אָבער אַזוי ווי מיין מוטער איז געווען פאַרנומען אין קלייט און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אַכטונג געבן, האָט מען ניט נאָר פאַרלאָזן דעם גאָרטן, נאָר די בהמה אויך.

דער סוף איז געווען, אַז מיר זענען געבליבן אָן אייגענע מילך און אָן פּוטער.

איך בין דאַן געווען א חדר־אינגל, צען יאָר אַלט. מיין חדר איז געווען אויף דער בערדיטשעווער גאַס, ווייט פון אונדז, פלעגט די מאַמע מיר איבערלאָזן עטלעכע גראָשן יעדן טאָג, אַז איך זאָל זיך קויפן פאַר צוויי גראָשן פּוטער צום ברויט.

מיר פלעגט אויסקומען צו גיין אין חדר דורכן מאַרק, פלעג איך אָפט קויפן דאָרטן פּוטער באַ א מאַרק־זיצערקע. אַז מיר פלעגט זיך ווילן זען דעם טאַטן, די מאַמען, אָדער באַקומען נאָך א פּאָר גראָשן איידער איך גיי אין חדר, האָב איך געמוזט אויפשטיין פרי, און אָפט איז מיר אויסגעקומען צו זיין דער ערשטער קונה, דער „פּאָטשאַטאָק" באַ דער פאַרקויפערקע.

איין מאָל, צוויי מאָל און איך האָב באַמערקט, אַז ווען איך קום גאַנץ פרי קויפן פּוטער, גיט מיר די אידענע כמעט צוויי מאָל אַזויפיל. אַזוי ווי איך האָב ניט ליב געהאַט קיין סך פּוטער, פלעג

איך דארפן א טייל דערפון ארויסוואַרפן. סיידן אימיצער פון די אַנדערע אינגלעך אין חדר האָט עס בא מיר גענומען. קיין רביצן וועמען אוועקצוגעבן, האָבן מיר נישט געהאַט.

איינמאָל האָט מיין מאַמע דערזען וויפיל פּוטער איך האָב, האָט זי זיך פאַרוואונדערט און געפרעגט, פאַר וויפיל געלט איך האָב געקויפט. האָב איך איר געזאָגט אַז פאַר צוויי גראָשן. זי האָט אַף קיין פאַל נישט געקענט גלויבן, אַז דאָס איז פאַר צוויי גראָשן און האָט באַשלאָסן צו גיין זען בא וועמען איך קריג אַזא מציאה.

געזאָגט האָט זי מיר גאָרנישט, אבער אין איר פאַרוואונדערונג האָב איך באמערקט, אַז זי איז מיך אין עפּעס חושד.

אין א שיינעם פרימאָרגן, ווען איך בין געקומען אויסקליאַנטשן נאָך א פּאָר גראָשן באַם טאַטן, האָט די מאַמע ווידער באמערקט די גרויסע פּאָרציע פּוטער און איז נאָכמער פאַרוואונדערט גע-וואָרן.

זי האָט מיר געהייסן זיך פירן צו דער פרוי, בא וועמען איך קויף די פּוטער.

אַ צופרידענער, מיט גדלות, בין איך געגאַנגען מיט איר. כ'האָב געוואוסט, אַז די פרוי בא וועמען איך פלעג קויפן די פּוטער, האָט מיך ליב געהאַט, וואָרים גלייך ווי זי פלעגט מיך נאָר דערזען אינ-דערפרי, פלעגט זי מיר די ערשטע אָפּגעבן דעם „גוט מאָרגן" און מיט צערטלעכקייט פרעגן: „וואָס קויפט א אינגעלע? נאָר פּו-טער? אפשר א קיכעלע אויך? א געזונט אין דיר אינגעלע".

איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט אויך איצט זאָגן א גוט וואָרט וועגן מיר.

צוקומענדיק צום מאַרק-פּלאַץ, האָב איך אָנגעוויזן דער מאַמען אַף דער אידענע, וועלכע איז געווען זייער פאַרנומען. אבער ווי זי האָט מיך נאָר דערזען, האָט זי זיך גלייך געווענדעט צו מיר און גע-זאָגט: „וואַרט, טייערינקער אינגעלע, איך וועל דיר באַלד געבן וואָס דו ווילסט".

איך האָב איר געענטפערט, ווי דער אמת איז געווען, אַז איך

דאַרף גאָרנישט קויפן, נאָר מיין מאמע וויל זי זען. איך האָב אפילו נישט געוואוסט צוליב וואס.

דערהערנדיק, אז דאס איז מיין מאמע, האָט זי זיך געוווּנדערט צו איר אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע קונים און געזאָגט:

„איר וואונדערט זיך אודאי, ליבע פרוי, פאַרוואס איך גיב אים אַזויפיל פוטער פאַר צוויי גראָשן? נישקשה, זאָל ער עסן געזונטערהייט, זאָל דאָס אים וואויל באַקומען. איך לייג צו אים נישט צו. גאָט האָט אים געבענטשט מיט א גוטער האַנט, וועט ער אים בענטשן מיט אנדערע גוטע מעלות אויך. געבענטשט איז די מאמע וואָס האָט דערצויגן אַזאַ קדיש. די ברכות וואס איך אַליין גיב אים, און מסתמא אַלע וועלכע ווייסן וואס פאַר א גאָלדענע האַנט ער האָט, וועלן זיכער מקוים ווערן. די ווייבער אַרום מיר ווערן דאָך צופּיקעט, די גאַל פּלאַצט אין זיי, די אויגן קריכן באַ זיי אַרויס, די סליִנע גייט זיי איבערן מויל, עס גייט זיי ניט איין זייער לעבן, זיי גייען אויס פון די כוחות, הלואי, רבונו של עולם, זאָל דאָס טאַקע אַזוי זיין!"...

איך האָב זיך ווי דערשראָקן פאַר אירע ווערטער, הגם איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואס זי מיינט און ניט געוואוסט וואס דאס באַטייט. ווען ניט מיין מאַמעס מילדער, פריילעכער קוק אויף מיר, וואָלט איך געמיינט גאָט וויים וואס.

דעם טאָג — האָט די מאַרק-זיצערקע ווייטער גערעדט — וואס אייער טייער אינגעלע קומט אינדערפרי און גיט מיר צו לייזן אויף א „פּאַטשאַטאָק", האָב איך גאָט צו דאנקן, א גוטן טאָג. אַזוי זאָל מיר גאָט צושיקן ברכה והצלחה, א געזונט אין מיינע ביינער, א קינד צו מיין עלטסטער טאָכטער, א זיווג צו מיין מיזינקע און א צופּיקעניש צו מיינע שכנים, ווי איך זאָג דעם אמת. זאָל ער נאָר קומען צו מיר יעדן פרימאָרגן, איידער איך האָב א פּאַטשאַטאָק. גאָט זאָל אייך בענטשן, אז איר זאָלט פון אים נחת האָבן.

פּלוצלונג האָט זי געביטן איר „מענה לשון" און גענומען איינריידן מיין מאמען, זי זאָל איר עפּעס געבן צו לייזן.

— „נו, ליבינקע פרוי, איר דאַרפט גאָרנישט? איך וועל אייך

פארקויפן זייער וואָלוול פוטער, קעז, מאסלינקע, געבעקס, בייגל און אייער־קיכלעך".

אַלע דערביישטייענדיקע ווייבער האָבן אָנגעשטעלט זייערע אויגן אף מיר. איך האב אַלץ ניט געוואוסט וועגן וואס עס האנדלט זיך און האָב זיך פארשעמט.

— זעט נאָר, מאמעלעך מיינע, — האָט די מארק זיצערקע אויסגעשריען — זעט נאָר ווי ער האָט זיך דאָס פארשעמט? א שאנדע זאָל זיין מיין שכנה פון דער רעכטער זייט מיט איר טאָכטער, די חצופה, וואס שלעפט זיך ארום מיט מענער. ווער ווייס, וויפיל קליינע קינדער עס זענען געשטארבן פאר אירע חטאים... אָדער מיין שכנה פון דער לינקער זייט, ווען דער מאן האָט פארלאָזן פאר אירע שיינע מעשים. הלואי, רבונו של עולם, זאָל זי בלייבן אן עגונה אף איר גאנצן לעבן!"...

ווער ווייסט ווי לאנג זי וואלט אזוי געטענהט און זיך אויסגערעדט דאָס הארץ, ווען די קונים וואלטן ניט פארלאָרן די געדולד.

— וואָס זשע, איר פארקויפט היינט גאָר ניט צוליב דעם „פּאָטשאטאָק?".

די מארק זיצערקעס פון ביידע זייטן האָבן דאָס געהערט נאָר געמאכט זיך ניט הערנדיק, כאָטש זיי האָבן קיין קונים נישט געהאט; דערביי האָבן זיי זיך גוט איינגעקוקט אין מיר. איך האָב זיך געפילט זייער אומבאקוועם און געבעטן די מאמען מיר זאָלן גיין. די מאמע האָט מיר א קוש געטאָן און געזאָגט: „גיי, מיין קינד, גיי!"

די סעדעבע האָט מיר נאָכגעשריען: „עס געזונטערהייט!"

איך בין אוועק און די מאמע איז נאָך געבליבן שטיין צוליב עפּעס קויפן אָדער צוליב נאָך עפּעס הערן.

יענעם אָוונט האָט מיך מיין פאָטער באזונדערס געצערטלט: „קינד מיינס, די מאמע האָט מיר דערציילט וואס די פרוי פון מארק האָט וועגן דיר געזאָגט, אז דו האָסט א גוטע האנט. איך גלויב נישט אין אזעלכע זאכן, כאָטש עס איז מעגלעך, אז ווען א קונה באצאָלט מיט א גוט הארץ, דאָס הייסט מיט א גוטן ווילן און א גוטן וואונטש,

קאָן דאָס אפשר האָבן א ווירקונג צום גוטן. אַלץ איז מעגלעך. אסך זאַכן וואָס קומען אונדז אויס אומעגלעך, קענען זיין מעגלעך. איך האָף, אַז דו וועסט אויסוואַקסן א מענטש, מיט וועמען איך וועל קענעןריידן וועגן אַזעלכע און נאָך טיפערע ענינים."

אַף מאָרגן און עטלעכע טעג שפּעטער, בין איך אין מאַרק נישט געגאַנגען. איך בין בעסער אויסגעקומען אָן פּוטער, איידער צו זען די אידענע, וועלכע האָט געוואונטשן אַלדאָס בייז אירע מיטזיצערקעס.

פון אירע גרויסע פּאַרציעס פּוטער פאַר מיינע צוויי גראָשן בין איך ניט נתפּעל געוואָרן. ערשטנס, ווי שוין געזאָגט, האָב איך נישט ליב געהאַט קיין סך פּוטער; צווייטנס, בין איך נישט געווען איבעריק צופרידן פון דער ריינקייט ארום איר טיש און ארום דעם אָרט, וואו די פּוטער איז געשטאַנען, פון די פליגן ארום איר טיש.

דערפאַר האָב איך זיך ניט שטאַרק געלאָזט בעטן, ווען א סעדעכע, וואָס איז געזעסן מיט א טיש פריער, איז פאַרלאָפן דעם וועג און מיר גענומען איינריידן, אַז איך זאָל בא איר אָנהויבן קויפן פּוטער.

געטענהט האָט זי, אַז איר פּוטער איז פרישער, געשמאַקער און אסך ריינער.

דערהערט דאָס וואָרט ריינער, האָב איך זיך געלאָזט איבערריידן; אָבער נאָך איידער איך האָב באַוויזן זיך צו איבערצייגן אין דעם אמת פון אירע רייד, איז די אַלטע פאַרקויפערקע מיינע געשטאַנען לעבן מיר און גערעדט, אריינפלעכטנדיק אין די רייד א היפּשן פּעקל קללות:

— וואָס האָט דיר די מרשעת צוגעזאָגט צו געבן? אַז געבן זאָל איר שוין גאָט אַלדאָס בייז; זי וועט ניט האַלטן קיין וואָרט, אַז האַלטן זאָל עס איר בא די זייטן!...

עס האָט מיך אָנגעהויבן שטאַרק פאַרדריסן פאַרוואָס זי שילט אַזוי, און איך בין שוין געווען גרייט איר צו זאָגן, אַז איך קען קויפן וואו איך וויל, אַז זי האָט מיך נישט אָפּגעקויפט.

אָבער דאָ איז די צווייטע סעדעבע ארוים מיט איר מענה לשון און האָט געשאָלטן נאָך מיט ערגערע קללות ווי יענע.

איך בין געבליבן שטיין נישט קענענדיק אויסריידן א וואָרט.

מיין ערשטע סוחרטע האָט מיך אָנגענומען באַ דער האנט און איך בין מעכאניש געגאנגען מיט איר. די צווייטע איז צוגעלאָפן און מיך גענומען באַ מיין צווייטער האנט און געשלעפּט צו זיך.

דאָס האָט מיך פארדראָסן און איך האָב זיך גענומען רייסן צוריק.

די אלטע סעדעבע האָט באקומען מער מוט און האָט דער קאָנקורענטקע א שטארקן שטויס געטאָן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אָן אמתער געשלעג. די צוויי ווייבער האָבן זיך ארונטערגעריסן די פאטשיילעס פון קאָפּ און זיך צעדראַפּעט די פּנימער ביז בלוט.

ווי לאנג דאָס האָט געדויערט, ווער וועמען האָט מנצח געווען און מיט וואס עס האָט זיך געענדיקט ווייס איך ניט, איך בין אנטלאָפן אין חדר אָן פוטער.

ווען איך האָב דערציילט מיין טאטן די געשיכטע, האָט ער א טיפן זיפץ געטאָן און געזאָגט: „איך האָב אויך אזא שכן“.

די מאמען האָט ער געבעטן, אז פון היינט אָן און ווייטער זאָל זי אליין קויפן די פוטער און מיר נישט לאָזן גיין צווישן די סעדעבעס.

——:——

גיונציק

נאָכוואָרט:

צוליב מיר פּאַטשן זיך צוויי סעדעכעס.

אין מיטלאַלטער האָט נישט נאָר יעדער שבט געדינט צו זיין גאָט, נאָר אפילו די קלענסטע גרופּע האָט זיך געהאַט איר געטשקע, צו וועלכער מען פלעגט ברענגען קרבנות.

דער הויפּט ציל פון די קרבנות — פריער לעבעדיקע מענטשן, שפּעטער בהמות, מתנות פון גאָלד און אנדערע חפצים — איז געווען כדי נושא חן צו זיין באם גאָט און פועלן פאַר זיך געוויסע פּריווילעגיעס. געצנדינעריי האָט געווירקט אַף די מוחות פון די פינצטערע מאסן און איינגעפלאַנצט דאָרטן פאַרשיידענע אומגעלומפּערטע אבערגלויבענישן און זאבעבאנעס פון וועלכע די מענטשהייט האָט זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט אינגאנצן באַפרייט, נישט געקוקט אַף די דערגרייכונגען פון פּראָגרעס און ציוויליזאַציע.

מיר האָבן שוין — ברוך השם — מענטשן וואס גלויבן בכלל נישט — נישט אין גאָט און נישט אין טייוול; צי דערפאַר ווייל זיי האָבן זיך דערטראַכט דערצו, דערגאנגען מיטן אייגענעם פאַרשנדיקן שכל, אָדער — ווייל עס איז זיי פּשוט באַקוועמער נישט צו גלויבן. אזוי צי אַנדערש — זיי גלויבן נישט און טו זיי עפּעס... געוואָרן סקעפּטיקער, באַציען זיך נעגאַטיוו צו רעליגיע און דאָך... זענען אָט די „סקעפּטיקער“, אָט די „אַטעיסטן“ נישט אינגאנצן פריי פון אבערגלויבענישן.

פאַרשטייט זיך, — דאָס דריקט זיך נישט אויס אין גלויבן אין שדים און רוחות — זיי האָבן אנדערע פאַראורטיילן: באַגעגענען מיט ליידיקע עמערס, א שוואַרצע קאַץ לויפן איבערן וועג ווי סמנים פון „נישט גוט“... זיי האָבן געוויסע מזלדיקע און שלימזלדיקע טעג אין וואָך, די צאָל דרייצן (13), בייסעניש אין דער האנט-דלאָניע, קלינגעניש אין רעכטן אָדער לינקן אויער, בייסעניש אין רעכטן אָדער לינקן אויג ווי סמנים פאַר גוט און שלעכט.

איין-און-נײַנציק

10-טער קאַפּיטל.

יום-טובים.

יעדער יום־טוב איז דער בעסטער. — אָרימע געבערס און נעמערס. — שלח מנות קאַטעגאָריעס. — ניט וואָס, נאָר ווי, ניט ווער, נאָר וועמען, נישט וויפיל, נאָר ווי אַזוי...

אידן האָבן געגוג יום טובים פון וועלכע סיי דערוואקסענע, סיי קינדער האָבן באמת הנאה געהאט אין די יונגע יאָרן בכלל און אין דער אלטער היים בפרט.

די איינדרוקן פון די יום טובים זענען אזוי טיף, אז זיי ווערן קיינמאָל בא קיינע אומשטענדן נישט אָפּגעמעקט. זיי קענען ווערן געטאַדלט, ווען מען ווערט פריינעזאָגען, זיי קענען ווערן אָפּגעשוואכט אין ענין פייערלעכקייט צוליב געוויסע סיבות, אבער אָפּגעמעקט בשום אופן נישט.

יעדער יום טוב האָט געהאט זיין רייץ, זיין ספּעציפישע שיינקייט, באגייסטערונג און אייגנאַרטיקן חן.

דעם טיפסטן איינדרוק האָט אונדז איבערגעלאָזן פסח, אבער חברה-אינגלעך האָבן געהאט אויך אנדערע ליבלינגס יום טובים.

איינער האָט פאַרגעצויגן ל״ג בעומר צוליב אסך סיבות.

דאָס פילן זיך מעשה העלד, מעשה זעלנער מיטן שווערד באַם זייט: אמת, א הילצערנער שווערד, אבער א... שווערד; דאָס געפינען זיך א גאנצן טאָג אפן פרייען פעלד אין דער געזעלשאפט פון רבין, וואס איז גאָר אַף דעם טאָג קיין רבי נישט געווען נאָר א כמו חבר, כמו גוטער-ברודער; א טאָג וואס מען דאַרף נישט ציטערן פארן רבין און נאָך וויניקער פאר זיין קאנטשיק, ווייל ל״ג בעומר האָט אזא זאך ווי קאנטשיק גאָר נישט עקזיסטירט — איז דאָך טאַקע א גרוים געשעעניש.

צוויי־און־ניינציק

אידישע קינדער אין פעלד, אין וואלד צווישן בוימער און גראָזן, בלומען און פויגלען און אלע לעבעדיקע, אמתדיקע, נישט אויסגעמאָלטע אָדער דערציילטע — זייט זיך מודה אז דאָס איז א טיפער איינדרוק, ווער רעדט נאָך אז מען טוט בעת מעשה א טאָפּ דעם שווערד באַ דער זייט...

אנדערע פּראָזאאישע נאַטורן, האָבן ליב געהאט דעם חמשה עשר בשבט צוליב פּראָזאישע מאָטיוון — א קלייניקייט ראָזינקעס, מאנדלען, טייטלען, באָקסער, — מען זעט דאָך דאָס א גאנץ יאָר אין די אויגן נישט. פייגן, אמתע פייגן וואס מען עסט און נישט די וועלכע מען רוקט זיך אין חדר אונטערן נאָז...

עס האָב זיך געפונען ליבהאָבער פון חנוכה צוליב די לאָטקעס, דריידלאך, אָבער די הויפּטזאך — חנוכה געלט און וואס מער פעטערס, מומעס, זיידעס, באָבעס, ברידער, שוועסטער, שוועסטערקינדער און גלאט משפחה, פריינט און גוטע באקאנטע, דאָס מער חנוכה-געלט, דאָס מער ליבע צו דעם יום טוב...

צוליב „זולל וסובא" מאָטיוון און טאקע צוליב געלט אויך, האָבן זיך געפונען גרויסע חסידים און אָנהענגער פון פּורים ווי א יום טוב.

אזוי פיל שלח מנות צו באקומען, צו שיקן, טראָגן, נאַשן, כאַפּן, אראָפּנעמען, אָפּבייסן און איבערהויפּט טאקע דאָס פארדינען שיינע עטלעכע פאָר גילדן פאר ארומטראָגן שלח מנות האָט דעם יום טוב צוגעגעבן חן אין די אויגן פון די פערזענלעך פאראינטערעסירטע אין אים...

עס וואונדערט מיך באמת, פאַרוואָס שבועות איז געווען ווייניק פּאָפּולאר.

עס האָט דאָך אויך געהאט גוטע זייטן — רייסן גרינס, אויספּוצן די שטויב דערמיט, היינט ווער רעדט נאָך אז מיט שבועות האָבן זיך געענדיקט די ספירה-טעג און אף מאָרגן נאָך שבועות האָט מען זיך געקענט באָדן וויפיל דאָס הארץ געלוסט — אָן עולה, אָן עולה וואס שבועות איז נישט געווען אזוי פּאָפּולאר...

דרוי־און־נײַנציק

פסח און סוכות האָבן גענומען אונדזערע הערצער נאָך דערמיט וואָס א צייט פריער און בעת די יום טוב טעג און אויך נאָכדעם א געוויסע צייט איז מען געווען פריי פון חדר. פריי, פריי, פריי...

פורים פלעגט מיין טאַטע קומען פרי אהיים (די מאַמע איז יענעם טאָג געבליבן תמיד אין שטוב) — אראָפּוואַרפן פון זיך „די קליט", זיך איבערטאָן, אוועקזעצן באַם ווייס געדעקטן טיש לעבן זודיקן סאַמאָוואַר, טרינקן טיי און דערביי זיך פאַרנעמען מיט טיילן צדקה.

ער פלעגט אויסשיטן א גרויסן הויפן מיט איינציקע גראָשנס, א קלענערן — מיט קאָפּיקעס, נאָך א קלענערן מיט דריי גראָשנדיקע און צוויי קאָפּיקעס מטבעות, ווייטער איז געגאַנגען א קליינע קופּ־קעלע מיט דריי קאָפּיקע און נאָך א קלענערע מיט הארטע צענערס (פינף קאָפּיקענע).

אין שטוב האָט זיך די טיר נישט פאַרמאַכט. אָן אויפהער זענען געקומען אָרימעלייט איינציקע און זאַלבענאַנד, מענער, פרויען מיט קינדער, פרויען אליין. און פרויען מיט פרויען — צוויי ווייבער זאַלבענאַנד.

דער טאַטע פלעגט איטלעכן געבן זיין נדבה פון דער אָדער יענער קופּקע און איך האָב באַמערקט, אז וואָס גרעסער דער קבצן אַלץ קלענער די נדבה. וואָס מער אָפּגעריסן דאָס ווייניקער גראָשנס; וואָס שענער אָנגעטאָן אַלץ מער מטבעות פון די קלענערע קופּקעס.

איך האָב אפילו דעם טאַטן מכוח דעם געפרעגט און באַקומען אַן ענטפער, אז איך האָב ערשט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט — עפּעס בעטלען, מענטשן וואָס מאַכן פון בעטלען א פּראָפעסיע וכדומה.

איך האָב געפרעגט דעם טאַטן פאַרוואָס האָט ישראל דער שענקער און מאָטל דער קליינער, נאָענטע שכנים, נישט אויסגע־לייגט קיין קופּקעס געלט פאַר אָרימע, האָט מיין טאַטע מיר אַף דעם געענטפערט:

קוק נישט אַף דעם וואָס טוט נישט גוט, זאָל יענער קוקן אַף דיר ווי דו טוסט גוט.

פיר־און־ניינציק

איך האָב דעם צווייטן פּורים אוועקגעלייגט מיינע אָפּגעשפּאָר-טע צוואַנציק גראָשנס לעבן דעם טאַטנס קופּקעס, כדי מען זאָל מיינע אויך צוטיילן פאַר אָרימעלייט. איך בין געווען זיכער, אז די ניט גוטע מענטשן קוקן איצט אַף מיר און טוען אויך אַזוי...

די מאַמע איז געווען צעטרייטלט, צעטראָגן און פאַרהאַוועט מיטן אָפּשיקן און באַקומען שלח מנותן.

דער שלח מנות איז באַשטאַנען פון פלאָדנס און טאָרטן.

פלאָדנס פלעגן געמאַכט ווערן פון גאַנץ קליינינקע קניידע-לעך אָדער פאַרפעלעך געפּרעגלטע אין האָניק און באַדעקט מיט צוויי, פון טייג אויסגעבאַקענע, האַרטע דעקלעך.

די דעקלעך, געבאַקן פון בעסטן מעל, פלעגן אויסגעאַרבעט ווערן אין די הילצערנע פורעמס וואָס האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך: קעפּ פון פאַרשיידענע פישן, א קאָפּ פון א לייב, א מגן דוד, א ספר תורה, א פּרוכת, א מנורה א. ד. ג.

שלח מנות פלעגט מען שיקן נישט נאָר צו נאָענטע און ווייטע קרובים, נאָר אפילו צו גוטע פריינט, סתם באַקאַנטע און בכלל אָנגעזעענע באַלעבאַטים.

די פלאָדנס פלעגן זיין איינגעטיילט אין קלאַסן. וואָס גרע-סער, שענער, גראַטענער פלעגט אָפּגעשיקט ווערן צו די גרעסטע „מיוחסים", צו די רייכע, בכבודיקע אין דער משפּחה.

צו די אָרימערע פלעגן גיין די קלענערע פלאָדנס.

מיטן באַקומען שלח מנות איז געווען די אייגענע זאַך פאַר-קערט: וואָס נידעריקער עס איז געשטאַנען — לגבי אונדז — דער שלח מנות אָפּשיקער, אַלץ גרעסער, שענער און בעסער איז געווען זיין פלאָדן, אויב אבער דער שלח מנות אָפּשיקער איז געשטאַנען העכער פאַר אונדז, האָט ער געשיקט א קלענערן שלח מנות. הכלל אויב דו האָסט געשיקט צו אן אָרימען קרוב א קליינעם שלח מנות האָסטו אָבער געקענט דערוואַרטן א גרויסן שלח מנות, און אויב דו האָסט געשיקט דיין שענסטן פלאָדן צום מיוחס, האָסטו גע-דאַרפט דערוואַרטן א קליינינקייט.

— איך האָב אַמאָל געפרעגט דער מאַמען אַף מאָרגן נאָך פּורים

שושן פורים — וואס איז די אונטערשטע שורה פון אירע שלח מנותן, דער סך הכל, דער באַלאַנס, האָט זי געוואונען אָדער פאַר-שפּילט און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז אלע מוזן אָנווערן, בּאַ אַלעמען איז דער באַלאַנס אַ נעגאַטיווער אויסער בּאַם גביר פון שטאָט אָדער בּאַ דעם שענסטן יחסן...

איך געדענק אַ פאַל ווען די מאַמע האָט מיט מיר אָפּגעשיקט איר שענסטן שלח מנות פלאָדן צום גביר פון דער משפחה — דעם טאַטנס קרוב — רב הערשל נירנשטיין, וועלכער האָט געלעבּט אין זיין אייגענעם מויער אַף קיעווער גאַס.

עטלעכע מאָל בין איך אהין מיטגעגאַנגען מיטן טאַטן ווען ער איז געגאַנגען צו אים גוט יום-טוב בעטן און איך האָב דערפאַר גע-וואוסט וואו ער וואוינט.

די מאַמע האָט מיר פאַרזאָגט נישט צו נעמען קיין געצאָלט פאַרן ברענגען דעם שלח מנות ווי די מאָדע איז געווען.

דעם ברענגער האָט מען געצאָלט אויך לויט דער דערמאָנטער גראַדאַציע: פון אַ רייכן מער, פון אַן אָרימען — ווייניקער.

אַריינקומענדיק מיטן שלח מנות צו ר׳ הערשל נירנשטיין אין שטוב, האָט מיך זיין פרוי גלייך דערקענט, ווייל, אייגנטלעך, איז זי געווען די קרובה.

זי האָט צוגענומען דעם שלח מנות און מיר געוואָלט באַצאָלן נאָך מער ווי דער „גראַד" האָט עס פאַרלאַנגט, מער ווי ווען אַן אַנ-דערער וואָלט עס געבּראַכט.

איך האָב נישט גענומען קיין געצאָלט און טאַקע דערפאַר האָט זי מיט מיר אָפּגעשיקט אַ שלח מנות צוריק אַף וואָס די מאַמע האָט זיך בשום אופן נישט געטאָרט ריכטן, אין די פריערדיקע יאָרן האָט זי אַזוינס פון ר׳ הערשל נירנשטיינען נישט באַקומען און האָט גאָר בעסער נישט פאַרלאַנגט, ווייל ווי קומען מיר צו אים, אָבער דאָס מאָל האָט זי זיך אַרומגעטראָגן אויסבּאַרימען און אַ לאַנגע צייט זיך געצאַצקעט און געגרויסט מיטן באַקומענעם פלאָדן.

בּאַ הערשל נירנשטיין האָב איך באַמערקט, אַז עס ליגן אַפן טיש צוגעגרייט קופּקעלעך מיט זילבערגעלט פאַר צדקה — גריוו-

ניקעס, גילדנס און פערציקערס*). קומענדיק אהיים האב איך דעם טאַטן וועגן דעם געשטעלט א פראגע, ווי דער שטיינער מיינער איז געווען — פארוואס האָט ער, דער טאַטע נישט אויסגעלייגט קיין זילבערנע מטבעות אף צדקה.

מיין טאַטע האָט מיר געענטפערט :

געבן צדקה איז נישט אָפּהענגיק פון די גרויס פון דער מטבע.

עס ווענדעט זיך מער — נישט וויפיל מען גיט, נאָר ווער עס גיט און וועמען מען גיט.

די שלח מנות פלאָדן און די איבעריקע פורים געבעקס פלעגט מען אויפעסן אין לויף פון דעם חדש צווישן פורים און פסח.

חוץ די אָרימעלייט און באַלעבאַטים וואָס פלעגן קומען דעם טאָג נאָך נדבות, פלעגן נאָך קומען נאָכאַנאַנד פארשיידענע גרופּעס פורים-שפּילער, וואָס פלעגן מיט זייער קומען אריינטראָגן א געוויסן קאָלאָריט מיט זייערע פלאַקסענע בערד, פּאַפּירענע קרוינען, שווערדן, משונה-מאָדנע קליידונג א. ד. ג.

אויסער די געוויינלאַכע פורים-שפּילן ווי אחשורוש, אסתר המלכה, המן און מרדכי האבן זיי אויך „געשפּילט" זאכן וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו פורים, ווי למשל : מכירת יוסף, יוסף און זיינע ברידער, רחלס קינדער, א. אַ.

איך געדענק נאָך א שפּיל וואָס האָט זיך גערופן : „יונגער און אלטער דור" די שפּיל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס א זון האָט פארלאָזן די עלטערן און אוועקגעפאָרן אין מרחקים.

דאָרטן האָט ער זיך אָנגעזען וועלטן, באַקומען אנדערע באַגריפן וועגן דעם וואָס מען טאָר און מען טאָר נישט, זיך אָנגעהויבן קורץ צו קליידן, „פּוצן" באָרד און פּאות, א. אַ. וו.

דער זון קומט אין געסט אף פורים צו די עלטערן, ברענגט מתנות דעם טאַטן, דער מאַמען, קלענערע ברידער, שוועסטער, אבער דער טאַטע, אַן עלטערער איד, א כהן, וויל זיך נישט אָנרירן אָן

*) צען, פופצן און צוואַנציק קאָפּיקענע מטבעות.

קיין שום זאך וואס האָבן א שייכות צו זיין זון ביז ער וועט אים נישט ענטפערן אף א וויכטיקע ריי פראגעס.

די פראגעס באשטייען אין הלכות כשרות, שבת, א. ד. ג., און ענדיקט זיך מיט דער וויכטיקסטער — צי האָסטו, זון מיינער, חלילה, נישט פארשוועבט די כהונה ?...

די ענטפערס, פארשטייט זיך, זענען געווען קאָמישע, אָפט ציניש, איבערהויפּט די לעצטע פראגע האָט ארויסגערופן געלעכטער נישט אזוי ווי די פראגע אליין — די ענטפערס אף איר...

נאָך פורים פלעגט מען ארייננזעצן אין שטייג אפן בוידים עופות פעט צו ווערן אף פסח.

ווער — הינער, ווער הינער מיט קאטשקעס, גענדז אָדער אינדיקעס. מען פלעגט די עופות שטאָפּן וואס מער עסן, כדי זיי זאלן האָבן „קניידלעך" פעט.

נאָכדעם האָט מען זיך גענומען באקן מצות.

דער מצה שמורהניק פלעגט אייגנהענטיק איבערקלייבן יעדן קערנדל ווייץ, אליין זיין באם מאָלן אין דער געבשרטער מיל, באקן אין א באזונדערן אויוון, א. ד. ג.

דער איד פון א גאנץ יאָר, פלעגט באקן באם מצה בעקער.

מצה בעקער האָבן זיך בא אונדז אין שטאָט געפונען עטלעכע. יעדער שטאָט-טייל האָט זיך געהאט זיין מצה בעקער.

גיין מצות באקן איז געווען א מין יום טוב. די מאמע פלעגט זיך אָנטאָן יום טובדיקע קליידער, די עטלעכע שנירלעך פערל וואס זי האָט פארמאָגט, די גאָלדענע אוירינגלעך מיט דער זיידענער פאטשיילקע אפן קאָפּ, פארלייגט אונטער די אויערן.

אינגלווייז פלעגט זי מיך מיטנעמען און איך בין געווען גליקלעך זיך צוצוכאפּן צום רעדל און רעדלען די מצה.

דער רעדלער א איד, וווייזט אוים ניט קיין נאַר, פלעגט שטיין דערביי און טשמאָקן מיט די ליפּן זאָגנדיק : אָט דאָס הייסט הענטעלעך, א געזונט אין זיי, זעט נאַר ווי פלינק, זעט נאַר ווי דאָס

רעדלט — קיין עין הרע. קיין בייז אויג, קיין קליפּה, קיין שליטה... אַי האָט איר אַ זונדעלע, אַ מזל אויף מיר, דאָס וואַקסט דאָך אַ גאון."

די מאַמע האָט נאָך אַזאַ אויסלויבן איר בן יחידל און פאַרזיכערן אַז דאָס וואַקסט אַ גאון, תמיד אים אַריינגערוקט אַ מטבע אין האַנט און אַלע, סהייסט איך, די מאַמע, דער רעדלער — זענען געווען צופרידן פון עסק.

די מאַמע פלעגט אַלע וועלגערקעס, קנעטערקעס און בכלל אַלעמען, ווער עס האָט זיך באַטייליקט אין באַקן אונדזערע מצה, שענקען מטבעות און יענע פלעגן צוּוואונטשן אַ כשרן און אַ פריילעכן פּסח.

אַז מצות זענען שוין געווען אויפן בוידעם אונטערגעבעט און איבערגעדעקט מיט ריינע שטרוי, פלעגט זיך אָנהויבן אַ סדרה רייניקן, שייערן און סקראָבענען, פּוצן און שמירן — כשרן...

די צימערן פלעגט מען אומעטום שמירן פון דיל ביז דער סטעליע און ערשט דאַן אַ נייע סדרה — ווייַן אויסקוועטשן פון ראָזינקעס, ברייען און פאַרטיק מאַכן מעד א. ד. ג.

ערב פּסח פלעגט מען מאַכן אַ שטר מכירה און פאַרקויפן די קלייט צו אַ גוי — צו מיקיטן.

מיקיטע איז נישט געווען גלאַט אַזוי אַ גוי וואָס „דיר נישט — מיר נישט", דאָס איז געווען אַ שטעטלשער אַטריבוט; עס איז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלן אונדזער שטאָט-טייל אָן מיקיטן און מיקיטן אָן דער שטאָט.

באַ אונדז אין שטוב איז מיקיטע געווען אַ בן בית, פלעגט טאָן פאַרשיידענע אַרבעט: שבת הייצן די חרובע, אָנהאַקן האָלץ אויף איבער ווינטער; גראָבן און פאַרזייען דעם גאָרטן, א. ד. ג.

וואָלט גאָר פּסח געווען אַ פּסח אָן מיקיטן? און ווער וואָלט אָנגליען פרעס-אייזנס און שטיינער אויף אַלץ צו כשרן?

און ווער וואָלט זיך מתעסק זיין מיט די עופות באַם שחטן?

און ווער וואָלט בויען אַ סוכה ערב סוכות?

מיקיטן פלעגט מען קיינמאָל גאָרנישט דארפן זאָגן, ער האָט אַליין געוואוסט וואו, וואָס און איבערהויפּט — ווען מען האָט אים נויטיק געדארפט.

באַ מכירת חמץ פלעגט ער קומען ווי א סוחר — נאָכזוען וואס ער האנדלט דאָ איין פאר א מציאה, אָבער היות ווי דער מקח איז געווען צוגענגלעך פלעגט ווערן דער מסחר און מיקיטע פלעגט אָפּ-קויפן די קלייט און ווערן דער קרעמער.

עס רעדט זיך נאָר אזוי, ווייל מיין טאַטע פלעגט נעמען די געלט, ווייל טאקע דאָס רוב לייזונג פלעגט זיין אום פסח, צוליב דעם וואס עס פלעגט כמעט שטענדיק אויספאלן ערב פּאסכאַ*). מיקיטע פלעגט, פארשטייט זיך, ניט שטארק מקפּיד זיין אף אזא קלייניקייט ווי דאָס, וואס דער באַלעבאָס איז ער — מיקיטע און נעמען די געלט — נעמט אן אנדערער; דער, באַ וועמען ער האָט אָפּגעקויפט די קלייט מיט די מעל פאר בארע געלט איינצאָלנדיק א האַלבן רובל האנטגעלט...

אמת, קיין געלט פון די לייזונג האָט מיקיטע נישט געזען און נישט באקומען, דערפאר אבער האָט ער געהאט באקומען די עכטע פּסחדיקע ביסל ספּירט, א חלק פיש, מצה און שאר ירקות.

די צדדים זענען תמיד געווען צופרידן און מיקיטן האָט קענטיק אויסגעפעלט געלט צו באצאָלן דעם טאַטן, פלעגט ער אים אומקערן די קלייט גלייך אף מאָרגן נאָך פּסח און באקומען פאר זיין האַלבן רובל א גאנצן...

פון די פּסחדיקע מאכלים האָט מיקיטע שטארק געלויבט די לאַטקעס פון ווייסע צוקער-בוריקעס וועלכע האָבן געהאט א שם אין אוקריינע.

די סדרים פּראַוועגען פלעגט מיין טאַטן נאָך זיין שטימונג נאָך: איז ער צו יענער צייט געווען פרום — האָט ער געפּראוועט א סדר מיט אַלע פּישטשעווקעס, אפילו מיט „שפּאַלטן דעם ים“.

---

*) קריסטלעכער פּסח.

איז ער נישט געווען פרום, פלעגט ער עס אוועקמאַכן אונטערן האַנט.

מיר פּערזענליך פלעגט זיין געפעליק אַט די אַלע פייערלעכע צערעמאָניעס, דער גאַנצער סדר מיט די מצות, כריין, אייער, גער-געלע און די איבעריקע, אבער איך פלעג נישט ליב האָבן די פיר קשיות.

אַלע יאָר די זעלביקע קשיות!!!

עס האָט זיך מיר צוגעגעסן.

דערצו האָב איך קיינמאָל קיין רעכטן תירוץ נישט באַקומען.

דערפאַר אבער איז מיר זייער געפעליק געווען דער דין פון ארבע כוסות...

ווען דער טאַטע איז געווען גוט אויפגעלייגט פלעגט דער סדר באַ אונדז דויערן ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. דער טאַטע פלעגט זינגען די הגדה מיט אסך חסידישע ניגונים, מיט התלהבות פון דער עצם הגדה און מיט התלהבות וואָס עס גיט צו אַ גוטע ביסל משקה.

פּסח איז מיר זייער געפעליק געווען.

איין זאַך נאָר פלעגט אָפּט שטערן דעם עונג יום טוב — די דייזשקע וואַסער.

די דייזשקע אַליין פלעגט זיין געריינטיקט און געכשרט און צו דער דייזשקע האָט מען, אייגנטלעך, קיין טענות נישט געקענט האָבן, אבער דער עיקר איז געווען — דאָס וואַסער.

פּסח צייט, ווי באַוואוסט, לאָזט אָפּ דער אייז און דאָס האָט געווירקט אויף דאָס טרינק וואַסער, וואָס איז געווען הוילע בלאָטע, פּשוט אַ סכנת נפשות צו טרינקן. אפילו די טיי, די זופּ און בכלל אַלץ וואָס האָט נויטיק געהאַט וואַסער, איז געווען בלאָטע.

קיינמאָל האָט מען פּסח נישט געהאַט קיין זויבערע, ריינע טרינק-וואַסער, סיידן אַז עס איז געווען אַ שפּעטיקער ווינטער, אָדער אַ פריערדיקער פרילינג.

פאר פסח פלעגט מען אין דער דייזשקע וואסער ארייִנשיטן צעשטויסענע האלון, פלעגט דאס גלייך אַפּזעצן די בלאָטע אפן דעק פון דייזשקע און שעפּנדיק נאָכדעם וואסער פאָרזיכטיק האָט מען געקענט ווי עס איז לעבן בשלום מיטן וואסער.

פסח אָבער האָט מען מסתמא קיין האלון נישט געטאָרט נוצן צוליבן חמץ, האָט מען זיך געמאטערט מיטן וואסער א גאנצן פסח כאָטש נעם און קאָך זופּ נישט מיט וואסער נאָר מיט וויין, מיט מעד.

בא מיר וואָלט מען געפּועלט...

———:———

נאָכוואָרט:

יום-טובים.

ווי ראַדיקאַל מענטשן זאָלן נישט זיין, באַמבלען זיך אין קאָפּ די פייערלאַכע מאָמענטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט יום-טובים.

קענסט זיין אַפילו אַן אַטעאיסט, א פריידענקער ביז אויף דאָס לעצט, קומט די יום-טוב צייט — און דו היטסט עס, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּ — קומען דאָך אין זכרון פאַרשיידענע בילדער וואָס זענען פאַרבונדן מיט די שענסטע יאָרן פון מענטשנס לעבן — מיט די קינדער-יאָרן.

קענסט היינט די כל נדרי נאַכט דורכזיצן אין א נאַכט לאָקאַל, פאַרברענגען אין אויסגעלאַסנקייט: שכרות, זנות, קאָרטן א. ד. ג. אָבער דו ווייסט אַז היינט איז די כל נדרי נאַכט און עס פליט דורך א בליץ אין זכרון און פאַרטראַגט דיך ערגעץ אין א פאַרוואָרפן שטעטל, אין א האַלב חרובן בית מדרש וואו דו ביזט אַמאָל מיט אַסך יאָרן צוריק געווען איינער פון די מתפללים..

אייגנטלאַך פייערן פריידענקער אַלע יום טובים — אמת, אייגנאַרטיק, נישט טראַדיציאָנעל, נישט רעליגיעז, אבער מען פייערט און אויב מען טוט עס ניט, טוט מען עפּעס א טראָץ-זאַך א היפּוך און אומבאַוואוסט שטרייכט מען דערמיט אונטער דעם יום טוב: מען אָרדנט איין א יום כיפּור מיטאָג, עס הייסט מען טוט דעם היפּוך פון יום כיפּור. מען פּראַוועט א חמצדיקן סדר, אָבער מען פּראַוועט, מען גייט אים נישט פאַרביי אָן גאָרנישט.

קיין ענטפער אויף דעם איז נישטאָ — פאַרוואָס עס איז אַזוי, ווייל מען קען נישט אַנדערש ווי מען איז. א מענטש איז נישט מער ווי א מענטש — האָט געהאַט א יוגנט, איינגעזאַפּט דאָן אַסך טראַדיציעס, אויסגעוואַקסן, אוועק פון זיי באַוואוסטזיניק און געבליבן אומבאַוואוסטזיניק דאָך מיט זיי. האָט דאָך שוין גאָלדפאַדן וועגן דעם געזונגען, אַז אַפילו דעם געשמדטן אידן בעת-שמד באַמבלט זיך דער ניגון פון כל נדרי אין קאָפּ און שרייט אריבער דעם גלחס סקאַרבאָוון זינגען און גלאָקן-קלאַנג.

הונדערט־און־דריי

11-טער קאַפּיטל.

סלאַווישע רציחה.

א גוי א פריינט — א רוצח. — אידישע קינדער זידלען זיך. — מלחמה מיט א שגץ. — א פּאַנציר פון מכת-רצח...

אין דער פּראָבלעם „איד-גוי“, אַף וויפיל עס גייט נאָר די פראגע וועגן פארשיידענע פאָלקס-ווערטלעך פאר אויסדריקן קעגנ-זייטיקע גרינגשעצונג און באַליידיקונג, זענען מיר אידן ווייט נישט אַף אלע הונדערט פּראָצענט גערעכט.

אלס קינד נאָך, האב איך בשום אופן נישט געקענט שלום מאכן מיטן געדאנק וועגן אָט די דאָזיקע פארשפּרייטע באַליידי-קונגען לגבי די שטעטלשע גויים — אונדזערע שכנים און אָפט אמתע פריינט.

א לויה פון א קריסט איז נישט מער ווי — „געפּגרט, מען שלעפּט דעם פּגר“. קריסטלעכע קינדער זענען: „שרצים, שקצים, שיקסעס“, די מאָמענטן פון שוואנגערשאַפט און געבורט האָבן שטעטלשע אידן אויסגעדריקט מיט די אזוי נישט צוגעפּאסטע ווער-טער ווי: „שמועגבערעס אָדער משועגבערעס (מעוברת) געפּלאצט א שרץ“.

דער גוי עסט נישט, ער טרינקט נישט ווי א בשר ודם נאָר: „פרעסט, זויפט אָדער זשליאָקעט“. דער גוי האָט „כאסלערע“ (חתונה) בא אים איז „חגא“,*) ער גייט אין „טיפלע“,**) אין

---

*) יום-טוב.

**) קירכע.

„טומאה“, ער עסט נישט קיין פליש נאָר „נבלה“, האָט נישט קיין פּנים נאָר א „פּארצע,“*) ער האָט נישט קיין קינדער נאָר ממזרים, זיין קאָפּ, זיין הארץ, זיינע אויגן, זיין בלוט זענען אַלץ גוישע (גוישע קאָפּ, גויש הארץ, גוישע אויגן, גוישע בלוט) מיט אן אויס-נאם פאר די אויגן — אפּנים גוישע אויגן זענען ווינציק באליי-דיקנדיק — „גנבהשע אויגן“.

דער גוי שטייט קאמינעס, זיצט קאמניעם און ליגט קאמניעם; זיינע עלטערן,ברידער, שוועסטער זענען: א „פּאטערו, מוטערו, ברודערו, שוועסטערו**). איז ער קראנק — „כאָליעט ער, בוי-לעט ער אָדער ער כאראבעט“. אף אלע שלעק און אַנשיקעניש, צרות און פּרעניות וואס טרעפט דעם גוי, וועט דער איד צוליינן:

— „בא אים בלייבט עס“ א. אָ. וו., א. אָ. וו.

עס האָט מיך געערגערט, געקרענקט און האב פון מיין לעק-סיקאָן אויסגעמעקט אָט די אלע שענדלעכע ווערטער און אויס-דרוקן; אבער זיך באפרייען פון דעם געדאנק אז רציחה, קאלט-בלוטיקע רציחה איז נאָר געגעבן געוואָרן פאר א גוי, איז נאָך פאר מיר שווער אפילו היינטיקן טאָג.

אַ איד קען דאָס ניט.

מיין קאָפּ, מיין פארשטאנד האָט תמיד פּראָטעסטירט קעגן מיין הארץ וועלכע האָט בשום אופן נישט געקענט מוחל זיין אף די אונטנגעבראכטע דריי צופאלן, וואס האָבן מיט מיר אליין פּאסירט און ווי נישטיק און מינדערווערטיק זיי זענען אין דער לאנגער קייט פון אידישן מארטירערטום, האָבן זיי זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, אין מיין נשמה, האָבן דאָרטן געמאכט א חורבן און מיר איז זיך שווער פון דעם צו באפרייען.

דער ערשטע צופאל:

---

*) פּרצוף.

**) שוועסטער.

זייענדיק א קליין אינגל, האָב איך זיך אמאָל צעקריגט מיט אונדזער גוישן שכנס א שייגעץ, ער איז געווען א פּאָר יאָר על-טער פאר מיר.

איך האָב אים נישט געשאַנעוועט, גערופן אים מיט אַלע פּראָס-טע ווערטער וואס איך האָב געקענט געדענקן: „איוואן ניע פּאן א פּראָסטאָי באָלוואן"*) און נאָך אזעלכע פּסוקים.

איך האָב אים אפילו גענומען דעם לעבער דערמיט וואס ער קען נישט די אזבוקע**), אז ער עסט חלה נאָר אף פּסח און אף צוגאָב אים דערלאַנגט אין זיבעטן ריפּ א זאָג: „מוזשיק — סווי-ניא"***) ער האָט מיך אויך נישט געשאַנעוועט, אָנגערופן די סקארבאָווע: „כריסטאָס אוביעץ"****), „זשיד מאָשעניק*****) און נאָך א סדרה אזעלכע נעמען און ווערטלעך און טאָמער איז אים דאָס געווען ווייניק, האָט ער עפּעס געמאכט פון א ברעג בגד א מין קאָמישע פיגור און געזונגען טייטלענדיק אף מיר: „זשיד, זשיד כאלאמיי, זשיד, זשיד אוי ווי, אוי וויי".

אין פלוג האָט זיך דערמיט געדאַרפט ענדיקן אונדזער סכסוך, אָבער דער שייגעץ האָט זיך דערמיט ניט באַפרידיקט; וואס ווײ-טער איז ער אריין אַלץ מער אין רציחה ביז ער האָט פארלוירן דעם קאָנטראָל איבער זיך — געכאַפּט א שטיק האָלץ און מיר אראָפּגע-לאָזן איבערן קאָפּ און אז איך בין פון קלאַפּ געפאלן, האָט ער נאָך פאַרגעזעצט זיין שלאָגן מיך מיטן האָלץ איבערן פּלייצע, הענט און פּיס.

ווען עס גייען גראָד דאן נישט דורך א פּאָר גימנאזיסטן, וועל-

*) איוואן איז קיין פּריץ ניט, נאָר א פּשוטער גולם.
**) דעם אלף-בית.
***) א פּויער איז א חזיר.
****) קריסטוס מערדער.
*****) אַ איד איז אן אָפּנאַרער.

כע האָבן זיך אָנגענומען פארן „פּאניטש"*) אים געראַטעוועט פון מוזשיטסקע**) הענט, וואלט מיך דער שייגעץ בלי שום ספק גע־מאכט פאר אן אייביקן קאליקע.

זיי האָבן אים ווי געהעריק איז אָנגעבראָכן די ביינער און אים פאַריאָגט פון מיר.

דער שייגעץ האָט — באקומענדיק די פייערדיגע קלעפּ — גע־האלטן אין איין שרייען אז איך בין א „זשידעק"***) אבער דאָס האָט אים ווייניק וואס געהאָלפן.

זיי האָבן אים, קענטיק, פשוט נישט געגלויבט, ווייל פאר א „זשידעק" בין איך געווען צו לייטיש אָנגעטאָן.

אַף אזא אופן בין איך דורך א צופאל געראַטעוועט געוואָרן פון דער רציחה פון א קליינעם סלאוו אין מיינע יונגע יאָרן.

אָט דער צופאל האָט מיך שפּעטער געמאכט זיך פאַרטראַכטן: פאַרוואָס באַנוגענען זיך אידישע קינדער אין אזא פאל נאָר מיט א לידל צוגעטראכט און צוגעפּאסט צום נאָמען פון קעגנער.

האָט דער „שונא" געהייסן איציק, איז שוין געווען אָנ־געגרייט א פּאַרטיקע לידל:

„איציק, שפּיציק,
נאָדלטעשל.
גיי אין קלייט
און קויף א פלעשל
צעברעך דאָס
און עס דאָס".

האָט יענער געהייסן בערל האָט מען אים געזונגען מיטן זעל־ביקן ניגון:

*) א פריציש קינד.
**) פּויערשע.
***) א אידיש יאינגל.

„בערל, שמערל,
צעקנאַק אַ קערל,
געפין דאָרט א וואָרים,
עס און פרעס
און ניט פאַרגעס
דיינע חברים!“

און טאָמער האָט ער געהייסן יאָשקע איז אויך געווען א פאַר-טיק לידל:

„יאָשקע, מאָשקע,
זאָלסט ארומפאָרן
אף א צעבראָכענער דראָזשקע,
זיין זאָלסטו מיט איר —
קידער־ווידער,
ביז דו וועסט צעברעכן
אַלע דיינע גלידער“...

אף אהרון איז געווען נאָך א שענערס:

„אַרל, באַרל,
ביזט א נאַרל

אָדער:

אַרקע, באַרקע,
ביזט א נאַרקע,
דיין טאַטע
איז קיין יחוס
ער ווייס ניט
פון די לוחות“.

פאר מאירן, אָדער שניאורן איז אויך געווען א פאַרטיק לידל:

„מאיר, שניאור,
קאָפּ קאַפּויער

שטיוול אָן אָפּצאַסן
כנים זאָלן דיך בייסן"*).

כמעט אַף יעדן אינגלשן נאָמען איז געווען צוגעטראַכט א לידל, עס האָט קיינמאָל נישט פּאַסירט עס זאָל אויספעלן.

חברים פון איין צד פלעגן העלפן זינגען, יעדער צד האָט אויך געזונגען מיט א כאָר און יוצא.

אמת, דער קריג האָט אָפטמאָל דערגרייכט אזוי ווייט, אז מען האָט אויפגעהערט דאַווענען פון איין סדור, נישט געזאָגט די הפטרה פון איין חומש; עס פלעגט אפילו דערגרייכן ביז „שפּייען זיך", ווייזן זיך „פייגן" אָבער צו א געשלעג, צו אַן אמתן ברוטאַלן ממיתן זיך איז זעלטן ווען געקומען.

א צווייטער צופאַל האָט מיט מיר פּאַסירט צו מיין ניינצענטן לעבנסיאָר.

איך בין דאַן געווען א לערער בא א פּאַסעסאָר אין א דאָרף און זיך געחברט מיטן סטאַראָסטע**), ווייל ער איז געווען א מער אנט-ווּיקלטער גוי.

דאָס איז געווען א מין ערד-טיפּ, ארויסגעוואַקסן פון די ברייטע אוקריינישע פעלדער, א גדולניק, א גבור, א וואוקס פון א דעמב און דער עיקר א „גראַמאַטנער" וואָס דאָס איז געווען צווישן פּויערים אין דאָרף א יקר המציאות.

מיר פלעגן אָפט פירן ויכוחים וועגן פארשיידענע, צוגעגלאַכע פאַר מיין עלטער פראַגן.

און איינמאָל באַרירנדיק די פראַגע מכוח דעם כאַראַקטער פון פּויער האָב איך פריי ארויסגעזאָגט מיין מיינונג, אז דער פּויער איז בטבע גראָב און אים איז פרעמד דער חוש פון רחמנות.

---

*) אין אוקריינע לייענט מען און מען זאָגט עס ארויס „באָסן" (בייסן) און עס גראַמט זיך מיט „אָפּצאַסן".

**) מעיאָר פון דאָרף.

קענטיק אז מיין מיינונג האָט שטארק אָנגערירט און אָנגעווייטיקטע סטרונע און עס האָט אים פארדראָסן.

דעם דאָזיקן פארדרוס אַף מיר, האָט ער אויסגעדריקט אין א צייט אַרום עבט סלאָוויש — אַף א מערדערלעכן אופן.

איך האָב איינמאָל באזוכט א פּויערישע, דאָרפּעשע „סכאָדקע*) און — נאַטירלעך — דאָרטן געטראָפן מיין גוטן באַקאַנטע — דעם סטאַראָסטע.

מיר האָבן מיט אים געבאַלאַקעט**) וועגן פארשיידענע ענינים ווי עס פירט זיך צווישן באַקאַנטע מענטשן.

אין דער צייט פון דער „סכאָדקע" איז מיר אויסגעקומען צו שטיין צו אים מיטן רוקן, האָט ער מיר פּלוצלונג גאָר אומדערוואַרט דערלאַנגט א קלאַפּ מיט זיין אייזערנער פוס איבער מיינעביידע פיס, מיט אזא מוראדיקער קראַפט, אז איך בין ווי א שטיין געפאַלן הינטערווייַלעכס מיטן קאָפּ אָן דער ערד און געבליבן ליגן אין א באַוואוסטלאָזן צושטאַנד.

וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט פון אָט דעם מאָמענט אָן וויַס איך עד היום נישט, געקומען צו זיך בין איך ערשט אַף מאָרגן און דער דאָקטאר פון שטעטל נישט וויַט פון דאָרף, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן מיך צו באַהאַנדלען האָט מיר דערקלערט, אז בלויז מעשה ניסים בין איך געראַטעוועט פון א זיכערן טויט אָדער וואָס נאָך ערגער פון בלייַבן אַן אייביקער אידיאָט דורך א געהירן-שלאָק.

אַרויסווייַזן אזא רציחה אין דער צייט, וואָס ער רעכנט זיך פאַר מיינעם א פריינט, האָט לויט מיינע פעסטע איבערצייגונגען געקאָנט נאָר א גוי — א סלאָוו.

דער דריטער צופאַל האָט מיט זיין רויער פּשוטקייט טיפער געמאַכט דעם קריץ אין מיין נשמה, וועלכער האָט שוין אָנגעהויבן פאַרוואַקסן מיט א הויט פון פאַרגעסנקייט.

---

*) צוזאַמענקונפט.
**) געפּלוידערט.

דער לעצטער פאַל האָט מיך אסך טיפער, ווייטיקדיקער אָנגע-רירט ווי די ערשטע צוויי, כאָטש פערזענלעך האָב איך דערביי נישט געליטן, ווערנד אין די ערשטע צוויי בין איך געווען דער הויפּט מחותן.

איך האָב דערפילט אזא מאָדנעם ווייטיק, מיין האַרץ איז גע-בליבן שטיין ווי פאַרגליווערט.

דער בעל דבר אליין האָט עס מיר דערציילט מיט אזא אייזי-קער קאַלטקייט, ווי ער וואָלט גערעדט מכוח א גאַנץ געוויינטלע-כער זאך, א זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

מיין געפיל פון עקל צו אָט דעם נפש האָט דערגרייכט צו דער שטופע פון פשוטן פיזישן ווייטיק.

די געשיכטע האָט פּאַסירט אין קיעוו אין 1928.

ווען איך בין אהינגעקומען — באַזוכנדיק די אַלטע היים — האָב איך זיך באַקענט מיט א קריסט — א רוס. מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן, שמועסן מכוח רוסלאַנד, אירע לעצטע דערגרייכונגען, וועגן אמעריקע און איר טעמפּ, טעכנישן פּראָגרעס, א. ד. ג. הכלל צוויי באַקאַנטע מענטשן.

איינמאָל האָבן מיר זיך צופעליק געטראָפן אין גאַס, שפּאַ-צירט מיט אים און ווי אַלטע גוטע באַקאַנטע געפירט א שמועס.

אונטערדעסן האָט זיך צו אונדז דערנעענטערט א „פּאָכאָ-ראָנע"*). אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי קיעוו איז עס קיין זעלטענע דערשיינונג און די פאַרבייגייער האָבן כמעט ווי ניט געשענקט קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דער לויה.

מיין באַקאַנטער אָבער האָט אַרונטערגעכאַפּט זיין היטל און זיך פרום געגומען צלמען.

איך האָב באַמערקט, אַז ער צלמט זיך מיט דער לינקער האַנט און אים שפּעטער א פרעג געטאָן צי ער איז א „ליוואַק"**). ער

---

*) אַ קריסטלעכע לויה.

**) א געלינקטער.

האָט ראשית נישט געענטפערט נאָר אַף מײַן איבערחזרן די פראַגע א צװײטן מאָל האָט ער מיר געענטפערט, אז ער איז נישט קײן גע-לינקטער, נאָר צלמען מוז ער זיך מיט דער לינקער האַנט.

דערבײַ האָט ער מיר דערצײלט די סיבה דערפון:

אלײן איז ער פון א דערבײַאיקער קלײנשטעטל — נישט װײַט פון קיעװ.

ער האָט דאָרטן אָרגאַניזירט דעם פּאָגראָם אַף אידן און אלײן, מיט זײַן אײגענער האַנט געשאָכטן און דערמאָרדעט עטלעכע באַ-קאַנטע שטעטלשע אידן און אײנע א אידישע עלטערע פרוי, װײַל זײ האָבן זיך אים געשטעלט אנטקעגן און געפּרואװט מוסרן.

נאָכן פּאָגראָם האָט ער זיך — װי עס פּאַסט זיך פאַר א רעכט-גלויביקן — מתודה געװען פאַרן שטעטלשן גלח און דער פּאָר-שטײער פון גאָט, דער פאַרטרעטער פון קריסטוס האָט אים אױס-געגעבן א תשובה: ער זאָל עטלעכע יאָר צײַט זיך נישט צלמען מיט דער רעכטער האַנט; נו, אָט — היט ער אָפּ די תשובה, װאָרים ער איז א פרומער, כשרער, גלויביקער קריסט.

װאָס איך האָב אין דעם מאָמענט איבערגעלעבט קען מיך נאָר א איד פארשטײן.

אָט דאָס קען א סלאַװ טאָן און געפינען א כפרה בײַ א סלאַ-װישן גאָטעסדינסט...*)

*) דער דאָזיקער עפּיזאָד איז שוין דורך מיר באשריבן געװאָרן באריכות אין דער „פרײַער ארבעטער שטימע“ גלײַך נאָכדעם װי איך האָב זיך פון רוסלאַנד צוריקגעקערט קײן אמעריקע אינם זעלביקן יאָר 1928.

נאָכוואָרט:

סלאַווישע רציחה.

טעאָלאָגן און פאָרשער פון פעלקער-אָפּשטאַם באַהויפּטן, אַז די עשרת השבטים האָבן זיך צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע טיילן פון דעם ערדקוגל און זיך אויסגעמישט מיט אַלע אַנדערע פעלקער, אַזוי אַז עס איז שווער אַף זיכער צו זאָגן — ווער איז ווער...

געוויסע פאָרשער ווילן האָבן אַז די ענגלענדער זענען אַ געמיש פון די צען שבטים.

אַנדערע ווידער, אַז עס איז בכלל נישטאָ קיין איין ראַסע אַף דער וועלט, אַף וועלכער עס זאָל נישט זיין קיין פאַרדאַכט, אַז זי האָט אַ מער ווייניקער גרויסן פּראָצענט אידיש בלוט אין זיך. אפילו וועגן דער מאָנגאָלישער ראַסע איז פאַראַן אַ סברה, אַז עס פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל אידיש בלוט.

די אינדיאַנער — אַזוי באַהויפּטן געלערנטע, וויסנשאַפטלער — שטאַמען איבערהויפּט פון אַ אידישן שבט...

אַלע השערות זענען מעגלעך כל זמן די באַהויפּטונגען זענען ביז איצט נישט גרינטלעך באַשטעטיקט אָדער אָפּגעלייקנט געוואָרן.

ווי עס זאָל נישט זיין — אַלע גיבן אָבער צו, אַז די אַרומוואַנדערונג פון די צען שבטים איבער אַלע וועלט-טיילן איז אַ היסטאָרישער פאַקט.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ווען ניט איז אין די קומענדיקע יאָרן וועט אָט די פראַגע גרינטלעך און אַנטגילטיק געלייזט ווערן. אָט אַזוי איז דאָס און נישט אַנדערש, ווינטש איך זיך אין דעם פאַל נאָר איין זאַך — עס זאָל, חלילה, נישט דערוויזן ווערן אַז די סלאַוון זענען אונדזערע מחותנים...

איך האָב אַ וויכטיקע סיבה אַף דעם. איך באַרעכטיק נישט מיין מיינונג, אָבער איך קען זיך נישט באַפרייען פון דער מיינונג אַז פאַרגיסן בלוט, קאַלטבלוטיק, אָן אַ שוידער, אָנטאָן יענעם געברענטע צרות און קאַלטבלוטיק צוזען יענעמס ליידן און פּיין קען נאָר אַ סלאַוו און טאַקע דערפאַר וויל איך נישט אַז עס זאָל זיך אַרויסווייזן אַז מיר זענען אפילו וייטע קרובים...

חונדערט־און־דרייצן

12־טער קאַפּיטל.

איך ווער אין שטוב אַ „בעל הביתטע“

מיין טאַטע אַ יורד — איך אַ „באַלעבאָסטע“. — מיין טאַטע אַן עסטעט. — איך ווער איינגעזונקען אין הויז־ווירטשאַפט. — די מאַמע קלייבט נחת. — אַ איד ברענגט אַ קרבן.

פון אויסערגעוויינטלעכע פּאַסירונגען אין דער געשעפטס־וועלט, ווען מענטשן ווערן מיט אַמאָל רייך אָדער, פאַרקערט, ווען גבירים פאַרלירן מיט אַמאָל זייער גאַנצן פאַרמעגן און ווערן אָרי־מעלייט, האָט מען אין די קליינע שטעטלעך פון רוסלאַנד בכלל און אוקריינע בפרט — נישט געוואוסט.

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן איז זיך דאָרטן געפלאָסן ווי שטילע וואַסערן פון אַ טייך און דאָס רוב שטעטלשע איינוואוינער — און ווער רעדט נאָך געשעפטסלייט — זענען יאָרן לאַנג געשטאַנען אױף איין שטאַנד: נישט העכער, נישט נידעריקער.

גבירים זענען על פּי רוב פאַרבליבן גבירים און קבצנים זענען מערסטנטייל געבליבן קבצנים זייער לעבן לאַנג.

אין אַ זייער זעלטענעם פאַל פלעגט פּאַסירן, אַז אַ סוחר האָט זיך, יאָגנדיק נאָך עשירות, אביסל פאַרפּלאָנטערט אין געשעפט און סוף כל סוף פאַרלוירן זיין גאַנצן פאַרמעגן און דערביי אויך אריינ־געצויגן אין שפּיל פרעמדע געלט און געוואָרן נישט נאָר אַ קבצן, נאָר אַ בעל חוב איבערן קאָפּ ווי אַ צוגאָב.

אַזאַ פאַל האָט פּאַסירט מיט מיין טאַטן.

געדענקט איר דאָך, מסתמא, ווי מיין טאַטע איז געווען אַ

שענקער, זיך געזעסן אין זיין אייגן הויז, מעשה איינגעפונדע־וועטער באַלעבאַס פון דער „אַלטער שטאָט“*).

געדענקט איר דאָך ווי מען האָט געברוקירט די צוויי הויפּט־גאַסן, צוליב וואָס אונדזער הויז איז געוואָרן דער וויכטיקסטער פונקט פון פאַרקער און האָט אונדז אַריינגעבראַכט אַ שיינע מטבע.

מיין טאַטע האָט מיט דעם געלט געוואָלט פאַרפירן גרויסע און פאַרצווייגטע עסקים, האָט ער געשלאָסן אין קיעוו קאָנטראַקטן, אָנגענומען פאַדריאַדן און סוף כל סוף פאַרלוירן, נישט נאָר די לייכטע אָנגעקומענע טויזנטער, נאָר אַפילו דאָס ביסל אָפּגעשפּאָר־טע גראָשנס — אַ רעזולטאַט פון לאַנגיאָריקער, שווערער, ביטערער פּראַצע.

קומענדיק צו אַזאַ לאַגע האָט ער זיך פּרובירט דורכשלאָגן אַ וועג מיט די הילף פון פרעמדע געלט, גמילות חסדים, א. ד. ג., האָט ער זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ נעץ פון חובות — פאַר־שולדיקט זיך איבערן קאָפּ און האָט סוף כל סוף איינגעשפּאַנט אין דער ליאַמקע**) אי זיך אַליין, אי די מאַמען מיינע און ביידע האָבן געהאָרעוועט איבער די כוחות, כדי כאָטש אַרויסצוקריכן פון די חובות.

דער טאַטע האָט שווער און ביטער געאַרבעט אין דער מעל־קלייט און די מאַמע האָט זיך געשטעלט האַנדלען אין מאַרק מיט פּאַס־פיש, פאַרקויפט פאַרשיידענע געזאַלצענע פישן פון פעסלעך.

יענעם ווינטער איז מיין מאַמע געוועזן זייער באַשעפטיקט, פלעגט אוועקגיין פון שטוב גאַנץ פרי און קומען צוריק אַהיים זייער שפּעט אין אָוונט ווען עס איז שוין געוועזן רעכט פינצטער.

האַלטן אַ דינסט, אַ פרעמדן מענטשן אין שטוב, האָבן די

*) אַ שטאָט טייל וואָס איז געלעגן האַרט באַם ברעג טייך ראָס. דער טייך האָט אָפּגעטיילט די „אַלטע־שטאָט“ פון דאָרף. דאָס איבעריקע שטאָט־טייל האָט נאָך אין מיינע אינגסטע יאָרן זיך גערופן — „נייע־שטאָט“.
**) לאַסט־שנור.

אומשטענדן נישט דערלויבט און אזוי ווי מיר זענען געוועזן דריי קינדער (איך, אן עלף יאָריקער אינגל מיט צוויי קליינע שוועס-טערלעך) האָבן די עלטערן קיין אנדער ברירה נישט געהאַט ווי אוועקנעמען מיך פון חדר אף א גאנצן ווינטערדיקן זמן און האלטן מיך אין ״שטוב, כדי איך זאָל אכטונג געבן אפן הויז-ווירטשאפט און אף די אינגערע צוויי שוועסטערלעך.

דער טאַטע מיינער פלעגט, קומענדיק אהיים, מיט מיר עפּעס לערנען, אבער טאקע נישט מער ווי „עפּעס״, ווייל, ראשית, איז ער תמיד געווען זייער מיד, אָפּגעמאַטערט נאָך א שווערן טאָג האָ-רעוון אין קלייט און שנית, דאָס מיין איך, איז געווען די הויפּט סיבה, האָט דער טאַטע בשום אופן זיך נישט געקענט איינלעבן מיטן גערדאנק, וואס זיין קדיש, זיין געליבטער בן יחידל מוז זיין אָפּגעריסן פון א חדר און נישט דער באַצאָלטער, גוטער מלמד זאָל לערנען מיט זיין קינד, נאָר טאקע ער אליין, דער פארהאָרעוועטער, אויסגעמאַטערטער טאַטע.

אונזער לערנען האָט אים אויסער עגמת נפש גאָר נישט פאר-שאַפט און די מאמע מיינע, דאָס פילנדיק בחוש, האָט תמיד פאר-שטאַנען מיט א וועלכן נישט איז אויסרייד אונדזער לערנען איבער-צורייסן פון וואסביידע צדדים זענען געווען, לפנים, אומצופרידן, אָבער אין דער אמתן — זייער צופרידן, ווייל אויסער קענגזייטיקן פאַרדרוס האָט דאָס לערנען קיין שום פעולה נישט געבראַכט.

א אידיש פאָלקסווערטל זאָגט:

„מען זאָל דערצו נישט געפּרואווט ווערן צו וואָס מען קען גע-וואוינט ווערן״ — איך האָב זיך אליין איבערצייגט אינם אמת פון דאָזיקן פאָלקסווערטל.

איך האָב זיך צוגעוואוינט...

איך בין געוואָרן אן עכטע „באַלעבאָסטע״: געהאַקט און גע-שפּאָלטן האָלץ, געהייצט דעם אויוון, געהייצט די הרובע מיט שטרוי, געשטעלט דעם סאַמאָוואר, כדי די עלטערן זאָלן זיך קענען דער-וואַרימען נאָך א שווערן ארבעטס-טאָג אין די גרויסע ווינטער-

פרעסט, געקאָכט און צוגעגרייט וועטשערעס*) פאר די על-טערן, זיי זאלן האָבן וואָס צו עסן. מכוח אנדערע הויז-ארבעט שמועסט מען דאָך ניט, א שטייגער, — די בעטן פארבעטן, אויס-קערן די שטוב, וואשן, צוואָגן די שוועסטערלעך, אָנפיטערן זיי עט-לעכע מאָל אין טאָג, צוואוואשן און צושייערן די געפעס און זען, אז אין הויז זאל אלץ זיין אין בעסטן אָרדנונג.

אונזער דירה, וואו עס איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק דער שענק, איז באשטאנען פון פיר גרויסע צימערן. לפי ערך פאר יענער צייט, האָבן מיר פארמאָגט גאנץ שיינע מעבל: ווייכע שטולן, א דיוואן מיט באַרדאַ-פּליוש באצויגן, עטלעכע רונדע טישלעך פּאָ-לירטע מיט לאַק, שיינע ספרים-שרענק, א פּאַלירטן קאמאָד און א גרויסער וואנט-שפּיגל. פארשיידענע בילדער אין ראמען: צדיקים, חסידישע רביים און גרויסע מלחמה העלדן, דעם קייסערס געזינטל און א „מזרח"**).

מיר האָבן אויך פארמאָגט גאנצע צוויי סאמאָווארן — א וואָכעדיקן און א יומטובדיקן, אסך קופּערנע און מעשענע כלים. הכלל, אלץ ווי עס פּאסט זיך פאר אן איינגעפונדעוועטן מיטלען באַ-לעבאָס פון יענע יאָרן.

נישט האָבנדיק קיין אנדער אָנווענדונג פאר מיין יוגנטלעכער ענערגיע, האָב איך — באַ די אומשטענדן — פארווענדעט מיין ענערגיע אַף צו ברענגען אין אָרדנונג אונדזער דירה.

עס איז נישט קיין בארימעריי — (מ'שטיינס געזאָגט — מיט וואָס?...) אונדזער דירה איז געוואָרן מיט גאנצע הונדערט פּראָ-צענט ריינער, שענער, געמיטלעכער און פרישער ווי ביז מיין „באַ-לעבאטעוון".

אָנהויבנדיק פון די גלאָזווארג, פּאָרצעליי-געפעס, א. א. וו., און

---

*) אָוונטברויט.

**) אַ האַנט־אַרבעט אַף קאַנווע, וואָס שטעלט פאָר אַ וועלכן נישט איז ביבלישן בילד, אויפגעהאַנגען אַפן מזרח־וואַנט.

ענדיקנדיק מיט די קופער און מעשווארג האט אלץ געבליצט און געבלאנקט פון זויבערקייט.

נישט נאר האב איך די פאדלאגע*) באשאטן מיט געלן זאמד, נאר אנרייבן רויטע ציגל-שטויב און דערמיט באשיטן די פאדלאגעס פון אלע פיר צימערן — אויסער דער קיך.

נישט נאר אינגלשער פליים האט מיך דערצו באוועגט, נאר איך בין געטריבן געווארן פון עפעס אן אינערלעכער טרייב-קראפט, איך האב אין דעם געפילט א נויטווענדיקייט. ווען די שטוב איז געווען „אויסגעפוצט" און אויפגעראמט פלעג איך אליין זיך פילן בעסער און מונטערער.

דעם שטריך אין כאראקטער האב איך, אפנים, באקומען פון מיין טאטן.

מיין טאטע האט זייער ליב געהאט שיינע כלי בית, חפצים, ארדנונג אין אלץ און איבערהויפט זויבערקייט. אין די ערגסטע צייטן פלעגט ער זיך דערמיט אפגעבן, לייגן אף דעם אכט און געפאדערט, געמאנט, געמוסרט, דערקלערט און געטענהט מיט דער מאמען מיינער, וועלכע האט אף דאס אלץ קיין שום אכט נישט געלייגט. עס פלעגן אפילו אפט אויסברעכן קאנפליקטן צווישן טאטע-מאמען צוליב געוויסע אומארדנונגען אין דער הויז-ווירטשאפט בכלל און צוליב זויבערקייט בפרט.

בנוגע מיר אבער האט זיך באקומען פונקט דאס אומגעקערטע:

וואס מער איך האב זיך געפלייסט, אז אלץ זאל זיין אין בעס-טער ארדנונג, אלץ זאל זיך געפינען אף זיין געהעריקן פלאץ, אלץ זאל בלאנקן פון זויבערקייט — אלץ אומצופרידענער איז מיין טאטע דערפון געווארן.

אמת, זיין אומצופרידנקייט איז נישט געווען פארבונדן מיט מיין פערזאן און מיין ארבעט און טאקע צוליב דעם האב איך זיך נישט געקענט דערגרונטעווען צו דער אמתער סיבה.

איך האב זיך אפילו ארייננגעטראכט אין טאטנס לאגע: א

---

*) דילן.

גאַנצן טאָג אָן א לעפל געקעכטס צו דערוואַרימען די אָנגעפרוירענע גלידער, אויסריידן זיך דאָס האַרץ מיט די דאָרפס־גוים באַם דינגען זיך צוליב א פּדיון — דאָס איז זייער און זייער שווער, אַסך שווערער ווי מיין ארבעטן אין א גרויסער וואַרימער דירה.

טאַקע צוליב דעם האָב איך זיך נאָכמער געפּלייסט צו מאַכן אַלץ וואָס אָנגענעמער, וואָס באַקוועמער. איך בין קאַפּאַבל געווען דאָס גאַנצע הויז איבערצודרייען האָרע־קאָרע, אַבי דעם טאַטן מיינעם צופרידנצושטעלן, און ווען איך האָב געהערט ווי ער פירט א שמועס מיט דער מאַמען מכוח אָט דער פראַגע, און די מאַמע האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן מיך אין איין לויבן, געהויבן אין הימל אריין.

דער טאַטע אָבער:

— א שיינער תכלית, נישטאָ וואָס צו ריידן!!

ער וועט דאָך פאַרגעסן אַלץ וואָס ער האָט געקענט, און וואָס וועט ווייטער זיין?

— „איך פיל, אז איך פאַרשאַף אים מער שמערצן ווי די אַרבעט וואָס ער טוט.“

— „ער פאַרשטייט, אז איך קען צו אים גאָרנישט האָבן, ער קען אָבער נישט פאַרשטיין, אז איך, זיין טאַטע, קען נישט בלייבן צופרידן.“

— „איך קען קיין נחת פון דעם נישט האָבן.“

די ווערטער: „וואָס וועט זיין דער תכלית, ער וועט פאַרגעסן וואָס ער האָט געקענט“ האָבן אָנגעהויבן עקבוירן מיין מוח.

איך האָב זיך מער קיין אָרט נישט געפונען ביז איך בין געקומען צו א הסכם, אז צו מיין איצטיקער „באַשעפטיקונג“ מוז איך נאָך זען עפּעס צו לערנען.

ניט ווייט פון אונדז, אויף דער פּריצישער גאַס, האָבן געוואוינט די קאַלקערס, א אידישע פאַמיליע וואָס האָט נישט געוואָלט וויסן פון אידישקייט.

דאָך האָבן די קינדער זייערע געוואוסט און אויב זיי האָבן ניט געוואוסט, האָט מען זיי געלאָזט וויסן אז זיי זענען אידן.

די קאלקערס האָבן געהאט צוויי אינגלעך. איינער פון א יאָר 14-13, וועלכער איז געגאנגען אין גימנאזיע; דער צווייטער אין מיין עלטער.

איך האָב זיך מיט זיי געקענט, ווייל זומער פלעגן מיר שפּילן צוזאמען אין „מיאַטש" און אין אנדערע שפּילן.

דער עלטערער פלעגט פארבייגיין יעדן טאָג פארביי אונדזער הויז, האָב איך אים איינמאָל אָפּגעשטעלט און געבעטן אז ער זאָל מיט מיר לערנען רוסיש.

ער האָט צוגעזאָגט מיר צו געבן אן ענטפער אין א וואָך ארום.

אַף דער צווייטער וואָך האָב איך אים ווידער אָפּגעוואַרט און איהם געפרעגט, האָט ער מיר געענטפערט, אז ער האָט גערעט מיט זיינע עלטערן און זיי ווילן, אז איך זאָל קומען צו זיי דורכריידן זיך וועגן דעם.

איך האָב אָפּגעוואַרט ביז שבת, ווען מיינע עלטערן זענען גע-ווען אין שטוב און איידער מיין טאַטע איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף נאָכן טשאָלנט, בין איך אוועק צו די קאלקערס.

זיין טאַטע האָט מיך געפרעגט, צי איך גיי אין חדר.

איך האָב אים געענטפערט אז ניט, און צוגעגעבן, אז איך וואָלט זייער וועלן לערנען רוסיש און ווי איך פארשטיי איז מיין טאַטע איצט אָרים, ווייל מיר האָבן אפילו קיין דינסט ניט, און ער איז ניט בכוח פאר מיר צו נעמען א לערער.

מיינע אָפּענע און קלאָרע דבורים זענען אים געפעליק געוואָרן און ער האָט געהייסן זיין זון, אז ער זאָל קומען יעדן טאָג צו מיר אַף א שעה צייט און מיר געבן אן אוראָק, אָבער דערביי האָט ער אים אָנגעזאָגט, למען השם צוליב דעם ניט פארנאכלעסיקן זיינע אייגענע אוראָקן.

— נישקשה, — האָט ער אים געזאָגט, — וועסטו זיך ווייני-קער שפּילן און זיך ווייניקער גליטשן, אבער דערפאר וועסטו טאָן א גוטע זאך פאר א אידיש אינגל — אים ארויסרייסן פון אידישן חדר.

אין תוך גענומען, האָב איך אין מיינע אינגלשע געדאנקען

איינגעשטימט מיט אים, אַז דער חדר איז נישט די אידעאַלע אינס-טיטוציע וואו צו שעפּן קענטעניש.

אָבער ער האָט מיט אַזויפיל פאַרדרוס און האַס אַרויסגעזאָגט די ווערטער „אידישן חדר", אַז איך האָב זיך אַזש פאַרשעמט פאַר אים.

וואָלט איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו קריגן אימעצן אָן אַנדערן מיר צו געבן אוראָקן, וואָלט איך אים מיט גרויס הנאה געזאָגט:

„רב איד, איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער גוט הארץ, נאָר אויב איר טוט עס נאָר צוליב דעם, וואָס איר וואָלט ניט וועלן אַז איך זאָל גיין אין חדר, בין איך אייך מוחל, ווייל איך האָב ניט ליב קיין צו-להכעיס." אָבער אונטער די אומשטענדן בין איך געווען געצווינגען צו בלייבן שווייגן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווען איך האָב שוין געקענט אַ פּאָר פרישע באַסניעס אָף אויסנווייניק, האָב איך מיין טאַטן דערציילט די גאַנצע געשיכטע, ווער עס לערנט מיט מיר רוסיש יעדן טאָג, און אַז איך מאַך פלייסיק מיינע אוראָקן און קריג פון מיין לערער גוטע „אָטמעטקעס"*).

זיין פרייד אין יענעם אָוונט וועל איך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן.

ער האָט מיך געהאַלדזט און געקושט.

ער איז געווען אין זיבעטן הימל.

ווען איך האָב אים דערציילט, ווי אַזוי קאַלקער האָט מיט האַס און צאָרן אַרויסגערעדט די ווערטער „אידישער חדר", האָט ער איבערגעחזרט עטלעכע מאָל „אידישער חדר", „אידישער חדר", אודאי האָט דער חדר חסרונות, אָבער האַסן איז נישטאָ פאַרוואָס.

אַזעלכע אידן ווי קאַלקער שטויסן אָפּ פרומע אידן פון בילדונג און זיי פאַרבלייבן אַ דאַנק זיי פאַרשימלטע אידן.

אַנשטאָט זיי צוצוציען מיט אַ פריינטלעכער האַנט, פאַרשטויסן זיי די פרומערע אידן.

---

*) ציינכנס.

„א איד ווי קאלקער איז געגוג רעליגיעז צו האסן אידישקייט און ווייניק רעליגיעז צו ליבן א אידן".

— „יאָ, מיין קינד, — האָט מיין טאטע אין א ווײלע ארום ווידער געזאָגט, — אין אלע צייטן איז תורה געווען די בעסטע סחורה."

— „תורה לערנען הייסט, נישט נאָר לערנען פון אידישע ספרים."

— „געדענק, מיין קינד, אז אן אומוויסנדער מענטש פאראכ־טעט לערנען, אן איינפאכער מענטש פארערט לערנען, און א קלו־גער, דענקענדער מענטש באנוצט זיך דערמיט."

— „געדענק, אז ניט דאָס אויג זעט דאָס שיינע אין לעבן, ס'איז נישט דער אויער וואס הערט די זיסקייט פון מוזיק. עס איז די נשמה פון אן אנטוויקלטן, געלערנטן, וואָס קריגט דעם רייץ, דעם געשמאק און די פיינקייט דאָס צו באגרייפן."

א דאנק דער פלייסיקייט פון מיינע עלטערן און זייער שווע־רער האָרעוואניע האָט זיך זייער מאַטעריעלע לאגע אינגיכן פאר־בעסערט.

מיין מאמע האָט אף פסח צוגענומען א דינסט אין שטוב, וועלכע איז געבליבן באַ אונדז ביז די מאמע האָט באקומען א פאר־דאכט, אז... זי ווירקט אף מיר צום שלעכטן...

(ווי איך באשרייב באריכות אינם וויטערדיקן קאפיטל).

וואָס וויטער און וויטער האָבן זיך דעם טאטנס געשעפטן גע־האלטן אין איין בעסערן.

גלייך אף מאָרגן נאָך פסח האָט מען מיך אָפּגעגעבן צו אברהם־איציק דעם מלמד.

דאָס איז געווען דאָס העכסטע און דאָס בעסטע וואס א טאטע האָט געקענט טאָן פאר זיין קינד, זייענדיק ביכולת צו צאָלן שכר־לימוד.

אברהם־איציקס חדר האָט געשמט ווי דער העכסטער אינסטיטוט אין שטאָט און די גרעסטע גבירישע קינדער האָבן באַ אים געלערנט.

פארשטייט זיך, אז מען האָט מיך אויך אויסגעקלייט אפן

בעסטן און שענסטן אופן און ווי דער שטייגער פון מיין טאַטן איז גע-
ווען אין די צייטן ווען דער רובל האָט זיך בײַ אים געדרייט אַביסל
לייכטער...

אַז קאַלקער איז געוואויר-געוואָרן פון מיין גיין אין חדר, האָט
ער באַפוילן דעם זון, דעם גימנאַזיסט, איבערצוררייסן זיינע אוראָקן
מיט מיר.

מאָדנע צייטן, מאָדנע באַגריפן, מאָדנע מענטשן...

איך האָב זיך שוין אָבער נישט מער געגוויטיקט אין מיין אומ-
זיסטן לערער, ווייל אברהם-איציק, א מאָדערנער מלמד, האָט מיט
אונדז אינגלעך שוין אויסער רעליגיעזע לימודים אויך געלערנט רו-
סישע גראַמאַטיק, אַריפמעטיקע און אַנדערע וועלטלעכע לימודים.

מיט קאַלקערס אינגלעך האָב איך אָבער מיינע באַציאונגען
נישט איבערגעריסן ביז מיר האָבן פאַרקויפט אונדזער הויז אין דער
„אַלטער-שטאָט" און זיך אריבערגעצויגן אין אַן אַנדער שטאָט-
טייל.

———:———

נאָכוואָרט:

איך ווער אין שטוב אַ „בעל הביתטע“

אומשטענדן קענען מאַכן אַ מענטשן אַ טייוול און פאַרקערט.

אומשטענדן ווירקן זייער שטאַרק אין די פריעסטע קינדער־יאָרן און לייגן — אַזוי צו זאָגן — דעם גרונטשטיין פאַר זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

אומשטענדן קענען באַם קינד אַרויסרופן די שענסטע, צאַרטסטע און איידעלסטע געפילן, וועלכע קענען דויערן און אָנהאַלטן ביז...

אומשטענדן — אומגעקערטע — מאַכן פון אַלדאָס גוטע אַ תל...

די שווערע אומשטענדן — קריטישע עקאָנאָמישע לאַגע פון מיינע עלטערן — זענען געווען אַ סיבה — איך זאָל ווערן די „בעל הביתטע“ אין שטוב.

איך בין געוואָרן דער משגיח איבער מיינע אינגערע שוועסטערלעך.

זייער הילפלאָזיקייט איז געווען אַ גורם צו דערוועקן אין מיר אַ צאַרטקייט און אַ ליבע צו קליינע, הילפלאָזע קינדער.

די שווערע פראַצע פון מיינע עלטערן, זייער שווערער, געדריקטער געמיט־צושטאַנד האָט געווירקט אין מיר איינצוואָרצלען אַ חוש פון רחמנות פאַר איטלעכן ליידנדיקן און נויטבאַדערפטיקן.

———:———

13־טער קאַפּיטל.

קאָלאָסאַלע דערפאָלגן — אפן קארוסעל, אין דער „ארמיי“ און באַ דער דינסטמיידל . . .

דער קאַרוסעל און מיינע נצחונות. — איך ווער אן אָפיציר אין דער „ארמיי“. — איך ווער פארוואונדעט אפן שלאַכט־פעלד. — שיעור נישט אַ... פעלדמארשאל. — דאָס שפיל אין טאַטע־מאַמע. — אַ מאַמעס אויג איז וואַך.

דורך א צופאַל בין איך דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פון מיינע חברים.

איך בין דאן אלט געווען קנאַפּע עלף יאָר. ווי שוין געזאָגט, איז דער מצב פון מיין טאַטן געווען אַסך א בעסערער ווי מיט אַ צייט פריער, א בן יחיד נאָך דערצו אויך געווען, האָבן מיר נישט געפעלט קיין שיינע בגדים, קיין קאפּעליושל, קאַלאָשן; שטענדיק געהאט טאַשנגעלד אף נאַשוואַרג, עס האָט אפילו נישט אויסגעפעלט קיין טאַשנמעסערל און א זייגערל.

געווען בין איך א געוויקסיקער, שלאנק און בויגעוודיק, פאַרשטאַנען די קונץ פון געבן און צונעמען א קלאפּ, בכלל נישט געווען בן יחידיתדיק פאַרצויגן, צופּיעסטשעט.

פאר מיר איז געווען א קלייניקייט זיך באַנאַכט אוועקצולאָזן צום בית עולם צום געהילץ, ארויסכאפּן עטלעכע שינדלען אף צו מאַכן שווערדן פאר זיך, פאר חברים, א זאַך וואָס נישט אלע דרייסטע אינגלעך וואָלטן געוואַגט; א קלייניקייט צום בית עולם באַנאַכט!... איך האָב נישט מורא געהאט אפילו פּסח-צייט צו פאָרן אַפן פּאַראָם, באַ מיר איז געווען א קלייניקייט אריבערצוקריכן דעם הויכן צוים אין גלחס גאָרטן און אָנרייסן עפּל, באַרן, יאַגדעס,

סטרוטשקעס און שאר ירקות. דעם גלחס הינט, אפילו, האָבן מיך נישט אָפּגעשראָקן.

באַ אזעלכע געפּערלעכע „עקספּעדיציעס" פלעג איך נאָר מורא האָבן פאַר אייך זאַך — נישט מאַכן א „גוואַלטרים" אין מיינע נייע מלבושים, ווייל מיין טאַטע, באַ אונדזער באַגעגענען זיך, האָט גע-האַט די טבע מיך ארומצוקוקן פון קאָפּ ביז די פיס, נישט אזוי צו-ליב קאָנטראָל, ווי פשוט צוליב שפּיגלען זיך אין מיר ווי אין א שפּיגל אין דעם שיינעם ראַם פון נייע בגדים.

נישט געקוקט אַף דעם, וואס איך בין געווען געוואַגט, דרייסט, אונטערנעמעריש, ארויסגעוויזן איניציאַטיוו, האָט קיינער פון מיינע חברים אַף מיר זיך נישט אומגעקוקט. קיין איין צד פון די צוויי „פיינטלעכע לאַגערן", אונדזערע חדר-אינגלעך, וועלכע פלעגן פירן שטענדיקע מלחמות צווישן זיך, האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אַף מיר, אַף מיין וויכטיקייט, און נישט איינגעלאַדן צו פאַרנעמען באַ זיי אַן אמט פון אַן „אָפיציר".

עס האָט אפילו נישט געהאָלפן מיך ארויסצורוקן אין די פּאָ-דערשטע רייען דערפאַר, וואס איך בין געווען אַן אויסנאַם מיט דעם, וואס איך האָב זיך שוין געבאָדן „באַ די שטיינער" און פלעג פון די הויכע פאַליעס*) שפּרינגען אין טיפן טייך אריין.

צו באָדן זיך „באַ די שטיינער" איז געווען א גאָר באַזונדערע זכיה, און נישט אַלע גרויסע, ווער רעט שוין קינדער, האָבן דערצו זוכה געווען.

דאָס איז געווען א מין רייפקייט-אַטעסטאַט אריינצוקומען אין דער געשלאָסענער „קאַסטע" פון די גוטע שווימער-קונצנמאַכער.

נישט איין אינגל, זיך באָדנדיק ערגעץ באַם ברעג ראָס, פלעגט מיט אַן אנגענעמען געפיל חלומען אפן וואָר וועגן יענער ליבער, גו-טער צייט ווען ער וועט שוין זיין ראוי זיך צו באָדן מיט די גוטע שווימער, מיט די דרייסטע וואסער-שפּרינגער, מיט די וואס פאַר-שטייען צו „מעסטן קלאַפּטער" און ווייזן אנדערע קונצן אפן וואסער.

---

*) קלעצער.

די דערוואַקסענע פלעגן פשוט משלח זיין די אינגלעך און אפילו גרויסע, וועלכע לויט זייערע שווים-דערגרייכונגען, פאַסן זיך נאָך נישט אריין אין אָט דעם „מקום קדוש" — „בא די שטיינער".

דאָס איז געווען נישט נאָר אן אָרט אױף צו באָדן זיך, נאָר אַ מין קלוב רחמנא לצלן: אַהין פלעגן זיך די דערוואַקסענע פאַר-קלייבן אױף אַ גאַנצע ליבן זומערדיקן טאָג, מען פלעגט אפילו מיט-נעמען מיט זיך עסן און פאַרברענגען אין שמועסן וועגן „הויכע" ענינים באָדן זיך, שווימען, רוען, גלאַט וואַרימען זיך אַפן זון א. ד. ג.

פרייטיקדיקן טאָג איז דאָ געווען אן עכטער בית ועד לחכמים...

פון שטענדיקן באַנוצן די שטיינער ווי אַ זיץ-פלאַץ, האָבן זיי זיך אויסגעריבן, באַקומען אויסהוילונגען ענלעכע צו שטולן און זיך גערעכנט ווי דער אויבן-אָן, ווי, להבדיל, אַ מזרח-וואַנט פאַר די גרויסע מיוחסים: שווימער, רעדנער, דערציילער, שפרינגער אין וואַסער און אַנדערע גדולים...

איך האָב שוין אלס אינגל דערגרייכט די מדרגה פון באָדן זיך בא די שטיינער, דאָס האָט אַרויסגערופן נישט ווייניק קנאה בא מיינע אָפּגעשטאַנענע — אין הלכות שווימען — חברים, אָבער עס האָט מיך נישט אַרויסגערוקט אױף דער פאָדערשטער פאָזיציע, האָט מיר קיין שום בכבודיקן אָמט אין איינע פון די „קריגערישע אַרמייען" נישט געגעבן ביז עס איז געקומען דער צופאַל, דער בלינדער צופאַל, וואָס שפּילט אין מענטשנס לעבן די דאָמינירנדיקע לויט מיין מיינונג ראָלע.

נאָך פסח האָט זיך צו אונדז אין שטאָט אַרונטערגעלאָזן אַ קאָמ-פּאַניע מיט אַ קאַרוסעל.

אַזאַ וויכטיקע געשעעניש האָבן מיר קיינמאָל נישט דורכגעלאָזן און, עס פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע אידישע יוגנט, אויסער, אפשר, די וועלכע אליין, אָדער זייערע עלטערן, האָבן געטראַכט אַז אַרומדרייען זיך אױף פערדלעך צוזאַמען מיט פריצטעס און שיקסעס איז נישט קיין עסק פאַר אידישע קינדער...

עס איז איבעריק צו זאָגן, אז איך בין געווען פון די ערשטע געסט, און צו מיין גליק אָדער ריכטיקער — צוליב מיין פלינקייט, פלעג איך דאָס רוב כאַפּן דעם מעשענעם רינג, וואָס האָט געגעבן רעכט, ארומצופאָרן פריי דעם גאַנצן אָוונט אָן געצאָלט.

פאַרשטייט זיך, אז בעלנים אַף דעם זענען געווען נישט ווייניק, אָבער קיינעם האָט זיך נישט איינגעגעבן צו זיין אזוי פלינק און אַף אזא אופן בין איך שטענדיק געווען „אַפּן פערד" און האָב געהאַלטן אין איין כאַפּן דעם מעשענעם רינג.

איך האָב זיך שוין אזוי איינגעשוואונקט, אזוי איינגעאיבט, אז עס איז שוין בא מיר געוואָרן א געוויינלאַכע זאַך און דאָס האָט אזוי אויסגענומען באַם שטענדיק פאַרזאַמלטן עולם אַרום קאַרוסעל, אז מען האָט מיך אָנגעהויבן באַוואונדערן, לויבן און רימען.

דאָס האָט — פאַרשטייט זיך — נישט געקענט בלייבן אומ-באַמערקט אויך אין די „הויכע ספערן" און עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי א שליח מיוחד פון „קייסער" וועלכער האָט געהערשט איבער דער „חברה" פון מיין שטאָט-טייל האָט מיך אָפּגערופן אָן א זייט און אין א טאָן ווי עס פּאַסט פאַר אזא הויכער מיסיע, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אז ער איז געשיקט פון „אים" אליין, ספּעציעל זיך מיט מיר צו פאַרשטענדיקן וועגן אריינטרעטן אין דער אַרמיי גלייך אַלס אָפיציר.

אזא אויסנאַם האָט נאָך ביז היינט אין דער געשיכטע נישט פּאַסירט, נאָר מיינע אויסעראָרדענטלעכע אייגנשאַפטן און פעיקייטן באַם כאַפּן דעם מעשענעם רינג גיבן דאָס רעכט פאַר אזא אויסנאַם.

אומאָפיציעל האָט מיר דער הויכער שליח פאַרטרויט, אז גאָר אינגיכן קען איך זיך דערהויבן ביזן ראַנג פון א פּאָלקאָווניק*) — אויב נישט נאָך העכער...

מיט שמחה און שטאָלץ האָב איך דעם פאַרשלאָג אָנגענומען

*) קאָלאָנעל.

און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען גאַנץ פייערלעך געפּראַוועט די צערעמאָניע פון מיין אַריינטרעטן אין דער „אַרמיי" אַלס מאַיאָר.

גלייך האָב איך אין מיין אָפּטיילונג איינגעפירט אַן אייזערנע דיסציפּלין און דורכגעפירט אַ פּראָיעקט, אַז מלחמה צייט זאָלן אַלע אָן אויסנאַם — אפילו פּראָסטע זעלנער — זיין באַוואָפנט מיט הילצערנע שווערדלעך, פאַרשטייט זיך, איטלעכער נאָך זיין ראַנג און גראַד.

אַף אַ פאַרטרויליכער זיצונג — איינגערופן דורך מיר — אַף וועלכער עס זענען געווען איינגעלאַדן נאָר „אָפיצירן" האָב איך אַנטוויקלט מיין פּלאַן ווי אַזוי צו „באַקומען" געהילץ אַף אַזוי פיל שווערדן, אויב אַלע פּשוטע זעלנער מוזן זיין באַוואָפנט.

מיין פּלאַן איז געוואָרן אָנגענומען, די קאָמפּאַניע דורכגעפירט. שינדלען האָבן מיר „באַקומען" לרוב און דעם „פּאָדריאַד פאַר דער אַרמיי" — אויסצופאַרטיקן פון שינדלען שווערדן האָבן מיר אָפּגעגעבן יאַנקל מירל׳ס — דעם מלמד׳ס שווער, וועלכער איז געווען אַ מאַדים אַף צו מאַכן שווערדלעך פאַר חדר אינגלעך צו ל״ג בעומר.

אַ תנאי האָבן מיר אויסגענומען, אַז אונדזערע מיליטערישע שווערדלעך מוזן זיין גאַנץ אַנדערש ווי די ל״ג בעומרדיקע. לויטן קאָנטראַקט האָט ער באַקומען דריי גראָשן פאַר אַ שווערד מיט אונדזער האָלץ.

דערהערנדיק דאָס וואָרט „אונדזער האָלץ" האָט ער אונדז אפילו געוואָרנט נישט צו ראַבירן קיין פרעמדע גוטס, אָבער מיר האָבן זיך כלומרשט געמאַכט נישט פאַרשטייענדיק וואָס ער מיינט דערמיט, אָפּגעטאָקט אַ כפול-שמונהדיקן ליגן, אַז בּאַ איינעם פון אונדזערע אינגלעך געפינען זיך גאַנצע הונדערט שינדלען ווי זייער אַן אייגנטום.

כדי צו „באַקומען" שינדלען איז אָנגעווענדעט געוואָרן די אַלטע, אויסגעפּרוּווטע סטראַטעגיע: אַ חברה מאַן שלעפּט שינד-לען און אַנדערע חברה לייט שטייען נישט ווייט פון דאָרטן, כדי איבערצונעמען דאָס פּעקל און טראַנספּאָרטירן ווייטער צו יאַנקל

מירל׳ס. אינם פאל ווען דער סטאַראַזש*) וועט אים פּאַקן דאַרפן יענע חברהלייט צולויפן און אָנהויבן שלעפּן שינדלען פון אַ צוויי-טער זייט. היות ווי לויפן כאַפּן די „שלעפּער״ וועט ער דאָך נישט קענען האַלטנדיק דעם ערשטן, וועט ער אים מוזן אָפּלאָזן און לויפן אהין וואו די געפאַר איז גרעסער, דערווייַלע וועט דער אָפּגע-לאָזענער ווייטער אָנהויבן שלעפּן שינדלען און אױף אַזאַ אופן וועלן אַלע אינגלעך האָבן עפּעס געשלעפּטע שינדלען, וואָס צוזאַמען וועט עס זיין גענוג פאַר דאָס ערשטע מאָל...

אַלץ איז נעגאַנגען כשורה און דער פּלאַן האָט זיך ווי תמיד — איינגעגעבן אפן בעסטן אופן א חוץ א קלייניקייט וואָס מען האָט נישט פאָראויסגעזען: דער הינטעל האָט אָפּגעריסן א שטיקל פּלו-דערקע בא איינעם פון די פּראָסטע זעלנער וועלכן מען האָט אין דער עקספּעדיציע מיטגענומען צוליב טראַנספּאָרטירן די שינדלען צו אונדזער מלמד׳ס שווער.

איך בין אין א קורצער צייט ארום דערהויבן געוואָרן צו א העכערן ראַנג. דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקן מיין גוט שווימען און מיין גוט שפּילן אין מיאַטש. דער הויכער טיטל פּאָלקאָווניק האָט מיר קיין גרויסע נצחונות אפן שלאַכטפעלד נישט געגעבן. איך האָב בכלל זיך אַקטיוו באַטייליקט אין איין שלאַכט נאָר, דערצו געליטן א מפּלה.

אמת, נישט צוליב מיין שולד, ווייל אָנגעפירט מיטן שלאַכט האָט אַ געוויסער „פעלדמאַרשאַל״ א אינגל מיטן נאָמען ביק, אָבער דאָך האָט עס מיר קיין גרוים כבוד נישט פאַרשאַפט.

איך געדענק נישט צו וועלכע ביקעס האָט געהערט דער דער-מאָנטער שלימזלדיקער פעלדמאַרשאַל, ווייל עס זענען געווען בא אונדז עטלעכע פאַמיליעס מיטן זעלביקן נאָמען, אַזוי אז ביקעס האָבן נישט אויסגעפעלט בא אונדז אין שטאָט בכלל און צווישן אינגלעך בפרט.

אין דער „ארמיי״ האָב איך געדינט נישט מער ווי איין סעזאָן.

---

*) היטער, נאַכטוועכטער

מער ווי איין שטאָך אין קאָפּ מיט עפּעס א שאַרפער זאַך האָב איך נישט באַקומען אָבער דערפאר איז דער דאָזיקער שטאָך איינגעקריצט אין קאָפּ בא מיר ביז היינטיקן טאָג...

מען האָט אָנגענומען מיטלען מיך צו פארהאַלטן אין דער ארמיי, צוגעזאָגט גליקן, א סצעפּטער פון א פעלדמאַרשל, אָבער איך בין אפילו „דעם" נסיון בייגעשטאַנען און זיך אָפּגעזאָגט.

אין הארבסט איז ווידער אמאָל צו אונדז געקומען די חברה מיטן קאַרוסעל און איך בין אַלץ געבליבן דער „טשעמפּיאָן"*) באַם כאַפּן דעם מעשענעם רינג, צוליב וואָס איך פלעג ארומפאָרן אַף די פערדלעך פריי כל זמן די מוזיק האָט געשפּילט און די פערד-לעך האָבן זיך געדרייט.

מיין דערפאָלג באַם כאַפּן דעם רינג און די פאָלגן דערפון — דאָס אומזיסטע ארומפאָרן אָן א גראָשן געלט האָט מיר געמאכט א נאָמען אין שטאָט; עס האָט אפילו דערגרייכט ביז אונדזער דינסטמויד און יענע האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון מיר.

איינמאָל האָב איך זיך פארשפּעטיקט צו קומען אהיים; מיינע עלטערן האָבן אָנגעהויבן צו ווערן אומרואיק און האָבן געשיקט די דינסטמויד מיך זוכן. זי האָט גראָד געוואוסט וואו איך געפין זיך און איז, קענטיק, געווען זייער צופרידן צו גיין מיך זוכן.

נישט איינמאָל איז איר אויסגעקומען צו הערן פון מיינע חברים — שוין אָפיצירן פון העכערן ראַנג — ווי באַגייסטערט זיי זענען פון מיין דערפאָלג באַם כאַפּן דעם רינג.

טרעפנדיק מיר באַם קאַרוסעל, האָט זי מיך אָפּגערופן אָן א זייט און פארטרויט א סוד, אז דער טאַטע און די מאַמע זוכן מיך און עס וועט זיין אסך גלייכער איך זאָל בעסער גיין מיט איר אהיים.

איך האָב איינגעוויליקט.

מיטן לינקן זייט פון איר פארטוך האָט זי מיר ארומגעווישט דעם שווייס, מיט איר קאַם פון קאָפּ — פארקעמט מיינע האָר, גע-בראַכט אין אָרדנונג מיינע בגדים און א זאָג געטאָן:

---

*) אומבאזיגטער.

— נו, און איצט — קום!

דערביי האָט זי מיך ארומגענומען און א שטארקן קוש געטאָן.

מיר האָט זייער געחדושט פארוואס קושט זי מיך, ווייל נאָך היינט אינדערפרי האָב איך איר אָנגערופן גוישער קאָפּ, פערדעשער מח, לאטוטישע מויד, דערפאר, וואס זי האָט ארונטערגעוואָרפן מיין אינגסטע שוועסטערל פון א הויכן שטול און דאָס קינד איז זיך פארגאנגען ביז בלוי ווערן. איך האָב זיך זייער געחדושט, אָבער גאָרנישט געפרעגט.

ווי עס ווייזט אויס, בין איך מיטן קוש צופרידן געווען. איך האָב, קענטיק, אים אָנגענומען ווי אן אויסצייכניש פאר מיין פלינקייט אף די פערדלעך.

גייענדיק אהיים, האָט זי מיך די גאנצע צייט געהאלטן בא דער האנט.

מיט אמאָל בייגט זי זיך צו אין מיין זייט און טוט מיך א פרעג:

— „דו האָסט שוין אמאָל ווען געשפּיעלט מיט א חברטע אין „טאטע-מאמע“?

— „אוראי“, — האָב איך זיך געגרויסט נישט ווויסנדיק וואָס זי מיינט.

— „און היינט באנאכט וואלסטו געוואָלט ווידער שפּילן זיך אין דאָזיקן שפּיל?“

— „ניין, איך בין דאָך שוין א גרויסער אינגל, איך שפּיל זיך שוין נישט מער“.

— „אפשר נאָך איין מאָל?“

— „מיט וועמען קען איך זיך שפּילן באנאכט, מיר גייען דאָך אהיים?“

— „מיט מיר.“

איך בין ווי איבערראשט געוואָרן, האָב אָנגעהויבן בלאָנדזשן אין די געדאנקען און נישט געקענט צוקומען צו א באשטימטן פונקט ווי זיך אָפּצושטעלן.

עפּעס האָב איך יאָ און נישט באַגריפן. די ענגלישע פאַנטאַזיע האָט זיך ווילד צעשפּילט.

געוואוסט האָב איך נאָר, אַז אַ מיידל איז אַנדערש געבויט, אַנדערש פאָרמירט ווי אַ אינגל. אַ מיידל האָט, מסתמא, אויך אַנדערע אברים, איך האָב געטראַכט וועגן יענע אברים, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געזען און געפילט ווי דאָס גאַנצע בלוט קומט מיר אין פּנים אַריין.

מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן שנעלער ווי געוויינטלעך, עפּעס אַ מאָדנער, ביז איצט פאַר מיר אומבאַקאַנטער געפיל האָט מיך אַרומגענומען און אינסטינקטיוו האָב איך אַ קוק געטאָן אויף מיין באַגלייטערקע.

געווען איז זי אַ מויד נישט קיין מיאוסע, אונטער אַנדערע אומשטענדן, בײַ אַנדערע באַדינגונגען — אַפילו אַ שיינע.

ווען אונדזערע אויגן האָבן זיך פּלוצלונג באַגעגנט, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— „יאָ, טייערינקער, זאָג, היינט בײַנאַכט וועלן מיר זיך שפּילן?"

דערבײַ האָט זי זיך צוגעבויגן, מיך שטאַרק אַרומגענומען, געדריקט און געקושט.

איך האָב נאָענט דערשפּירט איר וואַרימען, ווייכן קערפּער און האָב אין מאָמענט ווען זי האָט זיך געבויגן מיך קושן, דערזען אַ טייל פון אירע ווייסע ברוסטן און דאָס האָט מיך ווי געטריבן צו וועלכע נישט איז רעאַגירונג.

נישט פאַרשטייענדיק וואָס דאָ טוט זיך, האָב איך געשוויגן און ווי דורכן חלום געהערט ווי זי שעפּטשעט*) אין אויער:

— „געדענק, טייערינקער, היינט בײַנאַכט, קיינער אָבער טאָר דערפון נישט וויסן."

איך האָב דערפילט ווי איר האַנט ציטערט, דאָס האָט מיך ווי געשראָקן.

---

*) איינגערוימט אַ סוד, געפּליסטערט.

צוקומענדיק צום הויז האָט זי מיר א זאָג געטאָן: „קיין איין וואָרט, יאָ?"

אין שטוב האָב איך די עלטערן נישט געטראָפן, זיי זענען שוין געלעגן אין די בעטן גרייט איינצושלאָפן און בין דערפון געוועזן זייער צופרידן. מיין מאמע וואָלט זיכער דערקענט אין מיר עפּעס אן אומגעוויינטלעכע אומרואיקייט.

דער טאַטע האָט זיך פונווייטן ווי געבייזערט און געפרעגט:

— וואו איז מען דאָס אזוי שפּעט באַנאַכט?

— איך מיט נאָך אינגלעך זענען געזעסן און זיך פאררעט, נישט געוואוסט, אז עס איז שוין אזוי שפּעט, אדרבא פרעג פעסלען (די דינסטמויד) וועט זי דיר זאָגן — האָב איך געענטפערט.

פעסל, פארשטייט זיך, האָט מיינע ווערטער באשטעטיקט:

— יאָ, יאָ, געזעסן מיט אינגלעך רואיק און גערעדט — האָט זי אונטערגעכאַפּט, נאָך איידער מיין טאַטע האָט באַ איר גע-פרעגט.

די מאמע האָט געהייסן פעסלען מיר געבן וואס צו עסן און זיך לייגן שלאָפן.

פעסל האָט מיר דערלאנגט א גלאָז מילך האלב מיט פּלויקע*) זי האָט געוואוסט, אז איך ליב דאָס און ברויט באשמירט מיט וויי-ניק פוטער — ווייל איך האָב עס נישט ליב.

זי האָט פעסטגעמאכט אלע טירן און אוועק צו זיך שלאָפן.

איך האָב אָפּגעגעסן און אויך געגאנגען צו מיין געלעגער. לאנג האָב איך נישט געקענט איינשלאָפן. איך האָב געטראכט וועגן פעסלען, איר האלטונג לגבי מיר, אירע ווערטער, אירע מעשים, דאָס געבן מיר עסן און גיין שלאָפן.

ליגנדיק אַף מיין געלעגער הער איך ווי אימיצער שאַרט זיך ארום מיר, זייער שטיל, אָבער איך הער גאנץ דייטלעך. איך פּרוביר זיך אומדרייען, זיך זעצן און דערפיל א האנט אַף מיין געזיכט, וועלכע פארשטעלט מיין מויל. איך הער: „דאָס בין איך."

---

*) די פעטע הויט פון איינגעשטאַנענע, אויסגעבריטע מילך.

פון וואָרט „איך" האָב איך זיך אָנגעשטויסן ווער דאָס איז.

זי האָט זיך געזעצט אַף מיין געלעגער, מיך צוגעדריקט פעסט צו איר נאַקעטן לייב און באַדעקט מיט הייסע קושן.

די וואַרעמקייט פון איר קערפּער און דאָס ציטערן האָט אַף מיר עפּעס משונה געווירקט. אַ מאָדנער אומבאַקאַנטער געפיל האָט מיך ווי פאַרכאַפּט, עס איז מיר מיט אמאָל געוואָרן שווער צו אָטעמען, עפּעס ווייניק לופט אין אַלקער, די גאַנצע לופט האָט פּעסל ווי צוגענומען, איך האָב געזוכט לופט און געקושט פּעסלען.

זי האָט זיך אויסגעצויגן אַף מיין געלעגער הארט לעבן מיר און דערביי מיך ארומגענומען און צוגעדריקט אזוי פעסט, אז איך האָב אָנגעהויבן ציטערן.

מיין נאַאיווע, קינדישע באַנעמונג, מיין פּאַסיווקייט האָט איר, קענטיק, נישט צופרידנגעשטעלט און מיר האָט דאָס אביסל דערעסן.

פונדעסטוועגן האָבן מיר די „שפּיל" ווידערהאָלט א פּאָר מאָל אין וואָך.

איינמאָל האָט פּאַסירט, אז פּעסל איז צו מיר נישט געקומען א גאַנצע וואָך און איך האָב זיך ווי פאַרבענקט און געפרעגט די סיבה דערפון. זי האָט מיר פאַרזיכערט אין א פּאָר טעג ארום ווידער צו קומען און זי האָט געהאַלטן וואָרט...

אזוי האָט זיך די „שפּיל" געצויגן ביז מיין מאַמע האָט פּעסלען אוועקגעשיקט.

א מאַמעס אויג, האָט, קענטיק, באַמערקט, אז די דינסטמויד איז נישט גלייכגילטיק צום „קדיש'ל".

די מאַמע האָט זיך דערשראָקן, ווי עס שיינט, אז פּעסל זאָל מיך נישט אראָפּפירן פון דרך הישר.

נאָכוואָרט:

קאַלאַסאַלע דערפאָלגן — אפן קארוסעל, אין דער „אַרמיי“ און באַ דער דינסטמיידל . . .

באַ קינדער, ווי באַ דערוואַקסענע מענטשן איז זייער אַנטוויקלט דער נאַטירלעכער, אינסטינקטיווער באַגער זיך ארויסצואווייזן, אי־בערשטייגן, איבעריאָגן, זיין אַן אויסנאַם. שטיין העכער פאַר אַנדערע.

די אמביציע באַ קליינע קינדער גייט נישט ווייטער פאַר אומ־שולדיקער קאָנקורענץ אין פאַרשיידענע שפילן און ריינער ספּאָרט: לויפן בעסער, שווימען שנעלער און גיכער, שפּרינגען און קלעטערן העכער פון אנדערע קינדער, וואָס עס פאַרשאַפט כבוד אין די אויגן פון חברים־קינדער.

אין די פּרימיטיווע צייטן האָט דאָס באַ די ווילדע געפירט צו מאַכט: דער פלינקערער, דער שטאַרקערער, דער אויסגעצייכנטער אַף וועלכן נישט איז געביט איז אויך געווען דער הערשער, דער קריגספירער, דער באַפעלער — געשטאַנען העכער אין ראַנג.

שפּעטערדיקע דורות האָבן געשטרעבט נאָך מער רינדער, מער שקלאַפן, מער באָדן, מער עשירות, אָנערקענונג, מאַכט, כבוד א. א. וו., א. אַ. וו.

הכלל, ווי דערוואַקסענע, אזוי אויך קינדער, האָבן אמביציע זיך ארויסצורוקן אין דער פאָדערשטער ריי אַף דעם אָדער יענעם פאַרן קינד צוגענגלעכן געביט.

מיט רעכט וואַרפן אַף די סאָציאַליסטן די טענות און ארגו־מענטן פון זייערע קעגנער, וואָס באַשטייט אין דעם, אז אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט מוזן קומען א סוף צום פּראָג־רעס, דער פאָרטשריט פון דער מענטשהייט וועט זיך מוזן אָפּ־שטעלן, ווייל איטלעכער יחיד וועט זיין מיט אַלץ באַזאָרגט, וועט אטראַפּירט ווערן דאָס שטרעבן, עס וועט אויפהערן אמביציע צו

שטיין העכער, צו זיין בעסער — צוליב וואָס? — עס לוינט נישט, עס באַצאָלט זיך נישט — נישטאָ קיין יחסנים — אַלע גלייך...

עס איז אבער גענוג זיך צוצוקוקן צו די קינדערשע אמביציעס — פרייע פון וועלכע נישט איז פּאַראורטיילן און אייגננוצן — נאַאיווע, אימפּולסיווע נייגונגען צו העלדישקייט, שוואונק, איינפאַלן, געשיקטקייט — זעט מען בפּועל ממש, אז עס איז א שטויס נישט אזוי פון אויסערלעכן גלאַנץ וועגן, נאָר אן אינערלעכע נויטווענדיקייט זיך צו יאָגן נאָך עפּעס וואָס שטייט אויסער דער ריי פון מיטלמעסיקייט.

עס איז דעריבער מער ווי נאַאיוו צו מיינען, אז דער מיטגעבוירענער דראנג וועט אויפהערן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און ארויסרופן א רעגרעס, א צוריקטריט.

דאָס איינציקע — מען מוז איינפּלאַנצן אין יונגן דור א באַוואוסטזיין, אז יענעמס וואוילזיין איז אויך מיין וואוילזיין.

עס פּאַסירט אָפט — צום באַדויערן, אז א מענטש רוקט זיך ארויס פאָרויס דורך א צופאַל אָן שום פּערזענלעכע פאַרדינסטן; א בלינדער צופאַל האָט געשאַפן די אומשטענדן, א דאנק וועלכער דער מענטש איז דערהויבן און באַרימט געוואָרן, מען קען זיי אויסרעכענען אין די טויזנטער. פאַרדראָסיק איז נאָר אין אַזאַ פאַל וואָס דער דערהויבענער פון צופאַל — שרייבט זיך צו זיין פּלוצימדיקן דערפאָלג ווי א פּערזענלעכן פאַרדינסט ווי א זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

אָט אַזוינע שוטים און קליינקעפּלדיקע מענטשעלעך קענען זיך צושרייבן דעם קרעדיט, אויב זיי האָבן געוואונען אין דער לאָטעריי א. ד. ג.

צום באַדויערן פּאַסירט עס, נישט נאָר מיטן מענטשן וועמען עס האָט אָפּגעגליקט אפן עקאָנאָמיש-מאַטעריעלן געביט, נאָר אפילו וועמען דער בלינדער צופאַל, די אומשטענדן האָבן ארויסגערוקט אין דער פאָדערשטער ריי אפן געביט פון דערפינדונגען, שרייבער, מאָלער און אנדערע קינסטלער.

אפן פאָליטישן פעלד געשעען אָפט אַזוינע ניסים...

עס איז נישט מיין אויפגאבע אָנצורופן נעמען, כדי צו דער-ווייזן דעם אמת וואס ליגט אין די באהויפּטונגען. מענטשן, וועלכע פאַרטראַכטן זיך איבער אַזעלכע געשעענישן ווייסן אליין ווער, ווי אַזוי א. א. וו.

נאַטירלעך ווערט דערמיט נישט געמיינט אַזוינע פון דער נאַ-טור געבענטשטע זשעניען ווי איינשטיין, שטיינמעץ, פרויד, ראָמען ראָלאַן, א. אַ.

איך מיין נאָר דאָ צו באהויפּטן, אַז קינדער, ווי גרויסע, שטרעבן זיך אויסצופּיינען, ארויסצורוקן פאָרויס לאָזנדיק חברים הינטער זיך און דערמיט ארויסצורופן באוואונדערונג און אנדער-קענונג...

14-טער קאַפּיטל.

צוויי געווינסן.

די דריי פּלעט-קאָמפּאַניעס. — חדר-אינגלעך ארויםגעצויגן אין שפּיל. — פארלוירן דעם נומער. — איך העלף זיך אליין. — געפּאַקט דעם הויפּטגעווינס. — אַ וועג לאַנג ווי דער אידישער גלות.

איך ווייס נישט, צי איז דאָס שפּילן אין פּלעטן אָדער לאָ-טעריי געווען זייער פארשפּרייט אין אנדערע שטעט פון אוקריינע, צי נישט, אָבער בּאַ אונדז אין בעלאַצערקאָוו, (שווארץ-טומאה), איז דאָס געווען אַ מין מגפה, רחמנא לצלן.

מיט אַ יאָר 50—60 צוריק איז דאָס געווען פאַר אַסך אידישע משפּחות אַ מקור פון חיונה און פּרנסה.

דאָס געשעפט איז אָנגעפירט געוואָרן פון דריי פאַרשיידענע גרופּעס אָדער קאָמפּאַניעס; איטלעכע גרופּע איז באשטאַנען פון מערערע פּערזאָנען.

איין קאָמפּאַניע האָט אויסגעפּלעט טייערע צירונגס-ארטיקלען: עכטע שנירלעך פּערל, דימענטענע אוירינגלעך, גאָלדענע פינגערלעך באַזעצט מיט דימענטן, טייערע זילבערנע לייכטער, און נאָך אַזעלכע ווערטפולע חפצים.

די דאָזיקע קאָמפּאַניע האָט זיך גערופן — „די גבירישע", ווייל נאָר אַ איד אַ נגיד האָט זיך געקענט דערלויבן אָנטייל צו נעמען אין אַזאַ פּלעט-שפּיל. אַ פּלעט האָט געקאָסט גאַנצע 15 רובל.

די זעלביקע „גבירישע קאָמפּאַניע״ האָט גלייכצייטיק אויך פאַרקויפט די אַזוי גערופענע „וויגרישנע בילעטן״*).

די צווייטע קאָמאַפּניע פלעגט אויספּלעטן גאָלדענע און זיל-בערנע זייגערס, לייכטער, טייערע פוטערוואַרג, פּיזענע טולופּן, באָבערנע קראַגנס פאַר מענער און פייענע פּעלצן פאַר פרויען און פאַרשיידענע ווערטיקע זילבערנע כלים.

אַ פּלעט פון אַט דער קאָמפּאַניע האָט געקאָסט זיבן רובל מיט פופציק קאָפּיקעס.

די דריטע קאָמפּאַניע האָט געפּלעט קלענערע ווערטזאַכן פון גאָלד און זילבער: זייגערלעך, בראַסלעטן, אויערינגלעך, פינגערלעך און אַ מזומנעם הונדערטער.

אַ פּלעט האָט געקאָסט — אויב איך האָב קיין טעות נישט — דריי רובל.

דער פּלעט-עסק איז געפירט געוואָרן געשעפטסמעסיק: צוויי מענטשן פון דער אָדער יענער קאָמפּאַניע פלעגן ארומגיין איבערן שטאָט, באַטאָג צווישן די קראָמען און אין אָוונט אין די הייזער, אין די דירות און פאַרשפּרייטן זייער סחורה — די פּלעטן. היות ווי די פּלעטן פלעגן אויך פאַרקויפט ווערן אַף אָפּצאָלונגען אין וועכנט-לעכע ראַטעס, פלעגט אַ דריטע פּערזאָן פון דער קאָמפּאַניע ארום-גיין קאַסירן די וואָכער געלט.

די ציאונגען פון דער ערשטער קאַטעגאָריע פלעגן פאָרקומען צוויי מאָל אין יאָר און די אַנדערע צוויי קאַטעגאָריעס — אַלע פיר חדשים.

---

*) אַ לאָטעריי וואָס איז אַנטשטאַנען פון אַן אינערע מלוכה־הלואה. דער הויפּטגעווינער איז געווען 200 טויזנט גאָלד־רובל. דער נאָמינאַלער פּרייז פון אַ בילעט איז געווען צען רובל. וואָס מער בילעטן עס זענען אַרוים אין טיראַזש אַלץ טייערער זענען געוואָרן די פאַרבליבענע, און כדי נישט צו האָבן שאָדן באַם ארויסגיין אין טיראַזש האָט מען זיי פאַרזי־כערט אין אַ באַנקהויז, אפילו אין מלוכה־באַנק.

די ציאונגען — ווייזט אויס — זענען צוגעגאַנגען אויף אַ ראַיעלן אופן, ווייל קיינער פלעגט זיך נישט באַקלאָגן. אַלע אָנטיילנעמער און אפילו אַ זייטיקער עולם, האָבן געקענט די ציאונגען בייוואוינען.

תמיד פלעגן זיין דערביי אַ פּאָר דינים. (פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן דערפאַר באַקומען שכר טרחה). סתם שיינע אידן פון בית-מדרש וואו די ציאונגען פלעגן פאָרקומען. די „זכה בגורלס״, דאָס הייסט די מזלדיקע קוויטלעך מיט זייערע נומערן פלעגן ווערן הויך אויסגערופן, פאַרשריבן און שפּעטער אויך אויסגעהאַנגען אין די בתי מדרשים אפן באַלעמער.

איך געדענק פון יענע יאָרן אַ פּאָר סכסוכים וואָס זענען פאָרגעקומען בעת אַזאַ ציאונג.

דער ערשטער פאַל איז געווען ווי פאָלגט:

אַ איד, אַ שניידער, האָט געקויפט אַ פּלעט — איך געדענק שוין נישט מער פון וועלכער קאָמפּאַניע — אָבער ביז דער ציאונג נישט אויסגעצאָלט דאָס גאַנצע געלט פאַרן פּלעט. גראָד האָט זיין נומער געוואונען אַ געווינס אין ווערט פון גאַנצע 150 רובל (אַפּנים אַז עס האָט פּאַסירט אין דער ערשטער קאָמפּאַניע).

די לאָטעריי-לייט האָבן געטענהעט: היות ווי ער האָט נישט באַצאָלט פאַר זיין פּלעט, בלייבט דער געווינס פאַר דער קאָמפּאַניע, זייער מזל, זיי האָבן דאָס געצויגן אויף אייגענע אחריות, ווייל דעם שניידער האָבן זיי געוואָרנט, אַז אינם פאַל ווען ער געווינט וואָס — וועט ער דאָס נישט באַקומען.

דער שניידער האָט געטענהט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו באַצאָלן און האָט געפאָדערט פון דער קאָמפּאַניע דאָס איינגעצאָלטע ביסל געלט אים אָפּצוגעבן און זיין נומער פאַרקויפן אַן אַנדערן.

ער איז, זאָגט ער, גרייט געווען צו נעמען ווייניקער ווי ער האָט איינגעצאָלט, אָבער זיי, די פּלעטערס, האָבן אים גאָרנישט געגעבן, הייסט עס, אַז ער איז אויך אַן אָנטיילנעמער.

פאַרשטייט זיך, אז עס איז געקומען צו א דין תורה. די דינים האָבן אויסגעהערט ביידע צדדים און געשטעלט א פראגע דעם שניי-דער אויב ער האָט געהאט בדעה צו באצאָלן פארן פלעט נאָך דער ציאונג, די לאָטעריי-לייט האָט מען געפרעגט אויב זיי האָבן גע-האלטן דעם שניידערס נישט באצאָלטע געלט פאר א חוב.

נאָך די ענטפערס מצד די צדדים איז ארויסגעטראָגן געוואָרן א פסק דין: אז דער שניידער באקומט פון דעם געווינס א טייל, לויט די גרויס פון זיין אריינגעטראָגענעם געלט, פּראָפּאָרציאָנעל לויט זיין אָנצאָלונג.

עס האָט זיך אפן אָרט ארויסגעוויזן, אז דער שניידער האָט שוין געהאט באצאָלט די גרעסטע העלפט געלט פארן פלעט און ער האָט טאקע גלייך באקומען אויסגעצאָלט פון געווינס די גרעסערע העלפט און פון דאן אָן האָבן די דינים פארבאָטן די פלעטערס צו האָבן א וועלכן נישט איז שייכות צו די געווינסן.

דער צווייטער פאל איז אזוי פאָרגעקומען:

צוויי פרויען האָבן געקויפט בשותפות א לאָטעריי-צעטל. איינע האָט באצאָלט אינגאנצן איר העלפט געלט, די צווייטע אָבער נישט.
האָט די ערשטע באצאָלט פאר דער צווייטער, אבער דערביי נישט איבערגעשריבן דעם פלעט אינגאנצן אף איר נאָמען.

נאָכדעם ווי דער נומער האָט געוואונען דעם גרויסן געווינס, איז די צווייטע געקומען פאָדערן איר העלפט און די ערשטע האָט קיין העלפט נישט געגעבן. די זאך איז דערגאנגען ביז צו א דין-תורה און דער פסק דין איז געווען ווי אין ערשטן פאל מיטן שניידער און עס איז געמאכט געוואָרן א תקנה, אז א פלעט קען פארשריבן ווערן נאָר אף איין נאָמען און נישט אף צוויי און מערערע נעמען. אויב אָבער מערערע קויפן איין פלעט, מוזן זיי האָבן צוטרוי איינער צום צווייטן און באשטימען צווישן זיך אף וועמענס נאָמען צו פאַר-שרייבן.

די לאָטעריי-לייט זענען די ערשטע יאָרן קיין גרויסע נגידים

נישט געווען; פאַרן געלט זענען דעריבער ערוב געווען די סוחרים, באַ וועמען מען האָט איינגעהאַנדלט די סחורות אַף צו פּלעטן.

כדי אויסצומיידן קאָנקורענץ, האָבן די פּלעטערס געהאַט אַן אָפּמאַך מיט די צירונגס סוחרים און אַנדערע, אַז זיי טאָרן קיינעם נישט פאַרקויפן זייערע סחורות פאַר לאָטעריי צוועקן. אַף אַזאַ אופן איז דער פּלעט-געשעפט מאָנאָפּאָליזירט געוואָרן פון די דערמאָנטע דריי קאָמפּאַניעס וועלכע האָבן שוין שפּעטער געמאַכט פון דעם געשעפט אַ פיינעם לעבן.

אין בעלאָצערקאָוו אָבער האָבן נישט געפעלט קיין לופט-מענטשן מיט שטעקעלעך אין די הענט, וואָס האָבן געזוכט און גע-נישטערט ווי צו פאַרדינען אַ רובל און אַז מען זוכט שטאַרק גע-פינט מען, איז עטלעכע פון די „שטעקלדרייער״ איינגעפאַלן אַ „גע-ניאַלער״ געדאַנק: היות ווי פּלעטן ביז דריי רובלדיקע זענען שוין מאָנאָפּאָליזירט, איז אַ לאָטעריי פאַר אַ „פּערטעלע״*) אויך גוט.

אמת, קיין טייערע צירונג און אַנדערע גרויסע ווערטזאַכן האָבן זיי די קליענטן נישט געקענט אָנבאָטן, אָבער דערפאַר האָבן זיי געהאַט אַן אויסוואַהל פון פּראַקטישע זאַכן: ביליגע זייגערלעך, שפּילקעס, אוירינגלעך, רינגלעך, מעשענע לייכטער, שיינע שטיוול (כמעט אָפּיצערסקע), קופּערנע פאַנען, טישטיכער, קאָלד-רעס, מעבל און אַנדערע ווירטשאַפטלעכע חפצים און דערצו נאָך געווינסן פון בארע, מזומענע געלט 5, 10 רובל און אַ גאַנצן פינף-אונצוואַנציקער.

די ציאונגען פלעגן פאָרקומען אַלע זעקס וואָכן. די קליענטן זענען דאָס רוב געווען שטאָטישע קבצנים: דינסטן, משרתים, אָרימע בעלי מלאכות וכדומה און דערצו — חדר-אינגלעך.

די 25 קאָפּיקעס האָט מען געדאַרפט אויסצאָלן אין משך פון פינף וואָכן — צו 5 קאָפּיקעס אַ וואָך און די זעקסטע וואָך איז גע-ווען די ציאונגס-וואָך.

*) פינף-און-צוואַנציק קאָפּיקעס.

די פראָצעדור איז געווען די זעלביקע ווי בא די „גרויסע" אחוץ, אפשר, וואָס די דינים האָבן באקומען א קלענערע שכר-טרחה. (דערפאר אָבער אלע זעקס וואָכן).

חדר-אינגלעך — אזוי איז געווען א תקנה — האָבן געקענט קויפן פלעטן נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון רבין.

דער רבי פלעגט, כלומרשט, איינקויפן די פלעטן אף זיין נאָמען און זיי פארטיילן די אינגלעך, וואָס האָבן פאר זיי געצאָלט.

אין חדר האָט דערביי פאַסירט אזא פאל:

צוויי חדר-אינגלעך האבן פארלוירן זייערע נומערן און גראָד האָט איינער פון זיי געוואונען. פארשריבן איז עס געווען אפן נאָמען פון מלמד. די אינגלעך האָבן אבער נישט געדענקט זייערע פארלוירענע נומערן און אחוץ דעם וואָלט מען זיי דאָך סיי-ווי נישט געגלויבט... האָט דער רבי געפסקנט מען זאל אָדער וואַרפן גורל, אָדער זיך טיילן מיטן געווינס. זיי האָבן אָנגענומען דעם צווייטן פאָרשלאָג.

איז אָבער דער געווינס געווען א שיין זייגערל, האָט מען סוף כל סוף געמוזט וואַרפן גורל צו וועמען עס זאל געהערן, דערביי האָט מען ארויסגענומען א תקיעת כף, אז דער זוכה בגורלניק וועט קויפן אף זיין חשבון פארן צווייטן אינגל גאנצע פיר פלעטן צו דער צווייטער ציאונג.

צו דער צווייטער ציאונג האָט דער אינגל אלע פיר פלעטן פאַרשפילט און זיך שטארק מצער געווען. דער אינגל פון געוואונענעם זייגערל האָט נישט געקענט צוזען דעם צער און האָט פאר אים געקויפט נאָך א פלעט און דאָס מאָל האָט זיין מזל געשפילט פאַר אים און ער האָט געוואונען א גאנצן צען-רובלדיקן אין מזומנים.

די פלעטן האָבן זיך אין אונדזער שטאָט אזוי איינגעבירגערט, אז עס האָט שוין געטראָגן א כאראקטער פון אן עפידעמיע, א מגפה. אפילו אפן פיש-מארק האָבן די פישערס אלע ערב שבת, ערב יום טוב געפלעט קארפן, העכט, שלייען וכדומה, צו דריי און פינף קאָפּיקעס א פלעט.

הונדערט-פיר-און-פערציק

אָפּט, איבערהויפּט ערב יום טוב, פּלעגט באַ די פּלעטן ווערן אַזאַ געדרענג פון די ווייבער, אַז עס פלעגט קומען צו אַ געשלעג.

צו די פיש־פּלעטן פלעגן ווייבער מיטנעמען זייערע קינדער און איטלעכעס מאָל האָט אַן אַנדער קינד געצויגן די נומערן, די מאַמעס האָבן דערפאַר באַקומען אַ פּאָר קליינע פישלעך, אַזוי אַז די אָרימע פרויען האָבן געהאַט פיש אויף שבת און יום טוב אין זכות פון זייערע קינדער — פאַרן ציען די קוויטלעך.

די אָפטע פּלעטענישן האָבן געבראַכט דערצו, אַז די חדר־אינגלעך פלעגן אַרומגיין טעג אַן נאַשערייַ און אפילו אָן אָנבייסן און וואַרעמעס, כדי צו האָבן מער געלט און קענען קויפן וואָס מער פּלעטן, עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, ביז די מאַמעס האָבן דאָס אויסגעפונען און פלעגן מיטגעבן די חדר־קינדער עסנוואַרג, אַנשטאָט געלט.

איך, וואָס האָב זיך סקעפּטיש באַצויגן צום ענין פּלעטן, האָב אויך נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און האָב אויך מיטגעשפּילט און קיינמאָל נישט געוואונען.

אַ צייט האָב איך זיך דערפאַר אָפּגעהאַלטן פון שפּילן, האָט זיך אָבער דער פּלעטער אין מיר איינגעזויגן אַז נישט אַנדערש איך מוז שפּילן, נישט אַזוי וויכטיק איז אים איך זאָל שפּילן, ווי דאָס, וואָס איך קען אָנהויבן גילטן ווי אַ שלעכטער ביישפּיל פאַר די איבעריקע חדר־אינגלעך. ער האָט מיר דערקלערט, אַז איך מאַך אים קאַליע דאָס געשעפט, צוליב מיר פאַרלירט ער קונדן — אַנדערע אינגלעך — און ער דאַרף מפרנס זיין אַ ווייב און קינדער.

קענטיק אַז דער לעצטער אַרגומענט האָט אויף מיר געהאַט די נויטיקע ווירקונג און איך האָב געקויפט אַ פּלעט.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז פאַר מיר איז דאָס געווען אַ זייער גרויסער קרבן, איך האָב קיין איבעריקע פינף־קאָפּיקענע נישט געהאַט, ווייל — צווישן אונדז זאָל עס בלייבן — איך האָב שוין „בשתיקה די כלי זמרים" געכאַפּט אונטערגעריכערן און געמוזט אויסהאַלטן מיט רויכערן עטלעכע אינגלעך וואָס האָבן געקענט מגלה זיין דעם סוד פאַרן רבין. (דער רבי האָט עס פיינט געהאַט...)

דערצו האָט זיך נאָך אין יענער צייט געגרינדעט א חברה „תלמוד תורה״ און די חברה-לייט פלעגן ארומגיין אין די חדרים וואו עס לערנען באַלעבאַטישע אינגלעך און פאַרלאַנגען אז מיר זאָלן אָפּשפּאָרן עטלעכע קאָפּיקעס א וואָך פאַר די אָרימע תלמוד תורה אינגלעך.

עטלעכע אינגלעך און איך אויך בתוכם זענען געוואָרן מיט-גלידער אין דער חברה און האָבן געצאָלט 3 און 5 קאָפּיקעס א וואָך, א הוצאה גאָר נישט קיין קליינע; ווער רעדט נאָך אז מען רעכנט צו דעם צו די קוואס שבת נאָכן עסן ווערט שוין א גרויסער חשבון.

ארויסהעלפן מיר פון אזא קריזיס אין בארע געלט פלעגן מיר די יאָר-מערק און אפילו גרויסע וואָכן-מערק. דער טאַטע מיינער, פלעגט מיר אין יריד טאָג בעטן אים אויסהעלפן אין קלייט אביסל, אָט דאַן פלעג איך „געהאָלפן״ ווערן.

עס פלעגט מיר צופאַלן אביסל קליינגעלט פאַרן העלפן, וואס דער טאַטע אליין פלעגט מיר געבן און נאָך מערער פון דעם וואָס איך פלעג דערביי זיך אליין העלפן... מיט אזעלכע „מאַטערניש״ פלעגט מיר אָנקומען אויסצוצאָלן מיין וואָכער-געלט פאר די פלעטן.

איינמאָל בין איך געוואויר-געוואָרן, אז די ציאונג אין וועל-כער איך האָב אָנטייל גענומען מיט עטלעכע פלעטן, וועט פאָרקו-מען פארנאכט בין מנחה למעריב אין סטאָליער׳ס בית מדרש, נישט ווייט פון אונדזער חדר.

איך, מיט נאָך אינגלעך זענען געגאַנגען צוזען ווי עס גייט צו די שפּיל.

אפילו נישט פאראינטערעסירטע פלעגן אויך גיין זען, אשטיי-גער ווי מען גייט צו א שריפה, ערשטנס זען די עצם זאך און צווייטנס גלאט גיין זען אסך מענטשן...

די אינגלעך וואס האָבן געהאט נומערן האָבן בא דער ציאונג געפילט ווי מען וואָלט געצויגן נישט קיין קוויטלעך, נאָר זייערע אָדערן. באם אויסרופן פון א געוואונענעם נומער האָט זיך גע-דאכט, אז דאָס האַרץ הערט אויף צו קלאַפּן; כאָטש יעדער אינגל

האָט דאָס רוב זיין נומער געוואוסט אַף אויסנווייניק, פלעגט מען פונדעסטוועגן איטלעכעס מאָל ווען מען האָט ארויסגערופן א זכה בגורל, א קוק טאָן אפן קוויטל... אפשר א טעות...

די פּראָצעדור האָט זיך לאַנג פארצויגן, ווייל עס זענען געווען באַ א פינף הונדערט קוויטלאַך און צען געווינסן.

צופיל בין איך געווען אָנגעשטרענגט און האָב שוין, צוזאמען מיט די איבעריקע אינגלעך, געוואָלט גיין אהיים, פלוצלונג דערהער איך — איך וואָלט געקענט שווערן — ווי מען רופט אויס מיין נו-מער און אז דער געווינס איז דער „הויפּט-טרעפער" א „פינפאונ-צוואנציקער".

דאָס איז דאָך עפּעס א מטמון מיט גאָלד. דער וועג פון בית מדרש ביז אהיים האָט זיך מיר אויסגעצויגן לאַנג ווי דער אידישער גלות, הגם איך בין מער געלאָפן ווי געגאנגען. מיר איז פאָרגעקומען אז אלע פארבייגייער קוקן אַף מיר און זענען מיך מקנא מיט מיין גליק.

אז מיינע עלטערן האָבן מיך דערזען, האָבן זיי זיך ווי דער-שראָקן, באַטש מיין פּנים האָט זיכער אויסגעדריקט א שמחה.

איך האָב, שווער אָטעמענדיק, דערציילט וועגן וואָס עס האנדלט זיך און אַף מאָרגן בין איך מיטן טאַטן געגאנגען צו ר׳ יענקל דעם שוחט — ער איז געווען דער קאסיר פון דער לאָטעריי — און ער האָט אונדז אויסגעצאָלט די 25 רובל מזומנים. גייענדיק מיטן אוצר געלט צוריק, האָט מיך דער טאַטע געפרעגט וואָס וויל איך ער זאָל מיר קויפן. איך האָב אים געענטפערט, אז ער ווייס בעסער וואָס צו טאָן מיטן געלט. וואָס איך פארלאַנג יאָ, איז איבערנעמען צו צאָלן מיין מיטגלידס-וואָכער-געלט אין דער „תלמוד תורה", אבער נישט פאררעכענען אַף דעם חשבון פון מיין וואָכער-געלט, וואָס איך באַקום פון טאַטן.

מיין טאַטע האָט דאָס מיר צוגעזאָגט און געהאַלטן וואָרט.

מיינע עלטערן פלעגן אונטערזינדיקן מיטן קויפן א פּלעט פון די גרויסע קאָמפּאַניעס. די מאַמע האָט איינמאָל שוין אפילו גע-

וואונען זעקס זילבערנע לעפל, אָבער די זילבערנע לעפל האָבן איר אָפּגעקאָסט אסך טייערער ווי גאָלדענע...

נאָך מיין געווינען דעם 25-קער, האָבן מיינע עלטערן באַשלאָסן צו קויפן א פּלעט אין דער גרויסער לאָטעריי אַף מיין נאָמען — איך בין דאָך א מזלדיקער און כך הוה: מיין פּלעט האָט געוואו-נען דעם „הונדערטער״.

וויפיל די הונדערט רובל האָבן שפּעטער אָפּגעקאָסט מיינע עלטערן — ווייס איך נישט.

נישט זיי האבן מיר געזאָגט, נישט איך האָב זיי געפרעגט.

איין זאך ווייס איך יאָ: זיי האָבן געקויפט פּלעטן ביז מיין טאַטנס פּלוצימדיקן טויט און ביז דעם אוועקפאָרן קיין אמעריקע, נאָר פון געווינסן האָב איך פאר דער גאַנצער צייט עפּעס מער נישט געהערט...

נאָכוואָרט:

צוויי געווינסן.

מענטשן בכלל און אידן בפרט האָבן זיך קיינמאָל נישט אי־בעריקס שטארק געגריבלט אינם מקור פונוואנען זיי האָבן געצויגן זייער חיונה.

וואָס עס האָט זיך געמאכט אונטערן האנט, צו וואָס מען האָט זיך דערטראכט איז געווען גוט, אבי מען האָט דערפון געהאט פּרנסה.

אידן, זייענדיק גערויבט און פארטריבן פון דער ערד און פון אַלע אנדערע נאַרמאלע קוואַלן פון חיונה, האָבן געשליפן דעם מח ווי אזוי, אַף וועלכן אופן צו לעבן אַף דער וועלט, ווי אַ לעבן צו מאכן און דערפאַר האָבן די אידישע פרנסות קיין שום ממשות נישט.

זיי שטאמען נישט פון נאטירלעכן קוואַל, האָבן נישט קיין פעסטן באָדן אונטער זיך, קיין פונדאמענט און זענען געבויט אַף לופט און ווינט.

———:———

15-טער קאַפּיטל.

איך באַקום אַ צונאָמען.

אַ נאָמען וואָס פּאַסט זיך נישט. — מיינע מוזיקאַלישע „פּויאיקייטן“. — אַ קוואַל פון געננס. — מאיר מעדוועדעס הסכמה.

כמעט אַ גאַנצן יאָר צייט, האָבן מיך מיינע עלטערן גערופן מיטן צונאָמען „איציקל קלעזמער“.

אָט דער צונאָמען האָט מיט מיר געהאַט אַזאַ שייכות ווי אשטיי-גער דעם רב׳ס שאלות ותשובות; עס האָט זיך אַזוי געפּאַסט צו מיר, ווי מען זאָל מיך אָנרופן פּראָפעסאָר, מיניסטער וכדומה, ווייל איך האָב נישט געהאַט דאָס מינדעסטע שייכות צו „קלעזמעריי“.

זיכער האָב איך נאָך דאַן נישט געקענט אונטערשיידן איין אָק-טאַווע פון אַ צווייטער, שוין אָפּגערעדט וועגן עצם ענין פון מוזיק-קונסט.

זינגען האָב איך קיינמאָל נישט געקענט, שפּילן אַף אַן אינס-טרומענט האָב איך אפילו נישט פּרובירט, איך האָב קיין שום באַ-גער, קיין שום נייגונג — ווי עס טרעפט בײַ קינדער — צו מוזיק נישט געהאַט.

אפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך האָב באַזוכט אָפּע-רעס און קאָנצערטן בין איך אויך נישט געווען קיין מומחה אין הלכות מוזיק. איך בין קיינמאָל נישט געווען אין דער סביבה פון מוזיקער אָדער כלי-זמר, אפילו חתונה׳ס זייער זעלטן געגאַנגען, מיט דער איינציקער אויסנאַם וואָס די זומערדיקע אָוונטן פלעגט אַ גרויסער אָרקעסטער שפּילן מיליטערישע מוזיק לעבן דער גימ-נאַזיע, אָבער אויך אין דעם פאַל גלויב איך נישט, אַז איך בין געגאַנגען אַהין לשם דער מוזיק. גיכער איז דאָס געווען צוליב

דער מענגע יונגע מענטשן פון ביידע געשלעכטער, וואָס מען האָט דאָרטן געקענט טרעפן, סיי באַקאַנטע, סיי אומבאַקאַנטע, סיי אידן און סיי קריסטן, פון אָרטאָדאָקסן ביז אויפגעקלערטע אינטעלי-גענטן. דערצו האָט עס קיין געלט אויך ניט געקאָסט, און אויב עס איז נישט געווען קיין גענוס, איז עס אָבער אָן ספק געווען א גוטער צייט-פאַרטרייב.

פאַרוואָס זשע האָבן מיך די עלטערן פּאָרט גערופן א פּאָר יאָר מיטן צונעמעניש — איציקל קלעזמער? — איז דער ענטפער אָט וואָס:

צו אונז אין שטאָט אַפן מארק און צו די יארידים און זונטיק-מערק פלעגט קומען א בלינדער גוי. ווי היינט געדיינק איך אים, א הויכער, שטאַרק געבויט, א בלאָנדער, מיט לאַנגע, גלאַטע האָר, א קורצע נאָז מיט א לאַנגער, ברייטלאַכער באָרד, ער איז כסדר געזעסן אַפן זעלביקן פּלאַץ, אַף דער ערד מיט א לירע*) און איך וואָלט נאָך אפילו איצט געשוואוירן, אז דעם אינסטרו-מענט האָט דער בלינדער אליין געמאַכט און צונויפגעשטעלט.

דער בלינדער איז געזעסן און געבעטלט נדבות, און נאָך יעדער נדבה האָט ער געזאָגט פסאַלמען**) באַגלייט מיט זינגען און צו-שפּילן אַף דער לירע. האָט אים איינער געגעבן א שטיקל ברויט, א פּלעצל, אָדער א צוגעבראָטן פישל, א שטיקל סאַלאָ***) פלעגט ער אָפּדאַנקען און זיך צעזינגען א קאַפּיטל תהלים. טאָמער האָט אים עמיצער געגעבן א גרויסע קופּערנע מטבעה, פלעג ער זיך אַזוי שיין צעזינגען און נאָך שענער צעשפּילן, אז עס פלעגט צונעמען יעדן אבר.

מיר פלעגט אויסקומען אז ער האָט גראָד געשפּילט מיט מער טעם און געפיל, דאַן ווען קיינער האָט אים גאָרנישט געגעבן, און ער האָט געדאַרפט בעטן, מען זאָל אַף אים רחמנות האָבן. ערשט דאַן

*) אַ מין האַרף.
**) תהלים.
***) חזיר-פלייש.

האָט ער געזונגען און געשפּילט מיט אַזוי פיל טרויער און געפיל, אַז עס האָט באַצויבערט די צוהערער.

מיך פלעגט עס האַלטן ווי צוגעשמידט, כאָטש איך האָב גע-וואוסט, אַז מען דאַרף האָבן אין קלייט מיין הילף, און אַז איך אַליין דאַרף אויך בעסער זיין דאָרט צוליב די עטלאַכע גראָשן צו וועלכע איך וועל זיך אַליין העלפן...

פונדעסטוועגן פלעג איך בלייבן שטיין ווי אַ צוגעבונדענער, וואַרטן אַף נאָך אַ געזאַנג, נאָך אַ ניגון. וויפיל דער טאַטע האָט מיך נישט געבעטן, איך זאָל קומען פרי אין קלייט, האָט עס נישט גע-האָלפן, סיידן איך האָב אויסגעמידן דעם וועג, וואו דער בלינדער איז געזעסן, אָדער אין אַ רעגן, ווען ער האָט נישט געקענט זיצן אינדרויסן.

נישט איינמאָל האָב איך אים אַליין אַריינגעוואָרפן מיין לעצטן גראָשן אָדער קאָפּיקע, און בין אויסגעקומען אָן אַ נאַשעריי. בײַ אַלע מיינע באַקאַנטע און אין הויז האָט מען שוין געוואוסט, אַז אין אַ מאַרק-טאָג, אָדער אַ יאַריד, קען מען מיך, אויב נישט ביז שפּעט איז כאָטש ביז מיטאָג-צייט, טרעפן לעבן בלינדן לירע-שפּילער און אַז מען האָט מיך שטאַרק נויטיק געדאַרפט האָבן אין קלייט איז מען שוין געקומען נאָך מיר.

באַשטראָפט האָט מען מיך נישט פאַר אַזאַ זאַך. קודם בין איך דאָך געווען אַ בן יחיד, דערצו איז דאָך דאָס נאָכאַלעמען געווען נישט מער ווי אַ קינדערשער נאַאיוועד באַגער. דריטנס, האָט דאָך דער בלינדער פאַרכאַפּט אַלעמענס הערצער און ווער עס האָט זיך נאָר צוגעהערט, האָט זיך שוין נישט געקענט אָפּרייסן.

אָפטמאָל האָב איך זיך אָבער געמוזט אָפּרייסן דווקא אין אַ מאָ-מענט, ווען דאָס האַרץ האָט פּשוט אָנגעקוואָלן פאַר פרייד, אָדער צעבראָכן געוואָרן פאַר לייד. • איין איינציק מאָל האָב איך זיך באַם טאַטן איינגעבעטן, ער זאָל צוואַרטן אַביסל, און דער טאַטע אַליין איז פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם בלינדנס שפּילן, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עס איז אַ מאַרק-טאָג, איז דער טאַטע בייז גע-וואָרן, מיך אַ צי געטאָן און אַנטלאָפן מיט מיר אין קלייט אַריין.

אפשר ווייל דער טאַטע האָט געוואָלט אויסמיידן אַן איבער-רעדעניש מיט דער מאַמען, פאַרוואָס ער האָט זיך געזאַמט, האָט ער אָנגעהויבן טענהן צו דער מאַמען, אַז איך מוז אַפּנים האָבן אַ חשק צו ווערן אַ קלעזמער, און פון דאַן אָן האָט מיך דער טאַטע אַ פּאָר יאָר גערופן מיטן צונעמעניש: „איציקל קלעזמער".

מיר איז דער נאָמען „איציקל" נאָך מער נישט געפעלן געווען ווי „קלעזמער", און איך האָב אָנגעווענט מיין גאַנצע אינגלישע סטראַ-טעגיקע פּטור צו ווערן פון דעם צונעמעניש, ביז דער טאַטע האָט דעם נאָמען אויפגעגעבן, נישט אַזוי צוליב מיין סטראַטעגיקע, נאָר ווייל אים אַליין איז דער נאָמען נישט געפעלן געוואָרן.

לכתחלה זענען דעם בלינדנס צוהערער באַשטאַנען מערסטנס פון שקצים און שיקסעס און סתם קריסטן, זעלטן ווען אַ אידישער צוהערער, נאָר ווען מאיר מעדוועדיעוו איז געקומען קיין בעלאָ-צערקאָוו, אַ געוועזענער דיריגענט, באַרימטער אָפּערא זינגער, און ווען מעד-וועדיעוו איז איינמאָל אָפּגעשטאַנען לעבן בלינדן אַ שעה אַפּן זייגער, האָבן זיך דערנאָך שוין אויך באַוויזן מער צוהערער פון דער ביעלאַצערקווער אַריסטאָקראַטיע.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען איך האָב איינמאָל פאַרגע-שלאָגן מיין, דאַן געליבטער, מיידל — יהודית — אַז מיר זאָלן צוגיין הערן דעם בלינדן שפּילן אַף דער לירע, האָט זי דאָס נאָך אַלץ געהאַלטן הינטער איר ווירדע, כאָטש זי האָט אַליין געהאַט נאַ-טירלעכע מוזיקאַלישע נייגונגען און נישט קיין שלעכטע שטימע. פלעג איך זיך אַליין פאַרגנבענען צו דעם בלינדן בעטלער און שעפּן אין זיך זיינע האַרציקע, טרויעריקע לידער, וואָס זענען מיר עד היום פאַרבליבן אין מיין זכרון.

נאָכוואָרט:

איך באַקום אַ צונאָמען.

מענטשן באַוואונדערן אָפט זאַכן, ווערן — בפועל ממש — אנטציקט, נאָר עס פעלט זיי דער מוט ארויסצואווייזן זייער באַוואונדערונג, זייער אנטציקונג פאַר זייערע נאָענטע, ווייל זיי האָבן מורא אויסגעלאַכט צו ווערן.

די סיבה פון זייער אנטציקונג מוז פריער באַקומען א הסכמה פון אַן אויטאָריטעט און דאַן ערשט זענען זיי מודה, אַז זיי האָבן עס שוין פון לאַנג געוואוסט.

פאַרקערט, אָפט גייען מיר פאַרביי און באַמערקן נישט דעם גאון פון פּינזל, פון קינסטלערישן וואָרט, דעם געניאַלן מוזיקער, דענקער, א. ד. ג. ביז עס קומט דער אויטאָריטעט און ווייזט מיטן פינגער: „אָט דער איז דער געזאַלבטער פון גאָט" און ערשט דאַן אנערקענען אים אַלע און זעען פון איצט איין דאָס, וואָס זיי האָבן ביז איצט נישט געוואָלט און אפשר אויך נישט געקענט זען.

עס פּאַסירט אַז נאָר נאַיווע, קינדערשע נאַטור־מענטשן רעכענען זיך נישט מיט אָט דעם אָנגענומענעם כלל און עס ציט זיי, זיי לעכצן און זיי גייען אינסטינקטיוו אַהין, וואו זיי באַקומען עמאָציאָנעלע קינסטלערישע איבערלעבענישן, דערביי קימערט זיי ווייניק וואָס די פאַרלויפיקע „חכמים" לאַכן זיי אויס, טאַדלען זייער נישט עסטעטישן געשמאַק א. א. וו.

זיי גענישן פון גאָט געבענטשטן קוואַל, קוויקן זיך — זאָלן אַנדערע לאַכן... אַ פולע באַפרידיקונג און העכסטן גענוס באַקומען זיי נאָר ערשט דאַן, ווען דער אויטאָריטעט קומט מיט זיין וואָרט און ווייזט די קליינקעפּלדיקע מענטשעלעך ווי ווייט זיי זענען געווען פון אמת, ווי ניט ווייט עס גרייכט זייער חוש פאַר שענקייט, א. ד. ג.

דער נאַטירלעכער חוש אָן פאָראורטיילן — ער ברענגט דעם נישט געקינסטלטן מענטשן צום קוואַל, וואו עס שפּרודלט הימלישער נעקטאַר...

16־טער קאַפּיטל.

מיין פאָטערס מינדלעכע צוואה.

לעבן קראַנקן־בעט. — אַ לעגענדע דערציילט. — קיין זאַך
גייט נישט פארלוירן. — איז מיר מוחל מיין קדיש זאָגן.

איינמאָל איז מיין פאָטער ערנסט קראַנק געוואָרן, ער איז שוין געלעגן אין בעט פאר א לאנגער צייט, און ווי מיר שיינט יעצט איז דאָס געווען פאַרן קריזיס פון זיין קריינק. האָט ער מיך צוגערופן צו זיך, און מיך פאָטערלאַך געבעטן, אוועקזעצן לעבן אים, און אויסהערן וואס ער האָט מיר צו זאָגן פאר די לעצטע שטונדן פון זיין לעבן. איך האָב זיך אין דעם מאָמענט שטארק דערשראָקן, און פיליכט צעוויינט (איך געדיינק שוין נישט אויף זיכער), אָבער ער האָט מיך בארואיקט און געזאָגט: „קינד מיינס, קיינער איז דאָ נישט אויף אייביק, איך בין זייער קראנק, און מיר שיינט, אז מיינע שטונדן זענען געציילטע, און וויל קיינער איז יעצט מיט אונדז נישטאָ, וויל איך צו דיר ריידן עטלעכע ערנסטע ווערטער.“

איך געדיינק אז ביי די רייד האָב איך זיך קאָנוואולסיוו צעוויינט, אבער דערזעענדיק מיין פאָטערס בלאסע געזיכט, וואס פאר א ווירקונג מיין ביטער געוויין האָט געמאכט אַף אים, האָב איך זיך אָנגעטאָן א כוח, און האָב זיך אביסל בארואיקט, הגם איז מיר אביסל לייכטער געוואָרן נאָך דעם וויינען. מיין פאָטער האָט זיך געשטארקט און אָנגעפאנגען צו ריידן: „זון מיינער, האָט ער געזאָגט, דו ביזט שוין נישט קיין קינד. נאָך א יאָר און דו ווערסט בר־מצוה, דאַן וועסטו ווערן א פאָלנער (פאָלקאָמענער) איד. דו וועסט דארפן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאר דיינע מעשים. איך ווייס, אז דו ביזט נישט פרום געשטימט, איך ווייס אפילו די אורזאכע, אבער נישט יעצט איז דערפון צו ריידן. אז איך האָב אין דיר ביז יעצט

נישט געקענט, און אויך נישט געוואָלט, איינפלאַנצן קיין פרומקייט, איז יעצט אודאי נישט די צייט, אבער וואס איך וועל דיר יעצט זאָגן, ווייל איך אז דו זאָלסט דאָס נעמען גוט אין אכט.״

איידער ער האָט אָנגעפאַנגען צו דערציילן, בין איך געגאַנגען ברייננגען זיין מעדיצין. די איבעראַשונג צו הערן פון מיין פאָטער אזעלכע רייד, אין אַזאַ קריטישן צושטאַנד, האָט מיך פארטריבן אין א צושטאַנד פון שטאַרקע נערוועזיטעט. מיין יונגע, כמעט קינדער-שע, פאַנטאַזיע, האָט זיך אין מיר צעשפּילט, און גייענדיק נאָך דעם מעדיצין, האָב איך זיך מאָמענטנווייז פאַרגעשטעלט לעבערלעכע ביל-דער, סעקונדנווייז, טראַגישע רירנדע בילדער, שווידערלעכע זאכן. אין אַלגעמיין בין איך געווען אין א תוהו ובהו, ווי מעכאַניש בין איך צוגעקומען צו מיין פאָטערס בעט, געגעבן אים זיין מע-דיצין און זיך אַוועקגעזעצט, הערן וואָס מיין פאָטער האָט מיר צו זאָגן אין אזעלכע מאָמענטן.

מיין פאָטער האָט אבער באַמערקט מיין אפּאַטישן צושטאַנד, האָט ער זיך געווענדט צו מיר: „זון מיינער! בן יחיד מיינער! אויב דו ביזט נישט אימשטאַנד זיך צוהערן צו מיינע ווערטער, מיט אויפמערקזאַמקייט, דאַן וועלן מיינע ווערטער זיין אַרויסגעוואָר-פענע, און איך וועל דיך בעסער נישט באַלעסטיקן. אויב אבער דו ביזט אימשטאַנד, און איך ווייס אז דו ביזט, דאַן זאָלסטו זיך אָנ-טאָן א כח, און צונויפנעמען דיינע געדאַנקען אַף איין פונקט, און איך וועל דיר זאָגן דאָס וואָס איך האָב געוואָלט.״

פאַר א רגע האָב איך מיין פאָטער נישט געענטפערט, דאַן האָב איך זיך אָפּגערופן: „יאָ, טאַטע, רייד, איך וועל דיך אויסהערן מיט מיין גאַנצן כח.״

ער האָט אָנגעפאַנגען מיט די ווערטער: „דו ווייסט, מיין בן-יחיד, אז רייכע טאַטעס לאָזן איבער ירושות צו זייערע קינדער. דו ווייסט אָבער אויך, אז איך בין נישט רייך און האָב גאָר נישט וואָס דיר איבערצולאָזן. צו מיין באַדויערונג, האָב איך קיין זאַך וואָס האָט א ממשות׳דיקן ווערט, דיר איבערצולאָזן. די נישטיקע ווערט פון דער הויז און פון דער קלייט וואָס איך לאָז איבער, איז נישט ווערט

צו ריידן, הלואי ציט דיין מאַמע פון דעם חיונה פאַר אייך קינדער. קיין גרויסע סודות האָב איך דיר אויך נישט צו אַנטדעקן, קיין אויסערגעוויינלעכע בקשות האָב איך פון דיר אויך נישט צו בעטן. אויב די פאַרהעלטניסע וועלן דיר דערלויבן, וועסטו אודאי לערנען. דיין רבי, אברהם איצע, האָט אימער געזאָגט, אַז דו האָסט אַ גוטן קאָפּ צום לערנען, נאָר דו ווילסט נישט, דו ביזט צו פאַרשייט אין שפּילן. איך וועל דיר אבער יעצט קיין מוסר נישט זאָגן, איך וועל דיר נאָר אַ לעגענדע דערציילן, און פון דער לעגענדע קענסטו זיך ציען אַ מוסר השכל. אויב דו וועסט יעצט נישט איינגאַנצן באַגרייפן, וועסטו איר מער צוקייען ווען דו וועסט עלטער ווערן. איך וויל אבער אַז דו זאָלסט די לעגענדע גוט אריינגנעמען אין דיין זכרון. די לעגענדע האָב איך אמאָל ערגעץ געלייענט, עס ווערט דערציילט דאָרט אומגעפער אזוי:

„ווען אַ מענטש שטאַרבט גייט ער אהין פון וואַנען ער איז געקומען. זיין שטימע, זיין לשון, גייט אוועק צום פייער, זיין אָטעם גייט אוועק צום ווינט, זיינע אויגן — צו דער זון, זיין שכל — צו דער לבנה, זיין געהער גייט אוועק אין רוים, זיין גוף — צו דער ערד, זיין געמיט ווערט טראַנספאָרמירט אין וואָלקנס, זיינע האָר גייען איבער אין ביימער, זיין בלוט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַנדערע פליסיקייטן, פון זיינע נעגל ווערט קאָרע צו ביימער געמאַכט, זיינע געהירן גייען צום וועלטלעכן אומבאַגרעניצטן פּראָגרעס, פון די אָדערן ווערן קאָרעניעס צו פלאַנצונגען, זיינע נערוועז גייען אַריין אין דער צוציאונגס־קראַפט, זיינע חושים ווערן פאַרוואַנדלט אין פּעריאָדן פון דער וועלט־צייט. מיט איינעם וואָרט, אַלעם פון מענטשנס קערפּער ווערט פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַנדערש, אבער דעם מענטשנס נשמה בלייבט. זי ווערט נישט פאַרוואַנדלט אין קיין אַנדער זאַך, זי בלייבט אויף אייביק נאָך דעם מענטשנס אָנדיינקונג פון זיינע מעשים.“

פאַרענדיקט האָט ער מיט דעם: „איך, האָט ער געזאָגט, האָב זייער ווייניק גוטע מעשים אויפגעטאָן, אום עפּעס איבערצולאָזן נאָך זיך. איך בין דיר מוחל קדיש זאָגן, אויב דו וועסט טאָן גוטע מעשים.“

איך האָב דעם גאנצן טאָג און א גאנצע נאכט געוויינט, און גאָט געבעטן, אז ער זאָל זיך דערבארעמען איבער מיין טאַטנס צו־שטאַנד, און זאָל אים נישט אָפרייסן פון אונדז אזוי פרי. איך ווייס נישט, צי צוליב מיין ערנסטן געבעט, צי צוליב דעם וואס דער קריזיס האָט אָנגענומען א גינסטיקע ענדערונג, אין א קורצע צייט איז מיין פאָטער פולקאָם געזונט געוואָרן, און האָט נאָך געלעבט אַ יאָר 7, ביז ער איז פּלוצלונג געשטאָרבן.

דער עפּיזאָד מיט מיין טאַטנס קראנק זיין און זיין געזונט ווערן, ווי איך האָב געדיינקט, אז ער איז צוליב מיין בעטן גאָט גע־זונט געוואָרן, האָט מיך געמאכט פאר א גאנץ קורצער צייט פרום צו ווערן, ביז איך האָב אויסגעפּרובירט גאָט אליין אַף מיין אייגע־נעם, כמעט קינדערשן שטייגער.

———:———

נאָכוואָרט:

מיין פאָטערס מינדלעכע צוואה.

דער סדר העולם איז, אז עלטערן לאָזן איבער א צוואה פאַר זייערע קינדער; מענטשן וואָס לאָזן נישט איבער קיין קינדער — לאָזן איבער צוואות פאַר קרובים, פריינט, באַקאַנטע.

גבירים טיילן איין זייער פאַרמעגן ווי זיי געפעלט, ווי זיי האַלטן פאַר ריכטיקער, בעסער, מען האַלט זיך דערבייט עצות מיט יוריסטן, כדי עס זאָל נישט אַריינפאַלן קיין פסול אין דער צוואה, — מען איז דערביי זייער אויפריכטיק און ערלעך מיט זיך אַליין. דער מאָמענט איז צו ערנסט אַף נישט צו זיין ערנסט...

אידיאָטן (און אַזוינע פעלן אויך נישט אוים היינטיקע צייטן) לאָזן איבער גרויסע פאַרמעגנס פאַר הינט, מאַלפּעס, קעץ און אַנדערע הויז-חיות און עופות. מען לאָזט אויך איבער גרויסע רייכטימער פאַר וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן, איטלעכער נאָך זיין געשמאַק נאָך; גלויביקע קריסטן ווי אידן לאָזן איבער געלט פאַר קירכן, שולן.

פּראַקטישע מענטשן לאָזן איבער זייערע פאַרמעגנס פאַר זאַכן וואָס אונדזער היינטיקע געזעלשאַפט האַלט פאַר נויטווענדיק, נוצלעך און וואוילטעטיק צוזאַמען: וויכטיקע דערפינדונגען, מעדי-ציניש דערגרייכונגען, אַסטראָנאָמישע אַנטדעקונגען, פאָרשונגען אַף פאַרשידענע געביטן.

גייסטיק-רייכע מענטשן (אַזוינע זיינען אָפט פינאַנציעל-אָרים) לאָזן איבער זייערע רייכטימער פון גייסט און קונסטווערק, ביכער, מוזיקאַלישע ווערק, קונסטבילדער א. ד. ג.

באַם שוועל פון לעבן און טויט, אָט באַ דעם קורצן וועג וואָס פירט אַריין דעם מענטשן אין דעם „נישט זיין", איז איטלעכער מענטש דאָס, וואָס ער איז אין דער אמתן.

אין אַט דעם ערנסטן מאָמענט זעט מען דעם מענטשן אזוי ווי ער איז און דערפאר האָט מיין טאַטע מיט זיין מינדלעכער צוואָה מיך צוגעבונדן מיט די צאַרטעסטע פעדים צו זיין אָנדענקן.

ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך דערזען מיין טאַטן אין זיין ריכטיקן שיין, אין זיין אמתדיקייט, זיין רייכע קריסטאָל-ריינע נשמה, זיין ריינע, איידעלע האַרץ און זיינע פשוטע, הומאַנע געפילן (וואָס פאר יענער צייט איז דאָס געווען נישט גאָר קיין געוויינלעכע דערשיינונג פאר א שטאָטישן אידן). כאָטש מיין טאַטע — ווי שוין געזאָגט א גאַנץ געוויינלעכער מעסיקער בעל-הבית, האָט מיר נישט איבערגעלאָזן קיין שום ירושה, קיין שום מאַטעריעלע געזיכערטקייט אין לעבן, טראָג איך אין מיין האַרצן זיין אָנדענקונג ווי אן אבן טוב מיט וועלכן איך פיל זיך רייך, מיט וועלכן איך בין שטאָלץ.

איך האָב געהאַט א רייכן טאַטען...\
ער האָט פאַרמאָגט א האַרץ, א גרויסע, ריינע האַרץ...\
א מענטשלעכע האַרץ!\
האָט שוין ווער אָפּגעשאַצט אזא עשירות?!!

———:———

17-טער קאַפּיטל.

איך פּרוביר אויס צי עס איז דאָ אַ גאָט.

דאָס פליען אין מיסטישע הימלען. — איך פּרוּאוו אויס גאָט. — דער פּועל יוצא פון דיינקען. — געאָגראַפיע אַ סבה צו אפּיקורסות.

אין דער צייט ווען מיין פאָטער איז געזונט געוואָרן, בין איך געווען זיכער אז דאָס איז צוליב מיין גאָט בעטן, אז ער זאָל געזונט ווערן, האָב איך באקומען א מין פּחד, א מורא, פאר עפּעס וואס איך האָב נישט געוואוסט וואָס.

וואו איך בין געשטאַנען און געגאנגען, וואָס איך האָב געטאָן פאר אן ארבעט, אָדער זאָנסט עטוואָס, צו וואָס איך האָב זיך געווענדעט, האָט זיך מיר אלץ געדאכט, אז איך טו דאָס נישט מיט מיין אייגענעם ווילן. טאקע אמת, אז איך אליין גיי מיט מיינע פיס, איך אליין טו מיט מיינע הענט, מיינע בליקן פאלן אף געגנשטאנדן וואָס זענען אנטקעגן מיר, מיין געהער הערט זאַכן, וואָס זענען מיר פארשטענדלעך און באגרייפבאר, אבער דאָס זענען נישט סתם דערשיינונגען פון זיך אליין. מיינע אויגן וואָלטן געקענט פאר זיך זען אנדערע זאכן, מיינע אויערן וואָלטן געקענט הערן קלאנגען, מיין באגער וואָלט געקענט זיין צו טאָן אן אנדער זאך, אפילו מיין געדאנק קען קאָנטראָלירט ווערן, מיין גאנצער אַפּאַראַט פון דיינקען איז נישט מיין אייגענער, מיינע געפילן צו זאכן, אָדער צו אימעצן איז נישט אָפּהעניק פון מיר, קיין טאַט קען נישט פאַרבאָרגן ווערן, קיין זאך קען נישט פארלייקנט ווערן. ליבע צו אימעצן געוועגט זיך נישט אין מיר, אפילו די ליבע צו מיין מוטער און פאָטער איז נישט מיין אייגענע, געשלעכטלעכע ליבע איז נישט קיין אייגענער אויסוואַל. די נאַטירלעכע מענטשלעכע נייגונגען זענען א באַפעל, די באַדערפניש צו דערהאַלטן דעם לעבן, איז אַ

נאַטור־געזעץ, פֿאַרוים קאָנסטרואירט פֿון עטוואָס, אָדער פֿון א יע־מאנדן. וואָלט דער יעמאנד צוגענומען די לופֿט און די זון, וואָלט מען נישט געקענט לעבן, וואלט דער יעמאנד געוואָלט, וואָלט ער געקענט מאכן דעם לעבן אומבאקוועם, ביי נישט געבן קיין פרי־לינגס און צונעמען אלע פלאנצונגען, וואָלט ער נישט געגעבען קיין וואסער, וואָלט מען ווידער ניט געקענט לעבן אזוי ווי אָן שפּייז. מיט איינעם וואָרט, ווי מען זאָל זיך נישט קערן און ווענדן, יעדער ריר, יעדע באוועגונג, יעדער פאָדעם פֿון געדאנקען, יעדער נערוו איז אונטער דער השגחה פֿון א ווען וואס מען רופֿט גאָט.

און דער גאָט איז דער אלמעכטיקער הערשער איבער אלץ, אפילו איבער דעם אלעמעכטיקן קיסר. מילא, פון קיסר האָב איך זיינע פאָרטרעטן געזען. איך האָב א באגריף ווי ער זעט אויס, איך האָב שוין געהאט געלייענט פילע באשרייבונגען פון א קיסר, פון זיין ווייב, פון זיינע קינדער, אז ער איז א מענטש ווי אלע מענטשן, מיט אלע מענטשלעכע חסרונות און מעלות, האָט אלע מענטשלעכע פונקציעס, האָט אלע אלגעמיינע נייגונגען און באַדערפֿנישע ווי יע־דער שטערבלעכער. נישט מער, ער האָט א שר אין הימל, ער איז דער אויסדערוויילטער פון גאָט צו הערשן און רעגירן איבער זיינע אונטערטאַנען. אבער גאָט אליין, ער איז דער העכסטער אינסטאַנץ.

פון אים פאנגט זיך אָן און מיט אים ענדיקט זיך. מיין אינגל־שע פאנטאַזיע איז אזוי ווייט אוועק, אז איך האָב מורא געקראָגן א טריט צו טאָן. אף יעדער זאך האָב איך זיך געפרעגט, ווער ווייסט צי איך זאָל דאָס טאָן? איבערהויפּט צי איך מעג דאָס טאָן?

מער פאר אלעמען האָט מיך געערגערט, פאַרוואָס איך ווייס נישט ווי אזוי איך דארף און קען אים דאנקבאר זיין. איך האָב געזען אַרום זיך פרומע מענטשן, וואָס דאַוונען און היטן אָפּ אלע מצוות, און דאָך זענען זיי גלייכגילטיק צו זאכן וואָס זיי טוען און קימערן זיך נישט, אזוי ווי עס וואָלט קיינער נישט געוואוסט וואָס זיי טוען. איך האָב שוין אויך געזען מענטשן וואס דאַוונען נישט און היטן נישט אָפּ קיינע מצוות. מענטשן, וואָס טוען עבירות און ווערן

נישט באַשטראָפט. פאַרקערט, די אָרימערע זענען מערסטנס פרומער, און די רייכע טוען זאַכן וואָס מען טאָר נישט און דאָך זענען זיי רייכער.

זייענדיק אונטער אַזאַ איינדרוק, און אונטער אַזעלכע פאַרהעלטניסע, איז קיין אנדער אויסוואַל פאַר אַזאַ אינגל ווי איך בין דאַן געווען, ווי אינערלעכע פרומקייט. עס איז גראָד געווען אין דער בר מצוה צייט. די קרישטאָל־ריינע פרומקייט האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע מאָנאַטן.

איינמאָל איז מיר איינגעפאַלן אַן אינגלשער געדאַנק, אַז איך זאָל אויספּרובירן צי גאָט האָט די השגחה איבער אַלץ. איך געדיינק איינמאָל אַ פרימאָרגן, ווען איך בין נאָך געלעגן אין מיין בעט, נאָר וואָס פון שלאָף, האָב איך באַשלאָסן אויספּרובירן צי גאָט וועט אויסהאַלטן די גאַנצע הונדערט פּראָצענט פּראָבע. איך האָב געוואַשן די הענט און געבעטן באַ גאָט אַז ער זאָל, אויב זיך צו מיר נישט צייגן, כאָטש מיר איבערצייגן מיט אַ קלייניקייט, מיט דעם, אַז מיין פאָטער זאָל מיך מיטנעמען אַף זיין רייזע, וואָס ער האָט זיך געקליבן צו מאַכן צו דעם רעזישטשעווער רבין.

ווי איבעראַשט בין איך געוואָרן, ווען מיין פאָטער איז אַריינגעקומען מיט אַ שטונדע, אָדער צוויי שפּעטער, און האָט מיר געזאָגט, אַז היינט אָוונט, ווי ער האָט גערעכנט אָפּצופאָרן, זאָל איך זיין גרייט מיט אים מיטפאָרן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דעם זעלבן טאָג, אפילו די זעלבע וואָך, האָב איך שוין קיין צייט נישט געפונען נאָך אַמאָל אויספּרובירן גאָט. איך האָב אַלץ אָפּגעלייגט אַף שפּעטער. דערווייל איז דער פייער פון פרומקייט פון זיך אַליין שוואַכער געוואָרן און אינגאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן אין מיר, ווען איך האָב אָנגעפאַנגען לערנען געאָגראַפיע.

אַחוץ אַנדערע זאַכן בין איך פון געאָגראַפיע געוואויר געוואָרן, אַז דער בלויער הימל איז נישט אַ פעסטע זאַך, וואו גאָט פאָרט אַרום מיט זיינע מלאכים, נאָר אַז דאָס איז נישט מער ווי לופט; און די לופט האָט אין זיך אַ טבע, וואָס זי ווערט בלוי, ווען זי

איז ווייט פון אונדזערע אויגן; און אז בליצן און דונערן זענען נאַ-טירלעכע דערשיינונגען, וואס קומען פון געוויינלעכע צוזאמענ-שטויסונגען פון וואָלקנס; און אז רעגן איז א פועל יוצא פון די פאַ-רעס פון דער ערד און פון וואסערן פון די ימים, וועלכע ווערן צוגע-צויגן צו זיך פון דער זון, און אז דורך אַ געוויסן טעמפּעראַטור ווערן די פארעס פאַרוואַנדלט אין כמארע, און דורך די שטויסונגען פון ווינט ווערן די כמארעס צעגאנגען ווידער אין וואסער, און עס פאלט דאן רעגן. דאָס איז אן אייביקע ווידערהאָלונג, כדי אז די פלאַנצונגען פון דער ערד זאָלן וואקסן; און אז שניי איז נישט מער ווי פאַר-פרוירענער רעגן, און אזוי ווי דער רעגן איז פארשידן אין זיינע טראָפּנס, אזוי איז אויך פאַרשידן דער שניי אין זיין גרויס און אין זיינע צייכנונגען, און אז אַ רעגנבויגן איז נישט א צייכן פון גאָט, אַז ער וועט מער קיין מבול נישט ברענגען אויף דער וועלט, נאָר אז דאָס קען קינסטלעך געמאכט ווערן פון וואסער, זון און שאָטן; און אז די לבנה און שטערן זענען אזעלכע גרויסע פלאַנעטן, און נאָך טויזנטער מאָל גרעסער ווי אונדזער פלאַנעט, וואָס מיר רופן די ערד; אז מען קען פריער אויסרעכענען ווען עס וועט זיין א לקוי חמה און ווען א לקוי לבנה; און אַז לויט געוויסע ווינטן פון פארשידענע זייטן פון דעם ערד-קוגל קען מען פאָרויסזאָגן מיט אַ פּאָר טעג פריער, וואָס פאַר א וועטער עס וועט זיין, ווארעם אָדער קאַלט, שניי אָדער רעגן; אז ווען די זון איז צו אונדז נענטער, גיט זי אונדז מער ווארימקייט, איז זי פון אונדז ווייטער, ווערט אונדזער טעמפּעראַטור קעלטער. דורך דעם וואס די ערד דרייט זיך ארום נעבן דער זון, האָבן מיר טעג און נעכט, ווינטער און זומער.

פילע אנדערע זאכן, וועלכע זענען געווען צוגערעכנט פאַר גאָטס געגנאָד, זענען דורך דער געאָגראַפיע אויסגערונען. מיט איי-נעם וואָרט, די וועלט האָט אירע רעגעלען וואס ווערן נישט באַ-הערשט פון א גאָט, נאָר פון געוויסע נאַטירלעכע יסודות, מאנכע פון וועלכע זענען נאָך נישט באַקאַנט אפילו דער מאָדערנער וויסנ-שאַפט, און ווידער אויספּרובירן גאָט האָב איך שוין נישט געהאַלטן פאַר נייטיק.

נאָכוואָרט:

איך פּרוּאוו אויס אויב עס איז דאָ אַ גאָט.

געדאַנקן און איינפאַלן פון קינדער זענען אזוי וואונדערבאַר, אזוי ווייטזעאיק, אַז עס האָט זיך געשאַפן וועגן דעם א ברייט פאַר־צווייגטע וויסנשאַפט, אַ גאַנצע אָפּטיילונג אין דער פּסיכאָ־אַנאַ־ליטיק.

אַ קינד נעמט נישט אָן קיין פעסטגעשטעלטע דאָגמעס, עס איז אים ווינציק דער „אזוי איז דאָס" — ער וויל וויסן פאַרוואָס און ווי אזוי. ער וויל אַליין אָפּט זיך דערגרונטעווען צום עצם ענין, צום אורשפּרונג פון דער זאַך.

גיט איר אַ קינד אַ קאָמפּליצירטע שפּילצייג — פּרוּאווט ער עס פונאַנדערנעמען, וויל אריינקוקן אין דעם אינעווייניק, אין דעם מעכאַניזם א. אַ. וו.

עס איז אָנגענומען און פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז אַ קינד איז בטבע אַ צושטערער, אַ פאַרניכטער, דער אמת איז אָבער — אזוי פאַרזיכערן אונדז די פּסיכאָ־אַנאַליטיקער — אַז אַ קינד איז אַ זוכער, אַ פאָרשער, ער וויל אין אַלץ אריינדרינגען, וויסן, דער־נרייכן צום תוך א. אַ. וו.

———:———

18־טער קאַפּיטל.

איך פאָר מיט מיין פאָטער צום רבי׳ן.

דערפאָלג אין לעבן. — אַ סבה צו נישט־גלויבן. — מיין טאַטע אַן אייביקער צווייפלער. — באַם רבי׳ן צו שלש־סעודות. — א שאַרפער וויץ אַפן רבינ׳ס חשבון.

עס זענען דאָ מענטשן אויף דער וועלט גלויביקע, וואס גלויבן אין א גאָט אָן איבערלייגונג, אזוי האָט מען זיי געזאָגט און מן־הסתם איז דאָס אזוי. זיי נעמען זיך נישט די מי א טראכט צו טאָן, שוין נישט ריידנדיק פון די, באַ וועמען דער מארך איז אין אַפּאַ־טישן צושטאַנד, נאָר אפילו ביי מענטשן וועלכע באַציען זיך צו אַנ־דערע זאכן זייער סקעפּטיש, קוקן אויף געוויינלעכע עראייגניסע מיט א קריטישן אויג, אפילו אויף געוויסע פּראקטישע דערשיינונגען וועלן זיי זיין פון די לעצטע אָנצונעמען, אָן איבערלייגונג, אבער דער גלויבן אין א גאָט איז באַ זיי גיבראַלטאַר־שטאַרק, זיי ווילן נישט א טראכט טאָן צי דער אָנגענומענער גלויבן האלט אוים געזונטן פּארנונפט, צי עס איז נישט מעגלעך אז עס זאל זיין אנדערש.

ווידער זענען פאראַן מענטשן, נישט גלויביקע, וואס גלויבן אין גאָר נישט, איר קענט זיי נישט מאכן גלויבן אין א באשעפער, אין א גאָט, וואס האָט די השגחה איבער אַלץ און איבער אַלעמען. עס זענען דאָ אויך מענטשן וואס גלויבן ווייניק, מאכן געוויסע קאָמפּראָמיסן אין באַצוג צו גלויבן, זיי גרונטעווען זיך נישט אין דער טיף, זיי שווימען אויף דער אויבערפלאַך, נאָר א שטאַרקע קאַ־טאַסטראָפע פון דער ווילדער רויער נאַטור קען זיי אָפּט ברענגען צו א גלויבן. פאַרקערט, אומגעוויינלעכע פּאסירונגען, ווי, למשל, גרויס דערפאָלג אַפן עקאָנאָמישן געביט, וועט זיי מאכן נאָך ווייניקער גלויביק. עס איז פאַראַן נאָך א סאָרט מענטשן, וואס גלויבט

הונדערט־זעקס־און־זעכציק

צייטנווייז זייער שטאַרק אין אַ גאָט, און דאַרום איז ער דאַן קאַפּאַל אַף אַלץ, איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. ער איז פאַרטיק זיך מפקיר־זיין און צייטנווייז זעט באַ אים אַלץ אויס ווי אַ האַמ־באַג, און ווערט אַנטוישט און איז אימשטאַנד צו שענדן דאָס וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג פאַרהייליקט. אַזעלכע רופט מען צווייפ־לער, און אַף די מענטשן איז דער גרעסטער מיטלייד, זיי זענען אי־מער אין אַ שטענדיקן קאַמף מיט זיך אַליין: היינט בויען זיי, און מאָרגן צעשטערן זיי. אַזאַ צווייפלער איז געווען מיין פאָטער, ער האָט צייטנווייז זיך געקענט ליידנשאַפטלעך אָפּגעבן צו אַ גלויבן ביז פּייניגונג, און צייטנווייז ווערן אַפּיקורסיש ביז אַטעאיזם, דאַן איז געווען אַלעס הפקר.

איך האָב אים געהערט זאָגן אין אַ געוויסן מאָמענט, האָב מורא פאַר גאָט און פאַר די וואָס האָבן קיין מורא נישט פאַר אים. באַ אַן אַנדער געלעגנהייט האָב איך פון אים געהערט זאָגן, אַז גאָט איז אַ סטראַשידלע, אויסגעטראַכט פון מענטשן, וועמענס צוועק איז געווען צו קענען הערשן איבער אַנדערע.

מיין פאָטער האָט צופיל געלערנט, אום ער זאָל קענען זיין אַ איבערגעבענער גלויביקער, איבערהויפּט צופיל נאָכגעדענקט, אָבער ער האָט אין זיך פאַר פילע יאָרן אַריינגעזאַפּט אַ חסידישן געט־לעכן גלויבן, אַז עס איז אים געווען שווער אַרויסרייסן, עס קען מעגלעך זיין, אַז ער האָט נישט געקענט אַרויסרייסן פון זיך דעם גלויבן, ווייל ער האָט נישט געקענט געפינען קיין אַנדער אידעאַל, וואָס זאָל פאַרבייטן זיין גלויבן און אָט אַזוי האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה, היינט אַזוי, מאָרגן אַנדערש, אַן אייביקער געראַנגל אין זיין נשמה.

איך וועל נישט פאַרגעסן דעם פאַל ווען מיין פאָטער האָט מיך מיטגענומען קיין רעזשישטשעוו צום רבין און אַפן וועג האָט ער מיך נישט דערמאָנט און אַליין נישט געדאַוונט. ווען איך האָב אים געפרעגט, האָט ער מיר אַ פאַלשן תירוץ געגעבן, אַז עס איז שוין צו שפּעט געווען; צום רבין איז ער געגאַנגען אָן באַגייסטערונג, אַפילו אָפּגעלאַכט אין זיך און טיילווייז פאַר מיר, אָבער שבת

פארנאכט צום שלש-סעודות איז ער אין התפעלות אריינגעפאלן און איך האָב אין אים געזען א שטיק רוחניות, דער שלש-סעודות מיט די חסידים איז באַ מיר איינגעקריצט אין מיין זכרון, די חסידים וואס זענען געזעסן ביים רבינ׳ס טיש זענען מיינסטנס געווען מענטשן נישט פארמעגלעכע, זאָגאר אָרימע מיט א קליינער אויסנאמע, אבער אלע זענען געווען רייך אין באגייסטערונג, דער איין-און-איינציקער פארלאנג און דאגה איז באַ זיי געווען, אז גאָט זאל שענקן געזונט און יאָרען דעם רבין, אום ער זאל קענען צייגן מער מופתים.

ווי עס שיינט, ווירקט די סביבה אַף יעדן פון אונדז, ווער רעט נאָך ווען מען געפינט זיך אין א חסידישער סביבה נאָענט צום רבין, ווירקט דאָס אַף אונדז זייער שטארק און דרינגט אריין אין די טיפעניש, אין דער נשמה, וועלכע ווערט געצוויגט צו מיסטישע שטימונגען און דערהויבט אייך צו הימלישע ספערן. אין אזעלכע פאלן טוט מען זיך אינגאנצן אוים פון דער ערדישקייט און מען שוועבט אַף די פליגלען פון דער שכינה.

דער רבי אליין, א איד א זקן, מיט אן אויסזען פון א פאט-ריארך, א פנים וואס דריקט אוים מאָנארכישע זעלבסטהערשאפט, גדלות געמישט מיט עניוות, לויטערקייט פון גייסט און דערהויבנ-קייט., פון צייט צו צייט מערקט זיך אַף זיין פנים דער טרויער פון גלות און באלד פארשווינדט דער טרויער און גיסט זיך איבער אין אָפּטימיזם.

שבת פארנאכט, ווען די זון פארגייט ביסלעכוויז און קיין פייער טאָר מען נאָך נישט אָנצינדן, דאָס אליין ווארפט אייך שוין אריין אין א געוויסער מיסטישער שטימונג און אלע וואָס געפינען זיך ארום רבינ׳ס טיש, הויבן זיך אָן פילן הילפלאָז, ווי הינדעלעך וואָס טוליען זיך צו דער מאמעס ווארימע פליגלען.

דער רבי ווערט שטיל פון זיין תורה זאָגן, הויבט אָן א שטילן טרויעריקן ניגון, וועלכער ווערט באלד אויפגעכאפט פון די חסידים, וואָס זיצן ארום אים, און ביסלעכוויז פארכאפט דער ניגון און ציט אריין אין זיך אלע וועלכע זיצן ארום טיש, דערנאָך אויך די ווייטערע און גאָר ווייטע, וועלכע שטייען אָנגעשטעלט קאָפּ אַף קאָפּ

איבער דעם גאַנצן זאַל, וועלכער איז שוין איצט אויסגעפֿולט מיט דעם ניגון, וועלכער צופּט און נאָגט בײַ דער נשמה.

ביסלעכווייז ווערן אַלע פֿאַרכאַפּט און אַנטציקט, מען פֿאַר-לירט די גלייכגעוויכט, איר הערט אויף צו זיין אַן איינס, אַ גאַנצעס, איר פֿאַרלירט דעם חשבון פֿון צייט און רוים, איר ווערט אַ רוחניות, אָבער דער ניגון וואַקסט ברייטער, שטאַרקער, העכער, די טעמפּאָ ווערט אַ שנעלערע און אייער נשמה וואָס איז אפשר ביז איצט געווען איינגעהילט אין טרויער, האָט זיך איצט איבערגעגאָסן אין לויטערער פֿרייד, אָנגעפֿילט מיט האָפֿנונג דורך דער פֿעסטקייט און דעם גלויבן אין דעם רבינ׳ס כח.

די נגונים ווירקן, די פֿיס הייבן זיך אָן באַוועגן, הענט פֿאַר-וואַרפֿן זיך אויטאָמאַטיש אַף פֿרעמדע אַקסלען, מען איז אינגאַנצן אָפּגעריסן פֿון דער ערד, מען שוועבט איצט אין די הימלען, איבערן זאַל טראָגן זיך טענער פֿון דעם ניגון, ווי הימלישע קלאַנגען, און פֿון זיך אַליין טאַנצט זיך צום טאַקט.

דער ריטם פֿון די טענץ און דעם ניגון פֿאַרכאַפּט נישט נאָר חסידים, נאָר אפילו פֿרעמדע צושויער פֿאַלן אויך אַריין אין פֿאַר-כאַפּנדיקער באַגייסטערונג. די חסידים און דער רבי קייטלען זיך צוזאַמען אין איין ראָד, און אַלע אינאיינעם זינגען און טאַנצן, ביז דורך אַ שטילן וואונק פֿון רבין ווערט אַלץ ווי פֿון זיך אַליין איבער-געהאַקט. אין זאַל ווערט נאָך פֿינצטערער, נאָך ענגער און גע-דיכטער, און יעדער דערפֿילט ווי שווער עס איז זיך אָפּצוטייסן פֿון דעם שבת, ווען עמענס נשמה יתירה האַלט ביים אויסגיין.

אַלע טוליען זיך צו אים, זאָל לעבן, מען וויל הערן אַ טרייסט-וואָרט, עפּעס אַ צוזאָג, וואָס וועט בלי ספק מקוים ווערן, דער רבי דערפֿילט די אחריות און דעם אַנגסט וואָס די חסידים לעבן איצט איבער, און ער לאָזט טאַקע פֿאַלן אַ גוט וואָרט, אַ צוזאָג, אַ האָפֿ-נונג. דערציילט ער אַ מעשה, אַ גלייכווערטל, ווערט עס באַלד אויפֿ-געכאַפּט און אויסגעטייטשט פֿון די חסידים אַלס אַ סימן פֿון אַ גוטער וואָך, אַ געזונטע וואָך, און פֿון ישועות און נחמות אַף אַלע

אידן, און דערנאָך ווערט פריילעכער, דער אומעט פאַרשווינדט, קיי-נער פילט זיך מער נישט עלנט. ער, זאָל לעבן, וועט שוין באַ דעם רבונו של עולם פועלן אלצדינג. מען פאַרשפּאַרט זיך איגגאַנצן מצער זיין, מען דאַרף זיין פריילעך.

מען דאַוונט מעריב, באַ הבדלה כאַפּן אַלע פייער פון רבינ׳ס הבדלה און לייגן אין די קעשענעס, דערנאָך קומט ערשט די מלוה-מלכה מיט נייע נגונים, פריש געזאַנג, און ווידעראַמאָל טענץ, און נאָך אַביסל משקה.

אַט אין אַזאַ אַטמאָספערע, אין דער דאָזיקער שטימונג, בין איך עס געווען מיטן טאַטן דעם גאַנצן שבת אָוונט ביז אין טאָג אריין.

איך האָב דאַן געטראַכט, אז ווען איך זאָל זיין אמת פרום, וואָלט איך געזאָגט, אז די שכינה האָט געשיינט אויף מיין פאָטערס גאַנצן „איך". און ווירקלעך, איך האָב מיין פאָטער קיינמאָל אין אַזאַ אָדער ענלעכע שטימונג נישט געזען מיט דער אויסנאַמע, ווען רבי אברהמעלע איז געקומען קיין שדה לבן און איז איינגע-שטאַנען באַ אונדז א נאַכט, דאַן האָב איך מיין פאָטער מיט נאָך עטלעכע חסידים אין אַן ענלעכע שטימונג געזען, איך בין אָבער דאַן נישט אַזוי נתפּעל געוואָרן, ווייל עס איז דאַן נישט געווען קיין מאַסע-פייערלעכקייט, בלויז א פייערלעכקייט פון געציילטע מענטשן, אָבער באַם רבין אין זיין הויז איז דאָס געווען א צוזאַמענמישאַכטס פון פאַרשידענע חסידים.

אויב עמיצער וועט שטעלן די פראַגע: „ווי קומט צו א אינגל, און נאָך נישט גלויביקער דערצו, אריינצופאַלן אין אַזאַ באַגייס-טערטער שטימונג אין שילדערן דעם רבין, די חסידים און די סביבה, אין אַזאַ עקסטאַז פון באַגייסטערונג", איז דער ענטפער: כאָטש איך בין ניט געווען קיין אנטיילנעמער, נאָר א צושויער, פונ-דעסטוועגן איז דער איינדרוק געווען אַזאַ שטאַרק טיפער, א פאַרבנ-דיקער, אז עס איז אין מיין זכרון אַזוי שטאַרק איינגעקריצט גע-וואָרן און נאָך היינט שטייט דאָס פלאַמפייערדיקע בילד פאַר מיינע אויגן, פונקט ווי איך האָב דאָס היינט געזען.

עס זענען דאָרט געווען גאָר אַלטע אידן, עלטערע מענטשן, יונגע לייטלעך און אינגלעך. איך געדענק ווי די אינגלעך האָבן חוזק געמאכט פון מיר מיט מיינע אָפּגעשאָרענע פאות, דאָס אליין איז כאראקטעריסטיש פון מיין פאָטערס צווייפלונג, וואס ער אליין פלעגט הייסן דעם צירולניק מיינע פאות אָפּשערן, און אין דער־זעלבער צייט מיך מיטנעמען צום רבינ׳ס שלש־סעודות. נישט אכטנ־דיק אף דעם עקסטאז פון חסידישער באגייסטערונג האָט מיין פאָ־טער די לעצטע מינוטן ביים געזעגענען זיך מיט דעם רבין דער־לויבט א שטארקן וויץ צו זאָגן, אפן רבינ׳ס חשבון, ליידער געדענק איך נישט דעם אינהאלט פון דעם גאנצן וויץ. מיר שיינט, אז ער־האָט געזאָגט, אז די רביים האבן גאָט פאר א פרנסה, נישט פאר א רעליגיע נאָר פאר אן הכנסה, וועדליג דעם רבינ׳ס הויות האָט דאָס געמוזט זיין א שארפער וויץ.

דעם רבינ׳ס הויפּט־גבאי, געדיינק איך נאָך ווי היינט, האָט ער געדריקט די האנט און האָט אים געוואונטשן אז גאָט זאָל העלפן, אז עס זאָלן זיך נאָך לאנגע יאָרן געפינען חסידים וואָס זאָלן געבן חי.

———:———

נאָכוואָרט:

איך פאָר מיט מיין טאַטען צום רבין.

עס איז פשוט מקנא צו זיין דעם מענטשן וואָס האָט א גלויבן.

אינגאַנצן פּוסט איז דעם מענטשנס לעבן אָן א גלויבן אין עפּעס.

א פשוטער רחמנות איז אַף דעם מענטשן וואָס לעבט אין א שטענדיקן צווייפל.

גלויבן ברענגט רו און האָפענונג.

נישט גלויבן — אומרו און צושטערונג.

צווייפל — א כאָאָס.

דער צווייפלער זוכט פעסטצושטעלן זיין גלויבן, זיך אָפּצו-שטעלן בא „וואָס-ניט-איז" און איז נישט בכח. עס וואַרפט אים אום פון איין ברעג צום צווייטן ווי א שיף אָן א רודער; ער וויל זיך מיט וואָס באַגייסטערן, דערוואַרעמען — געפינט נישט.

די לאַגע פון צווייפלער איז טראַגיש דערמיט, וואָס ער האַלט אין איין ארומוואַנדערן, ארומלויפן — אַן אייביקער וואַנדערער — און האָט נישט און געפינט נישט אַף לאַנג קיין שום מקום מנוחה.

מקנא דאַרף מען זיין דעם באמת גלויביקן!

נישט וויכטיק דערביי — אין וואָס און אין וועמען — א גלויבן מאַכט גליקלעך און צופרידן.

19-טער קאַפּיטל.

איבערגעלעבט אַן עפּידעמיע פון אַ מילדער-כאָלעריע.

קליינע שטעטלאַך גוטער באָדן פאַר כאָליערע. — די מומע ליבע. — אַ דאַנק גאָט: אָרעמע לייט שטאַרבן.

ביז היינטיקן טאָג איז דאָ באַ מיר אַ רעטעניש, וואָס איך האָב אין מיינע קאַרגע צוואַנציק יאָר זיין, אין אונדזער שטאָט בעלאַצערקאָוו מער נישט ביינעוואוינט ווי איין מילדן פאַל פון כאָלעריע. מיר שיינט יעצט, אַז אַזעלכע פאַלן וואָלטן זיך באַדאַרפט טרעפן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. מענטשן פון גרויסע שטעט פון אייראָפּע און באַזונדערס פון גרויסע שטעט פון דער היינטיקער אַמעריקע קענען בשום אופן קיין באַגריף נישט האָבן, זיי קענען גאָר נישט פאַרשטיין אונטער וועלכע אומסאַניטאַרע באַדינגונגען מענטשן פון קלענערע שטעט פון רוסלאַנד האָבן געלעבט. קען זיך אַ מענטש וואָס האָט נישט געלעבט אין אַ קליינער שטאָט אין רוסלאַנד זיך פאָרשטעלן אַזעלכע בילדער ווי למשל, אַז דאָ וואו מען „פּאָיעט" פערד, וואו מען גיט טרינקען אָקסן און בהמות, וואו מען קוילעט, סמאַלעט און מען וואַשט חזירים, וואו מען וואַשט אַלערליי שמוציקע גרעט מיט אַנדערע ענלעכע זאַכן, דאָרט זאָלן זיך מענטשן באָדן און פון דעם טייך וואו אַלע מענטשן באָדן זיך, וואוהין אַלערליי שמוץ פאַלט אַריין נאָך אַ רעגן. אפילו פון עפּנטלעכע „בית-הכסאס" פון פילע בתים-מדרשים ווערט אָפּגעשווענקט פון רעגן, און דאָס אָפּגעשוווינקטע צוזאַמען מיט די פּגרים פון קעץ און הינט, פאַלט אַריין אין טייך, און פון דעם טייך שלעפּן וואַסער-פירערס וואַסער, און מען צעפירט די וואַסער פון אַזעלכע טייכלעך צווישן די הייזער, פון דער באַפעלקערונג, און די וואַסער פון

אזעלכע טייכלעך ווערט באנוצט צום קאָכן און צום טרינקען. פון די טייכלעך כאפּט מען פאַרשיידענע פיש צום עסן, קיין וואסער-קלאָזעטן מיט א גאנץ קליינער אויסנאם זענען אין די הייזער נישטאָ, אחוץ אין איינער אָדער צוויי.

אם אלעמהעכסטן דריי לאַדאָווניעס*) אפן גאנצן שטאָט, וואָס פאַרקויפן אייז אין אויסערגעוויינלעכע פאַלן פאַר אויסערגעוויינלעכן געברויך. דאָס רוב אָרימע בעל-הבית-טעס קענען נישט באַהויפּטן ארויסצואווארפן איבערגעבלי-בענע געקעכץ און זאַכנסט עסנווארג, און מוזן דאָס אי-בערגעבליבענע לאָזן שטיין אין דער הייסער טעמפּעראַ-טור. נישט אלע הייזער האָבן אפילו קעלערס בא די הייזער. די קעלערס זענען טוכלע מיט פאַרפעסטעטע לופט, די היצן זענען אין געוויסע חדשים זייער גרויסע און דערוואַרעמען די קעלערס. נאַטירלעכערווייזע ווערן די שפּייזן קאַליע, בעזונדערס די שבת'-דיקע שפּייזן וואָס מען קויפט אָן דאָנערשטיק, ווי פיש און פלייש. אָט ווי שלעכט דער טשאָלנט זאָל נישט ווירקן אפן מאָגן, איז נאָך א שטיקל ישועה פאַר דער אידישער קליינשטעטלדיקער באַפעלקע-רונג, ווייל עס איז דאָך פריש אָפּגעקאָכטע שפּייז, ווען נישט, וואָלטן מערערע פאַלן פון כאָלעריע געטראָפן אין די אידישע שטעטלעך נאָך שבתים. וואו נאָר א שטעטל וואו אידן וואוינען, זענען זיי באַזעצט ענג און אלע אין צענטער פון שטאָט. קיין צייכן פון א גאָרטן, קיין שאָטן פון בוימער, קיין קאָליר פון א בלום, אפילו א בליק צו טאָן אף א בלום איז נישטאָ, דערפאַר אָבער הערט זיך אָן עקלהאפטער גערוך פון אונטער די הייזער. דאָרט איז א פעסט פון שמוץ, וואָס מוז ברייננען פאַרשיידענע עפּידעמיעס.

איינעם אזא אָנפאַל אף א מילדער כאָלעריע אין אונדזער שטאָט האָב איך דורכגעלעבט, דאָס איז געווען אינמיטן זומער א שבת-פאַרנאַכט, איך בין דאַן אלט געווען א יאָר 12-13, נאָך דעם ווי מיין

---

*) אייז-הייזער.

פּאָטער איז נאָר וואס געזונט געוואָרן פון זיין קראנקהייט. מיט איינמאָל האָט דאָס צוערשט א כאפּ געטאָן די קליינע קינדער, די עלטערע מענטשן האָט דאָס אויך נישט געשאנעוועט.

איך געדיינק ווי אונדזערע 5 דאָקטוירים, צוויי אידישע און דריי קריסטלעכע פון שטאָט זענען געווען פארנומען. זיי זענען אומגעלאָפן מיט „דראָשקעס“ פון איין פּלאץ צו א צווייטן.

אונדזערע צוויי קלענערע קינדער זענען די ערשטע קראנק געוואָרן, מען האָט מיך געשיקט נאָך א דאָקטאָר, אבער עס איז געווען אוממעגלעך איינעם צו קריגן, זיי זענען ארומגעלאָפן פון פריערע באשטעלונגען, שפּעטער האָט מען אפילו דערציילט, אז איין דאָקטער, א אידישער, איז אליין אויך קראנק געוואָרן.

ווען איך האָב איין דאָקטאָר דערזען לעבן אונדזער גאס, האָב איך אים נישט אָפּגעלאָזן ביז ער איז צו אונדז אריין, ער האָט פארשריבן א פּאָר רעצעפּטן און איז אַוועק. אָבער איידער וואָס-ווען איז שוין קיינער פון אונדז נישט געווען מער אימשטאַנד צו גיין אין אַפּטייק נאָך די רעצעפּטן.

נישט ווייט פון אונדז האָט געוואוינט מיין מוטערס א מומע, מומע-ליבע האָט מען איר גערופן. דאָס איז געווען א קליינע רירערוודיקע פרוי, אבער א הארץ האָט זי געהאט נישט נאָך איר וואוקס, אַ גרויס, א ברייטס, א פילנדיקס. תמיד פלעגט זי דערפילן ווי נאָר אַ צרה, אַ נויט. העלפן מיט א טרייסט-וואָרט, אַמאָל אפילו מיט אַביסל קליינגעלט אויב נויטיק, אימערצו געווען די ערשטע צו העלפן. אַליין פאר זיך האָט זי כמעט גאָר נישט באדארפט, קיין אייגענעם גליק האָט זי קיינמאָל נישט געהאט, געבליבן א יונגע אלמנה און אַן עקרה. דערצו האָט זי איר גאנץ ווארימע פילנדע הארץ אוועקגעשיינקט צו די ליידנדע, א דאנק איר זענען אסך ליידן און פּייז פאַרמינערט געוואָרן. איר פריינטלעכקייט האָט געשפּראָצט מיט אמת, פון אירע אויגן האָט געלויכטן איר ריינע רייכע נשמה.

באַ מיר איז די מומע ליבע געווען פארבונדן מיט דער פאָרשטעלונג פון די מוטערס: שרה, רבקה, רחל און לאה.

די מומע ליבע האָט געטאָן איר ארבייט מיט צניעותדיקער נאַטירלעכקייט אזוי ווי נישט אנדערש דאַרף זיין און עס קומט איר נישט קיין דאַנק דערפאַר. ווי עס שיינט, האָט דאָס איר געגעבן אינטערעס צו דערלעבן אַן עלטער פון קאַרגע הונדערט יאָר.

ווי נאָר די מומע ליבע האָט דערהערט אז אַן עפּידעמיע האָט פאַרכאַפּט קליינע קינדער, איז זי גלייך געקומען געוואויר ווערן וואָס מיר מאַכן. גאָט אליין ווייזט אויס האָט איר צוגעשיקט, ווען ניט זי ווער ווייסט וואָס פון אונדז וואָלט דאַן געוואָרן. איר ארומגיין ארום אונדז האָט געווירקט ווי א גוטע רפואה, אחוץ פון דער מעדיצין וואָס זי האָט געבראַכט פון דעם אַפּטייק, און ווי שוין געזאָגט, איז געוועזן אַן אויסברוך פון א מילדער כאָלעריע און מיר זענען איבערנאַכט ווי געזונט געוואָרן.

ווי מילד די עפּידעמיע איז געוועזן, האָט זי דאָך אוועקגעטראָגן שיינע צענדליקע קרבנות.

איך געדיינק ווען איך בין אין א פּאָר טעג ארום געווען אין גאַס, האָט איין אידענע געפרעגט א צווייטער, וואָס הערט זיך פון דער עפּידעמיע? האָט איר די צווייטע געענטפערט מיט אַן ערנסטער געמיטלעכער מינע: „אַ דאַנק גאָט, ס'איז מיט חסד, אָרימעלייט שטאַרבן."

אום זיך צו פאַרהיטן פון א נייער אַטאַקע אויף דער כאָלעריע. האָבן דאָקטוירים געראָטן אוועקפאָרן אין דאָרף.

נאָכוואָרט:

איבערגעלעבט אַן עפּידעמיע פון אַ מילדער־כאָלעריע.

דער אינסטינקט פון זעלבסטשוץ איז זייער אנטוויקלט באַ לעבעדיקע ברואים. מענטשן אָפּפּערן מיט אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן כדי צו שיצן זייער שטיקל געזונט, זייער לעבן.

עס פּאַסירט אָבער אַז אַ מענטש לייגט קיין אַכט נישט אַף זיין אייגענעם געזונט, אַף זיין לעבן און וואַרפט זיך אין די גרעסטע געפאַרן כדי צו ראַטעוון אַנאַנדער מענטשן: מען שטייט אונטער אַ האָגל פון קוילן אַפן שלאַכטפעלד און מען בינדט איבער פאַרוואונדעטע, אין די געפערליכסטע עפּידעמיעס שטייען דאָקטוירים אַף זייערע פּאָסטנס און העלפן די ליידנדיקע, אליין ריזיקירנדיק מיטן לעבן.

דער גרעסטער וואונדער דערביי איז, וואָס פּשוטע מענטשן, מענטשן פון אַ גאַנץ־יאָר, וואַרפן זיך אַריין אין די גרעסטע געפאַרן, זיינענדיק געטריבן פון אַ חוש וואָס איז נאָך נישט אינגאַנצן באַקאַנט. זיי גיבן זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג וועגן זייער טאַט, עס ווערט געטאָן אימפּולסיוו: מען וואַרפט זיך אין וואַסער, אין פייער, באַ פאַרשידענע קאַטאַסטראָפעס — נאַטירלעכע און אומגליקספעליקע א. ד. ג.

וואו איז דאַן אַהינגעקומען דער געזונטער חוש פאַר זעלבסטשוץ?

וואו האָט ער זיך אַף אַ קורצער ווײַלע באַהאַלטן?

———:———

20-טער קאַפּיטל.

אין דאָרף צום פעטער.

די ערשטע רייזע מיטן אייזנבאַן. — דער גרויסער חשד. — דער שטייגער לעבן פון דער אינטעליגענץ אין דאָרף. — שמועסן וועגן הויכע ענינים. — „אָקע“ מיט א סרכה. — צוגעקומען אין וואָג און געשטיגן אין ידיעות. — אַ לעבן פון ניסים.

מיין מוטערס א ברודער, זייער אן אינטעליגענטער מענטש, אָבער זייער א גרויסער קבצן, ווייל ער האָט נישט געהאט קיין באַשעפטיקונג פאר א לאנגער צייט, האָט ער צוליב דעם געוואוינט אין אַ דאָרף „סאכאָליעס“, דער דאָרף איז געווען א סטאַנציע פון דער אייזן-באַן, ער האָט דאָרט געוואוינט ווייל ערשטנס האָבן דאָרט געוואוינט א פּאָר אינטעליגענטע פריינט זיינע, אויך אָרימע-לייט, אָבער דאָך האבן זיי געהאט עפּעס א פארבינדונג מיט וואגאָנעס, און אמאָל, אמאָל פלעגט מיין פעטער אויך עפּעס קריגן, פון וואנען ער פלעגט מאכן א פּאָר רובל. אבער טאקע נישט מער ווי א פּאָר, און דאָס פלעגט אויך טרעפן זייער זעלטן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך דאָרט געהאלטן צוליב דער אנגענעמער אינטעליגענטער געזעלשאפט, און ווייל קיין אנדערע בעסערע אויסזיכטן האָט ער נישט געהאט און נישט געזען, קנעלן, ווערן א מלמד, האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט, איז ער דאָרט געזעסן מיט זיין ווייב און מיט א קינד. האָט מיין מוטער באשלאָסן מיך אהין אוועקשיקן אף א פּאָר וואָכן. איך בין פון דער אידייע געווען אין זיבעטן הימל, ווייל אהין האָט מען בעדארפט פאָרן מיטן באן, און דאס איז געווען מיין ערשטע רייזע מיטן באן. געפאָרן אהין בין איך נישט אליין נאָר מיט א

פריינט פון מיין פעטער, וואָס האָט דאָרט געוואוינט, איינער פון די אינטעליגענטן.

קיין סאָכאָליעס האָט מען געקענט פאָרן באַטאָג און באַנאַכט. איך האָב געגארט צו פאָרן באַטאָג, ווייל באַטאָג וואלט איך געקענט זען מערערע זאכן: די לאַנדשאפט, אלערליי גערטנער, בריקן, בערג און טאָלן, זען אייניקע סטאַנציעס פיליכט נאָך שענערע פון אונדזער סטאַנציע, וועלכע האָט זיך גערעכנט פאר א שיינער געביידע אין ארכיטעקטור, און שיינע אויסשטאַטונג פון דרויסן און פון אינ-ווייניק, איבערהויפט אין צווייטן קלאס. אבער מיין פעטערס פריינט האָט געזאָגט, אז ער וועט גראָד פאָרן צוריק באַנאַכט, מן-הסתם האָט ער געהאט זיין אויסרעכנונג, איך האָב קיין אנדער ברירה נישט געהאט און מיט אומגעדולד געווארט אף דער באשטימטער צייט.

ווען ער איז געקומען באַנאַכט ארום 10 אזייגער מיך מיטנע-מען, האב איך געזען ווי מיין פאָטער האָט געגעבן מיין פעטערס פריינט עטלעכע קערבלעך אויף רייזע-קאָסטן און האָט דערביי גע-זאָגט: „און א פאָר רובל טאָמער וועט מען דאָרט דארפן האָבן.“ מיר אליין האָט ער אויך געגעבן א רובל, טאָמער וועל איך דארפן אף עפעס. ווען מיר זענען ארויף אָפן מארק צו קריגן אן איז-וואָזטשיק, האבן מיר געווארט א לאנגע צייט ביז מיר האבן גע-קראָגן אן איזוואָזטשיק וואס איז געפאָרן מיט לײדיקן צום וואקזאל. דעם איזוואָשטשיק האָט מיין באגלייטער באצאָלט צו גריוועגקעס*) פאר יעדן, אנשטאט וואס ער וואָלט באַדאַרפט געווען באַצאָלן צו פערטעלאך**) און פיליכט נאָך מער פאר יעדן פאסאזשיר. ווען מיר זענען אריין אין וואקזאל, האָב איך נישט אנדערש ווי געוואָלט אריינגיין אין צווייטן קלאס, ווייל געוואוסט האָב איך, אז עס איז דאָ א דריטער קלאס און א צווייטער קלאס און אז דער צווייטער קלאס איז פיל שענער און אז דאָרטן זיצן שענערע מענטשן, אבער מיין באַפולמעכטיקטער מיט-רייזנדער האָט געזאָגט, אז איך מוז

---

*) צען קאָפּיקעס.

**) פינף-און-צוואנציק קאָפּיקעס.

מיט אים שטיין אױף דער פּלאַטפאָרמע, ווייל ווי גלייך דער צוג וועט אָנקומען, מוז ער זען דעם אויבער-קאָנדאָקטאָר. איך בין אויך ניי-געריק געווען צו זען דעם אויבער-קאָנדאָקטאָר און מיר זענען געבליבן אויף דער פּלאַטפאָרמע וואו דער צוג איז באלד אָנגעקומען. גלייך ווי דער צוג איז אָנגעקומען און דער קאָנדוקטאָר איז אַראָפּגעשפּרונגען און האָט אויסגעשריען: „סטאַנציע בעלאָצערקאָוו, נא דוואצאט מינוט*), האָט ער זיך ווי געגריסט צו מיין מיטרייזענדן און מיט אים געדעט עטלעכע ווערטער. ער האָט מיך גענומען פאר דער האנט און מיר זענען אוועק צום ערשטן וואגאָן. ווען מיר זיינען אריין אינעווייניק, האָב איך געוואָלט אוועקלייגן מיינע זאכן און זיך מאכן באקוועם, האָט מיין נייער פריינט געזאָגט צו מיר, אז מיר וועלן פונדאנען נאָך דארפן אוועקגיין, דעריבער איז נישט נייטיק צו מאכן די פאָרבערייטונגען.

גלייך ווי דער צוג האָט אָנגעפאנגען צו רירן, האָט מיין פריינט מיך ווידער גענומען ביי דער האנט און מיר ביידע זענען אריין אין א פאָרשטיבל פאר דעם לאָקאָמאָטיוו. אמאָל איז דאָס דעם אינ-זשינירס אָפּרו פּלאַץ, באלד זענען אריינגעקומען נאָך דריי אידן און אלע האָבן אָנגעפאנגען ריידן. מיר איז געוואָרן די גאנצע געשיכטע אָפּשיילעך, ערשטנס פון דער היץ און רויך; צווייטענס וואס איך קען נישט באָאבאכטן קיין זאך; דריטנס האָב איך פארשטאנען, וואס דאָס באטייט און בין געווען „מלא רציחה“ אױף מיין פעטערס פריינט וואס ער שלאָגט פון מיין רייזע קאפּיטאל. איך האָב נישט געוואוסט צי ער האָט דאָס באמערקט אױף מיר, צי ער האָט זיך דער-מאנט אז ער איז א קינד געווען, און האָט מיך געפרעגט צי דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואס איך פאָר מיט דער באן? און אז איך האָב אים געענטפערט מיט א צופרידענעם יאָ, האָט ער מיך גלייך גע-נומען און צוגעפירט צום פענצטער און צוגערוקט אזוי אז איך זאָל קענען ארויסקוקן.

די יאזדע קיין „סאָכאָליעס“ נעמט א שטונדע און צוואנציק

*) אױף צוואנציק מינוט.

מינוט, די גאנצע צייט בין איך געשטאַנען לעבן פענסטער און גע־קוקט מיט פאַרדרוס, וואָרום מיר פאָרן נישט אין א וואַגאָן, און מיט א האלב־צופרידענקייט וואס מיין באַגלייטער האָט פאַר מיר איינ־געריכטעט דעם פּלאַץ לעבן פענצטער, אַז נישט וואָלט איך דאָס וואָס איך האָב געזען, אויך נישט געווען געזען. געזען האָב איך צווישן אנדערעס אויך פאָלגענדעס: פּילע בהמות, פערד און אָקסן, זיך פּאַשען אַף די פעלדער מײלן־ווייטע פעלדער, באַוואקסן מיט זאנגען וואס האָט מיר געשיינט צו זיין קאָרן און ווייץ, קלענערע שטרעקעס פעלדער באַוואקסן מיט האָבער און רעטשקע, ווידער נאָך גרעסערע פעלדער באַוואקסן מיט בוראַקעס, אין דעם בין איך געווען זיכער, ווייל בוראַקעס פּלעגן אין אונדזער גאָרטן וואַקסן.

איך האָב געזען א פּאָר סטאַנציעס וואו דער צוג האָט זיך אָפּ־געשטעלט, אבער די געביידעס זענען געווען באַדייטענד קלענער אין פאַרנעם און אין אויסשטאַטונג, און א פּאָר פּאַלא־סטאַנציעס*) וואו דער צוג לויפט פאַרביי, און שטעלט זיך אָפּ נאָר אונטער א צייכן, אבער לעבן די פּאַלאַ־סטאַנציעס שטייט א גוי, א שייגעץ, אָדער א שיקסע מיט א גרינער פאָן אין האנט און שטייט ווי א גולם, נישט באַוועגלעך, אלס א צייכן, אַז דער וועג איז פריי, דאָס איז אַלץ וואָס כ׳האָב געזען אין פאַרגלייך מיט מיינע פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען, א פּאָר מינוט איידער מיר זענען ארויס פון אינ־זשענירס פּאַדער־צימער איז צו אונז אריין א הילפּס־קאָנדוקטאָר און האָט פאַרלאַנגט באַצאָלט. איך האָב מיט ספּעציעלע אויפמערק־זאַמקייט ארייַנגעקוקט וויפיל מיין באַגלייטער האָט באַצאָלט פאַר מיר און פאַר אים. צו מיין ערשטוינונג האָב איך געזען ווי ער האָט אים געגעבן א פערטעלע פאַר זיך און א גולדן פאַר מיר, צוזאַמען 40 קאָפּיקעס.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין סאָכאַליעס, איז שוין געווען איינס אַזייגער פאַרטאָג, און ווען מיר זענען אריינגעקומען צו מיין פעטערס פריינט אין הויז, האָב איך דאָרט נאָך געטראָפן מיין

*) האלבע סטאַנציעס.

פעטער און דריי אנדרע מענער שפילן אין קארטן. איינער האט א געשריי געטאן אף א הויכע אקטאווע: „קאליקע! אין רעמיז איז ער, ער האט אבער באדארפט זיין „בעז דוואך" (אן צוויי)". איך האב אויך געקענט שפילן אין קארטן א „דוראק" און א „וואז", אבער די ווערטער „רעמיז" און „בעז דוואך" האב איך קיינמאל נישט געהערט און דאס האט מיך גלייך פארוואונדערט.

איך בין אריינגעקומען נישט ווי א קליינשטעטלדיקער, גע-זאגט דעם „גוט נאוועגט" גאנץ ברייטלעך און הויך. מיין פעטער האט זיך ארומגעקוקט, מיך צוגערופן און מיך פארגעשטעלט פאר אלעמען. די מומע איז געווען אין צווייטן צימער. בין איך צו איר אריין, זיך מיט איר צעקושט און זי האט מיך פאר-געשטעלט. איך ווייס נישט ווארום, נאר מיט שטאלץ האט זי גע-זאגט, אז דאס איז איר פלימעניקל פון וועמען זי האט מיט זיי גע-רעדט. אלע פרויען האבן אף דעם מאמענט געשאנקען זייער אויפ-מערקזאמקייט אזוי, אז איך האב אביסעלע אנגעפאנגען קראסניען*) און איידער איך בין ארויס פון צימער, האב איך געהערט ווי איינע האט געזאגט: „ווען ער קראסניעט איז ער נאך מער מיט חן".

ווען מיר זענען געווען פארטיק צו גיין, האט מיין באגליי-טער ארויסגענומען דיזעלבע עטלעכע קערבלעך, וואס מיין פאטער האט אים געגעבן פאר מיינע הוצאות און דערלאנגט מיין פעטער, זאגנדיק דערביי אז אים קומט בלויז 35 קאפיקעס פאר מיין רייזע. מיין פעטער איז נשתומם געבליבן, דערזעענדיק די עט-לעכע קערבלעך. אף זיין געזיכט האט מען געקענט מערקן אן ענדע-רונג צו פריילעכן, אויך מיינע געפילן צו מיין מיט-רייזענדן האבן זיך אין מיר געענדערט א סך צום בעסערן.

מיין פעטערס הויז איז באשטאנען פון איין צימער, די מעבל נאכן צימער נאך, א בעט, א טישל, מיט דריי ביינקלעך און א קאסטן. איך האב באדארפט שלאפן אפן אויוון. ווען איך בין אויפגעשטא-נען אינדערפריה, איז שוין מיין פעטער נישט געווען, אבער אינ-

*) בלאשען, רויט ווערן.

גיכן איז ער געקומען מיט א האַלב זעקל קאָרענע מעל אַף די פּליי-צעס, דאַן איז ער נאָכאַמאָל אוועק און איז ווידער געקומען מיט א האַלב זעקל קאַרטאָפּל פון דעם קלענסטן סאָרט, וואו ניט וואו האָט מען געקענט געפינען א קאַרטאָפל גרויס ווי א וועלשענע ניסל, (אַלע אַנדערע זענען געווען גרויס ווי טערקישע ניסעלעך). אויך האָט ער געבראַכט עטלעכע רעטעכער אין זאַק, א מעסטל גאַנץ קליינינקע ציבעלעס, ענלעך צו די קאַרטאָפּל. דאַן איז מיין מומע אוועק און האָט געבראַכט ראָשטשענע, א קליין קריגעלע מילך, אַ פלעשל בוימעל, אַביסעלע ציקאָריע, שמאַלץ אַביסל, א פּאָר הע-רינג, א האַלב פונט ציגעלעך צוקער און עטלעכע פונט ווייסע מעל. איידער איך האָב זיך אָנגעטאָן, האָט שוין מיין פעטער געהאַט איינ-געהייצט דעם אויוון מיט שפּענער, און ווען מיין מומע איז אַריין, האָט זי גלייך געמאַכט פּאָפּאַלקעס פון דער ווייצענער מעל, און אין א האַלבע שעה זענען מיר אַלע געזעסן באַם טיש און מיר האָבן געגעסן פּאָפּאַלקעס מיט ציקאָריע, פּאַרווייסט מיט מילך מיט „פריקוסקע" ווי דער שטייגער איז געווען, די איבעריקע מילך האָט מען באַדאַרפט האָבן פאַרן קליינעם קינד. עסנדיק האָט די מומע גע-זאָגט אַף אוקריייניש: „דאַי נאַם באָזשע דאָברע האָסטי אי מי פּאָזשיוועמאָסיא*). דער פעטער האָט א שמייכל געטאָן, איז גע-ווען איינפאַרשטאַנען, אָבער אים איז נישט אָנגעשטאַנען צוצו-געבן.

נאָכן אָנבייסן האָט מיין פעטער מיך גענומען און מיר זענען אוועק ווייט ווייט פון דאָרף צו א וואַלד-צוו, וואו עס האָט זיך אויך געפונען א קליין טייכל. מיר זענען אַרומגעגאַנגען פיל צייט ביז מיר זענען מיד געוואָרן און האָבן זיך צוגעזעצט, דאַן האָט מיך מיין פעטער צווישן אַנדערעס געפרעגט, וואָרום איך האָב נישט גע-דאַוונט ? אַף אוויילע האָב איך נישט געוואוסט וואָס אים צו ענט-פערן, געוואוסט האָב איך אַפילו אַז ער איז זייער א פרייער מענטש און אַז ער אַליין דאַוונט נישט, דערפאַר איז ער א געלערנטער

*) גיב אונדז גאָט גוטע געסט און מיר וועלן זיך אויך דורכלעבן.

מענטש, אבער אפֿ זיין פראגע ווארום איך האָב נישט געדאוונט, האָב איך נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן. און ווען ער האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב אמאָל נישט א טראכט געטאָן, אז גאָט קען שמייסן דערפאר? האָב איך אים אן ענטפער געגעבן, וועלכן איך האָב געהאלטן אין דעם מאָמענט פאר א געלונגענעם, נעמלעך, אז אויב עלטערע מענטשן קענען באשטיין צו ריזיקירן געשמיסן צו ווערן, ווארום זאלן קלענערע נישט? אחוץ דעם, האָב איך אים געזאָגט, האָבן די עלטערע מענטשן געבילדעטע אזוינע ווי איר אודאי איבערגעטראכט, און איבערגעדענקט און אויב איר דאוונט נישט, איז דאָך א באווייז אז מען מעג נישט דאוונען. ער האָט זיך פארטראכט און א זאָג געטאָן: „דיין ענטפער איז נישט קיין שלעכטער, אָבער אפֿ פרעמדע מענטשן קען מען זיך נישט און מען טאָר זיך נישט פארלאָזן, מען מוז אליין באַ זיך וויסן וואָס מען טוט.“ נאָכמער, האָט ער געזאָגט, ווער עס פארלאָזט זיך אפֿ יענעמס דענקען גיט צו, אז ער אליין האָט קיין דענקונגס-אַפּאַראַט נישט, און דארום האָט ער געזאָגט זענען די מענטשן וועלכע פארלאָזן זיך אפֿ יענעמס געדאנקען נאַראָנים אָדער אידיאָטן.

איך האָב זיך בשעת מעשה געפילט נישט באַקוועם, צו רעכטפערטיקן מיין נישט דאוונען, האָב איך אים דערציילט די געשיכטע וואָס האָט פּאסירט מיט מיין גאָט פּרובירן, און אז איך בין געקומען צום שלום ווי מיין יונגער שכל האָט מיר דיקטירט, אז אזוי לאנג ווי איך וויים נישט ווי גאָט צו געפעלן ווערן, ווי אים צו בעטן, ווי באַ אים נושא חן צו זיין, מעג איך נישט דאוונען, אבי איך האָב גאָט אין הארצן, דאָס הייסט צו טאָן פארן צווייטן נישט ערגער ווי איך וואלט וועלן מען זאָל טאָן פאר מיר. וואס אמבאלאנגט זיך פארלאָזן אפֿ א צווייטן איז נישט אלע מאָל שלעכט, אָט צום ביישפּיל, האָב איך זיך פארלאָזן מיטן פאָרן אפֿ דיין פריינט, און ער האָט געשפּאָרט א פּאָר רובל, וועלכע וועלן דאָ יעצט זייער צונוץ קומען. ער האָט אפֿ מיר א גוטמוטיקן קוק געטאָן און געזאָגט „מאָלאָדיעץ, כ׳לעבן ביזט א וואויל אינגל.“

ווי עס שיינט, איז ער צופרידן געווען מיט מיין ענטפער, אבער

— האָט ער צוגעלייגט, — דו ביזט נאָך יונג, דו וועסט עלטער ווערן קען זיין אַז דו וועסט באַקומען גלויבן, אָדער דו וועסט נאָך פּיליכט אָנפאַנגען גלויבן, אבער איין זאַך מעגסטו וויסן, אַז אפילו געלערנטקייט קען דיר קיין גאָט ניט געבן, און קען פון דיר א גלויבן און א גאָט ניט צונעמען. דאָס איז אַן אינערלעכער געפיל פון מענטשן צו גלויבן אָדער נישט, אבער איך וועל דיר בעסערס זאָגן: לערן נישט צו וויסן גאָט, אום צו וויסן ביזטו צו קליין, לערן צו קענען דעם מענטשן. אים, פּיליכט וועסטו קענען פארשטיין. נאָך א זאַך וועל איך דיר זאָגן: אויב אַ מענטש איז גענייגט צו א גלויבן, וועט ער זיך אָפּזוכן אין וואס צו גלויבן. מיר האבן גערעט, דאָס הייסט, מיין פעטער האָט גערעט און איך האָב געהערט, ער פלעגט אַף מיר אפילו שפּעטער זאָגן, אַז איך בין א גוטער צוהערער, ער האָט מיך געפרעגט וואס מיין טאַטע זאָגט דארויף? און האָט זיך גלייך אליין געענטפערט, ווען ער איז געשטימט צו א גלויבן, וואלט ער מן הסתם וועלן אַז דו זאלסט גלויבן, און ווען ער איז געשטימט דאגעגן, וואלט ער ווארשיינלעך וועלן אַז דו זאלסט זיין פריי פון אלעם.

דיין טאַטע, האָט ער געזאָגט, האָט א צווייענדיקע נשמה, א שטאַרק פרומע, און גאַנץ פרייע, און די צוויי נשמות שלאָגן זיך אין אים פאר די לעצטע צען יאר און קיינע ביז יעצט האָט נאָך נישט גובר געווען. אם ענדע וועט דאָך מוזן איינע גובר זיין. א וואונ־דער, וועלכע וועט דאָס זיין? אַזוי איז אוועק די צייט פון עטלעכע שטונדן און מיר האָבן געמוזט אָנפאַנגען גיין אהיים.

ווען מיר זענען געקומען אהיים, איז שוין געווען געגרייט צום טיש. דער מאָלצייט איז באַשטאַנען פון רעטעך מיט ציבעלע, באַ־גאָסן מיט אביסל בוימעל און פרישע פּאָפּאַלקעס, ווייל דער ברויט איז נאָך אין אויוון געווען, און פארטרונקען מיט גלעזלעך טיי, מיט „פריקוסקע", דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן א טראכט טאָן פון ארמוט. איך האָב זיך שוין געקענט פאַרשטעלן מיט וואָס זיי פלעגן אָפּקומען טעגוויז, פריער נישט האָבנדיק מיינע פּאָר רובל. ביי אונדז אין הויז איז אויך נישט געווען קיין רייכטום, איבערהויפּט דעם ווינטער וואס איך האָב געמוזט בלייבן אינדער־

היים, אבער דאך פלעגן מיר האבן כמעט יעדן אוונט א שטיקל פלייש, א שטיקל פוטער, אביסל מילך און דעסגלייכן, אבער אזא ארמוט האב איך דאס ערשטע מאל דערזען און דערשפירט, און דאך בין איך זיך מודה, אז קיין גרוים רחמנות האט מיין פעטער צוזא-מען מיט דער מומען אין מיר נישט דערוועקט. ווי זיי האבן אפ-געגעסן דעם מיטאג, האט מען זיך צוגעלייגט כאפן א דרעמל און מען האט מיך געפרעגט צי איך וועל זיך נישט צוליינגן. איך האב גע-ענטפערט, אז איך געדיינק שוין נישט דעם טאג ווען איך זאל שלאפן באטאג. איבערהויפט, האב איך געזאגט, איז נישט שיין פאר א אינגל צו שלאפן באטאג, און מיאוס פאר א מיטליעריקן מענטשן צו שלאפן באטאג. מיין פעטער האט זיך איבערגעקוקט מיט דער מו-מען און געזאגט צו דער מומען: „נו? ווי געפעלט ער דיר, א גאנ-צער פילאזאף מיט א בורזשואזנעם וווגליאד*). דער אויסדרוק „בורזשואזנעם וווגליאד", האב איך נישט פארשטאנען, כאטש איך האב געדיינקט, אז איך פארשטיי דעם גאנצן זאץ, בא דער ערשטער געלעגנהייט האב איך געפרעגט מיין לערער אין א יאר ארום וואס באדייטעט „בורזשואזנער וווגליאד"? ער האט מיט דערשטוינונג געקוקט אף מיר און געפרעגט נייגעריק, וואו האב איך דאס געהערט אדער געלעזן? זיין נייגעריקייט איז געווען אזוי שטארק און זיין אויסדרוק פון וואונדער אזוי גרוים, אז איך האב מורא געקראגן צו זאגן, פון וועמען איך האב געהערט, און האב געזאגט, אז איך האב ערגעץ געהערט, אבער איך קען זיך נישט עראינערן וואו. יעדנ-פאלס וואלט איך וועלן וויסן וואס דאס באדייטעט און בין צוגע-שטאנען אף אן ענטפער. ער האט מיט גרוים וואונדער געקוקט אף מיר און געזאגט, דאס איז אן אויסדרוק פון די „ניהיליסטן". די ניהיליסטן זענען אזעלכע מענטשן, וואס ווילן נישט האבן קיין קייסער אין רוסלאנד, און גלויבן איבערהויפט נישט, אז א קייסער האט א שר אין הימל און דארום וואלטן זיי וועלן פטור ווערן פון אונדזער קייסער, און גלויבן נישט אין אסך אנדערע זאכן, און ווער

*) בליק.

עס איז מיט זיי א מחותן, ארעסטירט מען באלד און מען פארשיקט קיין סיביר אויף קאטארגע*). מיר האָט בשעת מעשה א הנאה געטאָן וואס איך האָב נישט דערציילט מיין לערער וואו איך האָב געהערט דעם אויסדרוק. עס האָט נישט לאנג גענומען און מיין פעטער איז אנטשלאָפן געוואָרן און איך האָב זיך ארומגעדרייט און דערזען אף א שאפקעלע עטלעכע ספרים און ביכער. איך האָב גלייך זיי אלע ארונטערגענומען און אריינגעקוקט, אבער גאָרנישט פאַרשטאַנען, און פון די פארפאסערס אודאי נישט געהערט. א פּאָר פון די פארפאסערס פון די רוסישע ביכער האָב איך יאָ געהערט, אָבער נישט געלעזן. ווען איך האָב אָנגעפאנגען צו לעזן, האָט זיך מיר געדאכט, אז די מערערע ווערטער פארשטיי איך, אבער דעם אינהאלט נישט. דאָס איז געווען „נעקראַסאָווס" פּאָעמען.

אין א קארגע שטונדע ארום איז מיין פעטער אויפגעשטאַנען און האָט מיך געזען האלטן נעקראסאָווס בוך. פרעגט ער מיך, צי איך פארשטיי וואס איך לעז? זאָג איך אים, אז פילע ווערטער פארשטיי איך יאָ, אָבער דעם גאנצן אינהאלט פון די קורצע זאצן פארשטיי איך נישט. ער האָט מיך צוגערופן צו זיך און מיך געפרעגט וואָס איך האָב געלעזן. איך האָב אים אָנגעצייכנט וואס און ער האָט מיט מיר איבערגעלעזן און מיר געגעבן צו פארשטיין דעם גאנצן ענין, און אפילו דעם מוסר השכל וואס מען קען פון דעם ארויסדרינגען; וואָס פאר א פארבאָרגענס עס איז דאָ אין דעם און אין יענעם זאץ. אזוי פלעגן מיר לייענען יעדן טאָג א שטונדע צייט נאָך מיין פעטערס דרעמל. איך בין געווען העכסט צופרידן און מוחל געווען מיין פעטער פאר זיין שלאָפן באטאָג. דאן האָבן מיר ווידער געשפּאצירט א פּאָר שטונדן פאר דער וועטשערע. די וועטשערע איז באשטאַנען פון פרישע ברויט מיט קליינע קארטאָפעלעך צוגעברוינט מיט אביסל שמאלץ, א פּאָר שטיקלעך רעטעך און פארטרונקען טיי מיט „פריקוסקא". עס האָט זיך געגעסן גאנץ געשמאק, אָט די ארט מעניו, מיט דער אויסנאמע פון אביסל זויער-מילך און אמאָל א

*) שווערע ארבעט.

שטיקל הערינג, איז געווען יעדן טאָג דריי מאָל א טאָג, דערפאר אָבער ווען עס איז געקומען אָוונט, אַרום 8 אַזייגער, זענען זיך אַלע צוזאמענגעקומען צום קאָמיסיאָנער יעקב משה, דעם צווייטן נאָמען געדיינק איך שוין נישט. דעם קאָמיסיאָנערס הויז האָט מיר געשיינט צו זיין ווייט, ווייט פון האָבן אלעס נויטיקעס, אבער טיי מיט אביסל ווארעניע מיט צוקער אף „פּריקוסקא" איז געווען פאר אלעמען. די געוויינלעכע רוסישע ציגעלעך צוקער פלעגט מען צעהאקן אף 4 און פון אזא פערטל איז געווען גענוג אף צוויי גלעזלעך טיי. ווען איך בין געקומען קיין אמעריקע און בין באקאנט געוואָרן מיט די דייטשן פון לייבאָר לייסעאום, פלעגט זייער ביר טרינקען מיך דערמאנען אף די עטלעכע אידן פון „סאָכאָליעס" מיט זייער טיי טרינקען און ביר. יעצט ווייס איך נישט ווער-וועמען האָט איבערשטייגט מיט זייערע גלעזער. דער לייבאָר לייסעאום האָט אויך געהאט דיזעלבע ענלעכקייט אף א גרעסערן מאסשטאַב, מען פלעגט אין לייבאָר לייסעאום דיסקוטירן וועלט-פּראָבלעמען. אויך דאָ בא מיין פעטערס פריינט, דעם קאָמיסיאָנער, פלעגט מען אָפט דיסקוטירן פארשידענע וועלט-פּראָבלעמען, און א צוגאָב אידישע פּראָבלעמען, אין לייבאָר לייסעאום פלעגט מען שפּילן אין קאָרטן, אויך דאָרט פלעגט מען כמעט אלע נאכט שפּילן אין קאָרטן, זיי אזא שפּיל, און דאָרט אן אנדער שפּיל; אין לייבאָר לייסעאום פלעגט מען זיך צוזינגען, אויך דאָרט פלעגט מען זיך אָפט צוזינגען; אין לייבאָר לייסעאום פלעגט מען אָפט רעדן פון פארשידענע פּאַרפאַסערס און פון ליטעראטור, אויך דאָרט פלעגט מען ריידן פון ליטעראטור און פון פארפאסערס. נישט מעהר, ביי מיין פעטערס פריינט פלעגט מען נישט ריידן אזוי פון מאטעריאליזם, סאָציאליזם, אינדיווידואליזם און אַנאַרכיזם, ווי אין לייבאָר לייסעאום, און די פאַרשיידענע דעבאטאנטן זענען געווען באַשרענקטע. די אינטעליגענטע געזעלשאַפט אין „סאָכאָליעס„ איז באַשטאַנען פון דעם קאָמיסיאָנער, א מאַן פון א יאָר 45, א שיינער הויכער מענטש, אָרים אבער ריין געקליידעט, א קלוגער און א וואוילער לערנער, איינער פון ליטאַ, א דורכגעטריבענער איד, וואס פלעגט איינקויפן וואגאָנעס תבואה,

אַ מיטליעריקער מענטש, האַלב אַ ליטוואַק און אַ האַלב אַ דייטש, וואָס פלעגט קויפן און פאַרקויפן אַלערליי זעק, אַ משכיל אַ איד און באַקאַנט אין דער מאָדערנער וויסנשאַפט און אין ליטעראַטור ווי אויך אין סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן. מיין פעטער, אַ איד אַ געבילדעטער אין עטלעכע שפּראַכן און אַ אידישער שיינקער פון דאָרף אַ תּלמוד חכם, אַלע פריידיינקער. דער ליטוואַק, נאַציאָנאַליסטיש-געשטימט; צוויי פאַרבערענטע אַסימילאַטאָרן, איינער אַן אַטעאיסט, דער האַלבער דייטש, צו וועמען מען פלעגט זיך צוהערן, ווייל ער איז געווען מער וועלטלעך, האָט מען געדיינקט אַז ער איז מער פּראַקטישער, ער איז אַביסעלע פרומלעך געווען. יעדערער האָט געדיינקט, אַז זיין שטאַנדפּונקט איז דער לאָגישער און אַז באַ אים איז דער אמת, און אַזוי ווי אידן זענען מיינסטנס נערוועזע און אויפגערעגטע, איז אויסגעקומען, ווען זיי פלעגן דיסקוטירן, אַז כאָטש אַ מנין אידן מוזן זיין אינעווייניק וואָס נעמען אַנטייל. נאָכדעם ווי מען פלעגט זיך אָנשרייען ביז הייזעריק ווערן, דערשוויצט ווערן פון דער טיי מיט דעם געשריי, ווען עס האָט שוין געהאַלטן דערביי אַז איינער זאָל דעם צווייטנס כבוד אָנרירן, דאַן פלעגט מען זיך אוועקזעצן געוויינלעך אַרום צען אַזייגער שפּילן אין קאָרטן. דער שפּיל אין קאָרטן איז מיינסטנס געווען אין „66“ און אין „פּרעפעראַנס“ אַף אַ 20-טל. דאָס האָט געהייסן, אַז אַם אַלעם העכסטנס האָט מען געקענט פאַרשפּילן 15 קאָפּיקעס. געשריען, געליאַרעמט און געבייזערט האָט מען זיך אָן אַ שיעור; געשריען „קאַליקע“ איינער אַפן צווייטן. דער אינטערעס איז געווען אַזוי ווי מען זאָל איינגעמען וועלטן. איך פלעג אָפּהיטן דאָס שפּילן מיט אויפמערקזאַמקייט אַזוי אַז אין נעכט, ווען עס האָט אויסגעפעלט אַ האַנט, ווען איינער איז געווען אין שטאָט, פלעג איך קענען פאַרנעמען אַ האַנט, און איך פלעג זייער ווייניק פאַרשפּילן. מיט מיין קאַפּיטאַל וואָס איך האָב געהאַט, וואָלט איך מיט זיי געקענט געווען שפּילן אַ יאָר צייט.

איינמאָל האָבן זיי זיך געזעצט שפּילן אין „אָקע“ צו סטראַשען, וועטן, פון אַ גראָשן ביז 5 קאָפּיקעס. נישט אַכטנדיק פון

זייערע מאנירן באַ זייערע דעבאַטעס, נישט אכטנדיק אף מיין פע־טערס און דעם קאָמיסיאָנערס אָרימקייט, נישט אכטנדיק אף דער ניט־דעליקאטער באנעמונג פון איינעם צום צווייטן, פונדעסטוועגן האָב איך פון זיי אלע געהאלטן אן עולם ומלואה, אָבער באַ דער אָקע־שפּיל האָבן זיי באַ מיר אָנגעוואוירן דעם גאנצן חן. יעדערער פון זיי, מיט דער אויסנאמע פון דעם האַלבן דייטש, האָבן זיך געסטאַרעט א קוק טאָן אף דער דריטער און אף דער פערטער קאָרט, און זאָגן, אז זיי שפּילן אף צוויי אָדער אף דריי קאָרטן. איינמאָל, ווען זיי האבן מיך איינגעלאדן צו שפּילן אין אָקע, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט, און האָב געזאָגט, אז איך וועל שפּילן מיט זיי מיט איין באדינג, אז יעדער זאל וועטן אף די אלע קאָרטן מיט אמאָל, אָדער אף צוויי, אָדער דריי קאָרטן, איידער ער קריגט די איבעריקע קאָרטן. זיי האבן גלייך פארשטאַנען וואָס איך מיין, און האָבן ארונטערגעלאָזן די קעפּ און גאָרנישט געענטפערט. דער דייטש, ווי עס שיינט, האָט געוואָלט איבערצייגן, אז א דייטש איז אַ קליינער חכם, און האָט געפרעגט: „ווי הייסט? וואָס מיינען זי דאמיט? וואָס אינסינואירן זי?“

איך האָב זיך נישט איינגעהאַלטן און געזאָגט פריי, אז יעדערער פון אייך שפּילט אף צוויי אָדער אף דריי קאָרטן, ווערנט אין דער ווירקלעכקייט איז ער אף דריי אָדער אף אלע פיר, דארום וואָלט איך נישט שפּילן אנדערש, סיידן אף מיין באדינג. דער דייטש האָט א נארישן קוק געטאָן אף מיר, און האָט א זאָג געטאָן: „זאָ?“ פון דאן אָן האָט מען אָנגעפאנגען שפּילן „אָקע“ אף אַנדערע מע־טאָדן, און איך פלעג מיטשפּילן. נישט אומזיסט זאָגט מען, אז מען דערקענט מענטשן, „בכיסו, בכוסו, בכעסו.“ איך האָב זיי אלעמען דערקענט מיט אלע זייערע קליינלעכקייטן און כיטראָסטן. אַפן דייטש האָט מיך געוואונדערט מער ווי אף אלעמען, פון אָן אַנדער שטאַנטפּונקט: אַזאַ וועלטלעכער מענטש, ווייסט אזויפיל, אָנגע־לעזן אזויפיל, אויסן געווען א וועלט, און דאָך פארבליבן א נאַר.

דעם קאָמיסיאָנערס ווייב פלעגט אויסהאלטן די געזעלשאפט מיט טיי, און צוביסלעך ווארעניע; דער האלבער דייטש — מיט טאַ־

באַק און מיט פּאַפּיראָס-פּאַפּיר; דער סדר היום, ווי שוין אויסגערעכנט, איז געווען פון 8 אָוונט ביז 10 פלעגט מען ארומריידן די טעגלעכע דערשיינונגען, די נייעס פון די צייטונגען. (איין צייטונג פלעגן אלע לעזן). מען פלעגט ארומריידן אלע אידישע און אנדערע פּראָבלעמען, די נעמען פון ירמיה און ישעיהו הנביא, רמבם און שפּינאָזא זענען אָפּט דערמאָנט געוואָרן, אייניקע נעמען פון די רוסישע ליטעראַטן, נעמען פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, פון וויסנשאַפט, מענטשן פון דער גאַנצער וועלט, נעמען פון דערפינדער, זאָנסט גרויסע מענטשן, וועלכע האבן פארנומען גרויסע פּלעצער אַף דער וועלט, אַף יעדן געביט. איך האָב געהערט נעמען, איבערהויפּט אידישע, וואס איך האָב ביז היינטיקן טאָג כמעט פון זיי קיין אנונג נישט. די קורצע צייט וואָס איך בין געווען צווישן די מענטשן, האָט מיר צעמישט מיינע אינגלישע געדאנקען; איך האָב זיך געטראַכט, אז מענטשן וואָס באַזיצן אַזא קענטנים, האָבן אַזעלכע באַזונדערע פייאיקייטן, זענען גאָר אנדערע מענטשן; אַ סימן, אז איך באַזיץ נישט די פייאיקייטן. באַשטעטיקט האָט מיר דער פאקט, אז יעדער פון זיי, איבערהויפּט מיין פעטער, האָט זיך געקענט אוועקזעצן אַף עטלעכע שעה איבער אַ בוך אָדער אַ ספר און זיך איבערגעבן צו דעם געגנשטאַנד ביז דער העכסטער שטופּע, אַזוי אז אפילו ווען מען פלעגט אים רופן עסן, פלעגט ער נישט דערהערן, כאָטש איך האָב געוואוסט אז זיין מאָגן איז נישט איבעריק פול. איך האָב אַזא זאַך אין מיין גאנצן לעבן נישט געקענט, קיין זאַך האָט מיך נישט געקענט אינספּירירן, באַגייסטערן, אז איך זאָל קענען איינזיצן און מאַטערן זיך אַף איין זאַך אַ לענגערע צייט. ווען איך האָב זיך געסטאַרעט דאָס צו טאָן האָט דאָס מיך געקאָסט צופיל געזונט, און עס האָט פון מיר צוגענומען מיין גאנצע ענערגיע אַף שפּעטערע טעג; דאָס אליין איז געווען די הויפּט שפּעטערע אורזאַכע ווארום איך האָב נישט געלערנט, כאָטש איך האָב פאַרשטאַנען דעם נוצן דערפון. אויך האָב איך געהאַט דעם באַגער אָבער נישט די געדולד. נאָך די דיסקוסיעס פלעגט מען ווי געוויינלעך זיך אוועקזעצן שפּילן אין קאָרטן ביז איינס אַזייגער יעדן אָוונט

אזוי. אויפשטיין פלעגט מען ארום 9. ארום 11 פלעגט מען זיין אפן וואקזאל, צי מען האט געהאט וואס, צי ניט. נאך מיטאג עסן פלעגן זיך אלע צוליינגן כאפן א דרעמל. נאכן דרעמלען האט יעדער אריינגעקוקט אין עפעס א ספר אדער א בוך. דער קאמיסיאנער האט געטראגן בלויז דעם נאמען. אין דער ווירקלעכקייט, פלעגט ער האבן א פאר וואגאנעס תבואה דורכן יאר. די הויפט חיונה האט ער געהאט פון די צוויי קעסט-עסערס. נישט אכטנדיק אף די נישט-רייכע מאכלים האב איך צוגענומען אין געוויכט און אין געזונט. באזונדערס גרויס איז געווען מיין געווינס פון די פאר וואכן אין דער סביבה פון געלערנטע מענטשן. א גרויסער געווינס אף דעם געזעלשאפטלעכן געביט אפילו אין פרט פון לערנען האב איך געוואונען אסך. איך האב מיט מיין פעטער איבערגעלעזן אסך „נעקראסאווס פאעמען.“ נאך א צייט פון קארגע דריי וואכן בין איך אוועקגעפארן צוריק אהיים מיט א באגאזש פון פילע נעמען, פון פילע גרויסע מענטשן מיט א גוטע קענטנים פון „נעקראסאוון“; מיט א געווינס פון קענען שפילן „66“ און „פרעפעראנס“. מיין פעטער און מומע, און אלע איבעריקע האבן מיך באגלייט צום וואקזאל. מיין פעטער האט פאר מיר געוואלט קויפן א בילעט, האב איך אים נישט געלאזן, געצייגט אים, אז איך האב גענוג געלט פאר א בילעט, כאטש איך בין געפארן אהיים באטאג, און געקאנט פיל בעסער זען די געגענטן, און באאבאכטן פיל מער, פונדעסטוועגן שיינט מיר, אז איך האב געזען פיל ווייניקער, ווייל מיינע געדאנקען זענען געווען פארנומען, מיט דאס איבערגעלעבטעס פון דער קורצער צייט מיט די זעלטענע מענטשן, מיט זייער גרויסקייט ביז די הימלען, און מיט זייערע שוואכקייטן ביז דער ערד. איך האב מיטלייד באקומען מיט מיין פעטער, אין זיין ארימקייט. איך האב אויסגערעכנט, אז מיט די עטלעכע קערבלאך, קענען זיי אזוי לעבן א פאר מאנאטן, אבער ווי אזוי ער האט געלעבט פריער, און ביז ער איז מיט זיינע צוויי אנדערע ברידער אוועקגעפארן אין 1881סטן יאר קיין אמעריקע, ווייסט נאר איין גאט.

נאָכוואָרט:

אין דאַרף צום פּעטער.

מענטשן זענען געניוויגט צו משפּטן און אַרויסטראָגן אַ מיינונג וועגן אַ מענטשן לויט זיין אויסערלעכן איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט.

ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אין 95 פאַלן פון הונדערט ווערט דערביי געמאַכט אַ טעות, איז עס דאָך שווער זיך אויסצושליסן פון דעם אָנגענומענעם כּלל.

אין דער ווירקלעכקייט פּאַסירט זייער אָפט, אַז אונטערן אָרימען ראָק, וועלכער איז אָפט נישט איבעריק זויבער דערצו און ווייט נישט לויט דער לעצטער מאָדע געניית, געפינט זיך אַ האַרץ, אַ נשמה מיט די שענסטע, איידלסטע געפילן און נייגונגען, שוין אָפּגערעט דערפון, אַז דער באַזיצער פון אָרימען בגד פאַרמאָגט נאָך דערצו גרויסע און טיפע ידיעות אַף אַסך קולטורעלע געביטן.

אַ געזעלשאַפט פון אַזעלכע מענטשן איז אומשטאַנד צו דער-הויבן, אינספּירירן איבערלעבונגען, מאַכן פאַרגעסן צרות א. ד. ג.

אויסערלעך קומט אויס, אַז זיי באַזיצן נאָר חסרונות און זיך נעענטער באַקענענדיק מיט זיי, איבערצייגט מען זיך אין טעות, די חסרונות אפילו ווערן פאַרוואַנדלט אין מעלות און איר פילט זיך מיט זיי גאַנץ היימיש אַף אַזוי פיל אַז איר קענט מיט די פינגער אָנטאַפּן די וואַרימע שטראַלן וואָס גייען פון זיי און ווירקן אַף אייך זיך צו פילן גוט און אָנגענעם.

איר איבערצייגט זיך אין די ריכטיקייט פון פאָלקס-ווערטל: „נאָך אַלע זיינע חסרונות איז דער מענטש דאָך דאָס בעסטע וואָס די נאַטור האָט פּראָדוצירט“...

איר פאַרגעסט און הערט אויף צו באַמערקן די אויסערלעכע אומעסטעטישקייט, זייענדיק פאַרכאַפּט פון די אינערלעכע אויס-שטראַלונגען אַדאַנק זייערע אינטעלעקטועלע קרעפטן און הויך-מענטשלעכער ווירדע.

הונדערט-דריי-און-ניינציק

21-טער קאפּיטל.

א באנקראָט צוליב א „בעבור שנדר“.

וואָכערניקעס און בעל־בטוחניקעס. — „שיינע“ און „מיאוסע“ אידן. — מאמאנס רעפּוטאַציע. — דער שטאָל־צער איד. — דער „בעבור שנדר“ אָ סיבה צו באַנקראָטירן.

אַמאָל, אין מיינע יונגע יאָרן, אין אונדזערע קלענערע שטעט פון רוסלאַנד, און איבערהויפּט פון קליין־רוסלאַנד, זענען קיינע באַנקן נישט געווען, כאָטש זיי זענען שוין געווען נויטיק.

ווער עס האָט געהאַט געלט, און האָט דאָס נישט אוועקגעגעבן אַף וואָכערס, האָט מען מיט די געלט געטאָן איינס פון דיביידע, אָדער מ׳האָט דאָס געהאַלטן פאַרבאַהאַלטן ערגעץ, אָדער מ׳האָט דאָס אַוועקגעגעבן צו אַ שיינעם אידן וואָס האָט געהאַנדלט, געפירט גע־שעפטן, דאָס רוב אידן וואָס האָבן געשפּילט פרומע ראָלעס.

אידן וואָס האָבן געפירט אַ שיינעם שטאַט, זענען געווען אַסך, איבער צוויי טעמים: ערשטנס, האָט מען אַזאַ אידן אָפּגעגעבן גרויס כבוד, און צווייטנס, האָט מען צו אים געהאַט צוטרויען, גלויבן. פילע וואָס האָבן געהאַט אָפּגעשפּאָרטע געלט, פלעגן ווי עס איז זיך איינבעטן (עס רעט זיך אזוי) באַ אַזעלכע אידן אַז זיי זאָלן צונעמען זייערע אָפּגעשפּאָרטע געלט אַף אַ גאַנץ קליינעם פּראָצענט. די שיינע אידן פלעגן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי טוען דאָס אלס אַ טובה, ווייל זיי נויטיקן זיך נישט אין דעם געלט. פאַרקערט, פלעגן מאַנכע זאָגן, אַז עס איז פאַר זיי אַ לאַסט.

די וואָכער־פּרנסה איז געווען פון די פּאָפּולערסטע פּרנסות, ווייל מען האָט נישט באַדאַרפט קיין קאָפּ־דרייעניש, קיין פיזישע

אַרבעט אודאי נישט. פּארדינט האָט מען דערביי גאַנץ שיין (נאָך ווי שיין!), ס'האָט זיך נאָר געוועגט אָן קאַפּיטאַל וואס מען האָט געהאַט, דערפאר פלעגן זיך צו דער פּרנסה כאַפּן אַלערליי מענטשן.

וואו א יונגער מאַן, נאָר וואָס אַרונטער פון קעסט, אַ טאַטנס אַ קינד, וואָס איז געווען אלע זיינע יאָרן א לײדיק-גייער און האָט נישט באַזעסן קיין פּייאיקייט פאַר אַנאַנדער געשעפט, אָדער סתם אידן, אַפילו פרומע און געלערנטע, וואָס האבן זיך נישט געפילט פּייאיק צו מסחר און נישט געוואָלט ריזיקירן, פלעגן זיך כאַפּן צו וואָכער-געשעפט.

דער וואָכער-געשעפט האָט אפילו נישט אָפּגעהאַלטן דעם שענסטן קלאַס איד. עס זענען געווען וואָכערניקעס שוחטים, דיינים, אַלערליי כלי-קדש, אפילן אידן למדנים זענען נישט געווען ריין דערפון. דער קלענסטער פּראָצענט-וואָכערניקעס איז געווען צווישן די פּריי-דענקערס, צווישן די אויפגעקלערטע, וואס מען מעג זיי אָנרופן מיטן נאָמען ראַדיקאַלן.

פּראָסטע אידן וואס האָבן געהאַט קאַפּיטאַל, פלעגן נאָך ווײ-ניקער וואָכעריי האַלטן פאַר א געשעפט. ווער שמועסט, ווען א גראָבער איד א בעל-מלאכה, אָדער בעל-עגלה, „טעלעזשניק", „איז-וואָסטשיק", וואַסער-פירער, און דאָס גלייכן, איז פאַרמעגלעך גע-וואָרן, האָט ער זיך מיט וואָכעריי קיינמאָל נישט באַשעפטיקט. דער וואָכער-געשעפט האָט מיט דער צייט ארויסגעגעבן א טיפּישן אידן אַף דער גאַס.

אַ איד וואָס איז קאַרג, וואָס פארגינט זיך נישט, ביז דער העכסטער מדרגה, האָט שוין די ווייב באַ אים במילא א שלעכטע מערכה. די קינדער קומען אויך אָפּ, ער שפּאָרט פון אַלעס, נאָר ער קלייבט א רובל צו א רובל, אום צו קענען אוועקגעבן נאָך א פּופּציקער, נאָך א הונדערטער.

די לעצטע יאָרן, אין מיין צייט אין רוסלאַנד, איז שוין גע-וואָרן דער וואָכער-געשעפט א מין שאַנדע. אז מען פלעגט איינעם וועלן באַצייכענען מיטן וואָרט קמצן, הויט-שינדער, שלעכטער

מענטש, נישט לאָזן פארדינען, א נישט-פארגינער, א מענטש, וואָס האָט זעלטן ערגעץ געגעבן א גראָשן, פלעגט מען אים אָנרופן וואָ-כערניק.

נישט איין אָם, דינסט-מיידלעך, אָדער זאָנסט ארבעטער, ווער עס האָט געהאַט דעם גליק צו האבן אָפּגעשפּאָרטע פּופּציק אָדער הונדערט קערבלעך, האָט גערעכנט פאר א געפעליקייט אויב אזא איד פלעגט בא זיי צונעמען די געלט. איך דריק זיך אויס צונעמען, ווייל אין פילע פאלן איז דאָס טאקע אזוי געווען. די ערשטע יאָרן פלעגט אזא איד טאקע צאָלן דעם פּראָצענט ריכטיק אין צייט; זיינע פּירונגען מיט מענטשן זענען געווען אף א ברייטן שיינעם אופן. דאָס האָט אים געוואונען דעם צוטרויען פון די קרבנות, זיי פלעגן זאָגאר געבן שיינע נדבות, פלעגן געבן מיט א ברייטער האנט אף דער תלמוד תורה, אפן הקדש, אף מלביש ערומים, אָרימע אלמנות, און נאָך אזעלכע. מנדר זיין אף דער שול און אף דעם בית המדרש וואו ער פלעגט שטענדיק דאַווענען. איז ער געווען א חסיד, אן אָנ-הייבגער פון א רבין, פלעגט ער זיין אן אָפּטער גאַסט און ברייננען א שיינע מתנה פארן רבין. יעדע שטאָט האָט געהאַט פילע אזעלכע אידן וואס האָבן מיט א סיסטעמע אויסגעארבעט אזא פעלד פאר זיך. פילע האָט געגליקט אין געשעפט און זענען רייך געוואָרן פון די אָנ-געליגענע געלט. זיי פלעגן אנטלייען די געלדער צו פּריצים, וואָס פלעגן זיי צאָלן גרויסן פּראָצענט. טאָמער חלילה איז געגאנגען מיט די פּוטער אראָפּ, פלעגט זיך תמיד אויסלאָזן צו די אָרימע לייטס קעפּ. ווער שמועסט, אז עס איז געווען א גוטער אויסרייד, אן עפּידעמיע אף אָקסן אָדער אַנדערע עפּידעמיעס, שרפה׳ס, א גנבה, א רויבעריי איז געווען חזיר-פיסל כשר.

נישט איינמאָל געדיינק איך אין מיינע יונגע יאָרן, אז קליינע מענטשעלעך, וועמען מען האָט געטרויט קליינע געלטן, האָבן אין בית המדרש דערקלערט, אז זיי מוזן אָנזעצן, ווייל מען האָט בא זיי אפּן אייזנבאַן אין א וואַגאָן ארויסגעגנבעט פון זייערע קעשענעס א גרויס פארמעגן, און אין איין פאל האָט זיך אפילו ארויסגעצייגט

אַז דער באַטרעפנדער פּערזאָן האָט אָנגעגעבן אַ דאַטום ווען די גנבה אין וואַגאָן האָט שטאַטגעפונען, ווען אין דער ווירקלעכקייט איז ער גאָר דאַן אין שטאָט געווען. עס האָבן זיך געפונען שיינע און מיאוסע אידן וואָס האָבן דאָס אָנזעצן געהאַלטן פאַר אַ געשעפט.

ווי עס שיינט אָבער האָט קיינער פון די אַנזעצערס פון אונדזער שטאָט נישט געהאַט קיין מזל מיט די געלט. אפילו דאָ אין אַמעריקע האָבן מענטשן זעלטן ווער געמאַכט אַ פאַרמעגן פון באַנקראָט, אפילו אין דער צייט וואָס עס איז געווען גרינג צו באַנקראָטירן, וואָס האָט נישט געדראָעט קיין געפענגניש, און טאַקע דערפאַר פלעגן באַנקראָטן וואַקסן ווי שוועמלאַך נאָך אַ רעגן, און דאָך קען כמעט קיינער נישט אָנצייגן געשעפטן וועלכע זענען גרויס געוואָרן צוליב באַנקראָטן.

ווי עס שיינט נעמט זיך דער גאָט פון געלט אָן די קריוודע פון זיין רעפּוטאַציע און באַמיט זיך אַז די באַנקראָטן זאָלן נישט האָבן קיין דערפאָלג.

אין דער אַלטער היים האָט מען געקענט גיכער פאַבריצירן און דאַן פאַרלאַטען אַ באַנקראָט ווי דאָ אין אַמעריקע.

נאַטירלעך קיין כלל פון דער נאַטור איז דאָס נישט, אַז יעדער מוז אַזוי האַנדלען. עס זענען געווען מענטשן וואָס האָבן געהאַנדלט מיט געוויסן, מיט ערלעכקייט, מיט רעספּעקט פאַר זיך אַליין און צו אַנדערע, מיט פאַרנונפט און מיט ערלעכע ניגונגען און דאָך זענען זיי דורך שלעכטע צופאַלן געוואָרן געצוואונגען צו אָנזעצן; אַזעלכע פלעגן מיינסטנס אַרויס פון אַ באַנקראָט אָרימע לייט, און דאָס טרויעריקסטע איז דאָס וואָס זייערע שכנים און באַקאַנטע פלעגן זיך מאַכן לוסטיק איבער אַזעלכע מענטשן און געבן אָנצוהערעניש אַז ער איז אַ „יאָלד“. פאַרקערט, טאָמער איז איינער אַרויס אַ רייכער מענטש, פלעגט מען זאָגן, אַז ער איז אַ קלוגער, און דאָך האָט מען צו אים וויניק צוטרוי געהאַט און קיין גרויסן דערפאָלג האָט ער מער נישט געהאַט.

איין פאַל ליגט מיר אין זכרון און עס איז כדאי צו באַשרייבן,

ווייל עס איז כאראקטעריסטיש, אז נישט יעדער שטייט אױף איין מדרגה.

א איד שוין אין די יאָרן, מיט א שיינעם פּארנעם, געשטאַמט אליין פון א שיינער משפחה, געווען א וואויל־לערנער, און אַנגע־זעענער מענטש, אנטייל גענומען אין וואָלטעטיקייט, געשטעלט זיך איבעראל גרויס און טאקע מיט א ברייטער גוטער הארץ; געטאָן שיינע שדוכים מיט די שענסטע בעלי־בתים פון שטאָט, אבער זיינע געשעפטן זענען אין די לעצטע יאָרן נישט געגאנגען גלענצנד. קיינער האָט נישט געוואוסט און קיינער האָט קיין פארדאכט נישט געהאט, נאָר ער אליין האָט ארומגעטראָגן די וואונד מיט זיך. אז מען איז געקומען צו אים נאָך א נדבה, האָט ער טאקע אין אמת'ן נישט גע־קענט געבן, אבער ער האָט געגעבן אויס מורא טאָמער וועט מען זאָגן, אז ער איז אָרים געוואָרן. האָט מען געדארפט באַרעס־געלט פאר עמיצן איינליינגן, איז מען צו אים געקומען, און ער האָט נישט געקענט אָפּזאָגן אויס פּחד טאָמער וועט מען זאָגן, אז ער האָט קיין באַרעס געלט נישט. געווען א קרבן צוליב דער מיינונג פון דעם המון.

איינמאָל האָט מען אים אויפגערופן א שבת נאָך די יום־טובים צו א שיינער עליה, און ווען מען איז געקומען צום „שנדר" האָט ער געמוזט מנדר זיין נאָך עטוואס מער ווי פריהעריקע יאָרן, צוליב דעם אז מען זאָל דיינקען אז ער איז רייך.

דער בעל קורא האָט געזען אז ער האָט א גרינגען מנדר, האָט זיך נישט געפוילט און געגרעכנט א צעטל פון פארשידענע נדרים. יעדער נדר איז געווען א הארץ־שלאָג פאר אים. מיט יעדן נדר איז די וואונד זיינע גרעסער געוואָרן. זיין פארצווייפלונג שטארקער גע־וואָרן, זיינע נערוון שוואכער געוואָרן. עס איז אים אזוי ווייט דערגאנגען, אז ווען דער בעל־קורא האָט אים געפרעגט אױף א גע־ווים „שנדר", איז דער גביר (בלויז אין נאָמען) שטיל געוואָרן, נישט געקענט מער רעדן און צוזאמענגעבראָכן און זיך שטארק צעוויינט.

זיינע נאָאיווע גוטע פריינט, האבן דאָס געוואָלט אויסטייטשן,

אַז ער וויינט דערפאר וואס מען דארף אזוי פיל געלט, און ער קען נישט געבן געננג אף אלץ. אנדערע, מער פראקטישע, האָבן איינגעזען, אז ער האָט זיך צעוויינט, ווייל ער איז נישט אימשטאַנד צו געבן, און מוז געבן, אום נישט פארלירן די ווירדע און דעם צוטרויען.

די ענדע איז געווען, אז זיינע בעל-חובות זענען צוגעשטאַנען און אים צוגעדריקט צום וואנט, און ער האָט געמוזט באנקראָטירן, און איז ארוים א קבצן. נישט אכטנדיק וואס ער האָט געסילוקט בלויז פינף און צוואנציק פראָצענט אף אלע זיינע חובות. צוויי שדוכים איז ער געווען געצוואונגען איבעררייסן צוליב נדן, איין שדוך איז דאָ אין אמעריקע פארפאָלקאָמט געוואָרן מיט יאָרן שפּעטער. אָט אַזוי איז א איד רואינירט געוואָרן צוליב א שנדר.

נאָכוואָרט:

אַ באַנקראָט צוליב אַ „בעבור שנדר“.

אַ מאָל קנייפּט מען די באַקן כדי די פּאַרב זאָל שטיין; מען קומט אָבער — אָפּטמאָל — צו אַזאַ מדרגה, אַז קנייפּן העלפן שוין נישט מער, ווייל עס איז מער קיין בלוט נישטאָ וואָס זאָל אַרויסרופן אפילו אַ געקינצלטן פּאַרב...

אַזאַ צושטאַנד איז דער ערגסטער.

מענטשן רופן דאָס: „די לעצטע אַקטאַוועו“.

מיר קומט פאָר אַז די מדה האָבן מיר געירשנט פון די פּוילישע מאַגנאַטן — קומענדיק מיט זיי אין באַרירונג.

אַ פּוילישער פּריץ וועט פון זיין גדלות נישט אָפּטרעטן, ער וועט קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, כדי צו דערהאַלטן, כאָטש לפּנים, זיין ווערדע, זיין „האָנאָר“.

אידן האָבן פון אָט דער מדה — שיינט מיר — איבערגענומען און זיך איינגעלעבט דערמיט און איצט שמועסט מען זיך איין אַז דאָס איז אַן אייגענע, אַ אידישע.

זיך דאָ מיט וואָס צו גרויסן...

22-טער קאַפּיטל.

צוויי עלטער-פעטערס.

אַ שמועס מיטן רבינ'ס זון פון יענער וועלט. — אַן עצה באַ קהל. — געשיכטע ווידערהאָלט זיך.

דאָס רוסישע ווערטל: „איז אָדנאָוואָ דערעוואָ כרעסט אי לאָפּאַטאַ"*) איז זייער גוט צוגעפּאסט צו מיינע צוויי עלטער-פעטערס.

איך האָב געהאט צוויי עלטער-פעטערס,ביידע פון מיין מוטערס צד; יעדערער פון זיי איז געווען א טיפּ. ביידע האָבן זיך מיר איינגעדריקט אין מיין זכרון — אַז איך קען זיי נישט פאַרגעסן! איינעם האָט מען גערופן אברהם — דער טעפּער — ווייל ער האָט געהאנדלט מיט טעפּ, ער איז געווען פארעכנט אין שטאָט „שדה-לבן" פאר א חכם. אין דער ווירקלעכקייט איז ער געווען א גרויסער תלמוד-חכם. כאָטש ער איז געווען גאָר ווייט פון א גביר, פונדעסטוועגן איז ער געווען פיל יאָרן דער גבאי פון רב דודל'ס קלויז, וואו גרויסע גבירים און חשובע בעלי-בתים פלעגן דאוונען. נישט אכטנדיק אף דעם וואס זיין שטאָט אין בית-המדרש איז נישט געווען אין מזרח — אפילו נישט אין שפּיגל; פונדעסטוועגן ווען ער פלעגט א געשריי טאָן: „שאַ! שטיל! שטיל זאָל זיין," איז געוואָרן שטיל; און אז ער האָט געזאָגט אזוי און אזוי דארף מען זיך נוהג זיין, איז דאָס געווען א געזעץ, די אָנגעזעענסטע בעל-בתים פון קלויז פלעגן גיין צו אים גוט יום-טוב בעטן, פלעגן באַ אים עצות פרעגן; האָט מען זיך גענדאַרפט פארלאָזן אף מענטשן, איז ער אָפט געווען איינער פון די בוררים, נאָך מער, עס איז געווען פארעכנט פאר א פאָרצוג

---

*) פון דעם זעלבן בוים אי אַ צלם, אי א לאָפּעטע.

צו האָבן אברהם דעם טעפּער פאר א בורר. די וואס האָבן נישט געהאט די גערעכטיקייט אף זייער זייט, פלעגן נישט נאָר נישט וועלן האָבן אים פאר זייערן א בורר, זאָנדערן פלעגן די וועלט איינלייגן, אַז אברהם דער טעפּער זאל נישט זיין איינער פון די בוררים, ווייל ער האָט באזועסן די אייגנשאַפטן צו קענען אריינדרינגען אין יע-דערנס נשמה, דערוויסן זיך יעדעס פארבאָרגענעס ווינקל, אמיינסטן פלעגט ער אויסגעקליבן ווערן פאר א דריטן (רעפערי), דאן איז מיט זיין ווירקונג צו קיין צד קיין עולה נישט באַגאַנגען געוואָרן, ער איז געווען א גוטמוטיקער מענטש, געווען זייער אָנגענומען ביי קהל, ער איז געווען צופרידן מיט זיין שיקזאל, נאָר איין זאך האָט אים פאר-ביטערט די יאָרן — ער האָט קיין קדיש נאָך זיך נישט געלאָזן — ער האָט געהאט בלויז טעכטער, זעקס טעכטער, איינע א קאַליקע, א צווייטע א גרויסע מיאוסקייט. די מוזינקע איז געבוירן געוואָרן ווען ער איז שוין געווען אין די זעכציקער, די איבעריקע זענען געווען פון די קינדער וואס זענען גוט צו גאָט און צו לייט, פאָלגן וואס טאַטע און מאמע און פרומע מענטשן הייסן טאָן. קיינמאָל אין דער אנ-וועזנהייט פון יונגעלייט נישט געווען, אלע טעכטער האָבן חתונה געהאט ווי דער טאַטע און די מאמע האָבן געהייסן; זיינע איידעמס זענען געזעסן באַ אים אף קעסט, זיי האבן זיך געגרויסט מיט דעם וואס זיי זענען אברהם דעם טעפּערס איידימס, דערפאר האָט מען זיי גערופן: איינעם — בעריש, אברהם דעם טעפּערס איידים; א צווייטן — אליהו, אברהם דעם טעפּערס איידים, און אזוי ווייטער.

דעם צווייטן עלטער-פעטער האָט מען גערופן משה׳לע חסיד, ווייל ער איז געווען א גרויסער חסיד פון סקווערער רבי׳ן, א פלאַ-טשיקער איד, א גאַנץ וויניקער לערנער, דערפאר אן ערלעכער און זייער א פרומער, געווען אויסגעדארט פון זיינע תעניתים, ווייל ער פלעגט פאסטן אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, אחוץ די געוויינלעכע תעניתים. דער פעטער משה האָט געהאט דריי קינדער, כאָטש זיין ווייב האָט אים געבוירן צען קינדער, אבער איבערגעבליבן זענען בלויז דריי, איין זון און צוויי טעכטער. גראדע דעם פעטער משה׳ס קינדער זענען געווען גייסטיק אנטוויקלט, זיי זענען פארעכנט געווען

אין שטאָט אלס אינטעליגענטע קינדער. זיי זענען געווען באַקאַנט מער אָדער ווייניקער מיט דער רוסישער ליטעראַטור, זיי האָבן גע־קענט ריידן רוסיש, די מיידלעך האָבן זיך געפּילט אין דער סבֿיבֿה פֿון יונגעלייט גאַנץ היימיש, דערפֿאַר האָט טאַקע איינע, א גאַנץ שיינע, געשפּילט א ליבע מיט א קרובֿ, א יונגנמאַן, און ווי איך האָב דערפֿאַרן, האָט זי נעבעך פֿאַרלוירן די שפּיל; ווי עס שיינט האָט זי נישט געוואוסט, אַז ליבע איז אָנפֿאַנגס ווי אַן אומשולדיקעס קינד, שפּעטער אביסל ווערט די ליבע א שטיפֿער, גאָר שפּעטער פֿאַרוואַנדלט זיך די ליבע אין א געשטאַלט פֿון א שגץ, און אַז מען לאָזט דער ליבע פֿריי, ווערט זי אָפֿט א פֿאַרברעכער.

די צווייטע טאָכטער איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט דאָ גע־הייראַט מיט א העמדל־נייער. גערופֿן האָט ער זיך אַנאַרכיסט. איך בין נישט זיכער צי ער איז געווען אַן איסט, אָבער א נאַר איז ער געוויס געווען. זי איז דאָ נישט לאַנג געשטאָרבן. דער זון זיינער, שוין אַן עלטערער מענטש, געראָטן אין פֿאָטער, אַף אַנאַנדער מדרגה. דער פֿעטער, משה׳לע חסיד, האָט אַמאָל געשוואוירן אין קלויז פֿאַר אַן עדה־אידן, אַף א באַוואוסטן ליגן, אַז עס איז אַן אמת.

פּאַסירט האָט אָט וואָס: א געוויסן שבת פֿאַרנאַכט, פֿאַר מנחה דאַוונען, איז מיין פֿעטער אַרויף אָפּן בעלעמער, האָט א קלאַפּ גע־טאָן אין טיש, און געבעטן דעם עולם זיך צוהערן וואָס ער האָט צו דערציילן. דערביי האָט ער געשוואוירן באַ זיין אידישקייט, אַז אַלעס וואָס ער גייט דערציילן איז אַן אמת.

ער האָט דערציילט דאָס פֿאָלגנדע:

אַז עס איז שוין א געשיכטע פֿון א פּאָר מאָנאַטן זינט דאָס האָט מיט אים פּאַסירט, אבער ער האָט דאָס ביז יעצט נישט גע־וואָלט עפֿנטלעך דערציילן, נעמלעך, אין אַן אָוונט, ווען ער איז גע־גאַנגען פֿון קלויז, האָט ער דערזען לעבן זיך א געשטאַלט פֿון א מענטשן וואָס האָט זיך פֿאַרשטעלט דעם פּנים אַז מיין פֿעטער זאָל אים נישט דערקענען. דאָס האָט אים נאָך מער נייגעריק געמאַכט צו זען ווער דער פֿאַרשטעלטער איז, און ווען ער האָט אים געוואָלט אַריינקוקן אין געזיכט, האָט זיך יענער באַמיט מיט זיין פֿאַטשיילע

פארשטעלן דעם געזיכט. ענדלעך איז אים געלונגען ארויסרייסן די פאטשיילע און ער האָט צו זיין ערשטוינונג דערזען דעם סקווע-רער רבינ׳ס זון, (איך געדענק שוין נישט זיין נאָמען), וועלכער איז שוין געווען טויט א פּאָר יאָר. דערזעענדיק דעם רבינ׳ס זון, האָט ער ווייטער דערציילט, איז ער געפאלן באלד אין חלשות, אָבער דעם רבינ׳ס זון האָט אים אויפגעמינטערט און האָט אים פארטרויט א סוד, אז ער איז פאר א געוויסע זינד נע-ונד און קען צו קבר-ישראל נישט קומען.

ער האָט אים געבעטן אז ער זאָל פאָרן צו זיין פאָטער אים דערציילן אז ער, זיין פאטער, זאָל זיך באַמיען פאר דעם רבונו של עולם, אז ער זאָל קומען צו קבר ישראל.

ווען מיין פעטער האָט אים צוגעזאָגט און האָט אים די האנט געוואָלט געבן, אז ער וועט וואָרט האלטן, איז דעם רבינ׳ס זון פאר-שוואונדן.

ביז יעצט, האָט ער פאָרגעזעצט זיין דערציילונג, איז ער נישט געפאָרן צום רבין, ווייל ער האָט באַ זיך נישט געקענט פועלן צו פארשאפן דעם רבין אזא עגמת נפש. מיט זיין דערציילן יעצט, בעט ער דעם עולם אן עצה ווי צו האנדלען.

———:———

נאָכוואָרט:

צוויי עלטער-פּעטערס.

עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס מיט א האלבן יאָר-הונדערט צוריק האָט אן ערלעכער, פרומער איד געקאנט שווערן, אז ער אליין האָט נישט נאָר געזען נאָר אפילו גערעט מיט א... טויטן; אז אפילו היינטיקן טאָג — אין דער צייט פון גרעסטע דערפינדונגען, פון שטוינענדיקע אנטדעקונגען, פון באַגרינדעטע וויסנשאַפטלעכע דיס-ציפּלינען, געפינען זיך וויסנשאַפטלער, ווי סער אָליווער לאדזש און אסך אנדערע דענקער און פאָרשער, קינסטלער און שרייבער, וואָס נישט נאָר זיי גלויבן אין א „יענער וועלט", נאָר זיי פלייסן זיך צו דערווייזן, אז מען קען האָבן א פארבינדונג מיט איר. זיי באַ-הויפּטן, אז מען קען זיך צונויפריידן מיט גייסטער, נשמות פון טויטע. איי — — מיר קאָנען זיי נישט זען, נו, זאָגן זיי, דאָס איז נאָר דערפאַר ווייל מיר באַזיצן נישט דעם חוש וואָס זיי, די באַ-הויפּטער, באַזיצן (זיי באַזיצן, כלומרשט, א זעקסטן חוש...)

טויזנטער מענטשן — אידן ווי קריסטן — מענטשן ערנסטע, דינען דעם נייעם אָפּגאָט, די נייע עבודה זרה — דעם ספּיריטואַליזם.

ארום דער עבודה זרה האָבן זיך שוין געבילדעט א היפּש ביסל קרייזלעך פון שאַרלאַטאַנעס, שווינדלער מכל המינים, וועלכע פאַרשטייען זייער גוט ווי אויסצונוצן דעם גלויבן פון בלינדע פּאַ-נאַטיקער, ווייזן דערביי פאַרשיידענע, מינדערוועַרטיקע קונצן כדי אויסצונאַרן דאָס ביסל מינץ באַם „עולם-גולם" און זעען אים איינ-צוהאַלטן אין זיין בלינדן גלויבן, כדי זיי און אנדערע זאָלן נאָך לאַנג קענען שערן און מעלקן אָט דאָס כשרה בהמה'לע.

א פאַקט איז, אז קיין אמת'ן צייכן פון „יענער וועלט" האָט נאָך ביז היינט קיינער נישט געוויזן. הלואי ווייטער...

ספּיריטואַליזם ווי אן אָפּגאָט, א געצקע פאָדערט אף זיין מזבח קרבנות און דער גלויביקער עולם ברענגט מיטן גוטן ווילן די קרבנות צווישן וועלכע מענטשלעכע קרבנות זענען אָפטע דערשיינונגען.

23־טער קאַפּיטל.

איינער פון די דריי אינגלעך וואָס קערן איבער אַ לאַדקע מיט דריי מיידלעך.

טעג ציען זיך און נעכט שלעפּן זיך. — דריי קאַטעגאָר־יעס. — טעאָריע להיפּוך פּראַקטיקע. — שוואַרצע ברויט ווי קוכן, זויער־מילך ווי וויין. — רחמנות פּנים.

מען זאָגט: אַז אַרומגיין ליידיק איז אויך אַן אַרבעט, אָבער זיצן ליידיק איז גאָר קיין אַרבעט נישט.

אין דער צייט פון לאַנגווייליקייט, ווען די טעג און נעכט האָבן זיך געצויגן ווי דער אידישער גלות, אין די טעג וואָס יעדע קליינ־לעכע אויפרעגונג איז געווען ווי אַ רפואה צו אַ וואונד; אין דער צייט וואָס יעדע צייט־פאַרטרייב איז כשר, איז קיינער קיין מפונק נישט, דאַן טראַכט מען זיך נישט אריין אין תירוצים, וואָס אין אַן אַנדער צייט וואָלט מען יאָ אַ טראַכט געטאָן. מען פאַרקוקט וואָס עס איז נישט שיין, מ׳פּועלט באַ זיך אַלץ, אַבי די צייט צו פאַר־טרייבן.

ווי אַ שטאַרק הונגעריקער איז נישט איבערקלייבעריש ווען ער קריגט עפּעס צו עסן, אָדער ווי אַ שטאַרק דורשטיקער וועט נישט אריינקוקן אין דעם וואַסער צי זי איז לויטער, אַזוי איז געווען באַ אונדז יונגע מענטשן, יעדנפאַלס מיט מיר, דעם לעצטן יאָר איידער איך בין אוועקגעפאָרן אַלס אַ לערער צו אַ פּאָסעסאָר קיין אַראַ־טאָווקע, ווי איך וועל דאָס באַשרייבן באריכות.

אויפשטיין פלעגט אָט דער יונגער עלעמענט, דער פּוסט און פּאַסניק אַרום צען, עלף, אָדער צוועלף. עס האָט זיך געוועוגט ווי שפּעט מען האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט מיידלעך (עס רעט זיך אַזוי

אַרומגעשפּאַצירט). די עלטערן פוןביידע געשלעכטער האָבן נישט אָנגעפאַנגען צו וויסן, און ווען א מוטער האָט זיך אמאָל דער-וואוסט באַ א צופאַל, האָט מען איר פּאַרדרייט די ציין אז זי האָט נישט געוואוסט „מאי דקאָמרי רבצין".

אזוי האָט זיך געשלעפּט א טאָג נאָך א טאָג, און א וואָך נאָך א וואָך. מיטן דאַוונען איז אזוי געווען: ווער עס האָט זיך נישט געקענט העלפן, דער האָט דאָס ווי עס איז דורכגעשטופּט; אָבער ווען מען האָט שוין איבערגעביסן, ווער א בעסערן און ווער אן ער-גערן אָנבייסן, האָט זיך דאַן ערשט אָנגעפאַנגען די „נודא", די פראַגע, מיט וואס פאַרטרייבט מען דעם טאָג? וואוהין גייט מען? וואָס טוט מען?

אין יענע צייט, (אפילו היינט אויך), האָב איך מקנא געווען די פרומע אינגלעך וואס פלעגן גלויבן, וואס פלעגן דאַוונען, אָפּ-היטן אלע מצוות, בעטן גאָט, און טאָן וואס ער האָט געהייסן.

באַ היינטיקן טאָג ווערן געטיילט די גלויביקע אין דריי קאַ-טעגאָריעס: די ערשטע קאַטעגאָריע איז די וואס האָבן געפונען א גאָט און גלויבן אין אים. די מעגן נישט זיין קלוג, אבער זיי זע-נען גליקלעכע. די צווייטע קאַטעגאָריע איז די וואס האָבן נישט געפונען קיין גאָט, און זוכן אזעלכן נישט. די זענען נאַרן און נישט קיין גליקלעכע. די דריטע קאַטעגאָריע איז די וואס האָבן נישט גע-פונען קיין גאָט, אבער זוכן אזעלכן, די זענען נישט קיין נאַרן אבער די אומגליקלעכסטע. איך בין דאַן געווען שוין פון די אומגליקליכע, איך האָב מיין גאָט שוין געהאט פאַרלוירן, און אין די שפּעטערע יאָרן האָב איך געזוכט און גענישטערט א גאָט, אבער לײדער נישט געפונען ביז היינטיקן טאָג.

מיר יונגע-לייטלעך, נישט-גלויביקע, האבן געטאָן אלץ וואס די האַרץ האָט געגלוסט, וואס דער געזעץ האָט נישט פאַרבאָטן, און ווי ווייט די קעשענע האָט דערלויבט. מיר האָבן געהאט אן אייגענע מאַראַל, געשעמט האָבן מיר זיך ווייניק, און מורא געהאט נאָך ווײ-ניקער.

עס איז כדאי יעצט צו באמערקן, אז ווען דער אמעריקאנער „ספאָרט"-גייסט פון אלערליי אטלעטיקס און איבערהויפּט פון „באָל-גיימס" וואלט געווען בא אונדז דאן אזוי פּאָפּולער, וואָלט דאָס פּי-לייכט געווען א שטיקל מזל ברכה פאר דער יוגנט, און איך בין זי-כער, אז אסך „בייב רוטס" פון „בייז-באָל", און אנדערע „טשעמ-פּיאָנס" פון „ספּאָרט גיימס" און „אטלעטיק גיימס", וואָלטן פון אונדזער דאמאָלסטיקער אידישער יוגנט געווען אויסגעוואקסן גאונים. אזוי ווי דאָס איז אויך נישט געווען דאן, זענען זיי געווען ווי דער גוישער ווערטל זאָגט: „ני דא באהא ני דא ליודעי"*).

איינע פון אונדזער צייט-פארטרייב, די פּאָפּולערסטע „ספּאָרט" איז געווען פאָרן אפן טייך מיט לאָדקעס באטאָג, און מער אָנציענד אין די אָוונטן.

איינמאָל האָבן מיר אָפּגעמאכט צוויי אידישע „אוטשעניקעס**) און איך, אז מיר זאָלן דינגען א לאָדקע אף אן אָוונט, פּריגלאשיען***) געוויסע דריי מיידלעך און איבערקערן די לאָדקע דאָרט וואו עס איז נישט טיף, וואו עס איז נישט קיין געפאר, און אז מיר וועלן אָנפאנגען שרייען, וועלן ווארשיינלעך ארויסלויפן די גויים דערביי און וועלן אונדז אריינגעמען צו זיך אין הויז, און וועלן אונדז אפּן שטייגער הייסן ארויפקריכן אפן אויוון זיך אויסטאָן און זיך אויס-טריקענען. געזאָגט און געטאָן.

אין א שיינעם אָוונט אין די טעג פון סענטיאבער נאָך סכות, האָבן מיר אלע דריי יונגע-לייט, מאָטל זיסקינדס (מאָטל מיט די פּיסקעס) א בחור, (זיין ערשטן נאָמען האָב איך פארגעסן); משה עפּלבוימס א פּלימעניק, יאָסל עפּלבוים, און איך, איינגעלאדן דריי פריילינס. די נעמען פון די פריילינס און ווער די עלטערן זייערע זע-נען געווען, וועט נישט זיין מעשה דזשענטלמאן צו דערמאנען. איך

---

*) נישט צו גאָט און נישט צו לייט.

**) גימנאזיסטן.

***) איינלאדן.

גלויב קוים צי זיי זענען צווישן די לעבעדיקע. ווייל ווען איך בין געווען לעצטנס נאָך צוויי-און-פערציק יאָר אָפּוועזנהייט אין בע-לאַצערקאָוו, האב איך זיך נאָכגעפרעגט אף פילע באקאַנטע און אף זיי אויך, און קיינער האָט מיר נישט געקענט געבן קיין ריכטיקע אינפאָרמאַציע.

מיר האָבן זייער גוט געקענט די מיידלעך, און די מיידלעך אונדז. ווען די מיידלעך וואָלטן געוואוסט פון אונדזער שטיפע-רישן פּלאַן, וואלטן זיי פּילייכט נישט געגאַנגען, אבער אזוי ווי זיי האָבן קיין פארדאכט נישט געהאט, זענען זיי געקומען צו דער בא-שטימטער צייט אין פּלאַץ. מיר האבן זיך אלע זעקס ארייַנגעזעצט אין לאָדקע, צוויי פון די בחורים האבן געטריבן מיט די וויאָסלעס און איינער האָט גערודערט און געפירט די לאָדקע וואוהין מיר האָבן אָפּגעמאכט אפריער.

אזוי זענען מיר ארומגעשוואומען אומגעפער באַ א שטונדע צייט. יאָסל עפּלבוים האָט זיך אביסל געוויצלט, און געגעבן אָנצו-הערעניש וואס מיר דיינקען צו טאָן, און האָט אָנגעפאנגען צו הוידען די לאָדקע. אבער אזוי ווי ער אליין האָט נישט געקענט שווימען, גערדיינק איך ווי איך האָב אים געסטראשעט איבערצוקערן די לאָדקע וואו עס וועט זיין טיף, אויב ער וועט נישט ווערן שטיל און וועט נישט אויפהערן צו פּלאפּלען.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין יונגען לעבן, וואס איך האָב א טראכט געטאָן, אז עס זענען פאראן אנדערע שפּראכן אף דער וועלט אחוץ אידיש און רוסיש, און איך האב באַ זיך גע-טראכט ווי גוט עס וואלט פאר מיר געווען יעצט, ווען איך זאל קענען ריידן אנאנדער שפּראך, און ער, יאָסל, זאל זי קענען פאר-שטיין און די מיידלאך נישט.

איך האָב זיך געטראכט: אך, ווי איך וואָלט אים ארייַנגעזאָגט וואָס פאר א פּרא אדם ער איז.

אלס קינד און ביז מיין עלטער, בין איך געווען פון די לײדנ-שאפטלעכע כאראקטערע וואס ליידן שטארק פון זאכן וועלכע זיי

פירן נישט דורך. איך בין אימער אין מיינע עלטערע יאָרן געווען פּאַרזיכטיק מיט אונטערנעמונגען, אבער ווען איך האב עפּעס אונטערגענומען, גרויס אָדער קליין, און נישט געקענט אויספירן אָדער דערגרייכן, האָט דאָס מיך געקאָסט פיל געזונט.

אזוי ווייט ווי איך געדיינק האָב איך נישט מער ווי צוויי אנטוישונגען געהאט אין מיין לעבן, אחוץ פון קלענערן ווערט. דאָס ערשטע איז געווען וואס מיין אינגעלשע ערשטע ליבע צו א געוויסער מיידל פון א שיינער רייכער פאמיליע האָט נישט דערגרייכט צו א געזעצלעכע פארמאלע הייראט. דאָס צווייטע איז דאָס וואס איך האָב נישט דורכגעפירט מיין אָריגינעלן פּלאַן צו עפענען אן ארטעל פון געבויגענע ביינקלעך פאר די דעקלאַסירטע אין בעלאַצערקאָוו*).

ביידע אינצידענטן זענען נישט געווען אָפּהענגיק פון מיר, זאָנדערן פון די אומשטענדן, צופעלע, און פאַרהעלטניסע. אלע אנדערע פלענער און אונטערנעמונגען זענען דורכגעפירט געוואָרן מיט א פריער אויסגערעכנטן פּראַקטישן מארשרוט און טאקט.

פילע פון מיינע פריינט וועלן באשטעטיקן מיין באהויפּטונג, אַז איך בין נישט געווען קיין אכזר אין מיין לעבן, איך האב נישט געגאַרט רייך ווערן, איך האָב געשטרעבט נאָך עטוואָס אַנדערש. איבריגענס איז נישט פאר מיר דאָס צו דערציילן, הגם בין איך זיך דאָ נישט מתודה, פארקערט, איך דערצייל וואס פאר א פאַרשייטער אינגל איך בין געווען.

יאָסל עפּלבוים האָט זיך דערשראָקן פאר מיין ערנסטן קוק אף אים און דעם טאָן פון מיינע ווערטער, און האָט מער נישט גערעט. זיסקין איז איבערהויפּט נישט געווען פון די שטארק רעדעוודיקע, ער איז געווען א זולל וסובא, ער האָט גלייך אָנגעפאנגען רעדן פון עסן, און האָט געפרעגט: „וואָס וועט זיין מיט עסן?“ ער איז שוין באלד הונגעריק, אבער איך האָב אים

*) זע מיין צווייטן בוך וועגן דעם ענין.

פֿאַרזיכערט, אַז מיר וועלן אין אַ שטונדע אַרום האָבן וואָס צו עסן איז ער געבליבן אַ צופֿרידענער און האָט ווידער געטריבן די לאָדקע נאָך מיט מער חשק און מיט מער קראַפֿט. יעדער שאָר מיט זײַנע צוויי וויעסלעס פֿלעגט די לאָדקע אָפּשווימען אויף אַ צוואַנציק פֿוס.

אַרום האַלב צען אין אָוונט, ווען די לבֿנה האָט געשײַנט מיט איר גאַנצער גרויסקייט, ווען די שטערן האָבן געשײַנט צו זײַן גרע-סער ווי אַלע מאָל, ווען אַלץ אַרום אונדז איז געווען שטיל, אַחוץ דער בילן פֿון הינט פֿון די די דערבײַיאַיקע הײַזער באַם טײַך, האָבן מיר אָפּגעשטעלט די לאָדקע און ווײַל איך בין געזעסן באַם רודער, האָב איך מיט אַ שטאַרקן אימפּעט אַ דריי געטאָן די לאָדקע, און אין אַ סעקונדע איז די לאָדקע געווען איבערגעקערט, און מיר אַלע זעקס זענען געבליבן שטיין אויף אונדזערע פֿיס אין וואַסער ביז איבער די גאַרטלען. איין מיידל, די שענסטע, האָט זיך שטאַרק צע-לאַכט, אײנע איז געווען פֿאַרוואונדערט פֿון צופֿאַל; די דריטע, אַ קלינערע פֿון אַלע, האָט פֿאַרשטאַנען דעם שפּיצל און האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פֿון שטאַרקן רוגז.

דערווײַל, אַביסל פֿון דער מיידלס שטאַרקן געלעכטער, אַביסל פֿון דעם רויש פֿון דער איבערגעקערטער לאָדקע וואָס מיר האָבן נישט געקענט איבערדרייען, סיידן צו שלעפּן צום ברעג און אַביסל פֿון יאָסלס אינסטינקטיוון געשריי, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט „ראַטאָיטע!‟*) — זענען זיך צוזאַמענגעקומען עטלעכע פּויערים און פּויערטעס און האָבן געלייסטעט וואָס זיי האָבן געקענט. די לאָדקע האָבן זיי גלײַך צוריק איבערגעקערט, אַרויסגעשעפּט די וואַסער און האָבן אונדז פּריצישע קינדער (נאָך זייער רעכענונג) גע-בעטן אַרײַנקומען אין שטוב זיך אויסטריקענען. ווען מיר זענען אַרײַן אין שטוב מיט אונדזערע נאַסע קליידער און מיט אונדזער אויסער-געוויינלעכן אויסזען, האָב איך חרטה געקראָגן אויף דעם ספּעק-טאַקל.

*) ראַטעווע(ט).

אָבער פאַרפאַלן, האָב איך געטראַכט: חרטה איז נישט מעשה סוחר, און דאָ וועט נישט העלפן. מיר האבן געפרעגט דער כאַזייקע*) וואו מיר קענען זיך אויסטריקענען, כן-הוה, האָט זי אונדז פאַרגע-שלאָגן, ווי מיר האבן גערעכנט, ארויפגיין אלע אפן אויוון אוואו עס איז הייס, און מיר וועלן זיך אויסטריקענען. מיר האבן זיך נישט געלאָזט בעטן. מיר זענען אלע ארויף און געבליבן זיצן אפן אויוון, אביסל פארטראכט און אביסל פארשעמט. די מיידלעך האָבן אויס-געטאָן זייערע אויבערשטע קליידלעך און אויסגעשפרייט אפן אויוון צו טריקענען. זיסקינד האָט געזאָגט, אז מיר זאָלן אונדזערע הויזן נישט ארונטערנעמען, ווייל מיט זיי זיצנדיק וועלן מיר זיך גיכער אויסטריקענען. פיליכט האָט ער געהאט א הינטער-געדאנק, בא מיר האָט דער ספעקטאַקל פארלוירן דעם גאנצן רייץ.

די קלוגסטע פון די דריי מיידלעך האָט זיך מיט מיר שפעטער גוטמוטיק געווערטלט, אז עס איז נישט ווערט געווען די טרחה פאר דעם גענוס וואס מיר האבן געהאט. זיסקינד האָט דאן געזאָגט: „וואָס הערט זיך מכח עסן?" ער איז טויט הונגעריק. מיר האבן צוגערופן דער בעל-הביתטע און איר געזאָגט, אז מיר זענען זייער הונגעריק, צי זי קען אונדז נישט פארקויפן עפעס צו עסן. האָט זי געענטפערט פריינטלעך, אז פארקויפן האָט זי נישט וואָס, נאָר זי קען אונדז געבן ברויט מיט זויער-מילך. אינגיכן האָט זי אונדז דערלאנגט א שווארצן ברויט און א גאנץ קריגל מיט זויער-מילך.

זי האָט אונדז אויך דערלאנגט א מיסקע**) מיט זעקס הילצערנע לעפל און זאלץ, און מיר האָבן געהאט א סעודה, כיד-המלך. איך האָב דאָס נישט פארגעסן, נישט אזוי דעם ספעקטאקל ווי דעם טעם פון דעם שווארצן ברויט מיט זאלץ און פון דער זויער-מילך. מיר האבן אויפגעגעסן ביז א לעק. וואָלט זי בא אונדז גענומען געלט, וואָלטן מיר נאָך א ברויט מיט א קריגל זויער-מילך געווען געקויפט,

*) בעל-הביתטע.
**) א שיסל.

אָבער אָן געלט האבן מיר נישט געוואָלט און נישט געקענט מער בעטן, האָבן מיר אָפּגעמאכט אז פרייטיק-צו-נאכט וועלן מיר דער-עסן מיט געפילטע פיש, לאָקשן, יויך און מיט צימעס.

אזוי זענען מיר געזעסן אפן אויוון באַ א שטונדע און א האלב, דאן זענען מיר אראָפּ, זיך אויסגעגלייכט, ווי עס איז אויסגעצויגן די קליידער, געזעגנט זיך און באדאנקט אלעמען, ספּעציעל דער גויע פאר איר גאסט-פריינטלעכקייט. באַם אוועקגיין האבן מיר די דריי קליינע קינדערלעך געגעבן צו גריווענקעס (10 קאָפּיקעס). די גויע האָט אונדז אפן וועג מיטגעגעבן סעמעטשקעס*) און מיר האָבן געקנאַקט די סעמעטשקעס ביז מיר זענען געקומען אהיים. יע-דער פון אונדז האָט ווארשיינלעך אַף מאָרגן געמאכט א רחמנות-פּנים פאר דער מאמען.

*) פלאוער סידס.

נאָכוואָרט:

איינער פון די דריי איינגלעך וואָס קערן איבער אַ לאָדקע מיט דריי מיידלעך.

די אידישע שטעטלשע יוגנט פון מיין צייט האָט מען זיכער געקענט אַטעסטירן ווי אַ „לא יוצלחדיקע“.

איבערהויפט האָט זיך דאָס געפּאַסט פאַר די יוגנטלעכע פון דעם, אַזוי גערופענעם, באַלעבאַטישן שטאַנד.

פיזישע אַרבעט האָט זיך באַ זיי גערעכנט ווי אַ חרפּה, דערצו טאַקע איז נישט געווען קיין פּאַסיקע, באַפרידיקנדיקע אַרבעט; לערנען האָבן נישט אַלע געקענט, נאָך ווייניקער געוואָלט און גאָר ווייניק — געהאַט די נויטיקע פעהיקייטן צו דעם.

דאָס לערנען האָט אויך קיין פּראַקטישן צוועק נישט געהאַט, ווען מען נעמט אין אַכט, די דעמאָלסטיקע באַדינגונגען אין וועלכע אידן האָבן געלעבט און די אויסטערלישע געזעצגעבונג לגבי די אידן.

איז מען טאַקע ארומגעגאַנגען פּוסט-און-פּאַס און כדי צו דער׳הרג׳ענען ווי עס איז די ליידיקע צייט — געזוכט געזעלשאַפט פון יונגע מיידלעך, צוגעטראַכט וואוילינגערישע שפּיצלעך און איבערהויפט געפירט אַ נאַרישן אַרט לעבן.

—:—

24-טער קאַפּיטל.

מיינער א פעטער צעברעכט זיך אַ פוס.

איך ווער א באַרמהאַרציקער ברודער. — חבר, לערער און פעטער. — דיסקוסיעס וועגן וועלט־פּראָבלעמען. — רעליגיע אַ האַרץ־זאַך.

מיין פעטער, מיין מוטערס א ברודער, א הויך־געבילדעטער און געלערנטער מענטש, א מאַן פון א יאָר 35, אין די יאָרן ווען דער מענטש איז פול מיט לעבנסקראַפט, איז געווען אַן אַלמן, האָט זיך אים פאַרוואַלט א קינדערשן שטיף טאָן, צייגן זיינע חברים און מן הסתם חברטעס, אַז ער וועט אריבערשפּרינגען נישט קיין הויכן פאַר־קאָן*). נישט פיל געטראַכט, האָט ער א שפּרונג געטאָן, אָבער זיינער אַן אָפּצאַס (קנאַפּל) פון א שוך האָט זיך פאַרטשעפּעט אין פאַרקאָן און ער איז געפאַלן און האָט זיך צעבראָכן דעם אויבערשטן ביין פון פוס אף צווייען.

דאָס האָט מיט אים געטראָפן אין א קליין שטעטל נעבן בעלאַ־צערקאָוו, וואו ער איז געווען אף א שטעלע. נישט זייענדיק קיין פאַ־מיליען־מאַן, האָט ער קיין אייגענע היים נישט געהאַט און אַזוי ווי אין דעם שטעטל איז קיין שפּיטאָל און קיין דאָקטאָר נישט געווען, האָט מען אים געמוזט ברייננען קיין בעלאָצערקאָוו צו זיין שוועס־טער, דאָס הייסט, צו אונדז אין שטוב.

גלייך באַ זיין קומען, האָט מען געבראַכט א דאָקטאָר, וועלכער האָט די אָפּעראַציע אַליין נישט געקענט מאַכן, אָבער ער האָט פאַר־זאָגט אַז מען זאָל גלייך שיקן נאָך א געוויסן רופא, וועלכער איז פיליייכט אַמאָל אין א שלאַכט געווען און האָט געוואוסט ווי מען

---

*) פּענס.

דאַרף איינגיפּסעווען א צעבראָכענע פוס. אזוי האָט מען געטאָן. מ׳האָט געשיקט נאָך דעם רופא, וועלכער איז געווען א געשמדטער איד פון די ניקאָלייעווסקע סאָלדאטן, און ער האָט געבראכט מיט זיך גיפּס און באנדאזש און מיט דער הילף פון אנדערע דריי פּערזאָן וואָס האָבן געמוזט האלטן די פוס, האָט ער זי פארגיפּסעוועט.

מיין פעטער האָט באדארפט ליגן מיטן גיפּס אף דער פוס א זעקס וואָכן. די ערשטע פּאָר טעג איז אים געווען נישט איבערצו-טראָגן, די גיפּס האָט געמאכט זיין פוס ווי איינגעקראַמפּעוועט, און מען האָט געמוזט לויזער מאכן דעם באנדאזש. כאָטש דער רופא פלעגט קומען יעדן טאָג, פונדעסטוועגן בין איך געצוואונגען געווען צו זיין „אָרדערלי״*).

איך בין דאן געווען אן אינגל פון א יאָר 14. די ערשטע טעג פלעג איך זיין נעבן אים די גאַנצע טעג און אויך נעכט פלעג איך שלאָפן נעבן אים. איך האָב מיטגעפילט אלע זיינע שמערצן. די ערשטע צייט בין איך נישט אָפּגעטראָטן פון אים, איך האב אים טאקע ליב געהאט, ווייל ער איז געווען אחוץ געלערנט און געביל-דעט א שיינער און א קלוגער מענטש. דער מענטש איז אזא מין באַשעפעניש וואָס ווערט צו אלץ צוגעוואוינט. אזוי איז מיין פע-טער צוגעוואוינט געוואָרן צו זיין לאגע, און איך צו מיין באשעפ-טיקונג און מיר האָבן זיך אָנגעפאנגען צו פילן לאנגווייליק, און אזוי ווי איך האָב אויפגעגעבן מיין לערער, האָט ער פארנומען מיין לערערס פּלאַץ.

איך מוז באַ דער געלעגנהייט זאָגן, אז אויב א קינד פארנעמט נישט אָדער וויל נישט לערנען איז מערסטנס שולדיק אין דעם דער לערער מיט זיינע שלעכטע פּעדאגאָגישע מיטלען, נישט ווייסנדיק ווי אזוי צוצוקומען צום קינדס באגריף, באנעם און באגער.

וואָס איך האָב אויסגעלערנט אין איין חודש מיט מיין פעטער, וואָלט געמוזט נעמען זעקס חדשים מיט אַנאַנדער לערער, און איך וויים נישט, צי איך וואָלט אזוי קלאָר געקענט געווען פארשטיין, און

*) קראנקן-וועכטער.

צי עס וואָלט מיר פון אַנאַנדערן אין קאָפּ געווען געקראָכן די אַריפּ־מעטיק און די אַלגעבראַ און אַפילו די טעלעבע ביכער, וואָס איך האָב מיט אים דורכגעלעזן און קרילאָוו׳ס פאַבלען וואָס איך האָב מיט אים אין דער צייט אַלע אויסגעלערנט. איך האָב כשר פאַרדינט פון אים די אוראָקן*) און ער האָט כשר פאַרדינט מיינע גוטע באַ־האַנדלונגען צו אים.

ער איז געווען קלוג גענוג צו וויסן אַז אַ איינגל טאָר מען נישט שטאָפּן מיט לערנען ווי אַ גאַנדז פאַר פּסח, און דערפאַר פלעגט ער פאַר פאַרווייַלונג, טייַלווייַז צוליב מיר און טיילווייַז צוליב זיך — אָדער פאַרקערט, פלעגט ער מיט מיר מיט פאַרגעניגן שפּילן אין „66“, דאָמינאָס און אין שאַשקעס**), ווייל איך בין געווען נישט קיין שלעכטער שפּילער.

אַ געוויסע צייט דורך דעם טאָג פלעגן קומען צו אים באַזוכן אַלערליי מענטשן, יונגע און אַלטע, פרומע אידן און אידישע גימ־נאַזיסטן. ער פלעגט מיר אימער זאָגן, אַז איך זאָל זיך אָפּהאַלטן פון נעמען אַן אַנטייל, איך זאָל בעסער הערן יענעם ריידן, פון יענעם הערן קען מען מער געניסן ווי פון אייגענע רייד. אַפילו ווען איינער רעט נאַרישקייטן, קען מען מער נוצן האָבן ווי פון אייגענער חכמה. מען קען דאַן גיכער אָפּשאַצן וואָס נאַריש און וואָס קלוג איז, מען קען זיך גיכער אַ מוסטער אַראָפּנעמען, וואָס פאַר אַ ווירקונג יענעמס קלוגע אָדער נאַרישע רייד האָבן. ריידן, האָט ער געזאָגט, אין צייט, איז זילבער; שווייַגן, אין צייט, איז גאָלד. ער האָט אויף מיר אַזאַ ווירקונג געמאַכט מיט זייַנע רייד, אַז ביז היינטיקן טאָג האַלט איך צו זייַן בעסער אַ קלוגער צוהערער ווי אַ נישט קלוגער רעדנער.

מייַן פעטערס צווייטער נאָמען איז געווען פיינמאַן, אָבער אַזוי ווי ער איז נישט געווען קיין בעלן צו גיין דינען דעם צאַר, איז ער אין צייט אַריבער דעם גרעניץ נאָך עסטרייך און האָט דאָרט באַקו־

*) לעקציעס.
**) טשעקערס.

מען צוגעשריבענע דאָקומענטן און איז געוואָרן א דאָרטיקער ביר-גער אונטער דעם נאָמען אָגאָז.

ער האָט דאָרט אין עסטרייך, אין דער שטאָט בראָד, פאר-בראכט א פאָר יאָר, און אין דער צייט האָט ער געלערנט די דיי-טשע שפראך און איז געוואָרן באַהאוונט מיט דער מאָדערנער פי-לאָזאָפיע. ער פלעגט אָפט ציטירן שטעלן אחוץ פון רוסישע דיינקער און גרויסע פאָעטן, אויך פון דייטשע: פון היינען, געטהען, פון שאָפּענהויער, שפינאָזע, מענדעלסאָן, און נאָך אנדערע.

אין זיינע דיסקוסיעס מיט די אינטעליגענטע מענטשן וואס פלעגן קומען צו אים צו באזוך, האָט ער געהאט די אויבערהאנט מיט דעם, וואס אנשטאט זייענדיק אָנגעלעזן מיט דער רוסישער און העברעאישער ליטעראטור, האָט ער אויך געקענט די דייטשע ליטעראטור און איבערהויפּט די דייטשע פילאָזאָפיע. זייערע דיס-קוסיעס האָב איך דאן כמעט גאָרנישט פארשטאַנען, אפילו ווען ער פלעגט אָנפאנגען דיסקוטירן מיט מיין טאַטן, פלעג איך זיך מיט חשק צוהערן און ווייניק פארשטיין. אבער דעם תמצית — דעם עססענץ פון די דיסקוסיעס זענען מיר שפּעטער אין מיינע יאָרן ווי אָפּגעפרישט ארויף אף מיין זכרון.

די דיסקוסיעס זענען באשטאַנען פון פארשידענע פּראָבלעמען, ווי מתנגדות און חסידות פון בעל-שם און פון רמבם, פון גרויסע אידישע נביאים און פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, פון סאָקראטעס און אריסטאָטל, פון ישוע הנוצרי און פון משה רבינו. זייערע אר-גומענטאַציעס וועגן ענינים געדיינק איך ווי דורך א טומאן, דער-פאר וועט נישט זיין ראטזאם און נישט ערלעך צו באמיען זיך צו ציטירן זייערע ווערטער. וואס איך עראינער מיך מער פון זייערע אַרגומענטן איז אף דעם געביט פון דעם יסוד פון דער וועלט. מיין פאָטערס א פראגע איז באשטאַנען אין דעם: וואָס איז דער יסוד, דער ציל פון דער וועלט און פון לעבן?

מיין פעטערס ענטפער איז געווען אומגעפעהר אזוי: אז די וועלט אין וועלכע מיר מענטשן לעבן, פאָרמירט זיך ביי אונדז וועד-ליק נאָך אונדזערע אייגענע באגריפן; פאָלגלעך זעט די וועלט אויס

פאַרשידן, פאַר איינעם איז זי א רעטעניש, פאַר א צווייטן אַן אָפּע־נער בוך; פאַר איינעם איז די וועלט צוועקלאָז, פאַר אַנאַנדערן באַ־דייטונגספול. סוף כל סוף, האָט ער געזאָגט, נאָך אַלע אונדזערע מאָדערנע חכמות וועלן מיר די וועלט פּילייכט אביסל מאָדיפיצירן, אָבער אין תוך וועלן מיר זי איבערלאָזן מיט איר אומענדלעכקייט, אַזוי צוועקלאָז אָדער צוועקמעסיק, אַזוי אומבאַרעמהאַרציק, אַזוי נישט קלוג אָדער קלוג, אַזוי מיאוס און אין דער זעלבער צייט באַ־צויבערנד שיין ווי מיר האָבן זי געפונען.

די וואָס דיינקען אַז זיי וועלן אויסגעפינען דעם יסוד פון דעם פּלאַנעט, וואָס מיר רופן די ערד, די געהערן צו די נאַראָנים וואָס זענען אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטן געווען און פאַרבלייבן אין מערהייט.

מיט א פּאָר יאָר שפּעטער איז ער געקומען אין רוסלאַנד און איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד, אַלס אַן עסטרייכער בירגער מיטן נאָ־מען „אָגאָז“, ביז ער איז אוועקגעפאָרן אין 1881 נאָך אַמעריקע — ווי איך וועל דאָס באַשרייבן אין א שפּעטערן קאַפּיטל. ער איז גע־ווען א מענטש פול מיט לעבן, געוואָלט געניסן דאָס בעסטע פון דעם לעבן, געווען קלוג אבער נישט פּראַקטיש; ער האָט נישט געוואָלט און פּילייכט איז ער נישט פייאיק געווען צו איינריכטן זיין לעבן אַזוי אַז ער זאָל קענען שפּעטער געניסן דאָס שענסטע פון לעבן; ער האָט נישט געקענט זיך צופּאַסן צו געשעפט און טאַקע נישט געוואָלט צוהאָרעווען, ער האָט געלעבט א באָהעמיש לעבן, נישט גע־זאָרגט זיך פאַר שפּעטער און נישט אויסגערעכנט, נישט געטראַכט וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט, אַזוי לאַנג ווי ער האָט פאַר־גענינגן געהאַט פון דער געגנוואַרט; ער האָט אויסגענוצט די געגנ־וואַרט אויף וויפיל עס האָט זיך געלאָזן און אויף וויפיל עס איז געווען מעגלעך, נישט גענומען אין אכט קיינע מאַטעריעלע אומשטענדן, אויף אַלץ געקוקט מיט פּאַסיווע אויגן, צו קיין זאַך נישט געווען אי־בערגעבן מיטן גאַנצן וועזן; געלעבט נישט אויף אייגענעם רעכענונג נאָר אויף גאָטס רעכענונג; כאָטש ער האָט אין גאָט נישט געגלויבט, פונדעסטוועגן פלעגט ער זאָגן: „גאָט וועט העלפן“. זיין לעבנס־

לוסט איז געווען צו באוואונדערן, ער איז דאָס געווען די באַגייס־טערטע קראַפט וואָס האָט מיך באוואויגן צו באַגיין דעם טאַט אי־בערצוקערן די לאָדקע אין וואסער מיט דריי מיידלעך, אום איבער־לעבן דעם „טהריל“ (אויפרעגונג), דעם שפּאַס און די אוואַנטורע, וואָס מיר ווילן זיך דאַרפן אלע טריקענען אַפן אויוון.

איך האָב זיך פון אים נישט אלעם אָפּגעלערנט, נישט דער־פאַר וואָס איך האָב אים נישט גערעכנט פאר נישט קלוג, נאָר דער־פאַר וואָס זיין טעמפּעראַמענט איז געווען אַנאַנדערער, זיין געשמאַק אַנאַנדערער, איך האב קיינמאָל נישט געקענט פאלן א לאַסט אַף אַנ־דערע, איך האב געוואָלט שטיין העכער פון מיין גלייכן ; איך האָב געוואָלט, אז מיין גלייכן זאָל קוקן אַף מיר ארויף ; איך האָב גע־וואָלט זיין איינס פון די צוויי, אבער נישט דאס דריטע ; אויב נישט קיין ראָזע צווישן בלומען, כאָטש א בלום צווישן בוריאַן*) אָבער נישט קיין בוריאַן צווישן בלומען, ווערנד ער האָט זיך נישט גע־קימערט, עס וועט מיר אויסקומען צו שרייבן וועגן דעם אין די ווייטערע קאַפּילען מער אויספירלעך פון אמעריקאַנעם לעבן.

ער איז געלעגן מיט דער געגיפּסעוועטער פוס אין בעט אַ וואָך זיבן. דעם אָוונט וואס איך בין ארויסגעפאָרן מיט מיינע חברים און מיט די חברטעס אַף דער לאָדקע, האָט ער איבערגעלעבט חבוט הקבר, ווייל ער האָט נישט געהאט קיינעם ווער עס זאָל אַף אים די קלענסטע אכטונג געבן. מיין מוטער — זיין שוועסטער — פלעגט שלאָפן ווייט פון זיין צימער ; ווען איך בין געקומען פארטאָג, איז פאר אים געווען ווי איינער וואָלט דערזען אליהו הנביא. ער האָט ערשט דאַן אָפּגעשאצט מיין פארדינסט און ווען ער האָט מיך גע־פרעגט ווי אזוי בין איך אוועק פון אים פאר אַזוי לאַנג, נישט נעמענ־דיק אין אכט זיין לאַגע, האָב איך אים געזאָגט זיינע ווערטער: „וואָס קימערט מיך די צוקונפט, אבי איך האָב הנאה געהאט פון דער געגענוואַרט“ ; ווען איך זאָל זיך געווען זאָרגן פאר אים, וואָלט איך דאָך נישט געקענט הנאה האָבן אליין ; עס האָט אים נישט גע־

---

*) ווילדע גראָז.

שמעקט אבער ער האָט דאָס ארונטערגעשלונגען ווי א „ספּאָרט“, ווי אַ העלד.

איך בין זיכער, אז דער צופאַל האָט אים נישט אנדערש געמאכט, עס האָט אפילו אף אים נישט געווירקט אז ער זאָל זיך פארטראכטן. פארקערט, מיך האָט דער צופאַל שפּעטער מיט יאָרן געמאכט צו נאָכדענקען אז מענטשן מוזן זיך רעכענען אין זייער גענוס, מיט דעם וואוילזיין פון אנדערע מענטשן. איך מוז זען אז מיין וואוילזיין זאָל נישט זיין א שטערעניש פאר א צווייטן, צי איך גענים נישט צופיל אף דעם רעכענונג פון אנדערע, צי מיין פארגעניגן שאט נישט אַנאַנדערן, און אין שפּעטערע יאָרן, ווען איך האָב זיך מיט אים באגעגנט אין אמעריקע, פלעג איך מיט אים שטענדיק האָבן א ויכוח וועגן דער פראגע, צי איינער האָט א רעכט צו לעבן אַ גוטן טאָג, נישט קימערן זיך צי דאָס איז אף דעם רעכנונג פון אנדערע ?

אזוי דיסקוטירנדיק, דערביי עטוואס לעזנדיק, זענען מיר געווארן סאָציאַליסטן, און ווען מיר האָבן זיך באקענט אביסל מער מיטן סאָציאַליזם, זענען מיר געוואָרן ווי די מערערע אינטעליגענטע אידישע עמיגראנטן — אנארכיסטן, און זענען אריין אין דער גרופּע „פּיאָנערן דער פרייהייט.“

ער האָט אָנגענומען די לערע פון אנארכיזם דערפאר, וואס דער אנארכיזם האָט אים פארשפּראָכן מער פרייהייט און נאָך מער, ווייל ער האָט גערדיינקט אז נאָך אין זיין צייט וועט ער לעבן אין אַן אנארכיסטישער געזעלשאפט, וועט נישט זיין געשטערט פון זיין אינדיווידועלע פרייהייט, און וועט נישט דארפן ארבעטן מער וויפיל ער דארף פאר זיין געברויך ; אבער דאָס איז שוין געשיכטע פון אמעריקע, און דארום וועל איך זיך אומקערן צוריק צום ענין.

מיט זיין הינקנדיקער פוס איז פארבונדן נאָך א פאַל וואס כאַראַקטעריזירט רוסלאַנד, ווען ער, מיין פעטער פיינמאַן (אָגאָז) האָט זיך נישט געשטעלט צום פּריזיוו*), פלעגט מען באַ אונדז פון צייט

*) רוף פאר סאָלדאטן.

צו צייט מאכן אָביסקעס, צי מ׳וועט נישט געפינען פיינמאַנען באַ אונדז, ווייל אין דעם יאָר וואס ער האָט זיך באַדאַרפט שטעלן צום פריזיוו פלעגט ער זיך געפינען באַ אונדז.

אַזוי געדיינק איך ווען איך בין נאָך א קליין קינד געווען, זענען צו אונדז אין הויז אריינגעקומען אן אוראדניק*) מיט דע-סאטניקעס**) א פּאָר מאָל; איינמאָל, פסח צום סדר און א פּאָר מאָל אין אנדערע יום טובים באַנאַכט, און ווייל זיי האבן פון אים קיין שפור נישט געפונען, האבן זיי די אָבלאָוועס***) אויפגע-געבן פאר עטלעכע יאָר.

איינמאָל, א קורצע צייט פאר זיין אוועקפאָרן קיין אמעריקע, ווען מיר האָבן שוין געוואוינט אין אַנאַנדער געגענט, זענען באַטאָג אָנגעקומען ווידער אן אוראדניק מיט דעסאטניקעס זוכן צי איז פיינ-מאַן נישטאָ באַ אונדז אין שטוב. גראָד איז ער דאַן געווען באַ אונדז אין שטוב און איז געשלאָפן. זיי האבן אים אויפגעוועקט און געפרעגט ווער ער איז. האָט ער זיי געצייגט א פּאַספּאָרט, אז ער הייסט אָגאָז און נישט פיינמאַן. פונדעסטוועגן האָבן זיי אים אַוועקגעפירט אין פּאָליציע. דאָרטן האָט מען אים גענומען אויף א פאַרהער, ער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און געלייקנט שטיין און ביין. דערצו האָט אים געהאָלפן זיין הינקען, און ווען מען האָט אים געפרעגט ווי לאַנג הינקט ער? האָט ער געענטפערט, פון קינד-ווייז אָן. האָט מען אים באַפרייט און אין קורצן איז ער דאָס צוויי-טע מאָל אוועקגעפאָרן נאָך אמעריקע אין 1885.

*) זשאַנדאַר.

**) פּאָליסלייט.

***) אונטערזוכונג.

———:———

נאָכוואָרט:

מיינער א פעטער צעברעכט זיך אַ פּוס.

ווי עס איז „ידוע" — האָבן מלאכים קיין שום חסרונות נישט, נאָר דעם איין-איינציקן וואָס זיי געפינען זיך אין די הימלען...

א מענטש אָבער, קען נישט באַשטיין פון גאָלע מעלות און אפשר איז דאָס אויך גאָרנישט ווינטשנסווערט...

וויכטיק איז נאָר די פּראָפּאָרציע-פאַרהעלטעניש וואָס דאָ-מינירט בא דער געגעבער פּערזאָן, ווייל אָפט ווערן די גרעסטע מעלות צוגעדעקט מיט איין איינציקן חסרון און, פאַרקערט, זייער אסך חסרונות ווערן גאָרנישט באמערקט אָדער ווערן פאַרטושט צוליב א געוויסע מעלה.

מיר ווייסן אַלע, אז אָפט סימפּאַטיזירן מיר מיט א מענטשן צוליב עפּעס וואָס האָט קיין נאָמען נישט, א באַהאַלטענע מעלה וואָס דער מענטש ווייס אליין נישט פון איר קיום, וועגט אריבער די חסרונות זיינע — אָפט גאַנץ בולטע ווי א שטייגער: עגאָיזם, האַרטהערציקייט, גאווה א. ד. ג.

מיר איבערצייגן זיך זייער אָפט אין לעבן, אז אונזער ליבע שענקן מיר צו מענטשן — אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון זייערע מעלות און חסרונות.

אפשר שטאַמט דערפון דאָס פאָלקסווערטעל: „די ליבע איז בלינד" ? !

אין געשעעענישן פון טאָג-טעגלעכן לעבן ווערן מיר אַלץ מער איבערצייגט, אז אף דעם דאָזיקן ווערטל קענען מיר זיך פאַרלאָזן.

אונזער קאָפּ דיקטירט אונז איינס און דאָס הארץ טוט זיך זיינס.

———:———

25־טער קאַפּיטל.

מיין טאַטע פאַרמישט אין אַ קאָנספּיראַציע.

אַ פאַרשפּעטיקטער שלוש סעודות. — איך מוז עסן אין קיך. — אַ חשד אַפן טאַטן. — דעם טאַטנס אויסערלעכקייט. — אַ גוי־שער שפּיצל. — די פּאָמאָיניצע אַ פּויער־לעשער. — פאַר־שוויצטע קאָנספּיראַטאָרן. — דער באַרג האָט אַ מויז געבוירן.

איינמאָל, אין אַ שבת פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי איך האָב שוין עקספּלואַטירט אַלע מיינע קרעפטן אַף פאַרשיידענע פאַרמעסטונגען און שפּילעריי, כאָטש שבת טאָר מען נישט, בין איך אַהיימגעקומען שטאַרק הונגעריק.

מיין מוטער האָט, ווי עס פירט זיך אין אַזאַ פאַל, אויסגע־רעכנט אַלע עוולות און מיר פונדעסטוועגן געגעבן דאָס בעסטע און דאָס שענסטע וואָס זי האָט נאָר געהאַט צום עסן. נישט מער וואָס דאָס מאָל האָט זי מיר אַליין דאָס נישט געגעבן, נאָר געהייסן דער דינסט מיר דערלאַנגען עסן און נישט אין עסצימער, ווי געוויינלעך, נאָר אין קיך. דאָס האָט מיך אַביסל פאַרוואונדערט, ווייל איך האָב באַמערקט, אַז די טיר פון עסצימער איז פאַרמאַכט.

פאַר נייגעריקייט בין איך צוגעגאַנגען צו דער טיר און געוואָלט עפענען, אָבער בשום אופן האָב איך נישט געקענט, ווייל זי איז געווען פאַריגלט פון אינעווייניק. די מאַמע האָט מיר שטרייגנ אַ זאָג גע־געבן, אַז איך זאָל אַפילו זיך נישט דערוועגן אַריינקומען אַהין.

מיך האָט דאָס פאַרדראָסן, און גלייכצייטיק געוואונדערט, ווער קאָן דאָס זיין? און פאַרוואָס טאָר איך נישט אַריינקומען? איך האָב געפרעגט וואו דער טאַטע איז, האָט די מאַמע געענטפערט, איך זאָל גיין אין בית המדרש, וועל איך אים דאָרטן טרעפן. די ווער־טער האָבן מיך נאָכמער נייגעריק געמאַכט, און איך האָב באַשלאָסן

צו וואַרטן, ביז די מענטשן פון אינעווייניק וועלן ארויסגיין, ווייל ווען איך האָב זיך צוגעהערט האָב איך דערהערט מיין טאַטנס און אנדערע שטימען. זיצנדיק אזוי און וואַרטנדיק, בין איך געוואָרן שטאַרק אומגעדולדיק און אומרואיק. איך האָב נישט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן. אין אזא צושטאַנד און אונטער אזעלכע אומשטענדן איז שווער צו דיינקען לאָגיש. די געדאַנקען קאָנען זיך נישט קאָנצענטרירן אף איין פּונקט, קומען צו א באַשטימטן באַשלוס, באַזונדערס בײַ א יונגן מענטשן.

איך בין דאַן שוין אַלט געווען א יאָר זעכצן, גראָד איז דאַן געווען אַן אומרואיקע צייט, פּאָליציי פלעג אָפּט מאַכן אָבלאַוועס און זוכן פאַלשע געלט-מאַכער און אנדערע פאַרברעכער. איך מוז זיך מודה זיין, אז עס זענען מיר דאַן ארויפגעקומען גאָר נישט קיין שיינע געדאַנקען וועגן מיין טאַטן, איך האָב וועגן אים געטראַכט זאַכן, וועלכע וואָלטן אים קיין כבוד נישט פאַרשאַפט. ווען דאָס וואָלט טאַקע געווען אזוי אין דער ווירקלעכקייט, וואָלט איך געוואוסט, ווער עס געפינט זיך אין עסצימער, וואָלט איך זיך געקענט משער זיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך; ווען די מאַמע וואָלט מיר ווייניקסטענס געגעבן א פאַרנינפטיקן ענטפער אף מיין פראַגע, ווער דאָרטן איז, וואָלט מיין נייגעריקייט פאַרשוואונדן און מיין פאַנטאַזיע וואָלט זיך נישט צעשפּילט אף אזא אומגעלומפּערטן אופן, פול מיט אומרעכט צו מיין טאַטן. עס איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אַז איך האָב אפילו געטראַכט, וואָס איך זאָל טאָן, ווי איך זאָל זיך נוהג זיין, ווי צו רעאַגירן, אז מיין טאַטע קאָנספּירירט צו באַגיין א פאַרברעכן קעגן עמיצן. דאָס האַרץ האָט מיר ווי געטאָן פאַר מיין טאַטן, בײַ דעם געדאַנק: א פאַרברעכן קעגן עמיצן — הגם איך האָב געוואוסט, אז מיין טאַטע איז נישט פייאיק אף אזעלכע זאַכן, סיידן די אנדערע מענטשן רעדן אים צו. איך בין געוואָרן א דם שונא יענע אומבאַקאַנטע מענטשן אינעווייניק.

אף א פּאָליטישן פאַרברעכן בין איך כמעט ווי זיכער געווען, אַז מיין טאַטע וועט נישט איינגיין, ווייל עס איז נישט געווען אין

איינקלאנג מיט זיינע איבערציינונגען. ער פלעגט תמיד זאָגן: אז „בעטן גאָט אױף דער מפלה פון א שלעכטן פריץ איז נישט דאָס בעס־טע מיטל, ווייל מען קען נאָך אויסבעטן אױף אן ערגערן,“ און אז „א לאנד אָן א פירער איז ווי א חדר אָן א רבין.“ כאָטש ער האָט גע־האט א ווערטל: „אין די מאזאָליעס פון די אָרימע ליגן די מזלות פון די רייכע“, האב איך זיך דעם טאטן קיינמאָל נישט פאָרגע־שטעלט אױף די באריקאדן. הקיצור, איך האב איבערגעטראכט, וואס איך האָב זיך נאָר געקענט פאָרשטעלן אין מיין אינגעלשער פאנ־טאזיע, אפילו וועגן אָפּ׳גאָט׳ן דער מאמען אומגעריכטערהייט, אױף אן אומגערעכטן אופן. אױף אלצדינג האָב איך גערעכנט, נאָר נישט אױף דעם אין וואָס די קאָנפערענץ איז ווירקלעך באשטאַנען.

אזוי טראכטנדיק זענען אין מיינע גדאנקען דורכגעלאָפן די ענדערונגען וואס איך האב פריער נישט באמערקט אין מיין טאטנס אויסערלעכקייט. אין קליידונג, באנעם צו זאכן. בא מיר איז פריש געוואָרן אין זכרון, ווי מיין טאטע פלעגט אמאָל טראָגן שבת און יום טוב פאנטאָפל מיט לאנגע ווייסע זאָקן, מיט די הויזן אריינגע־לאָזן אין די זאָקן, אן אטלאסענע קאפאָטע, מיט א גארטל ארומגע־בונדן, מיט א מאָרענע זשיפּעצע, די העמד מיט ברייטע אָרבל, וועל־כע ער פלעגט אָפט באנוצן צום איבערזייען א טרונק וואסער פון דייזשקע און נאָך אָפטער באַם טרינקען קאלטע וואסער פון קרע־נעצע. דער קאָלנער פון דער העמד א גרויסער, צעבראָסטעט, תמיד נישט פארשפיליעט; א היטל מיט א יארמולקע*) וועלכע ער פלעגט קיינמאָל נישט ארונטערנעמען פון קאָפּ, סיי באטאָג און סיי באנאכט, מיט א היפּשן ארבע כנפות; פּאות נישט קיין געקרייזלטע, אָבער נישט קיין קליינע; א פאטשיילקע ארומגעבונדן באַם פּוס, שבת, גייענדיק אין און פון בית מדרש; ער פלעגט שבת זינגען זמירות און דערביי צופּליעסקען מיט די הענט צום טאקט. טובלען זיך אין מקוה פלעגט ער גיין זייער אָפט און איבערהויפּט אין די ימים נוראים. איך האָב אפילו געהערט דערציילן, אז לעבנדיק אין

---

*) אונטערהיטל.

רעזישטשעוו, פלעגט ער ווינטער גיין האָבן טבילה אינם דניעפּער אין א פּאלאנקא.

אָט די אלע זאכן האָבן זיך ביסלעכווייז געענדערט, כמעט נישט באַמערקבאר, ביז דאָס איז אינגאנצן פארשוואונדן, און דער טאַטע האָט זיך מאָדערניזירט סיי אין אויסערלעכקייט, בגדים, מנהגים און וועלט-באַנעם, ביז עס איז דערגאַנגען צו אָפענעם חלול שבת.

איך האָב זיך דערמאנט אז אמאָל פלעגט דער טאַטע אויפשטיין פארטאָג, אָפריכטן חצות, ווען מיר האָבן געוואוינט אויף דער אלטער שטאָט, און געהאלטן דעם שיינק. ווי ער פלעגט ארומגיין שטילער-הייט, אָדער זיך אוועקזעצן אין א ווינקל לעבן א קליין ליכטל, און אַריינקוקן אין א ספר. די געדאנקען האבן דערפירט צו קוריאָזע פּאַסירונגען, ווי א גוי איז איינמאָל פארטאָג פארבייגעגאנגען אונ-דזער הויז, האָט דערזען דורכן שפּאַלט פון א פארמאכטן לאָדן א שיין פון ליכט, האָט ער אריינגעקוקט און דערזען מיין טאַטנס באַ-וועגונג, האָט זיך אים פארגלוסט אָפּצוטאָן מיין טאַטן א שפּיצל, האָט ער א שטארקן קלאַפּ געטאָן, אָנגעהויבן שרייען:

„אבראמקאָ, ראטאיטע, טוואָיא כאטאַ האָריט"*). מיין טאַטע האָט זיך זייער דערשראָקן, אויפהייבנדיק זיך פון אָרט, איז דאָס ליכט ארונטערגעפאלן, און דער טאַטע האָט דאָס נישט באַ-מערקט, ביז ער האָט אלעמען אויפגעוועקט, אונטערדעסן האָט דאָס ליכט אָנגעצונדן א ספר, און איידער ער האָט געעפנט די טיר, און דערהערט דעם גוי'ס געלעכטער, אז דאָס איז נאָר געווען א שפּאָס, און איז אריין צוריק אונדז באַרואיקן, איז שוין כמעט געוואָרן אן אמת'ע שריפה, און ווען דער גוי וואס האָט געמאכט דעם שפּאָס, וואָלט ניט געקומען צו-הילף, וואָלט געקומען צו אן אמת'ן פייער.

אז דער גוי האָט דערזען דאָס פייער, האָט ער גלייך געכאַפּט די פאָמאָינעצע וואס איז געשטאַנען אין קיך, און מיט איר אויסגע-לאָשן דאָס פייער. ווער ווייסט וואס נאָך פאר א מחשבות עס וואָלטן

*) אברהם, ראטעווע, דיין שטוב ברענט.

מיר ארויפגעקומען, ווען נישט דאָס, וואס די טיר פון עסצימער זאָל זיך נישט געווען עפנען.

איך האָב דערזען פון דאָרטן ארויסגייענדיק מאיר וואָלאָדארסקי, א העכסט געלערנטער יונגערמאַן, וועלכער איז געווען דאָ אין אמעריקע א לערער אין יעיל קאלעדזש און איז געשטאָרבן מיט אַ צען יאָר צוריק; סאָבל, דער אדוואָקאט, וואלאדארסקים א שוואָגער, א זייער געבילדעטער מענטש; וועלוועלע ליבערמאַן, מאָטל דעם דינ׳ס איידעם, א גרויסער לערנער, און מיין טאַטע. אלע זענען געווען פארשוויצט און פארחלומט, האָב איך זיך באַרואיקט. איך האָב געקענט די אלע פערזאָנען, און האָב זיי נישט געקענט חושד זיין אין ארונטערפירן מיין טאַטן פון וועג.

צווישן די רייד זייערע האָב איך דערהערט, ווי וועלוועלע ליבערמאַן האָט א זאָג געטאָן: „ער איז נאָכאלעמען גאָרנישט געווען אַזאַ גרויסער אפיקורס“. דערהערט דאָס ווארט אפיקורס, האָב איך שוין באגריפן, אז דאָ אין דער קאָנספיראציע צווישן די דאָזיקע מענטשן איז נישט באגאנגען געוואָרן קיין שום פארברעכן, פון וואָס קליינע קינדער קענען חלילה גיין פון דער וועלט. עס האָט מיך נאָר פארדראָסן, פארוואס איך האָב פארלוירן א פארטיע שפיל אין „מיאטש“.

ווען זיי זענען אלע אוועקגעגאנגען אינאיינעם מיט מיין פאָטער, בין איך אריין אין עסצימער א קוק טאָן טאָמער וועל איך געפינען א שפור פון דעם וואס עס איז דאָ פאָרגעקומען. נאָך א פולער אונטערזוכונג, האָב איך געפונען צוויי פרעמדע ספרים: דעם „מורה נבוכים“ און דעם „דור דור ודורשיו.“

———:———

נאָכוואָרט:

מיין טאַטע פאַרמישט אין א קאָנספּיראַציע.

מיר אַלע לעבן איצט אין א געזעלשאַפט פון טאָלעראַנץ, הומאַניזם און מאָדערנע טעכניק און דער יונגער דור, וואָס איז געבוירן און געוואַקסן אין אָט דער געזעלשאַפט, איז זיכער, אַז אָט אזוי ציט זיך עס פון אייביק, מקדמונים, פון ששת ימי בראשית.

דער אַלטער דור געדענקט אָבער זייער גוט די אַמאָליקע צייטן, וועט אייך דערציילן וויפיל מענטשן עס האָבן באַצאָלט מיט זייער פרייהייט, געזונט און אפילו מיט זייער, אָפט, יונגן לעבן פאַר זאַכן, וואָס זענען איצט א זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט ווי א שטייגער — קריטיקירן די טעטיקייט פון פאַרשיידענע רעגירונגס אַנשטאַלטן און באַזונדערע שטאַטסמענער; פאָדערן בפרהסיא סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אויסבעסערונגען.

די געשיכטע ווייס צו דערציילן, אַז צוליב די אמתן וואָס זענען היינט א טאָג-טעגלעכקייט, האָבן מענטשן פאַרענדיקט זייער לעבן ווי מאַרטירער. פאַרן אמת „די ערד דרייט זיך" — וואָס איז קלאָר פאַר איטלעכן שול-קינד פון א געוויסן עלטער, האָט אמאָל באַצאָלט מיט זיין לעבן דער מענטש-גאַליליי. מען האָט אים פאַרן וואָגן ארויסצוזאָגן אזא געדאנק נישט מער און נישט ווייניקער ווי פאַרברענט לעבעדיקערהייט אַפן שייטערהויפן.

וויפיל טויזנטער, מיליאָנען, זענען אומגעקומען אין די אַלטע דורות פאַר זייער גלויבן א. ד. ג.

עס איז א טרויערריקער אָבער אמתער פאַקט, אַז אידן זענען אין דעם פרט נישט אָפּגעשטאַנען פון נישט-אידן און האָבן שרעקלעך פאַרפאָלגט מענטש, וועלכע האָבן געוואַגט צו זאָגן, צו לייענען, צו טאָן עפּעס, צו לערנען אפילו זאַכן, וואָס האָבן קיין דירעקטן שייכות נישט געהאַט צו רעליגיע.

עס איז גענוג אָנצואווייזן אַף ספּינאָזא, אקאָסטא און אנדערע מאַרטירער-קרבנות פון אידישן פאַנאַטיזם...

צוויי-הונדערט-ניין-און-צוואַנציק

26-טער קאַפּיטל.

באַ מיינעם אַ לערער אין הויז מאַכט מען אָן אַביסקע.

גענצוואונגען צו ריידן רוסיש. — חכמים זשאַנדאַרן. — אַן המצאה פון אַ אידן. — „טשטאָ דיעלאַט" פאַר אַ סידור.

אין יאָר 1882 האָב איך זיך אָנגעפאַנגען צו פאַרפערטיקן צו אַן עקזאַמען פון 5-טן קלאַס גימנאַזיע, דאַן ווען מיין פאָטער האָט מיר פאַרשפּראָכן אַז ער וועט מיך לאָזן אַריינקומען אין גימנאַזיע, נישט אַכטנדיק אויף זיין חסידישקייט, האָב איך געדונגען פאַר אַ לערער אַ געוויסן גימנאַזיסט יעקב ביק, וועלכער איז אַליין געווען אַ גימנאַזיסט פון 7-טן קלאַס, טאַקע אין אונדזער שטאָט בעלאָצערקאָוו. ער איז געווען עלטער פון מיר אינגאַנצן מיט אַ יאָר 4. אין אַזאַ קליינעם אונטערשייד פון יאָרן איז נישט שייך צו זאָגן האָבן אָפּשיי פאַר אַ לערער, בפרט נאָך ווען מיר האָבן צוזאַמען געשפּילט אין „מיאַטש"*) און איך האָב זיך אויסגעצייכנט פאַר אַ גוטן שפּילער, זענען מיר געווען חברים, דאַרום פלעג איך אָפט זיין באַ אים אין הויז און האָב זיך געקענט מיט אַלעמען אין שטוב.

איינמאָל, אין אַ שבת באַטאָג, איז פּלוצלונג אָנגעקומען דער איספּראַווניק מיטן פּריסטאַוו, און אַן אוראַדניק מיט 4 זשאַנדאַרמען און האָבן אַלעמען באַפוילן פאַרבלייבן אין שטוב, נישט אַרויסגיין ביז זיי וועלן הייסן. מיר, דעם איינגסטן פון אַלעמען, נישט קיין איינעם, האָט מען אויך געהייסן בלייבן.

איך האָב זיך נישט פאַרלוירן און האָב באַאָבאַכטעט די גאַנצע סצענע. אַלע קאַסטנס, אַלע קאַרזינעס, אַלע שופלאָדן, וואָס האָבן

---

*) באַל.

זיך געפונען אין שטוב, זענען געפּנט געוואָרן, און יעדער זאַך איז איבערגעטאַפּט געוואָרן פילע מאָל. אין אַלע שאַפעס אַריינגעקוקט, יעדן בוך, יעדן ספר, יעדעס געשריבענעם שטיקל פּאַפּיר איז איבער-געקוקט געוואָרן, מען האָט פאַרזאָגט נישט צו ריידן צווישן זיך און אודאי נישט צום פאַרדעכטיקטן, גרישען ביק, זייער זון, וועלכער איז געווען מיין לערערס א ברודער, אויף קיין אנדער שפּראַך אחוץ רוסיש.

די מוטער, געדיינק איך, האָט גע׳חלשט, ווען מען האָט איר געזאָגט אז איר זון איז א פאַרדעכטיקטער ניהיליסט. דער פאָטער, דוד ביק, א פּראַקטישער סוחר׳שער מענטש, איז געבליבן בײַ זיין נאַטירלעכן פאַרשטאַנד און איז געפאַלן אויף אן המצאה ווי אזוי זיך דורכריידן מיט זיין זון און געוואויר ווערן אין וואָס עס האַנדלט זיך, צי ער איז טאַקע פאַרמישט אין דעם פאַרדאַכט, אָדער דאָס איז אן אויסגעטראַכטער בלבול? צי מען קען עפּעס דאָ בײַ אים אין הויז געפינען עפּעס פאַרדעכטיקס אָדער פאַרבאָטענעס? אויב יאָ, וויל ער ווייסן וואו עס ליגט עפּעס? האָט ער גאַנץ רואיק צו אונדזער אַלע-מענס איבעראַשונג, אַנגעפאַנגען ווי דאַווענען, און האָט גענומען זיין טלית און תפילין און א סדור און האָט זיך געשטעלט אין א ווינקל זיך שאָקלענדיק און אָנגעפאַנגען ריידן מיט א הויכן נגון פון דאַוו-נען: „מיין זון, גיב מיר א צייכן אויף מיינע פראַגעס מיט א שאָקל מיטן קאָפּ „יאָ״, אָדער „ניין״, אזוי, אז עס זאָל נישט זיין באַמערק-באַר פון די ערלים. קען מען עפּעס בײַ אונדז אין הויז געפינען פאַרבאָטענעס? האָסטו פּאַפּירן, אדרעסן אָדער ביכער בײַ זיך, וואָס דו וואָלסט וועלן פּטור ווערן? איך וועל דיר אָפּגעבן דעם טלית און תפילין, און דו וועסט האָבן א געלעגנהייט עפּעס צו טאָן.״

ער האָט אים אויף אַלעם געענטפערט מיט א שאָקל מיטן קאָפּ „יאָ״, אָדער „ניין״.

די זשאַנדאַרן מיט די איבעריקע זענען געווען פאַרטאָן אין דער אַביסק, און האָבן נישט געשאַנקען קיין אויפמערקזאַמקייט אויף דעם וואָס א איד דאַוונט. דער רעזולטאַט איז געווען, אז זיין פאָטער איז געלונגען אַריינכאַפּן פאַר א סידור טשערנישעווסקים בוך, „טשטאָ

דיעלאַט"*). קיין פארבאַטענעם האָבן די זשאנדארמען אין הויז נישט געפונען. פונדעסטוועגן האָט מען דעם זון צוגענומען, און נישט אַכטנדיק אַף דעם וואס דוד ביק אליין איז געווען אַן איינפלוס-רייכער מענטש בּאַ דער פּאָליציי, דאָך האָט מען זיין זון גרשון אוועקגענומען אונטער א וואָך, און מען האָט אים אַף מאָרגן אוועק-געשיקט קיין קיעוו. פון דאָרט ווייטער און ווייטער. אין עטלעכע יאָר שפּעטער, אין יאָר 1887, ווען איך האָב געהאלטן בּאַם פאָרן קיין אמעריקע, האָט מען נאָך אַלץ נישט געהערט פון אים. מען האָט געזאָגט „באָט-טאָ-בע"**) אַז ער איז אַפּ'ן וועג קיין סיביר קראַנק געוואָרן און איז דאָרט געשטאָרבן. מען האָט אויך געזאָגט, אַז מען האָט אין זיינע קאָרעספּאָנדענציעס געפונען בריוו פון א פּאָר פּראָ-מינענטע ניהיליסטן.

אין די ערשטע פּאָר יאָר נאָך אלעקסאנדער דעם צווייטנס אַטענטאַט איז אין פּילע שטעט, וואו עס זענען געווען גימנאַזיעס, פאָרגעקומען ענלעכע אַביסקעס. עס איז גענוג געווען אַז עטוואס א „סלוך"***) זאָל געמאכט ווערן וועגן עמיצן און מען זאָל דעם באַטרעפענדן פאַרדעכטיקטן פּערזאָן גלייך אוועקנעמען, און נאָכהער מאַכן ספּראַווקעס צי דער פּערזאָן איז שולדיק צי נישט. דערווייל פלעגן יונגע מענטשן שמאַכטן אין די טורמעס.

*) וואָס צו טאָן.

**) ווארשיינלעך.

***) אַ געהער.

נאָכוואָרט:

באַ מיינעם א לערער אין הויז מאַכט מען אַן אָביסקע.

זייער אָפט פּאַסירט, אז מענטשן ברעכן דעם קאָפּ צו געפינען אַן אויסוועג, זיך געפינענדיק אין א פאַרלעגנהייט, און נישט פון אָרט. מען מאַטערט זיך אָפּ שטונדן לאנג טראַכטנדיק ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען, אויסצומיידן, לינדערן די שאַרפקייט פון מאָמענט און מען קען קיין אויסוועג נישט געפינען. נישטאָ! מיט אַמאָל פּליט דורך א בליץ-געדאנק און לייזט די שווערע פּראָבלעם זייער איינפאַך און — נאָך מער — ער באַווייזט אייך אַז די גאַנצע זאַך איז גאָר נישט געווען אַזוי שטאַרק קאָמפּליצירט, די שאלה גאָר נישט אַזוי הארב — אַלץ אַזוי פּשוט.

אייך וואונדערט נאָר, פאַרוואָס איז דאָס נישט איינגעפאַלן בעתן קנייטשן דעם שטערן, בעת איר האָט זיך געפּלאָגט און געמאַטערט, בעת איר האָט זיך גענויטיקט אין דעם, ווען דער איינפאַל האָט אייך געקענט ברענגען נוצן, אָפּט ראַטעווען און איז געקומען ערשט דאַן ווען איר נויטיקט זיך שוין מער נישט אין דעם, אָדער קען שוין אייך נישט מער ארויסהעלפן...

עס פּאַסירט, אז גראַד די אַזוי גערופענע — קאָמפּמענטשן געפינען זיך אין אַן עת צרה קיין עצה נישט און א גאַנץ פּשוטער בשר ודם מיט זיין נאַטירלעכן, נישט צוגעשפּיצטן שכל ווייזט אָן דעם אויסגאַנג, דעם ריכטיקן וועג ווי זיך צו העלפן אָן שום אָנשטרענגונג דערביי.

עס קומט אָבער אויך פאָר, אז נאָר אין נויטיקן מאָמענט, נאָר אין דער עת צרה קומט דער נויטיקער איינפאַל, די נויטיקע המצאה און ראַטעוועט אַרויס פון דער קלעם.

27-טער קאַפּיטל.

צירק און טעאטער.

באבע און „ניאניע“. — גייסטיקע אנטוויקלונגס-אינסטיטוציעס. — פאָלקס און נאַציאָנאלע לידלעך. — דער רעבינקער גדול — אליין דער שמיד פון זיין גורל. — די ערשטע אידישע טרופּעס.

די נאַטור פון א קינד איז ווי קוועקזילבער — עס רוט נישט. מיט דעם איינציקן אונטערשיד וואס קוועקזילבער ווערט צוזאמענגעצויגן אין קעלט און צעפליסט זיך אין ווארימקייט, בעת די נאַטירלעכע ענערגיע פון קינד בלייבט דיזעלביקע סיי אין ווארימקייט, סיי אין קעלט.

קיין גייסטיקע אינסטיטוציעס פאר קליינע קינדער, און אפילו פאר דערוואקסענע, זענען אין מיינע צייטן אין די קלענערע שטעט פון רוסלאנד נישט געווען. פון קיין קינדער-גערטנער האָט מען נים געוואוסט, פאָרשטעלונגען פאר קינדער זענען ניט געווען, קיין קינדער-ליטעראטור, אודאי ניט. דאָס קינד האָט געהאט איין איינציקן קוואל פונוואנען צו געניסן: די באָבע אָדער די גוישע ניאניע. דער חלוק צווישן זיי ביידן איז געווען אין דער מאָראַל, וועלכע איז באַ דער באָבען, אלס אידישע טאָכטער, געווען אַף א געוויסער שטופּע העכער און ריינער, אבער אין וועלטלעכע זאכן האָט זיך זייער באגריף ווינציק וואָס אונטערשיידעט. דער אלגעמיינער, וועלטלעכער בליק, איז באַ ביידן געווען אין דערזעלביקער מאָס. די באָבע פלעגט דערציילן מעשיות וועגן גיהנום און גן-עדן, די ניאנע — וועגן שדים און רוחות. די באָבע פלעגט זאָגן, אז מען שטראָפט אַף יענער וועלט, אז פון יעדער זינט ווערט א רוט און מען לייגט זיך אליין און מ'שמייסט זיך גוט... און די ניאניע פלעגט זאָגן, אז מען קאטעוועט סתם אַף יענער וועלט.

אין איין זאַך האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן דאָך אונטערשיידט. דאָס איז געווען אין די קינדערשע שלאָף-לידער וואָס זיי האָבן גע-זונגען. ביים ליינן שלאָפן א קינד, איבערהויפּט א אינגל, פלעגט די באָבע זינגען, אז „א אינגעלע וועט האנדלען מיט ראָזשינקעס און מאנדלען, ווענן תורה וואס איז די בעסטע סחורה.״ זי פלעגט זינגען פון אידישן גלות, יציאת מצרים, חורבן בית המקדש, ארץ ישראל, פון דער גרויסער ליבע פון רבונו של עולם צו זיין אויסדערוויילטן פאָלק ישראל, וועמען ער האָט באגליקט מיט די צען געבאָט אפן בארג סיני, בעת די גוישע ניאַנע פלעגט זינגען פון מלחמה-העלדן, ים-גזלנים, גרויזאמע הערשער, היידאמאקעס,*) פון גרויסע פּריצים און זייערע ווילדע קאפריזן און מעשים, פון דער מוטשעניִנע פון פאנסטשינע,**) פון מענער וואס שלאָגן מכת רצח זייערע ווייבער, א. ד. ג.

ביידע אבער, סיי די באבע, סיי די ניאנע האבן דעם קינד נישט געגעבן קיין אימפּולס, אז זיין קינדישער מוח זאָל אָנהייבן ארבעטן אין דער ריכטונג פון א סביבה, אומגעבונג, וואס איז צוגענגליך פאר זיין עלטער. ווען נישט דער חדר — שוין אפילו מיט אלע זיינע חסרונות — וואָלטן טאקע די אידן געשטאנען אסך נידעריקער ווי זיי זענען געשטאנען אפשר, נידעריקער אפילו פאר די גוים.

דער גוי האָט א מקור צו שעפּן וויסנשאפט, זיך צו אנטוויקלען — די פרייע נאטור אין אירע טויזנטער פארשיידנארטיקייטן שטייען אים תמיד צו דינסט און ווילנדיק, נישט ווילנדיק קומט אים אויס זיך אָפּט צו פארטראכטן וועגן די אָדער יענע נאטור-דערשיינונגען און נאטור-געזעצן. אידן האָבן דאָס נישט געהאט.

די אומשטענדן אין וועלכע אידן האבן זיך געפונען, פארטריבן פון דער ערד און אינדוסטרי (פאבריקן, זאוואָדן, א. ד. ג.) האָט זיי די נויט געטריבן צו קליינהאנדל, הויז-מלאכה און פארמיטלעריי. דאָס אלץ האָט געשפּיצט דעם מוח, געשארפט די קאָפּ, געמאכט

*) פרייע קאָזאקן.

**) מאטערניש פון לייב-אייגנשאפט.

דעם אידן באוועגלעכער, פלינקער, „גערינבענער", אזוי ווי דעם צי־
גיינער וועלכער איז א מאדים צו פארקויפן זיין „קליאטשע" ווי
עפעס רעכטס, אבער אין אנטוויקלונג איז דאָך דער ציגיינער אויך
נישט ווייט אוועק...

איך וויל דערמיט זאָגן, אז קינדער אין זייער פריעסטן יוגנט
מוזן האָבן א צוגאנג דירעקט צו דער מוטער־נאטור, אָדער אזא
סביבה, א געזעלשאפט וואס זאל זיי שטויסן, אינסונירן אין א גע־
וויסער ריכטונג, וועקן צו טעטיקייט. אויב די עלעמענטן זענען
דורכגעלאָזן אין דעם קינדס דערציאונג, קען פאסירן אז דעם קינדס
ענערגיע זאל איבערברענען און דאס קינד זאָל זיך ארומטראָגן מיט
דעם אַש פון זיין אייגענער שריפה ביזן טיפן עלטער.

אַ שטויס, אַן אָנרעגונג אף צו פארטראכטן זיך וועגן עפעס אַ
דערשיינונג, קען קומען דורך פארשיידענע סיבות, אין פארשיידענע
פאָרמען. צייטנווייז קומען די אנרעגונגען אפילו אומבאמערקטער־
הייט.

מיך פערזענלעך האָט א געוויסע דערשיינונג — נאָך אלס
אינגל — א שטויס געטאָן זיך צו פראטראכטן וועגן דעם, אז עס
זענען פאראן שענערע און גרעסערע שטעט, אנדערע מענטשן, אנ־
שטאלטן, אנדערע באגריפן וועגן זאכן ווי בא אונדז אין בעלא־
צערקאָוו.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב געזען א צירק
וואָס איז געקומען, ווי מען האָט געזאָגט, פון ענגלאנד. דערפאר
פלעגט מען די צירק־לייט רופן „ענגלישע רייטערס".

זייער רייטן אף די פערד האָט מיך ממש באצויבערט. איבער־
הויפט זייער שפרינגען רייטנדיק אף די פערד דורך רייפן, וואָס
זענען געווען פארקלעפט מיט א דינעם פאפיר. איינמאָל איז אפילו
דאָס פאפיר געווען אָנגעצונדן, און א רייטערין, א מיידל, וועלכע
איז מיר לויט איר קליידונג און לויט איר אלגעמיינעם אויסזען
פאָרגעקומען גיכער ווי א מלאך, איידער ווי א מיידל, איז דורכ־
געשפרונגען דורך דער רייף און איז געבליבן שטיין אפן פערד, וואָס
האָט אין דער זעלביקער צייט גאלאָפירט. איך בין געווען ווי פאר־

כשופט פון אַט דער וואונדערלעכער גימנאַסטיקע, וועלכע איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז עס איז מעגלעך פאַר א מענטשן אַזוינס דורכצופירן.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך טאקע ניט געגלויבט, ביז איך האָב זיי אליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן.

זייער טאַנצן מיט רעדלעך אויף די שיך, זייער בויגן און דרייען מיטן קערפּער, — ס׳איז פאַר מיין קינדערשן מוח ניט גע-ווען צו באַגרייפן ווי אַזוי מענטשן זענען אימשטאַנד אַזעלכעס צו טאָן. היינט די פּאַיאַצן מיט זייערע איינפאַלן, מיט זייערע קונצן, מיט זייערע וויצן אין א שלעכטער רוסישער שפּראַך. די פאַנטאַ-מימעס פון לעבעדיקע מענטשן וואָס פלעגן צוזאַמענשטעלן פאַר-שיידענע פאַנטאַסטישע בילדער, אפילו גאַנצע פּאַסירונגען אַף „שטום-לשון"; זייער געוואַגטקייט אין קונצן-מאַכן, זייער העלדיש-קייט אין פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן, זייער גבורה׳שאַפט אין דעם אָדער אין אַן אַנדער פּרט, זייערע טענץ און מאַרשן מיט פערד און אָן פערד, זייער עלעגאַנטער אויסזען, זייער פאַרפּוצטקייט, זייערע פריילעכע געזיכטער און זייער געלעכטער, — דאָס אַלץ האָט מיך אַלס אינגל א שטוים געטאָן אַף אַסך יאָרן פאַרויס.

איך האָב איינגעזען, אַז עס זענען דאָ מענטשן וואָס טוען זאַכן, וועלכע זענען פאַר מיר דאַן געווען אומבאַגרייפלעך. איך האָב באַמערקט, אַז מען קען דורך איבונג זיך אויסלערנען אומגלויב-לעכע זאַכן. איבערהויפּט איז מיין פאַנטאַזיע געוואָרן רייכער, מיין פאָרשטעלונגס-קראַפט גרעסער, מיין השגה ברייטער. איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן, אַז עס מוזן זיין נאָך פיל מער זאַכן אַף דער וועלט, פון וועלכע איך האָב קיין אַנונג ניט; עס מוזן זיין מענטשן אַף דער וועלט גרעסערע, רייכערע, געלערנטערע ווי איך האָב גע-האַט געזען ביז דאַן; עס מוזן זיין אַף דער וועלט אַנדערע מנהגים, אַנדערע באַגריפן, אַן אַנדער גלויבן און אַן אַנדער פאַרשידנאַרטי-קער לעבן. די מענשלעכע מאָראַל מוז זיין אַנדערש, און אַזוי אויך דאָס מענטשלעכע געפיל צו זיינע מיטמענטשן, די באַציאונגען פון רייכע צו אָרימע, פון גוים צו אידן און פאַרקערט, די באַנעמונגען

פון איין נאַציע צו א צווייטער, דער באגריף פון א העכערן וועזן, דאָס אלגעמיינע ציל אין לעבן און שטרעבן, און אז. וו., און אז. וו.

איך האָב שוין דאמאָלסט פארשטאַנען, אז אסך הענגט אָפּ פון דעם מענטשנס ווילנסקראפט. די אומשטענדן האָבן טאקע אסך צו טאָן, אבער דער מענטש קען באזייטיקן אסך שוועריקייטן דורך דויערהאפטער געדולד, דורך פראקטישן טאַקט, דורך פלייסיקייט און דורך גלויבן אין די אייגענע כוחות.

אַ ביישפּיל צו וואס גלויבן אין די אייגענע כוחות קען ברענגען, האָב איך געזען מיט א האלב יאָר שפּעטער, ווען מאיר מעדרוועדיעוו, דער דאמאָלסטיקער בארימטער טענאָר איבער גאנץ רוסלאנד, איז געקומען צו אונדז אין שטאָט געבן א קאָנצערט. מעדרוועדיעוו׳ן האָב איך געקענט נאָך אלס משורר ביי שמואל׳יק דעם חזן אין אונדזער חיים משה׳ס בית המדרש. ער איז געווען דער זון פון א דין אין א קליין שטעטעלע, רעבינקע, נעבן בעלאָצערקאָוו.

מיט זיין פעסטן ווילן און מיט זיין גלויבן אין זיך, דערצו טאקע מיט א שטארקער, שיינער טענאָר-שטימע, איז ער אוועקגע-פאָרן פון בעלאָצערקאָוו שוין דאמאָלסט א פארהייראַטער מאן, מיר דאכט, אז א טאַטע פון דריי קינדער, שטודירן אין א קאָנ-סערוואטאָריע. ווי קליין און נישטיק זיינע מיטלען זענען געווען קען זיך יעדער איינער לייכט פאָרשטעלן. קיין מעצענאַטן אים ארויסצוהעלפן האָט ער ניט געהאט. אַלץ וואָס ער האָט פארמאָגט, איז געווען זיין געבענשטער טאאלאַנט און זיין פערזענלעכער חן, געדולד און ענערגיע. וויפיל ער האָט זיך אָנגעליטן, וואס פאר א צרות ער האָט איבערגעטראָגן, וויפיל פארפאָלגונגען ער איז דורכ-געגאנגען, וואָסערע אינטריגעס ער האָט באדארפט בייקומען, וויפיל ממשות׳דיקן הונגער ער האָט באדארפט ליידן, וויפיל נעכט ניט דערשלאָפן, ביז ער האָט דערגרייכט די גלאָריע, דעם כבוד, וועלכן ער האָט באמת פארדינט, — דאָס קען זיך נאָר משער זיין דער, וואָס האָט אליין עפּעס ענלעכעס דורכגעלעבט.

דערצו איז ער פארפאָלגט געוואָרן פון זיינע עלטערן, פון זיינע אייגענע, פון פילע פאנאטישע אידן. ניט איין איד האָט גאָט גע-

בעטן אַ מפּלה אַף מעדוועדיעוו׳ן, אַ דורכפֿאַל פֿאַר זיין אונטערנע-מונג, כדי ער זאָל ניט זיין קיין גוטער מוסטער פֿאַר אַנדערע יונגע לייט, ווי דאָס האָט אין דער ווירקלעכקייט פּאַסירט.

ווען ער האָט אַלץ גובר געווען מיט נסים און איז אָנערקענט געוואָרן פֿון די בעסטע קריטיקער פֿון רוסלאַנד אַלס דער שענסטער טענאָר, האָט ער אויך נישט פֿאַרגעסן די שטאָט בעלאַצערקאָוו מיט שמואל׳יק דעם חזן, פֿון וועמען ער האָט באַקומען דעם ערשטן שטויס פֿאַר דעם געדאַנק צו ווערן אַן אָפּערא-זינגער.

עס מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז שמואל׳יק דער חזן, אַ פֿרומער איד און אַ הייסער טאַלנער חסיד, האָט מאָראַליש פֿיל בייגעטראָגן צו מעדוועדיעוו׳ס גרויסן דערפֿאָלג. אָט דער חזן איז געווען דער ערשטער וואָס האָט מעדוועדיעוו׳ן אינספּירירט, וואָס האָט אים אַריינגעגעבן דעם גלויבן, וואָס האָט אים צוגערעט ער זאָל נישט בלייבן קיין געוויינלעכער אָרימער חזן. ער האָט אים דערקלערט, אַז עס איז דאָ אַ ברייט פֿעלד פֿאַר אַ גוטן זינגער ווי ער איז.

שמואל׳יק דעם חזנ׳ס רייד זענען ביי אים געווען טייער, און אונטער זיין איינפֿלוס איז ער אַוועקגעפֿאָרן שטודירן, און מיט יאָרן שפּעטער איז ער געקומען אַ געקרוינטער, דערפֿאָלגרייכער אָפּערא-זינגער.

אַף אים קוקנדיק איז אַוועק פּיניע מינקאָווסקי, וועלכער איז געוואָרן אַ כאָר-חזן אין דער אָדעסער שול, אויך זיין ברודער, אברהם מינקאָווסקי. ביידע זענען דאָ אין אַמעריקע געווען באַרימטע חזנים. נאָך צוויי ברידער פֿון די מינקאָווסקיס זענען געוואָרן באַ-רימט אין מוזיק. די מינקאָווסקיס זענען געווען קינדער פֿון אַ בעלאַצערקאָווער אָנגעזעענעם חזן מיט׳ן נאָמען מאָטעל גאָדיס מינ-קאָווסקי. ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען חזן אין גרויסן בית המדרש.

אויף מאיר מעדוועדיעוו׳ן און די מינקאָווסקי׳ס קוקנדיק זענען פֿילע יונגעלייט אַוועק שטודירן, ווער מיט און ווער אָן טאַלאַנט, ווער צו שטודירן וויסנשאַפֿט לשמה און ווער לשם אַ קאַריערע. אַזוי זענען פֿאַר מיינע ציי‌טן אַוועקגעפֿאָרן שטודירן צוויי זין פֿון אַ גע-

וויסן האַנט-שרייבער*) מאַזער. די צוויי יונגעלייט, יאָסל און משה מאַזער, האָבן אויסגעשטודירט, איינער פאַר א יוריסט און דער צווייטער אלס אינזשענער. דאָס איז נאָך געווען אין מיין צייט. אפן געביט פון שטודירן.

ווען מאיר מעדוועדיעוו האָט געגעבן דעם ערשטן קאָנצערט ביי אונדז אין שטאָט זענען אים געלאָפן הערן „קינד און קייט״, ווער עס איז נאָר געווען אימשטאַנד צו קויפן א בילעט. אסך האָבן זיך געמוזט אָנטאָן א כוח צו קריגן דאָס געלט פאַר א בילעט. דער זאָל, וואו ער האָט געזונגען, איז געווען איבערגעפּאַקט. מען האָט אים אפּ די הענט ארויסגעטראָגן פון זאָל נאָכן זינגען, און ער איז געווען די טעמע אפּ וואָכן לאַנג צווישן אלע קלאַסן מענטשן פון אונדזער שטאָט.

ער האָט אויך ניט פאַרגעסן צו געבן א פרייען קאָנצערט אין דער גימנאַזיע פאַר גימנאַזיסטן און סתם יונגע מענטשן, וועלכע האָבן ניט געקענט באַוויזן צו באַצאָלן פאַר א בילעט. ווי דער שטייגער איז, האָבן זיך געפונען אסך וואָס זענען אריינגעקומען אָן בילעטן, כאָטש זיי האָבן יאָ געקענט באַצאָלן.

איך האָב אים געהערט עטלעכע מאָל, איין מאָל פּריוואַט. ער האָט פאַרמאָגט א קלינגנדיקע שטימע, וואָס מענטשן אין פאַך פון זינגען רופן א „מעטאַלענע״ שטימע. זי האָט ווירקלעך געקלונגען ווי א שיינער גלאָק.

אויפּ די עלטערע יאָרן איז ער געקומען קיין אמעריקא, דאַן ווען זיין גאַנצער גלאַנץ איז שוין געווען ארונטער. ער האָט אָבער פאַרמאָגט א דראַמאַטישן טאַלאַנט אויך. ער האָט דאָ אין ניו יאָרק גע-שפּילט אין אידישן טעאַטער מיט גרויס דערפאָלג. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט צופּאַסן צו דעם אמעריקאַנער לעבן און איז נאָך א פּאָר יאָר דאָ זיין אוועקגעפאָרן צוריק אהיים, קיין רוסלאַנד.

*) א לערער וואָס לערנט האַנט-שריפט אָדער ווי עס האָט דאַן גע-הייסן א „פּאָטשערעק-לערער.״

אגב א באמערקונג: ווי אלע גרויסע קינסטלער איז ער געווען זייער אן אומפּראקטישער מענטש אין געשעפט-זאכן; מען פלעגט אים קענען אָפּנארן פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט אבער געהאט אן אנדער „מעלה": ער פלעגט ביי יעדן באָרגן און ניט אָפּגעבן...

א שטיקל צייט שפּעטער, נאָך מעדוועדיעוו׳ס קאָנצערטן איז צו אונדז אין שטאָט געקומען א טרופּע צו שפּילן אידיש טעאטער. אָנגעפאנגען האָבן זיי מיט גאלדפאדנ׳ס „קאָלדוניע", „ני בע, ני מע, ני קוקעריקו", „דאָקטאר אלמאסאדע", „שולמית" און אַנדערע פּיעסן. איך בין געווען באַ אלע פאָרשטעלונגען. דאָס טעאטער שפּילן האָט אף מיר געמאכט אן אומגעהייערן רושם, א גאנץ אנ-דערן ווי דער צירק. אין צירק האָב איך געזען נאָר קונצנמאכערס, פּאָקוסניקעס, רייטערס, זשאָנגלערס; דאָ, אין טעאטער, אָבער האָב איך דערזען לעבעדיקע טיפּן מיט אלע זייערע מעלות און חסרונות, מענטשן מיט מיאוסע מעשים און שיינע באנעמונגען, מענטשן מיט באַהאַלטענע און אָפענע נארישקייטן, מיט פארמאַסקירטער און אמת׳ער גוטסקייט, מיט באשיידענער חכמה און חוצפּה׳דיקער ביטרעקייט, פרומע, ערלעכע אידן און צבוע׳יאקעס. דאָס האָט מיך געשטויסן זיך צו באקענען מיט דער דראמאטישער ליטעראטור. איך האָב זיך גענומען לייענען גאָגאל, אסטראָווסקי, טשעכאָוו, א. אַ. וו., איך האב שוין פארשטאַנען צו אונטערשיידן פון אמת׳ע סאטירע און וואולגארע אָפּשפּעטונג, א פּריצייטיקן שטרעבן צו א נייעם גייסט, אלטע פאשימלטע מנהגים און א פאָרשריטלעכן גלויבן, געזונטע קריטיק און צינישע אָפּלאכעריי, שאלות און תשובות אף וועלט-פּראָבלעמען, אָנצוהערעניש אף אידישע פארפאָלגונגען, אָנ-דייטונגען אף די שעדלעכע און שלעכטע פירונגען פון אונדזער לאנד.

איך האָב דערפילט, אז מענטשן קענען זיך צופּאסן און זיך אַריינלעבן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אנדערע מענטשן; אז מענטשן קענען טיף אריינדרינגען אין יענעמס שמערץ, אין יענעמס בא-גייסטערונג, אין יענעמס ליבע און האַס, אין יענעמס קנאה און שנאה, אין יענעמס פריינטשאפט און פיינטשאפט. איך האָב געזען בילדער, פּאָרטרעטן פון דער קאָמישער זייט פונ׳ם לעבן און סיטואַ-

ציעם פון דער ערנסטער זייט פונ׳ם לעבן. איך האָב געזען טראַגישע איבערלעבונגען און דראַמאַטישע פּאַסירונגען.

איך בין געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז טעאַטער שטעלט מיט זיך פאָר לעבנס-בילדער פון דעם אָדער יענעם ווינקל פונם מענטשנס לעבן. איך האָב זיך דאַן אין מיין פאַנטאַזיע פאָרגעשטעלט ווי אַזוי מען שפּילט אין די ציוויליזירטע לענדער מיט ערשט-קלאַסיקע אַקטיאָרן, ניט ווי די גרופּע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט ביי אונדז.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקאַ בין איך זייער שטאַרק ענטוישט געוואָרן פון דער אידישער בינע, כאָטש זי האָט פאַרמאָגט אַזעלכע טאַלאַנטפולע שוישפּילער ווי מאָגולעסקאָ, קאַרפּ, קעסלער, פיינמאַן, שיינגאָלד, מאַדאַם קאַרפּ, מרס. האַימאָוויטש (שפּעטער אַדלער׳ס פרוי), מרס. עדעלשטיין, מרס. ליפּצין און אַנדערע. צוליב די פּיעסן וועלכע זענען געווען מיט אַ ספּעציפישן בייגעשמאַק, ביז יעקב גאָרדין איז געקומען און האָט געמאָלן בילדער פונם היימישן רעאַלן לעבן.

אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג האָט אויף מיר געהאַט דער דייטשער טעאַטער מיט זיינע געניאַלע גאַסטראָל-אַקטיאָרן, ווי זאָנענטאַל, פערדינאַנד קאָהן, קריסטשען, מאָרים מאָריסאָן, וויטקאָווסקי און אַנדערע.

שפּעטער האָב איך געקליבן נחת און געהאַט גרויס הנאה פון פּאָסאַרט׳ן, אירווינג, מענספילד, סאָדערן און נאָך שפּעטער פון די באַרימטע סאַראַ בערנאַרד און עלענאָראַ דוזע. אָבער דאָס געהערט נישט צו מיינע יוגנט-זכרונות פון דערהיים, דאָס געהערט צו מיינע יאָרן אין אַמעריקאַ. ווען איך וועל קומען צו מיין צווייטן באַנד זכרונות וועל איך האָבן אַסך וואָס צו דערציילן וועגן דעם. דערווייל מוז איך זיך צוריק אומקערן צו דער אידישער טרופּע אין בעלאָצערקאָוו.

די אַקטיאָרן זענען פון אונדז אוועקגעפאָרן נישט מיט אַזאַ פינאַנציעלן דערפאָלג ווי דער צירק, ווייל זיי האָבן נישט אַרויסגערופן קיין גרויסע באַגייסטערונג. מען האָט וועגן זיי נישט גערעדט אַזוי פיל מיט אַזאַ התפעלות ווי וועגן דעם צירק. עס איז זייער

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַמאָליקער אידישער שטאָט וואָס דער גאַנץ יונגער עלעמענט איז מערסטנטיילס נישט געגאַנגען אין טע־אַטער, ווייל די עלטערן האָבן ניט געלאָזן. דאָס ביסל יונגוואַרג וואָס איז יאָ געגאַנגען, האָט ניט באַגריפן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. די לידלעך אַליין האָבן זיי ניט אימפּאָנירט און די ווערטער פון די לידלעך האָבן צו זיי ניט אַפּעלירט. דער עלטערער עלעמענט האָט געהאַלטן פאַר אַ זינד צו גיין הערן די „באַנדע אַקטיאָרשטשי־קעס“, פּורים־שפּילערס, פאַרשוועכערס פון גאָט... דער איינציקער עלעמענט וואָס איז יאָ געגאַנגען אין מאַסן זענען געווען די מיטל־יאָריקע, סיי פרויען סיי מענער. זענען אָבער אַסך געקומען מיט פאָראורטיילן, מיט אַ קריטישן בליק, מיט אַ געפיל פון שפּאָט, ניט מיט דער ערנסטער ליבע, ווי מען גייט אין טעאַטער באַ די מאָ־דערנע מענטשן.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די טרופּע האָט באַ אונדז, ווי אין אַלע אַנדערע רוסיש־אידישע שטעט, געלעבט אין דחקות און נויט, ניט געהאַט צו באַצאָלן פאַר דער אכסניא און אָפט גאַנץ גע־שמאַק צוגעהונגערט. וואָס די אָרעמע אַקטיאָרן האָבן יאָ באַקומען מיט דער פולער האַנט איז געווען בראַוואָ־געשרייען און פּאַטשע־רייען, אַז מען זאָל נאָכאַמאָל איבערטאַנצן דאָס טענצל, ווידער אַמאָל איבערזינגען דאָס לידל. אָבער קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טאָן אויף זייער קלעגלעכער עקאָנאָמישער לאַגע.

נישט די און נישט קיין אַנדער טרופּע פון אידישע אַקטיאָרן איז שוין מער נישט געקומען צו אונדז אין שטאָט.

צירקן פלעגן קומען צו אונדז כמעט אַלע יאָר, אין פרילינג. אָבער טעאַטער — אין מיינע יאָרן — אפילו קיין רוסישער נישט...

———:———

נאָכוואָרט:

צירק און טעאַטער.

די ווירקונג וואָס א צירק האָט אַף א קינד איז נישט אָפּצו־שאַצן. נאָך טיפער איז די ווירקונג פון טעאַטער אַף דער יוגנט.

מען קען מיט זיכערקייט זאָגן: „אויב א יונגערמאַנטשיק באַ־זוכט אָפט א ביליקן טעאַטער, וועט ער — אין מערסטע פאַלן — אויסוואַקסן א ביליקער מענטש.

ווען אָבער מען באַזוכט אָפט — פון קינדוויים אָן — אַן אמתן טעאַטער מיט גוטע, טאַלאַנטפולע שוישפּילער, באַקומען זיי אַן אמתן בליק אַפן לעבן, וועלט און מענטשן.

דער גוטער שוישפּילער איז אימשטאַנד ארויסצוברענגען די גייסטיקע פיזאָנאָמיע, די נשמה פון די טיפּן וואָס ער פּערזאָניפיצירט.

ער ברענגט גוטע, הארציקע, איידעלע טיפּן און פאַרקערט, פאַר־גרעבטע נאַטורן.

דער צושויער איז אומשטאַנד צו אורטיילן וואָס שיין און וואָס מיאוס, וואָס גראָב און וואָס איידל, וואָס גוט און וואָס שלעכט, הכלל עס איז די בעסטע שול זיך אויסצוקלייבן א וועג אין לעבן, ווי אַזוי צו לעבן, צו וועלכער גרופּע פון די געבראַכטע אַפן בינע טיפּן — מען זאָל געהערן...

נישט אומזיסט האָט מען אין די אוראַלטע צייטן פאַרשטאַנען צו קולטיווירן דעם טעאַטער־וועזן. גריכנלאַנד, די קלאַסישע לאַנד פון טעאַטער, האָט איר הויכע מדרגה פון קולטור אַסך צו פאַר־דאַנקן איר דאַמאָלסטדיקן טעאַטער.

וואָס העכער א פאָלק שטייט אַפן לייטער פון מאָראַל, לייגט עס מער אכט אַפן טעאַטער ווי א גורם צו דער הויכער שטופע מאָראַל.

28־טער קאַפּיטל.

מפּלות און דערהויבונגען.

לינעצקי, מענדעלע מוכר ספרים און שמ״ר. — „סען אטע־טשעסטווא“ און מיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ. — איך גיי צו א „זנאכאר“. — די פארשוואונדענע זילבערנע כלי. — איך ווער — כלעסטאקאָוו. — מיין ערשטער דעביוט. — נצחונות אַפן שאַך־ברעט.

די לאַנגווייליגסטע צייט פון מיין לעבן האָב איך געהאַט דאַן, ווען מיין פאָטער האָט מיך געבעטן, אז איך זאל פאָרן אַפן יריד.

געלערנט האָב איך דאַן ניט, ווייל איך האב אויסגעפונען, אז דער טאַטע וועט מיך סיי־ווי־סיי ניט לאָזן גיין אין גימנאַזיע. האָב איך אלס פּראָטעסט אויפגעהערט לערנען; אפילו ביכער לעזן האָב איך אויך אריינגערעכנט אין דעם פּראָטעסט. איך האָב שוין דאַמאָלס געהאַט איבערגעלייענט אסך רוסישע קלאַסיקער און אסך איבערזעצונגען פון אנדערע קלאַסישע שרייבער. איך האָב שוין אויך געהאַט געלייענט א היבש ביסל ווערק אין אידיש: לינעצקי, אידישע געשיכטע, מענדעלעס „טאַקסע“ און „די קליאַטשע“, שמ״ר׳ס ראָמאַנען און אנדערע אידישע ביכער. מיט שמ״ר׳ס ראָמאַנען האָב איך זיך איבערגעגעסען און געוואָרפן אף זיי אַן אומחן.

די איינציקע זאך וואס איך האָב דאמאָלס געלייענט איז געווען א רוסישע צייטונג, „סען אָטיעטשעסטוואָ“ (זון פון פאָטערלאַנד), וואָס איך און א חבר מיינער זענען געווען אירע אבאָנענטן פאר דעם „חסד“ וואס זי האָט מיר ארויסגעוויזן, אָפּדרוקענדיק מיינע א קורצע קאָרעספּאָנדענציע, וואָס איך האב געשריבן וועגן אַ פאסירונג אין בעלאָצערקאָוו.

ס׳איז געווען א מערקווירדיקע פאסירונג, וואָס האָט ארויסגע־

רופן א טומל אין דער גאנצער שטאט. מען האט ארויסגעשלעפט א נאר וואס טויטע קינד פון דער קרעניצע אף דער סמאליאנער גאס. ס'איז געווען א מיידעלע, א בילד-שיין קינד, דער מוטערס מילך איז נאך געלעגן אף אירע ליפן. מענטשן האבן פאנטאזירט אין זייערע געדאנקען, וועמענס שטיקל ארבעט דאס איז. עס האבן זיך געהערט רחמנות'דיקע קרעכצן, צארנדיקע זידלעריי און פארשיידנארטיקער געלעכטער. וויבער האבן געטריבן פארשיידענע רכילות, יונגע חברה האבן געשאטן מיט ציניש גלייכווערטלעך און עלטערע פרומע מענטשן האבן געזאגט, אז עס איז א חלול השם. איין אידענע, האט מער ווי אלע אנדערע, געוויינט אף דעם פארברעכן. דאס איז געווען זרח דעם צירולניקס (בארבער) ווייב, וועלכע איז געווען א בעזדיעטניצע (קינדערלאז). זי איז געווען א הייבאם אדער, ווי מען פלעגט עס ביי אונדז רופן, א „באבע". מען פלעגט וועגן איר דערציילן, אז ווען זי איז געווען ביי א געווינערין, וואס האט געהאט שטארקע ווייען, פלעגט די „באבע" שטענדיק זאגן: „רבונו של עולם, שטראף מיך מיט שטארקערע ווייען, אבי איך זאל האבן א „קדיש" אדער אפילו א מיידל!"

דאס איז געווען דער אינהאלט פון מיין ערשטער קארעספאנדענץ פון בעלאצערקאוו. זי איז געווען קורץ און זאכלעך, דערפאר איז זי געדרוקט געווארן, דערנאך האב איך צוגעשיקט עטלעכע אנדערע קארעספאנדענציעס, אבער קיין איינע האט מער נישט זוכה געווען צו זען די ליכטיקע וועלט.

ווי שוין געזאגט, האב איך זיך אין יענער צייט געלאנגווייליקט, ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט זיך פון לײדיק ארומגיין. איך האב אפילו דאן געפירט א ליבע מיט א גביר'שער טאכטער, אבער אפילו מיין ראמאן האט צייטנווייז ניט פול געמאכט די גאנצע קליינשטעטלדיקע לאנגע טעג און נאך לענגערע אוונטן.

האבנדיק מער צייט ווי ווייסנשאפט, האב איך זיך געכאפט צו וואס נאר א יונג בחורל קען זיך כאפן אין אזא אטמאספערע. איך געדענק א פאל, געווים ניט צו מיין קרעדיט, ווען איך בין געגאנגען

צו אַ „זנאַכער“*), צו וועמען אַסך יונגע לייט און פרייליִנס זענען געגאַנגען, און אַלע זענען געווען באַגייסטערט פון זיינע „מופתים“.

ס׳איז אַ פראַגע וויפיל שטיקלעך זילבער און גאָלד דער שאַר־לאַטאַנישער „זנאַכער“ האָט ארויסגעפירט פון בעלאָצערקאָוו. איך בין צו אים געגאַנגען פרעגן, צי מיין ראָמאַן וועט אויסגעפירט ווערן, דאָס הייסט, צי איך וועל אַמאָל חתונה האָבן מיט מיין געליבטער.

האָט דער „זנאַכער“ מיר געהייסן ברענגען אַ זילבערנע כלי, אַז ניט, איז אַ זילבערן לעפל אויך גוט, און איבערלאָזן דאָס שטיקל זיל־בער באַ אים, וועט ער מיר דאַן זאָגן ווי עס וועט זיין. כדי מיר צו אי־בערציינגן, אַז ער איז אַ „זנאַכער“ וואָס ווייסט עפּעס, און אויך כדי מיר צו ווייזן עפּעס פאַר מיינע 25 קאָפּיקעס וואָס איך האָב אים גע־געבן, האָט ער מיר געהייסן אריינקוקן אין אַ ביכל פול מיט ציפערן און נעמען און האָט מיך געפרעגט, צי מיין נאָמען און דאָס יאָר פון מיין געבורט געפינען זיך ניט אין דעם בלעטל. איך האָב זיך גוט איינגעקוקט און ניט געפונען ניט מיין נאָמען און ניט דאָס יאָר, ווען איך בין געבוירן געוואָרן. דאַן האָט ער אויפגעמישט אַ צווייט און אַ דריט בלעטל, ביז איך האָב ענדלעך געפונען מיין נאָמען און דאָס יאָר פון מיין געבורט.

אַביסל שפּעטער, ווען ער האָט מיר „נביאות געזאָגט“ וועגן מיין צוקונפט, האָט ער מיך אָנגערופן ביי מיין נאָמען און געזאָגט, אַז איך בין אַלט אַזויפיל און אַזויפיל יאָרן.

דערמיט האָט ער מיר געוואָלט איבערציינגן, אַז ער ווייסט עפּעס.

אין איין זאַך האָט ער מיך י אָ איבערצייגט. איך בין געווען זיכער, אַז ווען איך וועל אים ברענגען אַ זילבערן לעפל, ווי ער האָט פאַרלאַנגט, וועל איך דעם לעפל מער אין די אויגן ניט זען, און טאַקע צוליב דעם האָט ער מיך מער אין די אויגן ניט געזען.

דער „בעל מופת“ אַליין האָט נישט אַוועקגענומען ביי מיר קיין

*) טרעפער.

פיל צייט. דערפאר אבער איז געווען א לאנגע צייט פון וואס צו ריידן.

אין דער צייט וואס איך האב זיך געלאנגווייליקט, נישט געהאט וואס צו טאן — אגב, בין איך ניט געווען קיין בן יחיד אין דעם פרט — האבן מיר, עטלעכע אינגלעך, זיך צונויפגערעט און צוזא־מענגעשטעלט א גאנצע טרופע פון „ליוביטילעס"*) צו שפילן גא־גאל'ס קאמעדיע „רעוויזאר", וועלכע איז אין יענער צייט געווען זיי־ער פאפולער אין רוסלאנד.

מען האט יעדן איינעם איינגעטיילט א געוויסע ראלע און מען האט יעדן געגעבן ביז צוויי וואכן צייט אויף אויסשטודירן זיין ראל אויסוויניק.

דער הויפט אנפירער פון דעם אזויגערופענעם קלוב פון „ליובי־טילעס" איז געווען א געוויסער הערשל מארגאלין, א גימנאזיסט פון לעצטן קלאס גימנאזיע. ער איז מיט א יאר פריער געווען מיינער א לערער, דערפאר האט ער מיר געגעבן א זייער פאראנטווארטלעכע ראלע. איך האב באדארפט שפילן די ראלע פון כליעסטאקאוו.

אין שטאט איז געווען איינער א פורים־שפילער, וועלכער האט געהאט א שטיקל טאלאנט פאר טעאטער. גערופן האט מען אים בערעלע שאכנעס, פארצויגן „בערעלע מארשעליק" (קונצן־מאכער). אבער ער האט ניט געקענט ריידן קיין גוט רוסיש, און אונז איז ניט אנגעשטאנען צו שפילן מיט אים צוזאמען. דערפאר האט מען זיך פארלאזן אף אייגענע קרעפטן. ווען עס איז געקומען די באשטימטע צייט האט מען עקזאמינירט אלע 22 „אקטיארן" און עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז פון די אלע מענער און פרויען האט זיך געפונען בלויז איינער, (דער וואס האט געזאלט שפילן די ראלע פון באב־טשינסקי), וועלכער האט נאך ניט געקענט אינגאנצן אף אויסוויניק זיין „פראזע". האט מען אים געגעבן צייט זיך אויסצולערנען זיין ראל אף אויסוויניק ביז מען וועט אויסגעפינען א פאסיקן פלאץ, וואו צו שפילן.

*) אמאטארן.

ווען מען איז געגאַנגען זוכן דעם פּלאַץ און צוגרייטן די נייטיקע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען, האָט מען זיך ערשט ארומגעזען, אַז מען מוז דערצו האָבן עטלעכע בארע רובל, אויב ניט עטלעכע צענדליק מזומענע רובל. מיר זענען זיך צוגאַנגען אַף צוויי וואָכן צייט, כדי צו געבן יעדן איינעם א געלעגנהייט צוזאמענצונעמען וויפיל ער וועט קענען.

ביי דעם קומענדן צוזאמענקונפט האָט מען אויסגעפונען, אַז עס איז פאַראַן ארום 19 רובל און דאַרפן דאַרף מען 48. מיין געוועזענער לערער און דאַמאָלדיקער רעזשיסאָר איז געפאַלן אַף א פּלאַן: ער וועט אריבערגיין צו דר. טשערנין, א איד וואָס האָט מיט זיין אויסערלעכן אויסזען, מיט זיין גרויסן, פעטן, איבער 300 פונטיקן גוף נישט געמאכט קיין איבעריקן גוטן איינדרוק, נאָר אַז מען האָט זיך מיט אים באקענט נענטער, האָט מען אויסגעפונען, אַז ער איז א גוטער ברודער און א וואוילער, ליבעראַלער מענטש. אָט דער דר. טשערני איז אונז געקומען צוהילף און אויסגעליען דאָס איבעריקע געלט וואָס האָט געפעלט פאר דער פאָרשטעלונג.

דעם פּלאַץ פאַר׳ן טעאַטער האָבן מיר געדונגען אין אן איינפאָר-הויז אַף דער קיעווער גאַס, געקויפט א פונט צען „סטרינאָווע״ ליכט, צוגעגרייט עטלעכע קעראָסין לאָמפּן און נאָך נייטיקע זאכן.

איידער מיר האָבן אלץ צוגעגרייט און פאר אלצדינק באצאָלט, און איידער מיר האָבן אנאָנסירט וואו און ווען מיר וועלן די קאָמעדיע אויפפירן, האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל מאכן א גענעראַל-פּראָבע, אויב מעגלעך פאר עטלעכע פרעמדע, קאָמפּעטענטע מענטשן, און אַז מען זאָל האָבן איינעם אָדער צוויי שפּילער אין „זאַפּאַס״ (רעזערוו), אין פאַל איינער אָדער צוויי טויגן נישט און וועלן מוזן ארויספאַלן. מען האָט זיך צו מיין פאָרשלאָג נישט צוגעהערט, ווייל מען איז געווען צו שטארק באַגייסטערט מיט דער אונטערנעמונג און עס איז נישט געווען ביי דער האַנט וועמען אויסצוקלייבן, מיט וועמען צו פאַרבייטן, אין פאַל אויב עס זאָל אפילו עפּעס פּאַסירן.

ווי עס זעט אויס, האָט מיר מיין האַרץ געזאָגט, אַז עפּעס ערנסטעס וועט געשען.

דער אָוונט פון שפּילן איז מיר איינגעקריצט אין זכרון אַזוי טיף, אַז ווען איך זאָל אַלט זיין צוויי מאָל אַזוי פיל, וואָלט איך יע־נעם מאָמענט אַלץ ניט פאַרגעסן.

אַלץ איז געווען פּיקס און פּאַרטיק. אַלע ליכט האָבן געברענט ליכטיק. עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ היפּשער, שיינער עולם און אי־בעראַל האָט מען געזען צופרידענע געזיכטער. איינער נאָכ'ן אַנ־דערן זענען אונדזערע ליוביטעליעס־אַקטיאָרן אַרויסגעקומען. זיי האָבן געשפּילט פאַרהעלטנישמעסיק דרייסט, אָן מורא, אָן נערוועזקייט. אָבער ווען עס איז געקומען צום צווייטן אַקט און איך בין אַרויס אויף „די ברעטער" און דערזען דעם עולם, האָט מיין גאַנצער קערפּער אָנ־געהויבן ציטערן און איך האָב ניט געקענט אַרויסריידן די ערשטע עטלעכע ווערטער.

דער סופליאָר האָט געפּרואווט מיר אַרויסהעלפן, אַפּריער שטיל, דערנאָך העכער און העכער און גאָר הויך, אַזוי אַז דער עולם האָט דערהערט און עס איז געוואָרן אַ טומל און אַ געלעכטער.

מיין געוועזענער לערער, וועלכער איז געשטאַנען הינטער אַ פאָרהאַנג נישט ווייט פון מיר, האָט אַ געשריי געטאָן: „איסאַק אבראַמאָוויטש, טשטאָ ס'וואָמי" ?*) און ער האָט עס געזאָגט אַזוי הויך, אַז דער דאָקטאָר טשאַרני האָט דערהערט און איז אַרויפגע־לאָפן גלייך צו מיר. טאַפּנדיק מיין דופק האָט ער מיך אַרונטערגע־פירט פון דער „בינע" און געזאָגט, אַז עס איז בעסער וואָס איך בין ניט געבליבן דאָרט לענגער, ווייל עס וואָלט געקענט עפּעס פּאַסירן מיט מיר...

מיט דעם האָט זיך געענדיקט דער גאַנצער ספּעקטאַקל. אַלע האָבן געהאַט טענות צו מיר און איך האָב געהאַט טענות צו זיין, פאַרוואָס זיי האָבן נישט צוגעגרייט אַ דובליאָר**) ווי איך האָב

*) וואָס איז מיט אייך ?

**) אַ צווייטן אויף דער זעלביקער ראָל.

דאָס געהאט פאַרגעלייגט. מיין לערער האָט מיר אפילו געזאָגט, אַז אַף מיר וואָלט ער זיך ווייניקער געריכט ווי אַף אַן אַנדערן, ווייל איך האָב מיינע ווערטער געקענט זייער גוט אויסוויינ'יק, אָן ארויסהעל-פער. אבער קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז איך וועל אזוי דערשראָקן ווערן, אז איך וועל קיין וואָרט נישט קענען אויסריידן.

דער דאָזיקער אינצידענט האָט אַף מיר געווירקט אַף מיין גאַנצן לעבן. אַלע מיינע יאָרן, ביז היינטיקן טאָג, האָב איך נישט געקענט ארויסטרעטן פאַר אַן עולם צו ריידן. אפילו פאַר א קליינעם עולם, בּאַ טיש, ווער איך אזוי נערוועז, אַז מיין מוח הערט אויף צו אַר-בייטן. מיינע געדאַנקן ווערן איבערגעריסן און איך קען בשום אופן ניט צונויפבינדן די פּאַסיקע ווערטער, כדי ארויסצוברענגען מיין געדאַנק.

מיינע אינטימע פריינט האָבן מיך געקענט ווי אַזעלכן. די וואָס האָבן מיך נישט געקענט פלעגן מיינען, אַז איך האָב נישט וואָס צו זאָגן, בעת אין דער אמת'ן איז דאָס נישט געווען גאַנץ ריכטיק. אַ פּאָר מאָל האָב איך פּרובירט אויפשרייבן וואָס איך האָב געהאט צו זאָגן און אפילו מיינע אייגענע געשריבענע פלעג איך נישט קענען לייענען הויך פאַר פרעמדע מענטשן, איבערהויפּט פאַר אַ גרעסערן עולם.

איינמאָל, אין יאַנואַר 1930, האָט זיך מיר איינגעגעבן פאַרצו-לעזן אַ רעפעראַט וואָס איך האָב געהאט אָנגעשריבן, און איך האָב געלייענט דאָס געשריבענע פאַר אַ פיינעם עולם אין דער ענגלי-שער שפּראַך אין „קאָלטשור קלוב" אין אוירווינג פּלאַזאַ, אַף דער 15טער גאַס, ניו יאָרק.

אויך דאַן בין איך געווען זייער נערוועז און מיין דאָקטאָר האָט מיר שטרענג פאַרזאָגט אַזאַ „חכמה" ניט צו ווידערהאָלן, אויב איך וויל אַז מיין האַרץ זאָל נאָך אביסל לענגער פונקציאָנירן. איך האָב פאַרשפּראָכן מיינע קינדער און מיין פרוי, וועלכע זענען געווען אַנ-וועזנד, מער נישט צו פּרובירן שטעלן מיין לעבן אין סכנה. איך דענק, אַז איך וועל האַלטן וואָרט.

ווען מיין ארטיסטישע קאַריערע און קאָמעדיע האָט זיך פאַר-

וואנדלט אין א טראגעדיע צוליב דעם גראנדיעזן פאל, האב איך צו-
זאמען מיט נאָך א פּאָר חברים אָנגעהויבן שפּילן שאָך.

אפ׳ן שאָך-ברעט איז מיר געגאנגען אסך, אסך בעסער ווי אף
די ברעטער פון טעאטער.

איך האָב אין א קורצער צייט אָנגעהויבן שפּילן גאָר ניש-
קשה׳דיק. איך פלעג שוין אפילו קענען שפּילן א גאנצע פּארטיע
אויסווייניק. אבער מיט שאָך שפּילן אליין האָב איך ניט געקענט
אויספילן מיין גאנצע ליידיקע צייט.

היינט פארשטיי איך וואס אונז יונגע מענטשן האָט דאן גע-
פעלט. עס האָבן אונדז געפעלט ערלעכע, קלוגע געזעלשאפטלעכע
טוער וואס זאָלן אונדז אָנווייזן א וועג אין לעבן. דערקלערן אונדז
אז ווער עס האָט ניט קיין נייגונג, קיין לוסט צו לערנען, דער מעג
אָן שאנדע זיך נעמען צו א מלאכה, נישט ארומגיין פּוסט און פּאס
און זיין א באלעבאטישער ליידיקגייער, וואס איז נישט צו גאָט און
נישט צו לייט.

אָפטמאָל קומט מיר פאָר, אז איך בין געווען פון די יונגעלייט,
וועגן וועלכע אברהם גאָלדפאדן זאָגט:

„גייט ארום אַ יונגער פראַנט אָפן גאָס,
טוען טוט ער גאָר נישט,
גייט ארום פּוסט און פּאָס,
טוט נאָר וואָס מען טאָר נישט״.

אזעלכע יונגעלייטלעך זענען ביי אונדז אין שטאָט געווען א
פּולע. איך האָב ביי זיך ניט געקענט פּועלן זיך צוצופּאסן צו אזא
אומבאצוועקטן לעבן.

איך בין געווען אן אָפּטער ארייננגייער בא א „טשאסטני פּאָ-
ווערעני״*) שלמה׳קע טשערקאסקי, ווען איך פלעג ארויסהעלפן
שרייבן פּראשעניעס**). האָט ער איינמאָל באדארפט פארטרעטן א

*) אדוואָקאט.
**) בקשות.

געוויסן קליענט זיינעם ביים „מיראוואי סודיא*), וואו דער אַנ-דער צד איז געווען פאַרטראַטן פון דעם אַדוואָקאט יאַסעלע לאַ-ווינסקי. דאָס האָט ארויסגערופן אַן אינטערעס צו גיין זען, ווי די צוויי אַדוואָקטאַן וועלן פירן זייער פּראָצעס.

מיר איז דאַמאָלס פאָרגעקומען, אַז די צוויי אַדוואָקאַטן האָבן געפאָכטן צווישן זיך, געקעמפט איינער געגן אַנדערן ווי לייבן. פון דאַן אָן בין איך געוואָרן אַ שטענדיקער באַזוכער אין געריכט.

דער ריכטער — זיין נאָמען געדענק איך שוין נישט — איז געווען קליין פון וואוקס מיט אַ קינסטלעכער האַנט, זייער אַ וואוי-לער, ערליכער קריסט, וואָס האָט נישט פיינט געהאַט די אידן פון שטאָט. איך געדענק, ווען ער איז געשטאָרבן, האָבן די אידישע אַדוואָקאַטן געטראָגן עטלעכע גאַסן זיין אָרון אויף זייערע אַקסלען. ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער גוטער מענטש שוין דערפאַר אַליין וואָס ער האָט ליב געהאַט אידן. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט ווי דער פּאָעט זאָגט ערגעץ: „מוזיק אויף זיין געזיכט“. זיין ריידן און באַנעמונגען זענען געווען פול מיט חן, הגם ער איז נישט געווען זייער שאַרפזיניק און אויך נישט פיל באַהאַוונט אין יוריספּרודענץ, דאָך האָבן אים אַלע אַדוואָקאַטן געליבט און ווער עס האָט געהאַט מיט אים אַ מגע-משא, האָט פון אים אָנגעקוואָלן. — דער מיראוואי סוד**) אין בעלאַצערקאָוו אין יענער צייט האָט געהאַט אַ לייטישן אויסזען.

איך פלעג קומען אַזוי אָפט אין געריכט, אַז דער ריכטער האָט מיך שוין געקענט, אָבער ער האָט נישט געוואוסט, צו וואָס פאַר אַ קאַטעגאָריע ער זאָל מיך צושרייבן. ער פלעגט הערן, אַז איך רייד רוסיש און מיט די אידן רייד איך אידיש. איינמאָל האָט ער גע-שטעלט אַ פראַגע אַ אידן, וועלכער האָט ניט געקענט גוט רעדן און אפילו נישט פאַרשטאַנען ריכטיק קיין רוסיש, האָט אים דער איד נישט געוואוסט צו ענטפערן — ער האָט די פראַגע נישט פאַרשטאַ-

*) מוניציפּעל געריכט.

**) געריכט.

נען. דער ריכטער האָט מיך צוגערופן און געבעטן, אז איך זאָל אי-בערזעצן זיינע ווערטער פאַר׳ן אידן און נאָכדעם אים דערקלערן וואָס דער איד זאָגט. סהייסט, איך זאָל זיין אין דעם פאַל דער דאָלמעטשער (איבערזעצער).

איינמאָל האָט ער געפרעגט דעם אדוואָקאט טשערקאסקי׳ן, ווער איך בין און וואס איך טו אין געריכט אזוי אָפט.

ווי טשערקאסקי האָט מיר דערציילט, האָט ער דעם ריכטער געזאָגט, אז איך בין א קאנדידאט פאר אדוואָקאט, כאָטש דאָס איז נישט געווען ריכטיק, ווייל אויסער די אויבנדערמאנטע סיבה — מיין נישט קענען ארויסטרעטן עפנטלעך פאר אן עולם, האָב איך נאָך דערצו געטראָגן א האַס אַף די אדוואָקאטן פון מיין צייט, גע-האלטן די אידישע אדוואָקאטור פאר אן אָנשיקעניש אפן אידישן עולם און פאר א ווירקלעכע פיאווקע אפן גוי׳שען קערפּער. ווייל ווען עס האָט געטראָפן, אז א גוי׳שער בעל-גוף האָט געהאט א „דיעלאָ" אַף זיך, איז ער ארויס פון דעם אדוואָקאט א נאקעטער, אַ רואינירטער. איך געדענק, אז איין רייכער פּריץ איז געבליבן אַן אָרימאן, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו טאָן מיט די „טשאַסטני פּאָווע-רענים."

אין די זיבעציקער יאָרן האָט יעדער איינער געקענט זיך רופן אדוואָקאט. שפּעטער האָט מען באַדאַרפט האלטן אַן עקזאמען אין אויעזד, וואס אפילו א שילער פון דריטן קלאס גימנאַזיע האָט גע-קענט אויסהאלטן; ער האָט נאָר באַדאַרפט קענען ריידן, ארומ-ריידן און באריידן... צום קרעדיט פון די אדוואָקאטן מוז געזאָגט ווערן, אז א טייל פון זיי האבן טאקע געקענט גוט ריידן. אזעלכע זענען געווען אין אונזער שטאָט עטליכע ברידער לאָווינסקים. מיין גוט באקאנטער טשערקאסקי איז נישט געווען קיין גוטער רעדנער, אָבער זייער א פלינקער מיטן מוח און האָט געהאט זייער גוטע איינ-פאַלן, געקענט פארדרייען אַן עדות אזוי שטאַרק, אז יענער זאָל צו-געבן אַף א ליגן, אז עס איז אמת און אַף אן אמת, אז עס איז א ליגן.

ווי געזאָגט, איז מיר די אדוואָקאטור ווי א פּראָפעסיע נישט

געוועזן צום הארצן. אפילו דאָס שפּיל מיט שיינע ווערטער, וואָס איך האָב ניט פאַרמאָגט, האָט מיך צוגעצויגן. די גלייכווערטלעך, די גוטע איינפאַלן, די שפּיציקע דריידלעך, און אַז. וו., האָבן יאָ גע-האַט אַן אינטערעס פאַר מיר צו שאַרפן אביסל מיין מוח, און דע-ריבער פלעג איך אָפט קומען אין געריכט און דער ריכטער האָט מיך גוט געקענט.

איינמאָל האָט דער ריכטער געהאַט פאַר זיך אַ קוריאָזן פּראָ-צעס.

אַ גוי האָט פאַרלוירן ביי אַ אידן אין קלייט אַ טייסטער מיט געלט, וואו עס איז געווען אַ צוויי הונדערט רובל. דער גוי האָט גע-שוואָרן, אַז ביים אריינגיין צום אידן אין קלייט, האָט ער געגעבן אַ בעטלער אַ גראָשן און ער האָט בעת מעשה אָנגעטאַפּט אין קע-שענע זיין טייסטער מיט'ן געלט. ער האָט אויך געטענהט, אַז ער איז פון קלייט נישט ארויסגעגאַנגען און אַז קיינער, אחוץ אים, זיין ווייב און דער איד פון קלייט, איז דאָרט קיינער נישט געווען. נאָכ-דעם ווי ער האָט באַצאָלט דעם אידן 8 רובל פאַר אַ זעקל ווייצן-מעל איז ער ארויס קויפן אנדערע זאַכן, און אַפּן שוועל פון קלייט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרלאָרן דעם טייסטער מיט געלט.

דער איד האָט ניט געענטפערט גלאַט, זיך געדרייט אהין און אהער מיט זיינע ענטפערס. ס'איז געווען אויגנשיינלעך, אַז דער גוי האָט פאַרלאָרן דאָס געלט ביים אידן אין קלייט; און ווען דער גוי וואָלט דעם אידן ניט געוועזן געגעבן קיין געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון דעם טייסטער, וואָלט מען געוועזן געפונען דעם בייטל מיט געלט ביים אידן. אָבער אַזוי ווי דער גוי איז אַוועק נאָך אַן אור-יאַדניק,*) האָט דער איד געהאַט אַ מעגלעכקייט פּטור צו ווערן נאָכדעם ווי ער האָט מיך צוגערופן און געפרעגט, אויב איך וויים וואו דער רב וואוינט, איך האָב געענטפערט, אַז איך וויים, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ זילבערנעם רובל און געבעטן אַזוי פריינטלעך זיין

*) פּאָליסמאַן.

גלייך נעמען א דראָזשקע*) און ברענגען אהער — אין געריכט אַריין — דעם אידישן רב.

ר׳ שמחה קאפטשיק — דער רב פון שטאָט, איז געווען אַ איד אַ זקן, מיט א גרייז-גרויער, שיינער פּאטריארכאַלישער באָרד, א איד א הדרת פּנים. מיט זיין אויסערלעכקייט אליין האָט ער גע-מאכט א זייער גוטן איינדרוק, נישט נאָר אויף אידן, נאָר אויף די שטאָ-טישע קריסטן אפילו.

ניט איינמאָל האָט פּאסירט, אז אין קלענערע סכסוכים צווישן אידן און קריסטן פלעגן די לעצטע אליין פאָרלייגן גיין זיך פאנאנ-דערקלייבן באַם רב. אויב דער איד האָט ניט געוואָלט גיין צום רב, איז דאָס געווען א גענוגנדיקער מאָטיוו צו פארשטיין, אז ער דאַרף נישט גיין, ווייל ער איז אומגערעכט לגבי דעם גוי און ר׳ שמחה וועט אים דערפאר נישט א גלעט טאָן... אין דעם געבראכטן פאַל האָט אליין דער פרידנסריכטער געוואָלט, אז ר׳ שמחה זאָל אים העלפן זיך ארויסדרייען פון צו טאָן אן עולה דעם גוי, וואס דער בוכשטאַב פון געזעץ איז גראד קעגן אים, אין דער צייט ווען ער איז גערעכט. פארשטייט זיך, אַז איך האָב דערפילט די בקשה פון פרידנסריכטער, דערצו נאָך געווען שטאָלץ וואס ער שאפט זיך מיט מיר, טרויט מיר אָן אזא דעליקאטן ענין און א רובל מזומנים דערצו.

אויספאָרן זיך הין און צוריק אויף א דראָזשקע אויפן חשבון פון קאזנא**) איז אויך וואָס ווערט; מיך שיקט דער ריכטער אין א דיפּ-לאָמאטיש מלוכה׳שע שליחות. איך פיר דעם רב אין געריכט, איך האָב שוין געהאט גענוג שכל צו פארשטיין, אז די מעשה וועט ארויסרופן אפילו רייד אין שטאָט, מען וועט זיך חקירענען ווער איז גערעכט, א. ד. ג., דערביי וועט מען ריידן וועגן ריכטער, רב און דער פאקט וואס איך בין פארמישט אין דעם דאָזיקן „הויכן“ ענין, האָט מיך זייער אימפּאָנירט...

אז איך בין אָנגעפאָרן מיטן רב אין געריכט, האָט דער ריכטער

*) אַ פורמאַן.
**) מלוכה.

דערציילט דעם רב די גאַנצע געשיכטע און וואָס דאָ האַנדלט זיך און געבעטן דעם רב, ער זאָל געבן אַ שבועה דעם אידן לויט אַלע דינים פון דער אידישער רעליגיע.

אויב דער איד וועט זיך פון אָט דער שבועה אָפּזאָגן, וועט ער אים פאַרמשפּטן צו תּפיסה, אחוץ וואָס ער וועט דאַרפן אומקערן דעם גוי זיין געלט צוריק נאָך מיט אַן עודף, וואָס ער וועט אַף אים אַרויפלייגן ווי געריכטלעכע הוצאות, א. ד. ג.

צוליב דעם האָט ער דעם רב געהייסן אַריינגיין מיטן אידן אין אַ באַזונדערן חדר, אים דערקלערן וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך און ער — דער ריכטער — וועט שפּעטער אַוויילע אויך אַריינקומען אַהין.

ר׳ שמחה, אַ איד אַ חכם דערצו, האָט גלייך פאַרשטאַנען די גאַנצע סיטואַציע, ער האָט אויך פאַרשטאַנען די קאָמישע לאַגע אין וועלכער דער ריכטער אַליין געפינט זיך און זיך אויסגעדרייט אַף אַ גאָר קונציקן אופן... נאָך אַ קורצן ישוב הדעת מיטן אידן, האָט דער רב אָפּגעגעבען פאָלגנדיקע דערקלערונג דעם ריכטער:

„באַ אידן איז אַ האַרבער חטא צו שווערן אפילו אַף אַן אמת און דערפאַר איז דער איד מסכים צו געבן פון זיין קעשענע אַ העלפט געלט וויפיל דער גוי פאָדערט, כדי נישט דאַרפן אָנטאָן אַ טלית און תפילין און שווערן...“

סיי דער גוי, סיי דער ריכטער, סיי דער עולם צוהערער, אַלע זענען געווען צופרידן פון אַזאַ אויסגאַנג פון משפּט. אידן האָבן זיך געוויצלט: „וואו תורה דאָרט איז חכמה.“ דער איד האָט פרום פאַרגלאָצנדיק די אויגן געזאָגט: „איך דאַנק דיר גאָט, פּטור געוואָרן פון אַ שקר בלבול!“...

———:———

נאָכוואָרט:

מפלות און דערהויבונגען.

אין דער איבערגאַנגסצייט פון קינדהייט צו יוגנטלעכקייט, ווען די ענערגיע איז אומגעהויער אַקטיוו, ברויזנדיק; ווען די פאַנטאַזיע צושפּרייט זיך און זוכט א פאַרווירקלעכונג; ווען די געדאַנקען ווילן נישט זיין באַשרענקט, געצווימט און אָפּגעהאַלטן, נאָר פריי ווי א פויגל, דאַן איז דער יוגנטלעכער קאַפּאַל אַף אַלץ.

ער איז דאַן פאַרגליכן צו א יונגן בוים — קען זיך צעוואַקסן שיין, פילצווייגיק און ברענגען גוטע פרוכט.

אין פאָרבאַדינג דערצו מוז ער האָבן גענוג נארהאפטן באָדן און אומבאַדינגט א גוטן און געניטן גערטנער...

צום באַדויערן איז דער באָדן אין דער דאַנסטמאָלדיקער רוסלאַנד פאר דער יוגנט בכלל און פאַר דער אידישער בפרט נישט געווען קיין איבעריקס גינסטיקער.

ווער רעט נאָך פון געניטע גערטנער איז גאָר דער מין נישט געווען אין דער אידישער שטעטל.

די גאַנצע אַטמאָספערע איז געווען א פאַרכמאַרעטע, וואָלקנס זענען געהאנגען אפן גאנצן רוסלענדער האָריזאָנט און די יונגע שפּראָצונגען פלעגן פאַרוועלקט ווערן נאָך איידער זיי זענען זיך פונאנדערגעוואַקסן, אָפּגעהאַקט געוואָרן שוין באַם סאַמע וואָרצל...

היסאָטריקער וואָס וועלן זיך פארטיפן וועגן דעם מצב פון דער יונגט אין יענעם פינצטערן פּעריאָר וועלן זיך חדושן ווי אזוי די יוגנט איז נישט דעגראַדירט געוואָרן אזוי, אז עס זאָל זיך גרענעצן מיט דעגענערירונג, אפשר האָט ארויסגעראַטעוועט פון אָט דער לאַגע און עס איז דערצו נישט געקומען צוליב דער ארבעטער באַוועגונג, וואָס האָט פאַרכאַפּט די יוגנט...

29-טער קאַפּיטל.

א שכן — א דם שונא.

אַ רייכער שכן און אן אָרימער באלעבאָס. — די מאַמע און דער טאַטע — געגנאַרטיקע טיפּן. — די מאַמע האָט אויס־געפירט. — איבער א האלבן שפּאן ערד קען די וועלט אונ־טערגיין.

מיר האָבן געקויפט א ניי הויז; ניט מיט מיין פאָטערס האר-ציקער, אמת׳ער צושטימונג. מיין פאָטער פלעגט זאָגן: „עס איז בעסער צו זיין א רייכער שכן, איידער אן אָרעמער באלעבאָס.“ אַחוץ דעם האָט ער געוואוסט, ווי שווער עס איז פאר אים אָנקומען צו אימיצן נאָך א גמילת חסד, און ווי נאָך שווערער עס איז פאר אים געווען ווען ער האָט באדארפט אימיצען באצאָלן און האָט ניט געהאט. ווען מיר האבן פארקויפט אונזער אלט הויז פון דער אלטער שטאָט, האָט ער געוואָלט, אז מען זאל מער קיין אייגן הויז נישט קויפן און מיט די עטלעכע הונדערט רובל בעסער פירן די קלייט אבי-סעלע גרעסער, מיט וויניקער קאָפּ-דרייעניש און מיט א לייכטערן, פרייערן געמיט. מיין מוטער פלעגט שטענדיק טענהן, אז א הויז איז אַ זיכערע זאך און קען פארהיטן פון אלע צרות און האָט זיך איינ-גע׳עקשנט צו קויפן א הויז. און ווי שוין געזאָגט — מיר האָבן די הויז געקויפט.

ענלעכע אנגעלעגנהייטן פלעגן פירן צו קריגערייי צווישן מיין טאַטע-מאמען. נאָך א זאך, פארוואס מיין טאַטע פלעגט זיך אָפּט אמפּערן מיט דער מאמען — צוליב ריינקייט סיי אין שטוב גופא, סיי צוליב זאכן וואס באלאנגען צום שטוב. ער האָט ליב געהאט אַ ריינעם שיינעם טישטוך מיט ריינע און שיינע געשיר צום טיש. ער

האָט בכלל ליב געהאט אז אלץ זאל זיין אַף זיין פּלאַץ, און אלץ זאל הערשן א געוויסער סדר, אַן אָרדנונג.

זיינע וואָכעדיקע קליידער זענען ניט געווען באַזאָנדערס ריין צו־ליב זיין פּרנסה מעל. דערפאר אבער ווען עס איז געקומען שבת אָדער אַ יום טוב האָט ער פון זיך אראָגעוואָרפן אלע זיינע וואָכעדיקע מלבושים און איז געוואָרן מיט דעם צוגאָב פון זיינע ריינע קליידער אַ גאָר אנדערער מענטש, צו אים האָט זיך ווירקלעך געפּאסט דער אויסדרוק „נשמה יתירה", ער האָט באקומען אנאנדער אויסזען, סיי אינערלעך, סיי אויסערלעך. שבת אָדער יום-טובים האָט ער, מעג איך שווערן, באקומען אנאַנדער אויסשפּראך, זיינע מאנירן זע־נען געווים געוואָרן אנדערע, זיינע באנאמונגען צו אלעמען און אי־בערהויפּט צו אונדז קינדער איז געווען א צערטלעכע, א חבר׳שע. זעלטן ווען ער האָט קינדער געשלאָגן, ער פלעגט זאָגן: אז א שלעכט קינד העלפט ניט קיין שלאָגן און א גוט קינד דארף מען נישט שלאָגן. ער האָט קיינמאָל דער דינסט אָדער אַן אנדער באדינער קיין וואָרט נישט געזאָגט וויפיל און וואס זיי האבן געטאָן איז געווען ביי אים גוט.

שבתים און יום-טובים פלעגט ער תמיד זיין אויפגעלייגט, איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסן ווי ער פלעגט מיט מיין ברודערל, זיין מוזיניקל, א אינגעלע פון א יאָר פינף, לערנען תהילים זאָגן אין בעט פארן שלאָף יעדן שבת און יום-טובים; און אַף אזא אופן אים אויסגעלערנט פּערציק ביז פופציק קאַפּיטלעך תהלים אַף אויס־ווייניק.

נישט אכטנדיק וואס ער האָט ליב געהאט מיין מאמען, ווייל זי איז געווען, ווי מען האָט געזאָגט, א גאָר שיינע אין די יונגע יאָרן און אויך א שיינע אין די מיטעלע יאָרן, פונדעסטוועגן, פלעגט ער זיך מיט איר זייער אָפט קריגן איבער איר נאכלעסיקייט אין הלכות ריינקייט און אין באלעבאטישקייט, און אָפט שטארק קריגן זיך מיט איר איבער דעם וואס זי פלעגט אים „טאטשן,"*) אז ער זאל האָבן

*) דרינגלעך צושטיין.

מער אונטערנעמונגס-גייסט אין זיך און נישט אויסגעגעבן קיין צו-פיל געלט. זיין פאַרגעניגן איז געווען ווען ער פלעגט אנקויפן אויף יום-טובים זאכן פאר דער מאמען, פאר אלע קינדער און פאר זיך, מערערע מאָל האָט ער אפילו אָנגעקויפט אריבער דעם כח, פאר וואס עם פלעגט אים — אנשטאט א דאנק — אויסקומען אויסצוהערן די מאמעס נישט גאָר פּאסיקע שטעכווערטלעך. אבער דער פאַרגעניגן צו זען אלעמען שיין און ריין געקליידעט האָט גובר געווען אלע אומ-באַקוועמלעכקייטן. ער איז געווען א ליבהאָבער פון שיינקייט און א ליידנשאפטלעכער אָנהענגער פון זויבערקייט, היגיענע און פּשוטע ריינקייט.

מיין טאַטע איז נישט געווען קארג, קליינלעך; פאַרקערט — געהאט א זייער ברייטע נאַטור און דאָך פלעגט ער זיך צופרידנ-שטעלן מיט ווייניק, זיך נישט קלאָגן, תמיד געווען צופרידן, האָט נישט געשטרעבט צו עשירות און נישט געוואָלט זיין קיין פּוסטער בעל גאוה. די מאַמע אבער האָט געוואָלט דורכאויס האבן אן אייגן הויז און זי האָט אויסגעפירט. מען האָט איר צוליב געמוזט קויפן א גרויס הויז און מען האָט זיך פאראיינגט און פארשולדיקט מיט „זאקלאַדנאיעס*) איבערן קאָפּ.

די מאמע איז געווען פון א קעגנגעזעצטער נאַטור. זי איז גע-ווען ענערגיש, פּלייסיק, שפּארזאם און אמביציעז. זי האָט גע-שטרעבט פארמעגלעך צו ווערן „אום יעדן פּרייז״, אפילו אפן חשבון פון איר אייגענעם געזונט. זי האָט זיך נישט געקימערט פאר איר אייגענעם איך, געקענט ארבעטן שווער און זיך קיינמאָל נישט באַ-קלאָגט. דערצו איז זי געווען פון דער נאַטור שטארק געבויט, בעת מיין פאָטער איז געווען שוואכער און האָט ניט געוואָלט קיין וועלטן איינשלינגען. אים האבן אנדערע זאכן אינטערעסירט: וועלט-פּראָבלעמען זענען ביי אים געשטאַנען העכער ווי געלט. וועגן דעם ווי אזוי צו לעבן האָט ער געהאט א שענערן באגריף, א ריינערן בליק, א בעסערן געשמאק, העכערע אידעאלן, אלמענטשלעכע פאר-

*) מאָרגיידזשעס.

לאנגען. ער איז געווען א מענטש מיט אידעאלן. אמת, נישט אויס־געהאלטן, אבער תמיד ערלעך צו זיין אידעאל פון דעם געגעבענעם מאָמענט...

מיין מאמע איז געווען א לעבהאַפטיקע, לעבנסלוסטיקע, אפילו אין יענע יאָרן האָט זי ליב געהאט שפּילן אין קאָרטן, זי איז גע־ווען גאסטפריינטלעך און ליב געהאט צו אונטערהאלטן פריינט און באקאַנטע, אבער א באַלעבאָסטע אין שטוב האָט זי נישט געקענט זיין, ווייל זי איז געווען פון איר יוגנט ביי איר פּאָטער אין גע־שעפט, דערצו איז זי פון דער נאטור נישט געווען אָפּגעגעבן צו הויז־ארבעט.

ווי מען האָט גערעדט, איז מיין מאמע געווען א שיינהייט אין דער יוגנט, אירע שווערע הארָאוואַניעס אין די מיטעלע יאָרן האָט נאָר א טייל פון איר שיינקייט פארניכטעט, זי האָט געהאט א שטאַרקע ענערגיע, באַזעסן א גרויסע מאָס ווילנסקראַפט, געיאָגט זיך נאָך עשירות, כדי זיך צו קענען ארויסווייזן, פארמעסטן אין דערגרייכונגען. די מאמע האָט קיין שום בילדונג נישט באקומען אין אירע קינדער־יאָרן. אפילו אָנשרייבן א בריוול נישט געקענט, ווער רעט שוין מכוח רעכענען, לייענען א צייטונג, א. ד. ג. דעם טייטש־חומש, דעם צאנה וראנה פלעגט איר אָנקומען שווער צו לייענען און דערפאר האָט זי עס געטאָן אָן חשק... פון דער נאטור אבער האָט זי געהאט א גראדן שכל, א גוטן קאָפּ; מיט איר ריידנדיק, האָט איר געקענט מיינען, אז זי איז א געלערנטער מענטש, זי איז געווען פארעכנט פאר א העכסט קלוגע פרוי צווישן אירע באקאַנטע, זי איז געווען גאסטפריינטלעך און ליבלעך. איין חסרון, אזוי ווייט, ווי איך וויים, זי איז גלייכגילטיק געווען אין א גרויסער מאָס צו הויז־אַר־בעט, צוווירטשאַפטלעכע פראגן.

גאָט האָט געהאָלפן, זי איז געוואָרן די אייגנטימערין פון א שיין ניי הויז, אָבער מיט שיינע עגמת נפש דערצו און א פּעקל צרות, אויף וועלכע זי האָט זיך נישט גערעכט צו האבן פון די שכנים, וועמען זי האָט פארדונגען א פּאָר באזונדערע וואוינונגען מיט זייער באהייצונג.

צוויי־הונדערט־צוויי־און־זעכציק

פון די שכנים האָט מען געהאט מער צרות ווי נחת. ווען עס פלעגט קומען צו צאָלן דירה-געלט, האבן זיי שטענדיק געהאט אַן אויסרייד: דאָ טויג דער אויוון נישט, ווייל ער באקט נישט גוט; דאָ טויג די הרובע נישט, ווייל זי האלט נישט קיין היץ; דאָ זענען די „פאדוואוינע״*) פענסטער נישט גענוג צוגעפּאַסט; דאָ איז די דיישקע פאַר וואַסער צו קליין; דאָ איז דאָס שטעלעכל פאַר האָלץ נישט גרויס גענוג; דאָ איז ווייניק בוידים פאַר שטרוי האלטן, א. ז. וו., מיט איין וואָרט, עס פלעגט אָנקומען מיט קריעת ים סוף ארויסקריגן עפּעס דירה-געלט.

אונדזערע שכנים זענען נישט געווען קיין שלעכטע מענטשן, מענטשן-כאַפּערס, וואס ווילן זיך באנוצן מיט פרעמדע האָב און גוטס, אָדער בכלל גראבע יונגן — גרויזאמע, אומבארמהארציקע. דאָס זענען געווען ביטערע אָרימעלייט און האבן נישט געהאט מיט וואָס צו צאָלן קיין דירה-געלט, האָט מען נאָר געדארפט געפינען אַן אויסרייד, א שיינעם תירוץ... זיי האבן אין גוטן מוט נישט געהאט קיין מעגלעכקייט צו צאָלן: דעם חודש איז דאָס ווייב געלעגן געוואָרן — איז זי געווים בילכער, דעם חודש איז א קינד קראנק געוואָרן, א צווייטן חודש — א צווייטער קינד; דעם חודש האָט מען געמוזט דעם מלמד באצאָלן שכר לימוד און דעם חודש איז דאָך א מעשה — ימים-טובים, און נאָך ימים-טובים מוז מען דאָך איינקויפן און אָנגרייטן כאָטש עפּעס אף ווינטער — האָלץ, שטרוי אף צו הייצן די הרובע, זויערע קרויט, שטעלן אוגערקעס, מאכן „פּאָווידלע**), און דאָ איז סתם קיין פּרנסה נישטאָ. איז דער שכן געווען אַן ארבעטער ביי יענעם, האָט אים דער באַלעבאָס נאָך ניט געהאט באצאָלט. האָט ער געארבעט פאר זיך, האָט ער נאָך פאר דער ארבעט קיין געלט נישט באקומען. מיט איין וואָרט, תירוצים זענען געווען אסך, אבער געלט ווייניק. אזוי, געדענק איך, איז בא אונדז אָפּגעזעסן א שכן אין אן אלקער א האלב יאָר אָן א גראָשן

*) טאָפּלטע פענסטער.

**) אויסגעקאָכטע פלוימען צו באשמירן אף ברויט.

דירה-געלט. צוליב בושה פאר אנדערע שכנים, האָט ער זיך סוף כל סוף ארויסגעקליבן פון אונדזער הויז.

איך געדענק א פאל, וואס כאראקטעריזירט דעם אוקריינישן קליינשטעטלדיקן הויז-באַזיצער; מען קריגט זיך און מען שלאָגט זיך ביז בלוט צוליב א האלבן ווערשאק באָדן. מיין מאמע האָט זיך צעקריגט מיט א שכן פון א צווייטן הויז, וואס האָט זיך געגרענעצט מיט אונדזערן. צוליב אָט וואס:

בא א ווינקל פון אונדזער הויז, וואו אונדזער באָדן האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר געמוזט אויפשטעלן א בית הכסא, און כדי קיין פרעמדע זאָלן אהין נישט גיין, האבן מיר געוואָלט ארומצאמען דעם פלאַץ. האָט אבער דער שכן גע׳טענה׳ט, אפשר מיט רעכט, אז דער פארקן וועט שטיין מיט א צאָל*) ערד אויף זיין באָדן און האָט דערפאר נישט געלאָזט ארומצאמען דעם פלאַץ. דאָס געזעץ האָט גע-לויטעט, אז ווען א פארקען שטייט שוין, טאָר מען אים נישט צו-נעמען אָן דער צושטימונג פונ׳ם באלעבאָס, אָדער דורך אן אנדער געזעצלעכן מיטל. אלזאָ, האָט מען געמוזט אוועקשטעלן דעם פארקן בגנבה.

מיין פאָטער האָט געוואָלט דעם שכן באַצאָלן עפּעס דערפאר, אָבער יענער האָט נישט געוואָלט הערן דערפון. האָט מיין מוטער געדונגען א פּאָר גויים זיי זאָלן קומען גאַנץ פרי און אַוועקשטעלן דעם פארקן. ווי עס זעט אוים, איז דער שכן נישט געווען קיין נאַר; ער האָט גוט אכטונג געגעבן, און אזוי שנעל ווי די גויים זענען צו-געקומען, האָט ער זיך מיט זיין ווייב אוועקגעשטעלט און נישט גע-לאָזט ארייננשלאָגן די סלופּעס אין דער ערד.

ווען נישט אן אוריאדניק, וואס איך האב געבראכט, וואלט גע-קומען צו געשלעג. צוליב דעם וואס איך האָב זיין הארץ „ווייכער" געמאכט, האָט דער אוריאדניק געזאָגט, אז דער שכן וואלט גע-

*) אינטש.

דאַרפט ברייגנען א „זעמלימער"*), כדי ער זאָל איבערצייגן, צי דער פּארקן וועט ווירקלעך שטיין מיט א צאָל אויף זיין באָדן, און אזוי ווי ער האָט דאָס נישט געטאָן, טאָר ער די ארבעט נישט אָפּשטעלן. דער שכן האָט קיין אנדער ברירה נישט געהאט און די גויים האָבן גלייך אריינגעשלאָגן די סלופּעס אין דער ערד.

די גאנצע געשיכטע האָט אויסגעזען קאָמיש און לעבערלעך. אזא ברעקל באָדן האָט געקענט באטרעפן פּרוטהאלבן גראָשן. דערפאר איז מען געווען גרייט איבעררייסן פריינטשאפט מיט שכנים און ווערן דם שונאים, אזוי ווי אף דעם צאָל ערד וואלט געשטאַנען די וועלט.

דער שכן, אויף צו להכעיס, פלעגט אָפטאָן פארשידענע שטיקלעך, כדי נקמה צו נעמען פון אונדז. ער פלעגט אָפט ביינאכט אָנשיטן דעם קלאזעט מיט פארשידענע שמוץ, אָנווארפן געפגרטע קעץ און הינט, ביז עפּעס האָט זיך ביי אים געטראָפן, צוליב וואס ער האָט פארגעסן אָן אונדז.

ער האָט געהאט א מיידל פון א יאָר 16, 17; נישט קיין שיינע, אָבער אויך נישט קיין מיאוסע. ער אליין איז געווען א קלעזמער פון דעם אלטן שניט, וואָס פלעגט שפּילן אָן נאָטן, נאָר פון געהער און געוואוינהייט. ער פלעגט שפּילן אף א קלאַראָנעט. פון זיין שפּילן איז ער, פארשטייט זיך, קיין גביר נישט געווען, אבער א לעבן האָט ער ווי עס איז געמאכט און זיין מיידל פאר א דינסט נישט אוועקגעגעבן. אזוי ווי ער פלעגט ארויסהעלפן שפּילן אף חתונות, האָט די מיידל געוואוסט וואו די חתונות זענען, און זי פלעגט אָפט שטיין לעבן די חתונה-הייזער און קומען אהיים שפּעט אין דער נאכט.

איינמאָל און א צווייטן מאָל האבן איר די עלטערן פארזאָגט, אז זי זאל נישט גיין מער שטיין אונטער די פענסטער, וואו די חתונות קומען פאָר, אבער זי האָט נישט געפאָלגט, ווייל אונטער דער צייט האָט זי זיך באקענט מיט בחורים׳לעך, וועלכע פלעגן

*) באָדן-מעסטער, סארווייער.

ארויסקוקן אַף אַזעלכע צופאַלן. דער סוף איז געווען, אַז די עלטערן האָבן זיך גענומען צום אַלטן פאַרשימלטן מיטל — צו שלאָגן דאָס מיידל פאַר נישט פאָלגן. עס פלעגט נישט אריבערגיין קיין וואָך, אַז מען זאָל דאָס מיידל נישט שלאָגן. איינמאָל, געדענק איך, האָבן מיר אַלע ביי אונדז אין שטוב געהערט דעם מיידלס געוואַלד-גע-שרייען. ווען מיר זענען ארוים פון הויז, איז די גאַס געווען פול מיט נייגעריקע מענטשן, ניט קוקנדיק דערויף וואָס עס איז שוין געווען גאַנץ שפעט. מען האָט זי אַזוי געשלאָגן, אַז זי איז געפאַלן אין חלשות.

אַ צוויי-דריי טעג איז זי געווען פאַרשפאַרט אין שטוב און האָט נישט געקענט ארויסגיין. דערנאָך האָט מען איר קיין שיך און קיין קלייד נישט געגעבן. דער סוף איז געווען, ווען די עלטערן האָבן געמיינט, אַז זי וועט זיי שוין פאָלגן און האָבן אויפגעהערט צו זיין שטרענג מיט איר, איז זי אין אַ געוויסן טאָג אוועק פון הויז און איז מער נישט צוריקגעקומען.

די עלטערן האָבן זי ארומגעזוכט, גענישטערט איבעראַל, ביז זיי זענען געוואָר געוואָרן, אַז זי געפינט זיך אין אַ „פרייליכע הויז".

ווי מען האָט דערציילט, האָבן די עלטערן באַצאָלט אַ היפשע סומע געלט צו דער הויז, פון וואַנען מען האָט זי פריי געלאָזן און צוגעזאָגט זי מער נישט אריינצונעמען.

די עלטערן האָבן זי מער נישט געשלאָגן. די ערשטע צייט פלעגט זי זיך שעמען ארויסגיין אין גאַס. שפעטער, ווען זי האָט זיך גענומען ווייזן אַף דער גאַס, פלעגן קינדער זי באַליידיקן, על-טערע מענטשן פלעגן אַף איר קוקן מיט רחמנות און פאַראַכטונג, יונגע פרויען פלעגן טייטלען אַף איר מיט די פינגער, מענער און בחורים פלעגן איר נאָכקוקן און זי אָפמעסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

איך האָב זי וויניק וואָס געזען, ווייל אינגיכן בין איך אוועק-געפאָרן אין דאָרף.

צוליב אייגענע צרות, האָט דער קלעזמער און זיין פאַמיליע פאַרגעסן אָן אונדז און אויפגעהערט אונדז טאָן צו להכעיס.

נאָכוואָרט:

א שכן — א דם שונא.

די נאַטור האָט באשאַנקן דעם מענטשן מיט אן אינסטינקט פאַר זעלבסטשוץ. תמיד זאָגט אונטער אָט דער אינסטינקטיווער חוש וואו עס שטעקט א געפאר און אָפט איז דער חוש א גורם אויס־צומיידן די געפאר.

אָט דער חוש האָט אויך געדארפט אָפּהיטן מענטשן פון באַגיין טאַטן, וואָס זענען אָפט פאַר אים א גרויסע געפאַר. די נאַטור האָט געטאָן דעם מענטשן א גרויסע עולה נישט איינטיילנדיק אים מיט דעם זעלביקן זעלבסטשוץ־חוש אויך פארן באַגיין געפערלעכע טאַטן.

קליינלעכע טאַטן ברענגען אָפט צו גרויזאַמע רעזולטאַטן, על־טערן פארלירן קינדער, קינדער — עלטערן. דורך נישט קאָנטראָ־לירטע, אימפּולסיווע מאָמענטאַלע טאַטן פארלירן מיר אָפט אונזערע נאָענטסטע, ליבסטע, בעסטע גוטע פריינט.

באזיצנדיק פון דער נאַטור אזא חוש, וואָלטן מענטשן נישט באַגאַנגען פעלערן וועלכע זיינען אן־און־פאר־זיך קיין גרויסע בייז נישט, אָבער די רעזולטאַטן זייערע זענען אָפט פאַטאַלע.

פארדראָסיק איז אָפט וואָס מענטשן, צוליב א קליינלעכקייט, ווערן פארוואַנדלט אין בלוטדורשטיקע חיות, נקמה דורשטיקע, מוסרים א. ד. ג.

וואָלט אָבער א מענטש זיך קענען קאָנטראָלירן, באזיצן אן איינגעשאַפט פון פאָראויסזעונג וואָס דער אָדער יענער טאַט זיינער קען מיט זיך ברענגען, וואָלט עס געווען א ברכה פאַר דער מענטש־הייט.

———:———

צוויי־הונדערט־זיבן־און־זעכציק

30-טער קאפיטל.

א סדרה אומגליקן.

סוחרים קריגן זיך — צו מיר גייט עס אויס. — איך פאררייד די ציינער. — די מאמע גלויבט. — גם זו לטובה.

אין א קורצער צייט נאך דעם ווי מיר האבן זיך ארייננגעקליבן אין אונדזער נייער הויז, האט זיך אנגעהויבן בא מיר א סדרה אומ-גליקן.

אונדזער הויז איז געשטאנען נעבן דער טארהאוויצע*) און די גאס האט זיך געענדיקט נעבן בית עולם, וואו עס איז געוועזן דער גאנצער האנדל מיט אלערליי געהילץ.

דער געשעפט ווי אלערליי אנדערע געשעפטן, זענען געווען אין אידישע הענט, אגב מעג דא פארצייכנט ווערן אז בא אונדז אין שטאט אין יענער צייט איז נאך קיין איינציקער געשעפט אחוץ אן אפטייקער נישט געווען אין גוי'שע הענט. דריי געציילטע קראמען — אויב מען קען זיי אזוי אנרופן — האבן געהערט צו גויים. דאס איז געווען א פעקארניע**) אויף בערדיטשעווער גאס, בראזדעס טראק-טיר***) אף קלובנער גאס אנטקעגן דעם ברום קלייטן און אלער-ליי חזיר-פליישן און אנדערע טריפהנע זאכן אויפן מארק אונטער מעזשיבאווסקים מויער פון א געוויסן גוי סאלהאן. אויך איז געווען איין-און-איינציקער פאבריק — דער „טשעגהונער זאוואד"****) וואס האט באלאנגט צו קריסטן. אלע אנדערע געשעפטן: קראמען,

---

*) האלצמארק.

**) בעקעריי.

***) רעסטאראן.

****) אייזן־און שטול־גיסעריי.

מילן און מסחר אונטערנעמונגען בכלל זיינען געווען דורכאוים אין אידישע הענט.

דערפאר זענען פון די גויים געווען א שבת-גוי, דער באָד-היי-צער, דער האָלץ-האקער, דער וואסער-טרעגער, די פּאָמאָיניצע-שלע-פער, דער פורמאן, דער קוטשער, דער מילנער, און ד. ג. די מלאכה פון שוסטעריי, מעבל-מאכער, בויערער און מויערער און פילע פילע אַנדערע גוטע בעלי מלאכות זענען געווען מייסטנס גויים. מיר שיינט אַז בלויז צוויי פאכן פון ארבעט זיינען געווען כמעט דורכאוים אין אידישע הענט, נעמלעך, קירזשנעריי און שניידעריי. אַלע אנדערע מלאכות זענען מערסטענס געווען אין קריסטלעכע הענט.

רעגירונגס-שטעלעס וועלכע זענען אין יעדן לאַנד אין די הונ-דערטער טויזנטער, פון א דעסיאַטניק ביז דעם מיניסטער, זענען געווען פארנומען אַלע הונדערט פּראָצענט מיט קריסטן. אַנגעשטעל-טע אַף אייזנבאַנען, טעלעגראַף, פּאָסט און אַנדערע אַנגעשטעלטע זענען אויך באשטאַנען פון דעם זעלבן פּראָצענט, ווייל דאס האָט באַלאַנגט צו דער רעגירונג. לערערס, אַלערליי פּראָפעסאָרן אַף יעדן געביט פון וויסנשאַפט, מוזיק, קונסט, און ד. ג., זענען קיין אידן ניט צוגעלאָזן געוואָרן.

מיט גאַנץ ווייניק אויסנאַמע — אפילו א נאָטאַריאָס איז קיין איד נישט געווען דערלויבט צו זיין. דאָקטוירים, אינזשענערן און אדוואָקאטן פון געוויינלעכן שניט האט מען יאָ דערלויבט א געוויסן פּראָצענט.

איין איד האָט זיך באַ אונדז דערדינט צו א טשין*) — זיין א סטאַראָזש**) ביי די סקלאַדן פון געהילץ נעבן אונדזער הויז. איינ-מאָל האָבן זיך צוויי אידן פון די סקלאַדן פון געהילץ צעקריגט אי-בער א שטיקל חזקה פון א פּלאַץ וואו זיי פלעגן האלטן זייער גע-הילץ. איינער האָט געטענהט, אַז די חזקה באַלאַנגט צו אים, דער

*) טיטול.

**) וועכטער.

אַנדערער האָט געטענהט פאַרקערט, אַז די חזקה באַלאַנגט צו אים. ווי עס האָט געשיינט האָט קיינער פון זיי נישט געקאָנט איבערצייגן צו וועמען די חזקה האָט באַלאַנגט, סיידן מיט רייד, קריג, זידלעריי און געשלעג.

אַזאַ אַרט איבערצייגונג האָט אָבער נישט באַשטימט די חזקה. איז איינער געפאַלן אַף אַ פּלאַן, געקומען באַנאַכט מיט גויים צום סקלאַד, און אַוועקגעשאַרט פון פּלאַץ דעם צווייטנס געהילץ, און אַוועקגעלייגט זיינע. איז זיך מישב דער צווייטער און דינגט אַ צענדליק גויים אַף שבת באַטאָג און שאַרט אַוועק יענעמס האָלץ און פאַרלייגט דעם פּלאַץ ווידער מיט זיין האָלץ.

דאָס איז געטאָן געוואָרן שבת, האָט דאָס צוגעצויגן הונדער־טער מענטשן און אַזוי ווי דאָס איז געווען נישט ווייט פון אונדזער הויז, בין איך אויך געווען צווישן די צושויער.

מען האָט געשאַרט און געקייקלט די פאַרשידענע קלעצער, ברע־טער און אַנדערע מינים געהילץ, מיט אַ טייוולשער שנעלקייט. איך האָב זיך פאַרקוקט און נישט באַמערקט די געפאַר. אין דעם אויגנ־בליק האָט מען אַרויפגעקייקלט אַ קלאָץ אַף מיינער אַ פוס און איך בין אומגעפאַלן. עס איז געוואָרן אַ טומל און מען האָט קוים אויפ־געהויבן דעם קלאָץ און מיין פוס באַפרייט, אָבער די פוס איז גע־ווען אַזוי צוגעדריקט, אַז איך האָב נישט געקענט צוגיין אַהיים. באַ־קאַנטע האָבן מיך צוגעטראָגן און אַריינגעטראָגן אין שטוב, און מען האָט געשיקט נאָך משה דעם רופא, אַז ער זאָל פאַרבאַנדאַזשירן מיין פוס.

איך בין אָפּגעלעגן אין בעט אַ פּאָר טעג, און אַ פּאָר וואָכן זיך אַרומגעטראָגן מיט׳ן באַנדאַזש איידער איך האָב געקענט זיך רעכט שטעלן אַף דער פוס. מיט דעם בין איך אָפּגעקומען פאַר די זינד פון די צוויי אידן וואָס האָבן זיך געשלאָגן צוליב דער חזקה פון אַ שטיקל פּלאַץ. מיט וואָס דער „בירגער־קריג" האָט זיך געענדיקט, געדיינק איך ניט. יעדנפאַלס איז דער פּלאַץ געבליבן ביי איינעם פון זיי. ס׳איז נאָר אַ פראַגע ווי לאַנג ער האָט אָנגעהאַלטן, און ווי

פיל יאָרן האָט ער זיך געמוזט אַרומקריגן מיט זיין שכן צוליב דעם שטיקל פּלאַץ.

א צווייטער פאַל האָט זיך געטראָפן מיט מיר ווען איך בין איינמאָל צוגעפאָרן צו א הויז פון מיינעם א באַקאַנטן מיט א דראָזשקע. איך האָב געוואָלט צייגן, אַז איך בין א געניטער פּאַסאַזשיר*) אַף דראָזשקעס, און בין מעשה פראַנט אַרונטערגעשפּרונגען פון דראָזשקע, האָט זיך מיין נאַר וואָס פאַרהיילטע פוס א דריי געטאָן און איך בין געפאַלן און נישט געקענט זיך מער שטעלן אַף דער פוס. איך האָב גלייך געהייסן דעם פורמאַן מיר העלפן אַרויף צוריק אַף דער דראָזשקע און מיר צופירן אהיים. אין שטוב האָב איך אַליין נישט געקענט אַריינגיין, האָט מען מיך געמוזט אַריינטראָגן. מיינע עלטערן זענען אין דערהיים נישט געווען, האָב איך געמוזט וואַרטן מיט גרויסע שמערצן ביז מיין מוטער וועט קומען, ווייל זי פלעגט קומען די ערשטע פון קלייט. איך האָב אָבער געוואוסט ווי אַזוי מיין מוטער וועט אויפנעמען דעם פאַל מיט מיין פוס, איבערהויפּט ווען דאָס איז שוין דער צווייטער צופאַל אין אַזאַ קורצער צייט, וואָס איך אַליין בין שולדיק אין דעם. ווען מיין מוטער איז געקומען און דערהערט מיין קרעכצן, האָט זי מיט פאַרבראָכענע הענט, געפרעגט וואָס איז שוין ווידער? האָב איך קיין האַרץ און קיין מוט נישט געהאַט איר צו זאָגן דעם אמת, האָב איך איר געזאָגט, אַז מיין בויך טוט מיר שטאַרק וויי. דערהערנדיק די ווערטער מיט דעם קרעכצן, האָט זיך מיין מוטער שטאַרק דערשראָקן און גלייך געשיקט נאָכ׳ן דאָקטאָר, אַז ער זאָל אומבאַדינגט גלייך קומען. דערווייל האָט זי מיך געבעטן איינגעמען אַן אָפּפיר פון וועלכן איך האָב זיך אַרויסגעדרייט מיט פאַרזיכערונגען, אַז איך האָב געהאַט ריכטיקן שטולגאַנג.

ווען דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען, איז מיין מוטער צו מיין גליק, אין שטוב נישט געווען, האָב איך זיך פאַרטרויט דעם דאָקטאָר, דערציילט אים דעם ביטערן אמת, אַז איך האָב מיר א פוס

*) פּאַרער.

אויסגעלונקען און כדי די מאמע זאָל נישט געוואויר ווערן, שריי איך, אז מיין בויך טוט מיר וויי. דער דאָקטאָר, מיט וועמען איך בין געוועזן גאנץ גוט באקאנט, דאָס איז געווען דאָקטאר טשערני, האָט געלאכט און געזאָגט אף אידיש צו מיין מוטער, אז קיין גרעסערע חולאים זאָלן נישט זיין, אז עס איז קיין סכנה נישט, אז איך וועל גלייך געזונט ווערן. נאָר וואָס דען האָט ער געזאָגט, ער מוז האָבן באנדאזש מיר דעם בויך באנדאזשירן. מען האָט גלייך דאקאזשעט*) באנדאזש, ער האָט פארבאנדאזשירט מיין פוס, פארשריבן א מע-דיצין מיט וואָס צו באשמירן דעם פוס. ווען דער פאָטער איז גע-קומען, האָט אים די מוטער דערציילט, אז איך האָב באקומען א פלוצלונגען וויי אין בויך און אז דאָקטאר טשערני איז געווען, האָט מיין בויך פארבאנדאזשירט, און אז ער האָט פארזיכערט, אז איך וועל ווערן גלייך געזונט.

ווען מיין פאָטער איז צוגעקומען צו מיר, האָב איך אים בא-געגענט מיט א שמייכל און אים געזאָגט, „נשקשה, איך בין שוין נישט קראנק, מען מעג מיר שוין געבן עסן, נאָר דער דאָקטאר האָט געהייסן, אז איך זאָל די נאכט נישט ארונטער פון בעט.“ עסן האָט מיין פאָטער מיר נישט געהייסן געבן, דאָס איז געווען די ערשטע שטראָף פאר מיין זינד. די צווייטע שטראָף איז געווען נאָך אן ערגערע, איך האָב זיך געמוזט איינהאלטן א לאנגע צייט, ווייל איך האָב נישט געקענט אראָפגיין פון בעט.

שפעט אין דער נאכט, ווען אלע זענען געשלאָפן, האָב איך זיך אראָפגעדראפעט, אויסגעליידיקט און אָנגעפילט מיין מאָגן, אזוי האָב איך אָפגענארט מיינע עלטערן א פאָר טעג, ווען נישט מיינע א שוועסטערל וואס האָט זיך אויסגערעט וועגן מיין באנדאזשירטער פוס, וואָלטן מיינע עלטערן אזוי גיך נישט געוואויר געוואָרן, אָבער דורך מיין שוועסטערל האָבן זיי זיך דערוואוסט, און זיי זענען געווען צופרידן ווי מען זאָגט ביי אידן, גם זו לטובה.

---

*) באקומען.

דערפאר האָב איך געהאט א דריטן צופאל, אן אומשולדיקן „פון זיך אליין", אויב אזא זאך איז מעגלעך, ס'האָט מיר אָנגעריסן א פינגער, צוערשט האָט מיין מוטער מיר צוגעלייגט א געווייסן פלאסטער, וואס האָט זיך גערופן נאָך דער אידענע וואס האָט דעם פלאסטער געמאכט. איך געדיינק נישט אויף זיכער צי יאכנע-פלאסטער צי צירעלס פלאסטער האָט דאָס געהייסן, יעדנ-פאלס דער פלאסטער האָט נישט געהאָלפן, און דער פינגער האָט געריסן וואָס מער און מער. מיין מוטער האָט אפילו געבראכט אן אָפּשפּרעכערין זי זאל מיר דעם פינגער אָפּשפּרעכן, אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, פארקערט, עס איז נאָך ערגער געוואָרן, האָט מען מיט אנדערע היימישע מיטלען אָנגעפאנגען צו היילן, צולייגן געבאקטע ציבעלעס צום פינגער, א האָניק-טייגל צו-לייגן און אנדערע זאבאבאנעס, און קיין זאך האָט נישט געהאָלפן, און ס'איז נאָך ערגער געוואָרן. עס איז שוין אזוי וויט דערגאנגען, אז מיין האנט איז צוויי מאָל אזוי גראָב געוואָרן פון געשווילאכץ און פון מאטעריע*) אז עס איז מיר געווען אוממעגלעך איבערצו-טראָגן די ווייטיקן.

אין שטאָט איז קיין דאָקטאר כירורג נישט געווען. ווען איך בין מיט מיין מוטערס א ברודער דאן געגאנגען צו טשארני דעם דאָקטאָר וועגן פינגער, האָט ער געזאָגט, אז מיין האנט איז אין גע-פאַר, אויב איך וועל גלייך נישט עפענען און די מאטעריע ארויס-לאָזן. ער אליין קען דאָס נישט טאָן, האָט ער געזאָגט, אבער ער ווייסט, אז ביים גראף געפינט זיך איצט א דאָקטאר א כירורג, און ער קאָן דאָס טאָן, על-כן זאָל איך תיכף ומיד גיין אהין.

איך מיט מיין פעטער זענען אוועק צום דאָקטאָר און אים האר-ציק געבעטן, אז ער זאל די אָפּעראציע מאכן. ער האָט גלייך דער-זען די געפאר און האָט איינגעוויליקט. האָט ער געהייסן זיין לאָקיי מאכן הייסע וואסער, געבראכט אלע נויטיקע כלים און אינסטרו-מענטן, און מיך אוועקגעלייגט אפן ברעג פון א לאנגען טיש, כדי

---

*) פּאָס.

אַלץ זאָל קענען אראָפּרינען. ארייננערופן נאָך א גוי און די צוויי גויים האָבן מיר געהאלטן הענט און פיס און מיין פעטער האָט צו־געהאלטן מיין קאָפּ, דערביי אליין געוויינט און דער דאָקטאר האָט געטאָן זיין ארבעט.

אחוץ פון צו קריצן מיט די ציין און אביסל שרייען פאר ווייטיק, האָב איך זיך נישט א ריר געטאָן, ביז אלץ איז געוועז פאריבער.

ווען דער דאָקטאר איז מיט מיר פארטיק געוואָרן און מיין האנט פארבאנדאזשירט, האָב איך זיך געפילט ווי ניי געבוירן און בין צוגעגאנגען צום דאָקטאר און האָב אים זיינע הענט געקושט. דערביי האָב איך אים ארייננערוקט זיין האָנאָראר — מיין גאנצן פארמעגן — צוויי פערציקער.*) ער האָט אָנגעזאָגט, אז איך זאָל האלטן די האנט אין זעלביקן צושטאנד ווי ער האָט זי פארבאנ־דאזשירט אזוי א פּאָר טעג, דאן זאָל איך רופן א רופא און ער זאָל יעדן טאָג קומען אויסדריקן די מאַטעריע און איבערבינדן. ווען איך בין געקומען אהיים און זיך געלייגט שלאָפן, בין איך אָפּגעשלאָפן א שעה זעכצן, ווייל אסך נעכט פריער בין איך נישט געשלאָפן. איך געדיינק איין נאכט, די לעצטע נאכט פאר דער אָפּעראציע, בין איך געוועז אזוי אויסגעמאַטערט פון ווייטיק און פון נישט קענען שלאָפן צוליב דעם ווייטיק, אז מיין געליבטע מיידל יהודית איז געוועז נעבן מיין בעט כמעט די גאנצע נאַכט און האָט מיר צוגע־לייגט הייסע קלייען זוימען צום פינגער, האָב איך אפילו נישט גע־וואוסט צי זי איז דאָ. די צווייטע נאכט, ווען איך בין געשמאַק געשלאָפן נאָך דער אָפּעראציע, האָט מען מיר דערציילט, אז יהודית האָט איבער מיר א לאנגע צייט געוואכט.

דאָס איז געוועז נישט דאָס ערשטע מאָל וואס זי איז געוועז מיין בארמהארציקע שוועסטער,ביידע מאָל וואס איך בין געלעגן

*) אין יענע יאָרן פלעגט מען א דאָקטאָר צאָלן זיין האָנאָראר באַ־האלטענערהייט, עפּעס ווי מען וואָלט באגאנגען א נישט שיינעם אַקט. באַם דאָקטאָר אינדערהיים — אַ גילדן, אַ פערציקער; האָט מען דעם דאָק־טאָר גערופן צו זיך — טאָפּלט, צוויי גילדן, צוויי פערציקער. קיין כירור־גישע אָפּעראציעס האָט מען באַ אונדז אין שטאָט נישט געמאכט.

פאַרבאַנדאַזשירט מיט מײַן פֿוס, איז זי געװען די אײנציקע װאָס פֿלעגט שטונדן־לאַנג, באַטאָג און באַנאַכט זײַן נעבן מיר און מיר עטװאָס פֿאָרלעזן, אַפֿילו װען דער רופֿא פֿלעגט קומען מיר איבער־בינדן די װאונד, פֿלעגט זי זײַן דערבײַ.

דאָס אױסדריקן די מאַטעריע איז געװען אַ מין טעם פֿון טױט, אָבער נאָכדעם פֿלעגט מיר לײַכטער װערן. אַזױ האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט מיט דער האַנט אַ חדשים צװײ. װען עס איז געקומען צום פֿאַרהײלן די װאונד, האָב איך דערשפּירט אַז משה דער רופֿא פֿאַרבינדט מײַן פֿינגער נישט גוט, אַנשטאָט אױסגלײַכן דעם אָפּע־רירטן פֿינגער, פֿאַרבינדט ער מיט׳ן באַנדאַזש אַזױ, אַז דער פֿינגער װערט פֿאַרבױגן. עס האָט שױן געהאַלטן אַזױ װײַט, אַז צװײ פֿינ־גער מײַנע זענען אײַנגעבױגן געװאָרן און האָבן אָנגעפֿאַנגען פֿאַר־הײלט װערן אײַנגעבױגענערהײט. אײן פֿינגער האָב איך אָפּגע־ראַטעװעט, דער צװײטער איז אײַנגעבױגן געװאָרן מיט דער רױער פֿלײש און איז אַזױ פֿאַרהײלט געװאָרן און איז פֿאַרבליבן אײַנגע־בױגן ביז הײַנטיקן טאָג.

זײַטיקע מענטשן, אַפֿילו מײַנע גאַנץ נאָענטע באַקענטע, באַ־מערקן דאָס נישט. עס האָט מיר קײנמאָל צו קײן זאַך נישט געשאַדט. דאָ אין אַמעריקע האָבן פֿילע דאָקטױרים געזאָגט, אַז זײ קענען דעם פֿינגער אױסגלײַכן אָן שװעריקײטן און אָן שמערצן, אָבער אין די יונגע יאָרן פֿלעג איך אַלץ אָפּלײגן, שפּעטער, אַז מען האָט באַ מיר ענטדעקט צוקער, האָט מײַן מוטער און מײַן פֿרױ מיך נישט דערלאָזן, נאָך שפּעטער האָבן שױן מײַנע קינדער נישט דערלאָזן, און אַזױ בין איך געבליבן אַ „קאַליקע" אױף אַ פֿינגער.

אָבער אין קײן שום זאַך שטערט דאָס מיר נישט אַפֿילו אױב איך זאָל קענען שפּילן פּיאַנאָ אָדער פֿידל, װאָלט דאָס מיר נישט גע־שטערט, נאָר אַמאָל באַמערקט מען עס באַ טיש װען איך שפּיל מיט אימיצן אין קאָרטן, נאָר אַזױ װי איך שפּיל נישט אָפֿט, בין איך נישט קײן אָפֿטער קאַליקע. (איך מײן נישט חלילה אין קאָרטן־שפּילן) איך מײן מיטן פֿינגער.

אסך יונגע לייט אין רוסלאנד, וואָס האָבן קיין לגאָטע*) נישט געהאט און האָבן באדארפט שטיין צום פריזיוו, כדי צו גיין דינען אין סאָלדאטן, האבן זיך געוואונשן, אז מיט זיי זאל זיך טרעפן אזא סיבה. איך האָב דאָס נישט געדארפט, ווייל איך בין געווען אַן ערשטער לגאָטניק**), אַן עלטערער זון בײַ אַ מוטער אַן אלמנה, כאָטש איך בין סיי ווי סיי אוועקגעפאָרן פון רוסלאנד גלייך נאָך מיין פריזיוו, ווי איך וועל דאס באשרייבן אין אַ צווייטן קאפיטל.

*) פריוווילעגירט.

**) פריוווילעגיע ערשטער מדרגה.

נ אַ כ װ אָ ר ט:

אַ סדרה אומגליקן.

די נאַטור — ווי באַוואוסט — רעגולירט דעם אייגענעם באַגאַנגענעם פעלער.

האָט זי דעם בלינדן באַ׳עולהט — שענקט זי אים אַ העכסט אַנטוויקלטן חוש השמיעה און אַ חוש המישוש.

קוקט מען זיך גוט צו, באַמערקט מען אַז דעם נאַטור־געזעץ אויך באַ זאַכן וואָס האָבן די קלענסטע שייכות אָדער גאָר קיין שייכות ניט צו נאַטור.

אַ בולטער ביישפּיל:

די גרויסע שטאָט זאַמלט קולטור־אוצרות, זאַמלונגען פון מענטשלעכן פאָרשונגס־גייסט, ביבליאָטעקן, מוזעאומס, איינריכטונגען פון מאָדערנסטע, נייעסטע דערפינדונגען א. אַ. וו.

דאָס שטעטעלע האָט דאָס נישט, ווערט עס קאָמפּענסירט דערמיט וואָס עס האָט רייכערע נאַטור־אייגנשאַפטן: געזונטע, נישט פאַרפּעסטעטע פון פאַבריק־קוימענס און אויטאָמאָבילן־לופט; גרויסע, פרייע פּלעצער, פלאַנצונגען—ביימער און בלומען, פרוכטען און גרינסן א. אַ. וו.

די שטערבלעכקייט אפילו באַלאַנסירט זיך:

אין קליינשטעטל — ווייניקער אומגליקספאַלן, די לופט, וואַסער, וואַלד ווי נאַטירלעכע הייל־מיטלען; אין דער גרויסער שטאָט — סאַניטאַר היגיענישע איינריכטונגען, מעדיצינישע אַנשטאַלטן א. ד. ג.

ווען נישט די אַלצהיילנדיקע נאַטור, וואָלטן אין די אַמאָליקע קליינשטעטלעך אויסגעראָטן געוואָרן דאָס רוב פון דער באַפעלקערונג, ווייל די וויסנשאַפטליכע דערגרייכונגען וואָס זענען מעגלעך געוועזן נאָר אין דער גרויסער שטאָט, האָבן אין קליינשטעטל אָנגענומען אַזאַ פאַרקריפּלטן אויסזען — וואָס האָט זייער אָפט געבראַכט צו אַקוראַט היפּוכדיקע רעזולטאַטן...

31־טער קאַפּיטל.

איך מוז פאָרן אַף ירידן צוליב אונדזער שלעכטן שכן.

א שכן רע ערגער ווי א פּגע רע. — איך ווער א פאָרער אַף ירידן. — נייע שפּיצלעך ווי צו נאַרן דעם גוי. — „עכטע" קאָרענע מעל.

ווען איך דערמאָן זיך אָן יענער צייט, שטייט מיין פאָטערס געשטאַלט פאַר מיינע אויגן, כאָטש עס איז שוין באַלד א האַלב יאָרהונדערט זינט עס איז געשען. ער האָט געהאַט אויסצושטיין צרות און באַליידיקונגען און הערן אַלערליי וואולגאַרע ווערטער און מיאוסע אויסדריקן פון אָט דעם שכן זיינעם, זיין קאָנקורענט אין געשעפט, נעבן זיין קלייט — דוד פּאַרך.

דאָס איז נישט געווען סתם א נאָמען; ער האָט געהאַט אן אומריינעם קאָפּ, און דערצו א פּאַרדאָרבן האַרץ, איז געווען א גראָבער יונג, א „באָיאַן", וואָס פּלעגט זיך פאַר דער מינדסטער זאַך כאַפּן שלאָגן.

אין אמעריקע וואָלט ער געווען א פולשטענדיקער גענגסטער. ער איז געווען פון די גראָבע יונגען, וואָס האָבן קיין אָפּשיי, קיין דרך ארץ נישט פאַר א תלמיד חכם, פאַר אן איידעלן מענטשן, פאַר אן ערלעכן אידן.

מיין טאַטן האָט מען, אין חיים משה׳ס בית המדרש, וואו ער האָט געדאַוונט, גערופן „אברהם שלמה דער מלמד", כאָטש ער איז אין זיין לעבן קיין מלמד נישט געווען; דעם נאָמען האָט ער געקראָגן דערפאַר, וואָס ער פלעגט לערנען כמעט מיט אַלעמען אין בית-המדרש. זאָנסט האָט מען אים גערופן „אברהם שלמה דער

צוויי־הונדערט־אַכט־און־זיבעציק

רעזישטשעווער", ווייל ער איז געווען דער חשוב'סטער חסיד באַם אַלטן רעזישטשעווער רבין, מיט וועמען ער האָט אַ לאַנגע צייט אָנגעפירט אַ שטאַרקע מחלוקה אַנטקעגן ר' דוד'ל דעם טאַלנערס פאַטער. אין די גאָר יונגע יאָרן האָבן מיין פאָטערס עלטערן געוואוינט אין דייטשלאַנד, פונוואַנען זיי האָבן שפּעטער איבערגעוואַנדערט ערגעץ אין דער ליטא. איך ווייס נישט, אַף ווי ווייט דאָס איז זיכער, נאָר דער טאַטע פלעגט דערציילן, אַז זיין זיידנס עלטערן זענען געקומען פון שפּאַניע קיין דייטשלאַנד און פון דאָרטן האָט זיין פאָטער עמיגרירט קיין רוסלאַנד.

מיין פאָטער איז דערצויגן געוואָרן אין פּערעיאַסלעוו אַפן דניעפּער און ער האָט געלערנט צוזאַמען מיטן רעזישטשעווער רבינס קינדער, אברהמ'עלע און געצעלע, ביידע שפּעטערדיקע רביים. צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַ גרויסער וואויל-לערנער, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ רייכן אַראַנדאַטאָרס אַ טאָכטער פון סטאַווישטש. נאָך עטלעכע יאָרן פרייע קעסט האָט זיך מיין פאָטער באַזעצט אין „שוואַרץ-טומאה"*) און געעפנט אַ שיינק אין מאַרק, ווייל מיין מוטער האָט דערצו געטויגט. שפּעטער האָבן זיי זיך געקויפט אַ הויז אַף דער אַלטער שטאָט, נעבן קלויסטער. נאָך שפּעטער, ווי איך האָב שוין באַשריבן, האָבן זיי געעפנט אַ מעל-קראָם אין מאַרק, און דאָ האָט גאָט צוגעשיקט מיין פאָטער, דעם אויסוואורף — דוד פּאַרך, פאַר אַ שכן.

ער פלעגט זיך איזדיעקעווען איבער מיין טאַטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז וואָס גרעבערע און שמוציקערע ווערטער ער וועט געברויכן, אַלץ מער וועט עס מיין טאַטן וויי טאָן.

עס האָבן זיך אפילו געפונען עטלעכע בעלי בתים, וועלכע האָבן איינגעטענהט מיט דוד'ן, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אַף אַן אָנשטענדיקן מענטשן און אים צורו לאָזן, אָבער ער האָט זיך געטאָן זיינס.

ער פלעגט פשוט רייסן די קונים פון קלייט און זיך וואַרפן צו מיין טאַטן שלאָגן. איינמאָל האָט אַ גוי, וואָס פלעגט שטענדיק

*) בעלאַצערקאָוו.

קויפן ביי אונדז, באמערקט, ווי דוד באגייט זיך מיט מיין טאַטן, האָט ער אים גוט אָנגעבראכן די ביינער. דאָס האָט אים נאָך מער צערייצט און ער פלעגט דערגיין מיין טאַטן די יאָרן. אויף ירידן פלעגט דוד פאַרך מאַנעווּרירן אזוי, אז זיין פור מיט מעל זאָל שטיין נעבן מיין טאַטנס. מיין פאָטער פלעגט זאָגן אף אים, אז ער איז ווי א חיה, וואָס פאַרפאָלגט אים.

איינמאָל האָט זיך געמאכט, אז דער טאַטע איז נישט געזונט געווען און די מאמע האָט אויך נישט געקאָנט פאָרן אף א געוויסן יריד, צו וועלכן אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, די מעל אפן וואָגן און דער פורמאַן פאַרטיק אָפּצופאָרן. מיינע עלטערן האָבן זיך גע-פונען אין א פאַרלעגנהייט און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. בא-צאָלן דעם גוי וואָלט נאָך געווען א האַלבע צרה, אָבער די מעל האָט מען געמוזט פאַרקויפן.

האָט מיך מיין פאָטער געבעטן רחמים, אז איך זאָל פאָרן אפן יריד און טאָן אַלץ וואָס איך קאָן. די מאמע האָט דערביי גע-זאָגט: „למען השם, פאַרקויפן די מעל, דוד פאַרכ׳ן אף צופיקעניש!“

מיר האָט דאָס לכתחילה נישט שטאַרק געשמעקט, אָבער אָפּ-זאָגן דעם טאַטן אין זיין בקשה האָב איך בא זיך נישט געפועלט, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט, מיט העלדישקייט און צוגע-שטימט צו פאָרן. דער עצם ענין יריד האָט אין אוקראַינע פאַרנו-מען א זייער געהויבענעם אָרט, דאָס איז געווען א מין עולה רגל זיין להבדיל, א נאַציאָנאַלער יום טוב. דאָס איז נישט נאָר געווען דער פונקט וואו עס טרעפט זיך דער דאָרף מיטן שטאָט אף „קויפן-פאַרקויפן“, אף אויסצובייטן די דאָרפישע פּראָדוקטן אף שטאָטישע און פאַרקערט.

דאָס איז אויך געווען דער געגנט-קלוב, דער טרעף-פונקט, וואו נאָענטע און ווייטע שכנים, דאָרפישע איינוואוינער פלעגן זיך צו-זאַמענטרעפן, כדי צו דערליידיקן פאַרשיידענע ענינים: קהלשע, ווירטשאַפטלעכע, אָפטמאָל אויך פאַמיליע-ענינים, געהעריקע צו דער משפחה, אוועקגעבן קינדער, שליסן שדוכים, א. ד. ג.

שכנים פֿלעגן זיך טרעפֿן, קושן זיך פֿון שמחה און דערביי קיינמאָל נישט דורכלאָזן דעם צופֿאַל צו נעמען אַ טרונק בראנפֿן. בכלל האָט דער ענין „האריִלקע"*) בעת אַ מאַרק געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. מען האָט נישט געקויפֿט און נישט פֿאַרקויפֿט אָן אַ מאַהאַריטש,**) אָפֿטמאָל דערביי פֿאַרטרונקען אַסך מער ווי די גאַנצע קניה אָדער מכירה האָט באַטראָפֿן. דער יאַרמאָראָק, דער יריד איז אויך געווען דער פֿאַראַד-אָרט פֿאַר דער דאָרפֿישער יוגנט, פֿאַר דעם פּאַראַבאָק***) און דער דיווטשינאַ****).

די לעצטע אויסגעפּוצטע אין איר נאַציאָנאַלע מאַלאָרוסישע*****), פֿילפֿאַרביקע קליידונג, בענדער און קרעלן, הויכע שטיוועלעך פֿון סאַפֿיאַן-לעדער פֿון כל-ערליי פֿאַרבן, פֿלעגט אַרומשפּאַצירן איבער די „אַלייען" וואָס האָבן זיך געבילדעט פֿון אויפֿגעהויבענע האָלאָבלעס פֿון די וועגענער — ווי האַרבסטיקע נישט באַבלעטערטע ביימער, דערביי „וואַרפֿן אויגלעך" און שטשירן די ווייסע ציינער צו די פּאַרובקעס, וואָס פֿלעגן אויף זיי אויסקוקן זייערע אויגן זיצנדיק אויפֿן וואָגן בײַ אַ חזיר, אַן עוף, אַ זעקל קאַרטאָפֿלים און אַנדערע דאָרפֿישע פּראָדוקטן.

די פּאַראָבקעס האָבן זיך געפֿלייסט, געשפּילט אויף אַ האַרמאָניקע, דערביי צוגעזונגען וואָיליונגערישע לידלעך פֿון וואָס די דיווטשינעס פֿלעגן אָנקוועלן.

די „כאַמעוואַטע בחורים" האָבן נאָר געשמייכלט לעקישעוואַטע און געקייט אַ שטרוי. די דיווטשינעס פֿלעגן זיך אויפֿן יאָרמאַרק איינקויפֿן טואַלעט-זאַכן: שפּיגעלעך, קעמלעך, ברייטע און שמאָלע, לאַנגע, זיידענע פֿאַרביקע בענדער, א. ד. ג.

די פּאַראָבקעס פֿלעגן שליסן באַקאַנטשאַפֿט, מכבד זיין די

*) בראנפֿן.
**) קניה און מכירה לחיים.
***) יונגערמאַן.
****) מיידל, פֿריילין.
*****) קליינרוסישע, אוקריינישע.

מיידלעך מיט וואָלוועלע קאָנפעקטן, ניסלעך און איבערהויפּט מיט סעמעטשקעס און אַז עס פלעגט שוין ווערן „שטימונג״ האָט מען זיך טאַקע אָט דאָ אָפּן אָרט אוועקגעלאָזן אין ברייטן, רעשדיקן אוקריי-נישן קאָזאַקן-טאַנץ, וואו די פּאַראַבקעס האָבן געהאַט די ברייטסטע מעגלעכקייטן ארויסצואווייזן זייערע טאַלענטן און ברענגען צום אויסדרוק המצאהדיקע פיגורן באַם טאַנץ, דרייסטקייט, געשווינ-דיקייט, לייכטקייט, גראַציעזקייט און בויגעוודיקייט, טאַנצנדיק אַרום דער אָדער יענער מיידל, וועלכע פלעגט כמעט שטיין אויף אין אָרט און אויספירן דעם מיידל-טאַנץ נאָר באַוועגנדיק מיט די אַקס-לען, הענט און שאַרנדיק מיט די פיס.

דער טאַנץ פלעגט אַריינפלעכטן נייע פאַרלעך, מיט נייע פי-גורן באַם אויספירן ביז עס פלעגט זיך פאַנאַנדערוואַקסן דער עכ-טער ברענענדיקער האָפּאַק*) מיט די אומצאָליקע פיגורן, ווי שפּרינגען אינדערלופטן כאַפּנדיק די געוואָרפענע אייגענע היטל, טאַנצן אין דער רונד, זיצנדיק צוגעטופּעט דעם קערפּער צו דער ערד, מאַכן א מיל, וואָס איז באַשטאַנען אין זעצן זיך אויף איין פוס, די צווייטע אויסציען און מיט די הענט דרייען זיך אַרום דער אָנ-געשפּאַרטער פוס, מיט א געשווינדקייט וואָס האָט נישט געלאָזט באַמערקן, וואו דער קאָפּ פון טענצער איז און וואו די צווייטע אויסגעצויגענע פוס. עס זענען געווען בריות-טענצער וואָס האָבן אָט די „מיל״ געקענט דרייען צו 8 - 10 מינוטן און ארויסרופן באַ דעם עולם אַן אמת'ן ענטוזיאַזם, א באַגייסטערונג געמישט מיט קנאה.

דער יאַרמאָראָק-הו-האַ, די אויסגעשרייען פון די פאַרקויפער, די ספּעציפישע אין אוקריינע צופּאַטשעטשען מיט די הענט ווי א צייכן אַז דער מסחר איז צושטאַנד געקומען, וואָס האָט דאַרטן געגאָלטן ווי אַן אַקט באַם נאָטאַריוס, די האַנט-פּעטש באַם דינגען זיך און צוליינגן מקח, דער טומל און געפּילדער פון כל-ערליי בהמות, קוויטשעניש פון חזירים, דער רעש פון די צענדליקע האַרמאָניקעס,

*) דער נאַציאָנאַלער טאַנץ פון די אוקריינישע קאָזאַקן—פרייע היידאַמאַקעס.

קולות פון שיכורע לידער, אויסגעשרייען באַם טאַנצן, וואָוויליונ-גערישע ווערטלעך און הילכיקע געלעכטער, האָט געגעבן דעם יאַר-מאַרק אין אוקריינע זיין אייגנאַרטיקן פאַרב, וואָס האָט אַזוי שטאַרק באַגייסטערט די אוקריינישע שרייבער, וועלכע האָבן דעם יאַרמאַרק אָפּגעגעבן אַ זייער בכבודיקן אָרט אין דער ליטעראַטור*).

דער יריד וואו איך האָב געמוזט פאָרן, איז געווען אין אַ שטעטל, „נאַסטעטשקע". אַהין האָט מען געמוזט פאָרן אַ גאַנצע נאַכט. אפן וועג האָב איך געקוקט אַף דער לאַנדשאַפט און גע-פּלוידערט מיטן פורמאַן. ער איז געווען אַ גוי פון אַ יאָר 40, נישט קיין הויכער, מיט רויטע באַקן און אַ ברייטע פּלייצע, געטראָגן האָט ער אַ בערקע**) מיט אַ שמייסענער היטל, נישט געקוקט אַף דעם וואָס עס איז געווען היים אין מיטן זומער — ער האָט אויך גערן געפּלוידערט און האָט מיר דערציילט פאַרשידענע זאַבאַבאָנעס, וועלכע זענען מיר אין קאָפּ נישט געקראָכן. אינגיכן בין איך אַנט-שלאָפן געוואָרן, וואַרשיינלעך פאַר די זינד וואָס מיט אַ נאַכט פריער בין איך נישט דערשלאָפן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. דער פרימאָרגן האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן מיט רויטע פלעקן אַפן הימל, און וואָס העלער אין דרויסן איז געוואָרן, אַלץ שוואַכער און בלאַסער איז דער הימל גע-וואָרן. ווען איך האָב זיך באַפרייט פון שלאָף, האָב איך אָנגעהויבן מאַכן פאַרבאַרייטונגען ווי אַזוי דער גוי זאָל מיר אַרויסהעלפן פאַר-קויפן די מעל, האָב אים געבעטן אַז ער זאָל קויפן אַ קליין זיפּעלע און שטיין נעבן מיר און זיפּן אַלע ווײַלע אַביסל און ווייזן די קונים, אַז דאָס איז ווירקלעך אמת קאָרענע, שיינע מעל. וואָרים אין יענעם יאָר איז געווען אַ יקרות אַף קאָרענע מעל, פלעגט מען קויפן ווייצענע, צוגעלעגערטע מעל, זי צעשטויסן און מישן מיט קאָרענע קלייען. אַזאַ געמיש האָט אויסגעזען ווי ריינע קאָרענע מעל. די גוים פלעגן אָבער נישט גלויבן, אַז דאָס איז קאָרענע מעל.

---

*) גאָגאָל, טאַראַס, שעוטשענקאָ, א. אַ.

**) אַ טיפּיש רוסיש-גוישער בגד.

דערפאר האָב איך צוגעגרייט א זיפּעלע, כדי צו ווייזן, אז עס בלייבט נישט איבער קיין אנדער זאך ווי נאָר קאָרענע קלייען.

איך האָב אויך מיטן [illegible]ווי אָפּגעמאכט, אז ער זאָל אָפּט אויס־שרייען, אז מיר זענען ארויסגעשיקט געוואָרן דירעקט פון אזא און אזא מיל. אזוי ווי איך בין געגאנגען שיין אָנגעטאָן און איך האָב גערעדט גוט רוסיש, בעסער ווי מאלאָרוסיש,*) האָט דאָס אָפּגע־גאָלטן, און איך האָב פארקויפט די גאנצע מעל, בעת דוד'ל פּאַרך האָט זיין מעל נישט אינגאנצן פארקויפט. ווען מיר זענען געפאָרן צוריק אהיים, האָט אפן וועג געגאָסן א שלאגס־רעגן. ווען נישט די פילע ליידיקע זעק, מיט וועלכע דער גוי האָט פאר מיר געמאכט א ביידל, וואָלט איך אינגאנצן דורכגענעצט געוואָרן. אָבער מיין קאָנ־קורענט, דוד פּאַרך, איז אהיימגעקומען מיט א העלפט פון זיין מעל, וואס איז געווען אינגאנצן פארנעצט.

ווען איך בין אהיימגעקומען מיט דער בשורה וועגן מיין טריאומף און וועגן דער מפּלה וואס דוד פּאַרך האָט געהאט, האָט מיין מוטער געטאנצט פאר שמחה. אבער מיין פאָטער נישט. ער האָט נאָר געזאָגט, הלואי ווערט ער פון אים פּטור.

צום צווייטן יריד, אין א פּאָר וואָכן ארום, האָט שוין מיין פאָטער אליין געקאָנט פאָרן, אבער צוליב דעם וואס איך האָב געהאט אזא ערפאָלג דאָס ערשטע מאָל, האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אים צוליב טאָן און פאָרן נאָך אמאָל מיטן זעלבן גוי אין דעם שטעטל „רעבינקע“ אפן יריד. איך האָב אים צוליב געטאָן און איך בין געפאָרן.

אפן וועג איז מיר ארויף אפן געדאנק, אזוי ווי מיר האָבן לעצטן מאָל געהאט א רעגן צוריקפאָרנדיק, קאָן זיך דאָך טרעפן, אז עס זאָל אראָפּ א רעגן אינמיטן יריד, און דאן וואָלט מען דאָך נישט געקאָנט פארקויפן די מעל. האָב איך באשלאָסן ביי זיך, גלייך ווי איך וועל אָנקומען אהין, זאָל איך אָפּמאכן מיט אימיצן וואס

*) אוקריייניש.

האָט א קלייט אינמיטן מארק, אז אויב עס וועט רעגענען, זאָל ער מיך אריינלאָזן צו זיך מיט מיין מעל, פארשטייט זיך, פאר א גע-וויסע באַלוינונג. מיטן גוי ווידער האָב איך אָפּגעמאכט, אז טאָ-מער טרעפט א רעגן, זאָל ער גלייך דינגען עטלעכע גויים און אריינ-טראָגן די מעל אין דעם פּלאַץ, וואָס איך וועל אים אָנווייזן.

גלייך ווי מיר זענען אָנגעקומען, האָב איך דאָס ערשטע פאר-זאָרגט א פּלאַץ. און אזוי האָט טאקע פּאסירט. ארום עלף אזייגער האָט אָנגעהויבן צו רעגענען. ארום האַלב צוועלף בין איך שוין גע-ווען מיט דער גאנצער מעל אין א קלייט אינמיטן מארק. דעם גוי האָב איך געבעטן, אז ער זאָל ארויסגיין אינדרויסן נעבן קלייט און שרייען, אז דאָ פארקויפן מיר קאָרענע מעל דירעקט פון א בעלאָ-צערקאָווער מיל. עס האָט לאַנג נישט גענומען און די גאנצע מעל איז פארקויפט געוואָרן מיט צען קאָפּיקעס אַף א פּוד מער ווי פריער. דוד פארך איז ווידער געפאָרן אהיים מיט מער ווי א העלפט פון זיין מעל.

דער גראָבער יונג האָט פאר מיר געהאט אביסל אָפּשיי, ווייל ער האָט געהערט ווי איך לייען פאר לייטן נייעס פון די רוסישע גאַזעטן,*) ווי איך רייד רוסיש, און ער האָט אויך געוואוסט, אז איך פלעג אָפּט העלפן דעם אדוואָקאט שלמה טשערקאסקי שרייבן פּראָ-שעניעס**). די צוויי ערפאָלגן אַף די ירידן האָבן, ווייזט אויס, מיך געשטעלט נאָך העכער אין זיינע אויגן, און ער האָט באשלאָסן אויסצודינגען אונזער פורמאן צום קומענדיקן יריד. ער האָט נישט געוואוסט פון קרילאָוו׳ס פאבל: „קאק ניע סאדיטיעס, ווסיאָ וופ ווּמוזיקאנטי ניע גאָדיטיעס"***).

דאָס האָט מיך פאראינטערעסירט, אָנגערירט מיין אַמביציע-

*) ציַיטונגען.

**) בקשות.

***) ווי איר זאָלט זיך נישט אויסזעצן, פאר מוזיקער טויגט איר אַלץ נישט.

געפיל און איך האָב זיך אַליין אָנגעשלאָגן צו פאָרן צום קומענדיקן יריד.

דער קומענדיקער יריד איז געווען אין זאַלאַטאַנאָש, און ווי אי־בעראַשט בין איך געווען, ווען איך האָב דערזען דוד פּאַרד׳ס פור מיט מעל שטיין ווייט, ווייט פון מיינער! אזוי ווי אין דעם שטעטל רע־בינקע, האָב איך אויך דאָ, אין זאַלאַטאַנאָש, פאַרזאָרגט מיט א קלייט אין א פאַל פון א רעגן, און דעם גוי האָב איך מושטירט ווי ער זאָל האַנדלען מיט׳ן זיפּעלע און שרייען, אז מיר זענען דירעקט אַרויסגעשיקט פון א מיל. אָבער ווי נאָר מיר האָבן אויסגעשטעלט אונזער שטאַנג,*) איז צוגעקומען צו מיר אן אוריאַדניק און האָט געהייסן געבן א פּראָבע פון מיין מעל; ער וויל, זאָגט ער, אז א גויע זאָל אים אָפּבאַקן א „קאָרזש" פון דעם מעל. איך האָב פאַרשטאַנען די ערנסטקייט דערפון, אבער איך האָב אויך געוואוסט, אז א רוסי־שער אוריאַדניק זאָגט זיך נישט אָפּ פון „לא יחרץ" געלט. רוסיש האָב איך געקענט שיין, האָט ער ווירקלעך געמיינט, אז איך בין פון א רוסישער מיל און פיליכט גאָר א קריסט. הקיצור, איך האָב אים אַריינגעשטופּט א פּאָר קערבלעך און אים געזאָגט, אז ווען ער וועט צוריק קומען אביסל שפּעטער, וועל איך האָבן פאַר אים צוגעגרייט א פּראָבע פון דער קאָרענער מעל.

איך האָב גלייך גענומען א פּאָר פונט פון דער אמת׳ער קאָרע־נער מעל, וואָס מען פלעגט אַרויפשיטן אויף א געעפנטן זעקל, כדי מען זאָל נישט קאָנען דערקענען, אז דאָס איז נישט קיין אמת׳ע קאָ־רענע מעל, און איך האָב געמאַכט א פּעקל דערפון פאַר דעם או־ריאַדניק.

דאָס האָט מיך אַרויפגעבראַכט אויפן געדאַנק, אז איך זאָל דינ־גען א גויע, איר געבן א פּאָר פונט עכטע קאָרענע מעל, און זי זאָל מיר דערפון אָפּבאַקן א ברויטל אָדער א „קאָרזשיק" און עס מיר ברענגען אזוי שנעל ווי מעגלעך און שטיין דאָ אַלס עדות, אז זי

*) וואָג.

אַליין האָט פון מיין מעל אויסגעבאַקן דעם „קאָרזש“. אין א צוויי שעה ארום האָב איך געהאַט א שיינעם פרישן קאָרענעם „פּאָפּאַ-לעק“*), נישט קיין ברויט, ווייל אַף ברויט וואָלט מען געדאַרפט וואַרטן ביז מאָרגן מיט א ראָשטשינע און א הייסן אויוון. איך האָב זאָגאַר געקויפט פּוטער און באַשמירט א האַלבן פּלעצל און געגעסן מיט הנאה. דעם אַנדערן האַלבן פּלעצל האָב איך געהייסן דער גויע האַלטן אַף „פּאָקאַז**).

דער סוף איז געווען, אַז איך האָב ווידער פאַרקויפט מיין גאַנצע מעל, און ווידער מיט צען קאָפּיקעס טייערער ווי מיין פאָטער האָט מיר געהייסן. דוד פּאַרך האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרקויפן און ער האָט געמוזט צוריקפאָרן מיט דעם וואָס ער איז געקומען. מען האָט אים נאָך דערצו שיעור אַרעסטירט, ווייל די פּראָבע פון זיין מעל איז געווען זייער א שלעכטע.

ווען מיר האָבן געהאַלטן ביים פאָרן צוריק אַהיים, האָט ער מיט מיר פאַרפירט א געשפרעך, אַז ער וואָלט זיך וועלן איבער-בעטן מיט מיין פאָטער. זיין אויסרייד איז געווען, אַז ער פילט אַז זיין געוויסן פּלאָגט אים און ער האָט מורא, אַז גאָט שטראָפט אים. איך האָב זיך געלאָזט איינריידן פון זיין תירוץ, און ווען איך בין אַהיימגעקומען, האָב איך געבעטן מיין פאָטער, אַז ער זאָל זיך מיט אים איבערבעטן. מיין מוטער האָט אפילו שטאַרק נישט גע-וואָלט, נאָר דער טאַטע האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. אין א טאָג אַרום האָט דוד איבערגעבעטן מיין פאָטער און זינט דאַן האָט ער אים מער נישט באַלעסטיקט. מיין פאָטער איז אפילו אין זיינע ד׳אמות נישט געשטאַנען.

אין די קומענדע פאָר יאָר פּלעגט מיין פאָטער ביי יעדער גע-לעגנהייט דערמאָנען מיינע פּייאַקייטן אַלס געשעפטסמאַן און האָט געדאַנקט גאָט וואָס איך האָב אים געראַטעוועט פון א חיה רעה.

---

*) פּלאַטשיקן פּלעצל.

**) רעקלאַמע, אויסשטעלונג.

מער בין איך פון מיין פאָטער נישט באַלעסטיקט געוואָרן צו פאָרן אף ירידן. אבער אין אנדערהאלבן יאָר ארום האָב איך דאָס געמוזט טאָן אליין, נישט געבעטענערהייט, ווייל מיין פאָטער איז געשטאָרבן און איך בין שוין געווען א בחור פון קארגע 19 יאָר.

איך האָב שוין דאן געהאט איבערגעלייענט טשערנישעווסקי׳ס „טשטאָ דיעלאַט״ און כאָטש איך האָב פון סאָציאליזם קיין שום באגריף נישט געהאט, האָב איך אבער פארשטאַנען, אז דער פּראָס-טער מוזשיק ווערט פון יעדן אָפּגענארט; אז דער שאכער-מאכער, איבערהויפּט דער ביליקער שאכער-מאכער, ווי דאָס געשעפט מיט דער פאלשער קאָרענער מעל און ענלעכע אידישע געשעפטן, איז פריער פון אלץ א וויטיק און א שאנדע, און אז אין רוסלאנד איז קיין צוקונפט נישטאָ פאר אזא טאטנס פוסט-און-פּאסניק ווי איך, אז דאָס איז פאר מיר קיין תכלית נישט. האָב איך אָנגעהויבן איינ-טענהען מיט דער מאמען, אז מיר זאָלן אלץ אויספארקויפן און פאָרן קיין אמעריקא.

———:———

נאָכוואָרט:

איך מוז פאָרן אַף ירידן צוליב אונדזער שלעכטן שכן.

די בעסטע מענטשן, באַ זייערע בעסטע אייגנשאַפטן און ניי-גונגען קענען ווערן עקלהאַפט ווען אַ האַנדלונג דריקט זיך באַ זיי אויס אין אַן אידייע-פיקס.

מען קען אַפילו מיט ליבע, וועלכע גיסט זיך אויס אין שקלאַ-פישע איבערגעבנקייט, אין הינטישער טרייהייט ווערן שטאַרק צו לאַסט.

ווער רעט נאָך ווען אַן אידייע-פיקס כאַפּט זיך אריין צו אַ פּראָסטן חי וקים און גראָד אין דער פאָרם פון אַ בלינדער, נישט באַגרינדעטער שנאה און אַנטיפּאַטיע צו זיינעם אַ שכן — קען ער יענעם ברענגען ביז צו פאַרצווייפלונג, ווייל מיטלען מיט וואָס יענעם אויסצוהיילן פון זיין חולאת זענען נישט בנמצא, סיידן אַן אויסער-אָרדנטלעכער צופאַל, וואס קען ברענגען צו אַ קלימאַקס.

אומבאַוואוסטזיניק האָבן מיינע אומדירעקטע האַנדלונגען גע-דינט ווי אַ ראַדיקאַלער הייל-מיטל אויסצוקורירן דעם חולה פון זיין אידייע-פיקס.

———:———

32-טער קאַפּיטל.

א לערער באַם פּאַסעסאָר.

איך ווער א לערער. — מיין געזעגענען זיך מיטן טאַטן. — א פּאַסעסער — אן איידעלער עם הארץ. — א מאדים אף האנטארבעט. — די פּוילישע פּאַניענקע לערנט מיך רייטן.

יענעם זומער, ווען איך בין דריי מאָל געפאָרן אף ירידן, האָב איך געהאַט א געלעגנהייט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן געשעפט. דער געשעפט-קרייז, אין וועלכן איך האָב זיך באַוועגט, איז געווען ווייט פון אָנציענד. וואָלט איך געווען אין דער אַטמאָספערע פון ווירק-לעכע סוחרים, דאַן וואָלט איך מסתמא געקראָגן אַן אַנדער באַגריף וועגן געשעפט; וואָרים נאָך אַלעמען איז דאָך אפילו אין מסחר פאַראַן עפּעס אָריגינעלעס, צייטנווייז אפילו געניאַלעס און שיינעס. די סעדעכישע כיטראָסט,*) דאָס ארויסרייסן דעם ביסן פון צווייטנס מויל, — דאָס איז דאָך נישט געשעפט. אבער אזוי ווי איך בין געקומען אין באַרירונג מיט דעם ביליקן עלעמענט פון גע-שעפט, האָט דאָס מיך אָפּגעשטויסן. עס האָט מיר אויסגעזען, ווי פאַרקויפן דעם טייוול די נשמה און גאָרנישט האָבן דערפון.

אין יענער צייט האָב איך זיך צוגעקוקט צו די ביליקע מאַכי-נאַציעס פון די סעדעכעס, צו די שפּיצלעך פון די קליין-הענדלער, צו די דריידלעך פון די געשעפט-מענטשן, צו די שווינדלערישע קונצן פון די פּאַדראַטשיקעס, צו די קונציקע, געשיקטע שטיק פון די כאַ-באַר-נעמער און כאַבאַר-געבער.

אין מיין זכרון איז איינגעקריצט א פאַל, ווען מיין טאַטע האָט זיך פאַר מיר פאַרענטפערט פאַר זיינעם א נישט שיינעם טאַט — אין קראָם. לויט זיין ערקלערונג איז דאָס אויסגעקומען א גאַנץ

*) ליסטיקייט.

געוויינלעכע, אַלטעגלעכע זאַך; די ערלעכע און אַנשטענדיקע אין גשעפט זענען אַן אויסנאַם, אַזוי ווי גרויסע טאַלאַנטן אין דער מענטשהייט. איך בין אָבער געווען זיכער, אַז ביי זיין פאַרענטפערן זיך גופא האָט ער זייער פיל געליטן. ער האָט צווייפאַך געליטן. עס איז געווען אַזאַ מעשה:

אַ גוי איז אַריינגעקומען צו אים אין קלייט און האָט געוואָלט קויפן אַ זעקל ווייצענע מעל. מיין פאָטער האָט זיך געהייסן באַצאָלן 2 רובל מיט 10 קאָפּיקעס אַ פּוד. דער גוי האָט זיך געדונגען און געדונגען און אויף קיין פאַל נישט געוואָלט געבן מער ווי אַ רובל מיט 70 קאָפּיקעס אַ פּוד. דער דאָזיקער פּרייז האָט געגעבן אַ קליינעם ריוח, אָבער נישט גענוג פאַר אַ גאַנץ זעקל מעל. אַרויסלאָזן לייזונג האָט מיין פאָטער נישט געקענט. וואָס זשע טוט מען דאָך? האָט ער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און געטאָן ווי פילע אידן פלעגן טאָן. ווען ער האָט אויף איין זייט פון וואָג אַוועקגעשטעלט פינף פּוד, האָט ער אויף דער צווייטער זייט פון וואָג, וואו דאָס זעקל מעל איז געשטאַנען, נישט אויפגעהאַנגען די וואָג־שאָל אויפן ריכטיקן פּלאַץ, נאָר העכער צום צינגל פון וואָג־שאָל, אַזוי אַז דאָס זעקל מעל האָט געוואויגן מיט אַ צוואַנציק פונט מער.

איך האָב דאָס באַמערקט און זיך אָפּגעדרייט אָן אַ זייט, געמאַכט זיך נישט ווויסנדיק, נישט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל עגמת נפש האָבן. אָבער מיין פאָטער האָט דאָס נישט געלאָזט פאַרבייגיין און האָט זיך באַמיט צו רעכטפערטיקן זיין טאַט. איך האָב אים געזאָגט, אַז באַ מיר האָט ער געפּועלט, באַ מיר בלייבט ער דערזעלבער טאַטע, אָבער די טאַט אַליין פּאַסט זיך פאַר דור פּאַרך.

דאָס פאַרגלייכן אים צו דוד פּאַרך האָט אַזוי געווירקט אויף אים, אַז איך האָב דערזען אַ טרער אין זיינע אויגן.

מיין טאַטנס האַנדלונג מיט דער וואָג־שאָל איז בלויז איינע פון טויזנטער שטוקעס, וואָס קליינע קרעמער פלעגן אָפּטאָן אויפן מאַרק. איבערהויפּט דעם אומוויסנדן גוי, דעם פּויער, פלעגט מען אויף שריט און טריט אָפּנאַרן, מיט דער וואָג און מאָס, ביים אַרויסציילן און

איבערנעמען, אין קוואליטעט און קוואנטיטעט; באַ יעדן קער זיי-נעם, וואו נאָר עס איז געווען פארבונדן מיט געלט, פלעגט ער אָפּ-גענאַרט ווערן. און גראָד נישט בלויז פון אידן אליין. די גרעסטע זשוליקעס אין מיינע יונגע יאָרן ביז איך בין אוועק פון רוסלאַנד, האָב איך געטראָפן באַ אונדז אין שטאָט, סיי אין קיעוו, וואו איך בין געווען. אין היפּשע עטלעכע פאלן זענען דאָס געווען נישט אידן, נאָר אָנהענגער פון דער הייליקער דריי-אייניקייט. איך האָב אויך באַגעגנט אין מיין קורצער קאריערע פון געשעפט, איינעם זאָגאר אן איידלמאַן, א מוסטער פון פיינקייט און ערלעכקייט. דאָס איז געווען מיכל נירנשטיין, צו וועמען איך האָב זיך געווענדט וועגן א קליין געשעפטל, ווי איך באשרייב דאָס אין א באַזונדער קאפּיטל.

אַזעלכע מענטשן ווי ער וואלטן מיך געקאָנט אינספּירירן צו פארבלייבן באַם האנדל. אבער ווען איך בין געקומען מיט אים אין באַרירונג געשעפטלעך איז שוין געווען די לעצטע צייט, ווען איך האָב שוין געהאט באשלאָסן, אז איך מיט מיין גאנצער פאמיליע זאָלן אוועקגעפאָרן קיין אמעריקא.

ווי געזאָגט, איז מיר דער קליינלעכער האנדל געווען דערווי-דער, און אזוי ווי עפּעס האָב איך געמוזט טאָן, ווייל מיינע באַ-דערפענישן האָבן זיך פארגרעסערט און מיין טאַטנס פארהעלטע-נישן האָבן זיך פארערגערט, האָב איך באשלאָסן אָנצונעמען א שטע-לע אלס לערער אין א דאָרף.

חול המועד סוכות בין איך אוועק צו די מעקלערס פון אזעלכע שטעלעס. איינער פון זיי האָט מיך געקענט, געוואוסט ווער איך בין, און עס איז קענטיק געווען, אז ער האָט געהאט א זייער הויכע מיי-נונג וועגן מיין בילדונג און מיינע קענטענישן. א צווייטער, א שותּף זיינער, האָט זיך שוין נאָכגעפרעגט, אין וואס מיין בילדונג באַ-שטייט, האָט מיך באטראכט פון קאָפּ ביז די פיס, מן הסתם קלאַ-סיפיצירט וואוהין איך געהער אין דער רשימה פון זיינע קאָנצעסיעס, און מיר געהייסן קומען אַף מאָרגן אין א געוויסער שעה. ווען איך בין אין דער באשטימטער צייט געקומען, האבן מיר די מעקלערס אוועקגעפירט אין א געוויסן איינפאָר-הויז, וואו איך האָב געטראָפן

אַ פּראָפֿעסאָר וואָס איז געקומען פֿון דאָרף זוכן אַ לערער פֿאַר זיינע פיר קינדער, דריי מיידלעך און אַ אינגל. דער בעל הבית פֿון איינ־פּאַר־הויז האָט מיך און מיין פּאָטער געקענט, און ער האָט געזאָגט אַ פּאָר גוטע ווערטער פֿאַר מיר.

דעם גאַנצן משא ומתן האָבן געפֿירט די מעקלערס. דער פּראָ־פֿעסאָר האָט זיך כמעט גאָר נישט אריינגעמישט. איינער פֿון די מעקלערס האָט געפֿרעגט, צי איך קען אחוץ רוסיש אויך דייטש ליינ־נען און שרייבן, צי איך קען גראַמאַטיקע און אריפֿמעטיקע, און צי איך קען דאַווענען און חומש לערנען. נאָכדעם ווי איך האָב געענט־פֿערט, אַז איך קען דאָס אַלעס גוט, האָבן די מעקלערס, נישט פֿרעגנ־דיק נישט דעם פּראָפֿעסאָר, נישט מיך, באַשטימט, אַז מיין געהאַלט זאָל זיין 75 רובל פֿאַרן זמן.

דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך זייער געקווייִנקלט, געפֿרעגט, פֿאַר־וואָס אַזוי פֿיל געלט און געקוקט אַלע ווײַלע אויף מיר. אָבער די אַגענטן האָבן אים געזאָגט, אַז זיי קאָנען מיר געבן אַ שטעלע מיט אַ גרעסערן געהאַלט, אויב איך וועל אַביסל צוואַרטן. ענדלעך האָט דער פּראָפֿעסאָר איינגעוויליקט, נאָכדעם ווי דער בעל־אכסניה האָט אים עפּעס געזאָגט אין אויער. מען האָט אָפּגעמאַכט, אַז אַ וואָך נאָך סוכות זאָל איך קומען אין אַ געוויסן טאָג אין דער זעל־ביקער אכסניה, פֿונוואַנען מיר וועלן אַוועקפֿאָרן. די מעקלערס האָבן פֿאַר מיר אויך אָפּגעמאַכט, אַז ווען איך וועל וועלן זיך דורכ־פֿאָרן אַהיים אויף אַ וואָך, זאָל דער פּראָפֿעסאָר מיך מיטנעמען אין שטאָט אריין.

אויף אַ ווינקל פֿון די אַגענטן האָב איך זיך העפֿליך אָפּגעזעגנט און איך בין ארויס אין גאַס, וואו איך האָב זיי אָפּגעוואַרט. איידער זיי זענען ארויסגעקומען האָב איך געהערט, ווי זיי האָבן זיך גע־אַמפּערט וועגן זייער מעקלעריי. דער פּראָפֿעסאָר האָט געטענהט, אַז ער האָט נאָך אַזוי פֿיל מעקלעריי און אַזוי פֿיל שכר לימוד ביז איצט נישט באַצאָלט. די אַגענטן האָבן מיר נאָכדעם געזאָגט, אַז איך זאָל דאָרט מער ווי אַ זמן נישט זיין, ווייל זיי וועלן מיר געבן אַ בעסערן און שענערן פּלאַץ מיט מער געהאַלט.

אין אוונט, ווען מיינע עלטערן זענען געקומען פון קלייט און מיר זענען אלע געזעסן באם טיש, האב איך זיי דערציילט, אז איך האב אנגענומען א'שטעלע אלס לערער אין א דארף בא א פאסעסאר. מיין מוטער האט געזאגט: „זייער גוט, כ'וועל דיר צושיקן יעדע וואך פוטער־קיכלעך", און געפרעגט, וויפיל איך נעם א זמן. מיין פאטער האט קיין ווארט נישט אויסגערעדט, ער איז געווען פארטראכט די גאנצע צייט. עס האט מיך פארדראסן אף זיך אליין, פארוואס איך האב נישט אפגעלייגט דעם געשפרעך ביז נאך וועטשערע, ווייל איך האב געשפירט, אז דאס עסן איז אים נישט איינגעגאנגען.

אף מארגן בין איך ספעציעל געקומען אין קלייט אין דער צייט, ווען מיין פאטער איז געווען אליין, און איך האב אים געפרעגט, פארוואס ער האט נעכטן קיין ווארט נישט געזאגט וועגן מיין אנגענומענער שטעלע, האט ער ווי צו זיך אליין ריידנדיק: „א גרויסער תכלית אודאי; אבער דאס איז נישט דיין שולד. אויב אימיצער איז אין דעם שולדיק, בין איך דאס אליין." מער האט ער גאר נישט געזאגט און נישט געקאנט זאגן, ווייל עס האט אים פארקלעמט ביים הארצן.

איך האב פארשטאנען, אז די בעסטע זאך פאר מיר איצט — איז אוועקגיין, און איך בין נישט ריידנדיק א ווארט טאקע אוועקגעגאנגען.

גייענדיק, האב איך זיך פארטראכט וועגן מיין פאטערס עטלעכע ווערטער און אריינגעדרונגען אין תוך פון זיי און בין געקומען צום שלום, אז טאקע ער, מיין אייגענער טאטע, איז ווירקלעך שולדיק אין דעם, וואס איך האב קיין זאך נישט דערגרייכט, נישט אין תורה און נישט אין בילדונג. פון קינדווייז אן האט ער מיך צעבאלעוועט. ער האט מיך געקליידט שענער און רייכער ווי די קינדער פון די רייכסטע עלטערן; האט געזען, אז דער צירולניק*) זאל מיר קיין פאות נישט איבערלאזן און אז איך זאל זיין אפגעשארן מיט

---

*) בארבער.

אַ „פאָלקע"*), כדי עס זאָל זיך צופּאַסן צום קאַפּעלוש. פאַר חברים האָט ער נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל האָבן אידישע גימנאַזיסטן, אָדער קריסטלעכע שקצים פון פאַרמעגלעכע עלטערן. שוין באַם דרדקי מלמד בין איך געווען אַ גאַנצער מיוחס; ער האָט מיר נישט געטאָרט זאָגן קיין הויכן וואָרט, ווייל איך בין געווען אַ בן-יחיד. די שפּעטערדיקע מלמדים האָט מען אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן מיך חלילה נישט פאַרמוטשן, מיך לאָזן שפּילן וויפיל איך האָב געוואָלט, און אַ חשק צו שפּילן האָט זיך ביי מיר אויסגעאַרבעט אַ גרויסער, אַזוי אַז מען האָט שוין שפּעטער אים נישט געקאָנט איינהאַלטן און דאָס שפּילן האָט באַ מיר פאַרנומען דעם אויבן-אָן.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אינגל ווי איך האָט שוין נישט געקאָנט פיל לערנען פון די פאַרשמאָלצענע גמרא-מלמדים, ווען אַלע מיינע חברים זענען געווען גימנאַזיסטן און פּריצישע קינדער. אַזוי ווי איך האָב קליינווייז אָן גערעדט רוסיש, וואָס דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט באַ אידישע קינדער פון אַזעלכע שטעט ווי אונדזערע, האָבן אפילו די רביים מיינע געקוקט אַף מיר פון אונטן אַרויף. נישט קוקנדיק דערויף וואָס איך האָב געלערנט באַ די בעסטע מלמדים תנ"ך און גמרא, פונדעסטוועגן איז באַ מיר אין קאָפּ נישט פאַרבליבן דאָס מינדסטע, וואַרשיינלעך צוליב דאָס אָפטע איבעררייסעניש און טאַקע צוליב מיין פאַרשייטקייט. אין גימנאַזיע האָט מיין פאָטער באַ זיך נישט געקאָנט פועלן מיך לאָזן גיין. בין איך געבליבן נישט אַהין, נישט אַהער, נישט צו פליען און נישט צו גיין, נאָר צו שפּרינגען. אַן אינגל בין איך געווען אַ שוואַרץ חנעוודיקער, פול מיט לעבן, הויך געוואַקסן, מיט שיינע שוואַרצע אויגן, וועלכע קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרבייגיין אומבאַמערקטערהייט. פון אַזעלכע יונגע לייטלעך האָבן די גבירישע מיידלעך געחלומט, געפינענדיק אין זיי די העלדן פון די ראָמאַנען, וואָס זיי האָבן געלייענט, און דערפאַר בין איך אָפט געווען אַרומגערינגלט פון יונגע שיינע מיידלעך, וועלכע זענען געשטאַנען ווי אַ וואַנט, ווי אַ מחיצה

*) אַזאַ אַרט פאַסאָן באַם שערן.

צווישן מיר און מיין בילדונג.

קיין באשטימטן צוועק פאר מיין בילדונג האָט מיין פאָטער נישט געהאט. ער האָט זיך באצויגן צו מיין דערציאונג אזוי ווי צו זיין גלויבן: געצווייפלט, זיך געקווייקלט. אמאָל האָט ער געוואָלט תורה און אמאָל בילדונג. בינו לבינו האָט ער מיך אָפּגעריסן פוןביידע, אי פון תורה, אי פון בילדונג, כאָטש אלע מיינע רביים און לערער האָבן געזאָגט, אז איך האָב געהאט א זעלטענע תפיסה, נאָר נישט קיין נייגונג צו לערנען. דערוויילֿ זענען די יאָרן געלאָפן און איך האָב שוין שפעטער קיין געלעגנהייט נישט געהאט זיי אָנצו-יאָגן. באגרייפנדיק, אז מיין טאַטע האָט געהאנדלט ווי זיין געוויסן האָט אים דיקטירט און ווי די אומשטענדן האָבן אים ערלויבט, האָב איך קיינמאָל, אפילו אין געדאנקן, מיין טאַטן קיין פאָרוואורף נישט געמאכט.

אין דעם באשטימטן טאָג, ווען איך האב געדארפט אָפּפאָרן אין דאָרף, האָב איך זיך געזעגנט מיט אלעמען אין הויז און בין אוועק אין קראָם זיך געזעגענען מיטן טאַטן. ער האָט מיר גע-זאָגט בלויז עטלעכע ווערטער: „ווען דער מענטש ווערט געבוירן, האָבן שוין די אומשטענדן אויסגעפּלאנט און אויסגעלייגט פאר אים די רעלסן פון זיין לעבנס-וועג. דעם מענטשן איז אבער געגעבן צו זיין דער אייגענער קאָנדוקטאָר אף זיין לעבנס-רייזע; ווער עס איז אַן איבערלייגטער קאָנדוקטאָר, קאָן שטייגן העכער אין דער געזעל-שאפט.“

ווען איך האָב מיין טאַטן געזאָגט: „ווי עס ווייזט אויס, ביזטו נישט געוועזן קיין דערפאָלגרייכער קאָנדוקטאָר,“ האָט ער מיט שפּאַס געענטפערט, אז אין זיין צייט זענען נאָך קיין באַנען מיט קיין קאָנ-דוקטאָרס נישט געווען. ער האָט זיך מיט מיר צעקושט און געזאָגט: „פאָר געזונט!“ זיין „פאָר געזונט“ האָט מיך געמאכט פילן, אז איך פאָר טאקע אף מיינע אייגענע רעלסן, ווער מיין אייגענער קאָנדוק-טאָר, אליין נעם איך אף אייגענע אחריות. דאס האָט מיך ארייננגע-בראכט אין א פּעסימיסטישער שטימונג און איך בין אוועק מיט א

געבראַכן געמיט אין איינפאָר-הויז, וואו אַלץ איז שוין געווען גרייט צו פאָרן מיטן פּאָסעסאָר אין דאָרף.

דער פּאָסעסאָר האָט אַף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון א רייכן אידן, א יודע ספר. ווער רעט נאָך, אז איך האָב דערזוען די בריטשקע, דעם קוטשער מיט די צוויי שיינע גרויסע פערד, בין איך געווען זיכער, אז ער איז א גרויסער גביר. אבער אין א שטונדע אָדער צוויי ארום, ווען מיר האבן זיך געפונען אפן וועג, האבן מיר זיך צע-רעט און איך בין געוואָר געוואָרן, אז ער ווייסט פון לערנען ווי איך פון דער כינעזישער ליטעראטור. דאָס איז מיר אין א געוויסן פּרט יאָ געפעלן און נישט געפעלן. ער האָט מיר דערציילט, אז ער האָט א שוואָגער, א זייער געבילדעטער מאן, וואס קומט אָפט צו אים צו גאָסט. אזוי האבן מיר געשמועסט, און עס איז קענטיק געווען, אז ער קריגט אַלץ מער און מער דרך ארץ פאר מיין קענטעניש. ער האָט מיך געטראקטירט מיט עטלעכע פּאַפּיראָסן, און שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין א קרעטשמע צובייסן, איז ער געווען זייער פריינטלעך צו מיר און מיך באהאנדלט ווי אן אייגענעם מענטשן.

אָוונטצייט זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף. דאָס הויז פון דרויסן האָט נישט אויסגעזען איבעריקס רייך, נאָר אינעווייניק איז געווען צו דערליידן. עס זענען געווען פינף צימערן: א סטאָלאָ-ווע*), א גאסט-צימער און דריי שלאָף-צימערן, איינער פאר דעם בעל-הבית מיט זיין פרוי, א צווייטער פאר אַלע פיר קינדער און א דרי-טער פאר דעם פּאָסעסאָרס פאָטער. אין אָט דעם דריטן צימער האָב איך אויך געדארפט שלאָפן. דאָס האָט מיר זייער נישט געשמעקט, אָבער פארפאלן. וואָס האָב איך געקאָנט טאָן?

דעם פּאָסעסאָרס קינדער זענען באשטאנען פון דריי מיידלעך, די עלטסטע פון א יאָר 16, א צווייטע פון 14, א דריטע פון א יאָר 10 און א אינגל פון א יאָר 8. זיי האבן מיר אויסגעוויזן אביסל

---

*) עסצימער.

צו יום-טובדיק אָנגעטאָן. איבערהויפּט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דאָס יום-טובדיקע אָנטאָן פון דער בעל-הביתטע, וועלכע האָט אויסגעזען ווי א שלאַכטשאַנקע*). די עלטסטע מיידל איז געווען נישט קיין מיאוסע, א בלאָנדע, מיט צוויי גרויסע צעפּ, מיט א ברייטער ראָזעווער סטיינגע אפן קאָפּ, וואס האָט איר צוגעגעבן א באַזונדערן חן; די צווייטע נישט ערגער; די דריטע, א פּאַרשוין אַ קינד, כאָטש זיך שפּיגלען אין איר. דער אינגל איז געווען א געווייגלעכער דאָרפס-אינגל. די אומסימפּאַטישסטע פּערזאָן אין הויז איז געווען דעם פּאָסעסאָרס פּאָטער, גראָב אין אויסזען און גראָב אין זיינע מאַניערען; אפילו זיין שטימע איז געווען א גראָבע, א באַסאָווע. ער האָט מיר דערלאַנגט דעם געוויינלעכן אידישן שלום-עליכם און מיך אריינגעפירט אין זיין צימער, וואו מיר האָבן געדאַרפט שלאָפן. ווען עס וואָלטן זיך דאָרט נישט געפונען צוויי בעטן, וואָלט איך גלייך אַף מאָרגן צוריקגעפאָרן אהיים.

די קינדער האָבן זיך העפליך פאַרנייגט ביים פאָרשטעלן, די בעל הביתטע איז אזש רויט געוואָרן פון איבעראַשונג. פון דעם בעל-הבית פאָטער בין איך געוואויר געוואָרן, אז מען האָט זיך געריכט אַף א אידישן „פּאַניטש״, א לערער, נישט אַף א רבין, ווי זיי האָבן געהאַט ביז איצט.

אין א שטונדע ארום, נאָכדעם ווי איך האָב זיך ארומגעוואַשן, זענען מיר געגאַנגען עסן וועטשערע. עס איז געווען א מילכיקער מאָלצייט, גאַנץ פריש און געשמאַק, אבער דאָס עסן איז מיר נישט איינגעגאַנגען, ווייל דער בעל הבית האָט געמוזט צוליב טאָן זיין פאָטער און בענטשן. אזוי ווי מיר זענען געווען דריי, האָט מען געדאַרפט בענטשן מזומן, און אזוי ווי איך בין געווען א גאַסט, האָט מען מיר געגעבן דעם כבוד. מילא, איך האב קיין ברירה נישט געהאַט און געבענטשט מזומן. פאַרשטייט זיך, אז דאָס איז געוואָרן א צואָפּטע זאַך, און איך האָב געדאַרפט מאַכן אַלערליי מאַנעווערס זיך אויסצודרייען דערפון. אין די וואָכנדיקע טעג איז דאָס מיר

*) פּוילישע אדעל.

ווי עס איז געלונגען, אָבער פרייטאָג-צו-נאַכט און שבת האָט מען געמוזט בענטשן מזומן.

אַף מאָרגן האָב איך גענומען מיינע תלמידים אַפן פאַרהער. צוערשט די עלטערע מיידל. אחוץ עברי, דאַוונען, האָט זי געקאָנט שרייבן אַ סקאַרבאָוון אידישן בריף מיטן נוסח פון אַ בריפן-שטע-לער. אַלע אירע בריף האָבן אנטהאַלטן אַ „ראשית" און אַ „שנית". זי האָט אויך געקענט אביסל רוסיש שרייבן און לייענען, די ערשטע כללים פון רעכענען. מאַכן אַ „זאַדאַטשע", אויסגעפינען אַ רעכע-נונג, האָט זי נישט געוואוסט. די אינגערע מיידל האָט געקאָנט אביסעל וויניקער פון איר און דאָס קליינע, שיינע מיידעלע גאָר ווייניק. דער אינגל האָט שוין געדאַוונט נישקשהדיק.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, צי דערפאַר וואָס איך האָב געדיינקט, אַז איך קריג גוט באַצאָלט, צי דערפאַר וואָס די זאַך אליין איז מיר ליב געוואָרן, נאָר איך האָב זיך אריינגעוואָרפן מיט מיין גאַנצן כח צו לערנען מיט די קינדער. וואָס קעלטער עס איז געוואָרן אינדרויסן, אַלץ מער צייט פלעגן מיר פאַרברייננגען ביים לערנען. די קינדער אליין איז אויך נישט מיאוס געוואָרן, ווייל איך האָב פאַר זיי גע-מאַכט דאָס לערנען אינטערעסאַנט, יעדן קינד לויט זיין באַגריף.

הקיצור, מיר האָבן אין דריי חדשים צייט געמאַכט אַ באַדיי-טענדן פאָרטשריט. ווי ווייניק דער בעל הבית און זיין פרוי האָבן געקאָנט אורטיילן, פונדעסטוועגן האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז אַ גרויסע ענדערונג איז דאָ פאָרגעקומען; און ווען דעם פאָסעסאָרס שוואָגער, אַ ווירקלעך אינטעליגענטער מענטש, איז איינמאָל געקומען צו-גאַסט און האָט באַמערקט מיינע מעטאָדן, ווי זיי זענען צוגעפּאַסט צו די פייאיקייטן פון יעדן קינד באַזונדער, האָט ער אַף אַ באַשיידענעם אופן אין מיין אַנוועזנהייט אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג אי-בער מיינע פייאיקייטן אַלס לערער. דערביי האָט ער פאַרזיכערט, אַז אין אַ פּאָר זמנים קאָן איך מיט מיין לערנען מיט די קינדער אסך מער אויפטאָן ווי צען רביים פון דעם אַלטן שניט.

באַזונדערס איבערגעבן בין איך געוואָרן צו דער שיינער, זעכס-צן-יעריקער מיידעלע. איר פלעג איך אָפּגעבן פאַרהעלטנים-

מעסיק מער צייט, ווייל אחוץ וואָס זי איז געווען א שיינינקע, איז זי אויך געווען זייער פייאיק, האָט געהאט א גוטן זכרון און איר איז די לערע לייכט אָנגעקומען. צוליב מיין צערטלעכקייט צו איר האָט איר דאָס אָפּטע לערנען נישט דערעסן און זי איז געגאַנגען פאַר-ווערטס.

איך אליין האָב זיך מיט קיין אַנדער זאַך נישט פארנומען, אחוץ שרייבן רעגלמעסיק יעדע וואָך א בריף אהיים און א בריף צו מיין געליבטער מיידל.

אַן אוקריייניש ווערטל זאָגט: „דאַלי אָטשי דאַלי סערצע"*). אין מיין פאַל האָט דאָס ווערטל נישט אויסגעהאַלטן. פאַרקערט, זינט איך בין אוועקגעפאָרן האָב איך ערשט דערפילט א ליבשאַפט, א בייַנקעניש נאָך מיין געליבטער מיידל. זי האָט די ערשטע אָנגע-הויבן שרייבן צו מיר רעגלמעסיק, נישט פארפעלנדיק קיין איין וואָך. איך פלעג אפריער איר ענטפערן רעגלמעסיק צוליב העפליכ-קייט, אָבער דערנאָך האָב איך זיך שוין נישט געקאָנט צוריקהאַלטן פון שרייבן. אירע בריף, געשריבן אין רוסיש, זענען געווען שיין, ראָמאַנטיש. מיינע בריף גדיינק איך נישט, ווייל אירע בריף פלעג איך איבערלייענען עטלעכע מאָל און איך האָב זיי באהאלטן א לענ-גערע צייט.

אין א דריי חדשים ארום, נאָכדעם ווי איך בין אָנגעקומען אין דאָרף, האָט מיך דער פּאָסעסאר געפרעגט, צי איך וועל זיך דורכ-פאָרן אין שטאָט. האָב איך אים געזאָגט, אז יאָ, ווייל איך וויל טאַקע אין איינוועגס איינקויפן א פּאָר ביכלעך פאר די קינדער. ער האָט אויך מיטגענומען די עלטערע מיידל זיינע. דעם אמת געזאָגט, בין איך מיט איר מיטפאָרן ניט געווען איבעריקס צופרידן, ווייל מיט איר אַנוועזנהייט האָט זי אַריינגעבראַכט א גאַנץ אַנדערע אַטמאָס-פערע. מיין בעל הבית איז געווען א וויצלינג. ער פלעגט אָפט דערציילן גאַנץ שיינע, לוסטיקע זאכן, אמאָל אפילו א גראָבן, אַ צי-נישן וויץ, אָבער דאָך פלעגן זיי ארויסרופן געלעכטער, אויב נישט

*) וואָס ווייטער פון די אויגן אַלץ לייכטער פון הארצן.

פון אימיצן אנדערש, איז פון אים אליין. אבער צוליב דער מיידל האָט ער דאָס נישט געקאָנט, און ווי איך האָב געפילט, נאָכדעם ווי איך האָב אים שוין געקענט אביסל מער, וואָלטן מיר זיך גוט פאַר־ווײילט. שפּעטער אָבער, ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן א פּאָר שטונדן און דער פראָסט האָט מיר דורכגענומען דורך מיינע נישט באַזונ־דערס וואַרעמע קליידער, ווייל קיין „שובע"*) האָב איך נישט גע־האַט, בין איך שוין צופרידן געווען וואָס זי איז מיטגעפאָרן. וואָרים זי האָט געהאַט צוויי פּוטערס, איינעם צו טראָגן אפן וועג אין דער בריטשקע, דעם צווייטן צו טראָגן אין גאַס, אין שטאָט. ווען נישט איר „שובע", וואָס דער בעל הבית האָט מיר פאַרגעשלאָגן אָנטאָן, נאָכדעם ווי ער האָט דערזען אָדער דערפילט, אז מיר איז קאַלט, וואָלט איך זיך געווים געהאַט שטאַרק פאַרקילט. אחוץ דעם זענען מיר געזעסן אין דרייען און דאָס האָט מיר געמאַכט וואַרימער.

אין קרעטשמע, וואו מיר זענען אריין זיך אָפּרוען און זיך אָנ־וואַרימען, האָב איך געמוזט אויסטאָן מיינע שיך און רייבן מיינע האַלב־פאַרפרוירענע פיס. ווען מיר וואָלטן אזוי געפאָרן נאָך א פּאָר שעה און איך וואָלט אַליין געווען א „פריץ" און גאָרנישט געזאָגט, וואָלטן מיינע פיס געווען אינגאנצן אָפּגעפראָרן. שפּעטער האָבן מיר זיך אַלע איינגעוויקלט אין דעם גוים פּעלץ אונזערע פיס און עס איז געווען באַקוועם צו קומען אהיים.

מיר זענען פאַרפאָרן אין דער זעלביקער אכסניה, אבער מיך האָט דער קוטשער אָפּגעפירט צו מיר אהיים. איך געדיינק, ווי די קינדער פון דער גאַס זענען זיך צונויפגעלאָפן קוקן אױף דער בריטש־קע (קיין שליטוועגס איז דאַן נישט געווען, כאָטש עס איז געווען זייער קאַלט). מיינע שוועסטערלעך זענען געווען מער פאַרנומען מיט קוקן אױף דער בריטשקע ווי אױף מיר. איך בין אריין אין שטוב און האָב זיך גלייך ארומגעוואשן און זיך איבערגעטאָן, ווייל איך האָב מיין געליבטער מיידל געשריבן אז איך קום, האָב איך געוואַרט אױף איר. אין א פּאָר שעה ארום איז זי ווירקלעך געקומען צו אונז. מיר

---

*) פּעלץ.

האָבן זיך שטארק דערפרייט איינער מיטן צווייטן, און זי איז פאר-בליבן באַ אונז אין הויז ביז שפּעט אין דער נאכט.

ווען מיין פאָטער און מוטער זענען געקומען, איז געוואָרן א פרייד אין הויז. עס האָט אויסגעזען, אזוי ווי איך וואָלט שוין גע-ווען אוועק פון דער היים אסך יאָרן, און איך האָב זיך אָנגעהויבן פילן מעשה גאסט. איך בין פארבליבן אין שטאָט א וואָך צייט. וואו איך בין געגאנגען און מיט וועמען איך האָב זיך באַגעגנט, האָט מען מיר געמאכט פילן, אז איך בין אן אָנגענומענער גאסט.

אויף דער צווייטער וואָך, אין א באשטימטן טאָג, האָב איך איינ-געקויפט די עטלעכע ביכלעך פאר די קינדער און בין צוריק אוועק-געפאָרן אין דאָרף. איך האָב זיך נאָך מיט מער ערנסט גענומען צו לערנען מיט די קינדער. זיי האָבן אלע געמאכט גרויסע פאָטשריטן, נאָר מער פון אלעמען, די שיינע, ליבע קליינע מיידעלע, וועלכע האָט, אגב, טאקע געהייסן שיינע, ריכטיקער „סיינע", ווי אלע שטוביקע האָבן איר גערופן.

אין די לעצטע פאָר טעג, ווען דער זמן האָט זיך געהאלטן ביים ענדיקן, איז געוואָרן אן אומעט אין הויז. די קינדער זענען אלע ארום-געגאנגען פארכמורעט, דענקנדיק אז איך וועל מער ניט קומען. די בעל הביתטע איז נישט געווען פאָרזיכטיק און האָט עטלעכע מאָל געזאָגט די קינדער פאר מיר אין די אויגן: „זאָרגט זיך נישט, אייער לערער וועט, אם ירצה השם, קומען אויף זומער אויך." דאָס איז גע-ווען פאר מיר א וואונק, אז מען איז פון מיר שטארק צופרידן און איך מעג זיך הייסן געבן א הוספה.

ביים געזעגענען זיך, איידער איך בין אוועקגעפאָרן, האָב איך זיך געפילט אומבאקוועם, ווען די בעל-הבית'טע האָט א געשריי גע-טאָן צו איר עלטערער מיידל זי זאָל שנעל קומען זיך געזעגענען מיט מיר. זי איז, פּונקט ווי אין דעם ערשטן טאָג באַ מיין אָנקומען, געווען אויסגעפּוצט יום טובדיק. איך האָב זיך געזעגנט מיט אלעמען און א קוש געטאָן די ליבינקע סיינע, מיין קליינע שילערן. דער פּאָסעסאָר האָט מיר געגעבן דאָס גאנצע געלט און מיך געבעטן, איך זאָל זיך מיט אים טרעפן אין אכסניה חול המועד פּסח.

איך בין אָפּגעפאָרן איינער אַליין מיטן קוטשער אין דער זעל-בער בריטשקע מיט די זעלבע צוויי פערד. אַפן וועג האָב איך זיך איבערגעזעצט אַף דער „קעלניע״ און האָב דעם גאַנצן וועג גע-טריבן אַליין די פערד ביז דער גרעבליע פון אונדזער שטאָט. פאַר דער גרעבליע האָב איך זיך מיט ווירדע צוריק אַריינגעזעצט אין דער בריטשקע און בין צוגעפאָרן גלייך צו מיין פאָטערס קלייט, כדי דוד פאַרך, מיין פאָטערס שכן, זאָל נאָך מער דרך ארץ קריגן פאַר מיר. דעם קוטשער האָב איך געהייסן אַביסל צוּוואַרטן. מיין פאָטער האָט מיך באַגעגנט קאַלט. איך האָב באַמערקט, אַז אים איז נישט געפעלן געווען מיין באַרימען זיך מיט דער פרעמדער בריטשקע מיט די פערד. יעדנפאַלס בין איך לאַנג נישט געבליבן אין קלייט און בין מיט דער בריטשקע צוגעפאָרן אַהיים, געהייסן דעם קוטשער אַריינטראָגן מיינע זאַכן און אים געגעבן אַף אַ טרונק בראַנפן.

עס איז געווען צוויי וואָכן פאַר פסח. די ערשטע זאַך, וועגן וואָס מיין פאָטער האָט געטראַכט איז געווען וועגן מיך אויסקליידן אַף יום טוב. גלייך אַף מאָרגן נאָך מיין אָנקומען, איז ער מיט מיר אַוועק צו יענקל גאָדים דעם שניידער און פון דאָרט זענען מיר אַלע דריי געגאַנגען אין אַ קראָם פון געוואַנט קויפן שטאָף פאַר אַן אויבער-ראָק און צוויי גאַרניטערס פאַר מיר. איך האָב דערקלערט מיין פאָטער, אַז פון די 75 רובל וויל איך זיך איבערלאָזן 5 רובל, דאָס איבעריקע וועל איך אים אַוועקגעבן. אָבער אויב ער וויל, אַז איך זאָל הנאה האָבן, זאָל ער אומבאַדינגט זיך אויך מאַכן אַ גאַרניטער און דאָס איבעריקע אויסגעבן פאַר דער מאַמען און די קינדער. מיין טאַטנס געזיכט איז פיל פרייליכער געוואָרן און ער האָט געזאָגט: „געוויס, געוויס.״

אַף פסח האָב איך געהאַט צוויי נייע גאַרניטערס, אַ בעסערן און אַ ביליגערן, און אַן אויבער-ראָק, כאָטש איך האָב גאָר נישט אַזוי נויטיק געהאַט, און אַ נייעם קאַפּעלוש. וועש, אויבער-העמדער און אונטער-העמדער האָט מיין מוטער נאָך פריער געהאַט אָנגעגרייט. דערצו נייע שטיוועלעטן (שיך) מיט האַלבע קאַלאָשן, אַפילו אַ נייעם

שירם מיט א פּאָר נייע שניפּסן. ווען איך האָב פּסח-צייט געפרעגט דעם טאַטן, צי עס האָט אַף אַלעם געסטאַיעט, האָט ער געענטפערט, „געוויס, געוויס״, כאָטש איך האָב געצווייפלט.

חול המועד פּסח האָט מיך דער פּראָפעסאָר געשיקט רופן און מיר געזאָגט, אַז איך מוז למען השם צו אים פאָרן איבערן זומער, און אַז ער איז מיר מוסיף צען רובל פארן זמן. איך האָב געקאָנט נעמען בא אים הונדערט רובל, נאָר מיר אַליין האָט זיך געוואָלט זיין אין דאָרף א זומער, אפילו פאר ווייניקער ווי 75 רובל. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך נעם אָן זיין פּאָרשלאַג.

פון דעם פּראָפעסאָר בין איך גלייך אַוועק צו מיין פאָטער און אים געזאָגט, אַז איך וויל פארברייינגען א זומער אין דאָרף, נעבן וואַלד, דעריבער פאָר איך אַף נאָך א זמן צו דעם זעלבן פּראָפעסאָר, וואו מען איז מיט מיר זייער צופרידן, א סימן אַז ער אַליין האָט מיר געגעבן א הוספה פון צען רובל. מיין פאָטער איז דאָס אַלץ ניט גע-ווען צום הארצן. איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך זען מיטן פּראָפעסאָר. ער האָט מיר צוגעזאָגט און איז טאַקע איינמאָל גע-גאַנגען אים זען, נאָר ער האָט אים אין דער אכסניה נישט געטראָפן. דערפאַר האָט ער זיך דורכגערעדט מיט דעם בעל אכסניה וועגן מיר און וועגן מיין בעל הבית און איז צוריקגעקומען פון דאָרטן מיט אַביסעל א בעסערן געמיט.

אחוץ די נייטיקע לערן-ביכער פאר רוסיש און דייטש און העפטן צום שרייבן, האָב איך אויך געקויפט פארשידענע קאָלירטע באַנוועל און קאַנווע אַף אויסנייען פארשידענע אוזאָרן*). איך האָב געקענט די ארבעט און בין געווען גאַנץ געשיקט דערצו, און איך האָב באַשלאָסן דאָס אריינצונעמען אין מיין פּראָגראַם פון לערנען מיט דעם פּראָפעסאָרס קינדער.

ווען איך בין געקומען אין דאָרף מיט מיינע נייע פּלענער, האָט מען מיך אויפגענומען מיט גרויס שמחה. עס האָט לאַנג נישט גענומען און פון די „אוזאָרן״, וואָס איך פּלעג אויסנייען אַלס מוס-

---

*) צייכנונגען.

טער פאַר די מיידלעך, האָט מען אויפגענייט אַ העמדל פאַר דער שיינער „סיינע“. אַלע דריי מיידלעך פלעגן אויסנייען „אוזאָרן“ אויף האַנטיכער און טישטיכער און אויף אַנדערע זאַכן. דאָס האָט מיר געגעבן מער פרייע צייט און איך אַליין פלעג קאָנען מער לייענען און שפּאַצירן אין וואַלד.

דער דאָרף האָט באַלאַנגט צו אַ פּריצ׳טע מיט דעם נאָמען קאַר-זשעווסקי, וועלכע פלעגט קומען מיט אירער אַ טאָכטער, אַ מיידל, אין דאָרף בלויז אויף זומער, פון מאַי אָדער יוני ביז סעפּטעמבער. די איבעריקע צייט פון יאָר האָבן זיי געוואוינט אין אויסלאַנד, אָרום קראָקאָוו. אין דער צייט, וואָס די פּריצטע האָט פאַרבראַכט אין דאָרף, פלעגט מיין בעל הבית קומען צו איר זייער אָפט. איינמאָל האָט ער מיטגענומען אַהין זיין שיין מיידעלע, סייניטשקע, וועלכע איז דאָן געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַן אויסגענייט מאַלאָראָסיש העמדל. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּריצטע און פון איר יונגער טאָכטער, וועלכע איז מיט אַ פּאָר יאָר פאַר דעם אַרויס פון אַ „פּאַנסיאָן“*). ווי דער בעל הבית האָט דערציילט, האָט די טאָכטער געפרעגט די קליינע סייניטשקע, ווער עס האָט איר אויסגענייט דאָס העמדל. האָט זי געזאָגט, איר לע-רער. די יונגע פּריצטע האָט זיך פאַרוואונדערט און געפרעגט מיין בעל הבית, צי דאָס איז אמת. האָט ער איר געזאָגט, אַז ניט נאָר האָט דער לערער אויסגענייט די „אוזאָרן“ אויפן העמדל, נאָר איצט קאָן שוין די קליינע סייניטשקע אַליין אויסנייען אַזעלכע „אוזאָרן“, און די אַנדערע קינדער אויך. ער האָט זיך באַרימט, אַז זיין „פּאַ-ניענקע“, זיין טעכטערל הייסט עס, קאָן אַחוץ רוסיש אויך דייטש לייענען און שרייבן.

די יונגע פּריצטע האָט עס קוים געוואָלט גלויבן. כדי זיך צו איבערצייגן, האָט זי באַ זיך געפונען אַ דייטש ביכל, און האָט גע-בעטן דאָס קליינע מיידעלע צו לייענען פאַר איר. צופעליקערווייז איז דאָס געווען דאָס זעלבע פּאָפּולערע ביכל פאַר אָנפאַנגער, און

*) פּריוואַטער דערציאונגס אַנשטאַלט.

מיין שילערין, סייניטשקע, ווי דער פאטער האָט דערציילט, האָט „געלייענט ווי א וואסער“. די פריצטעס טאָכטער איז געווען אי-בעראַשט. זי האָט נישט געקאָנט פארשטיין, ווי קומט דאָס קינד צו אזא לערנען אין די יאָרן. געוואוסט האָט זי, אז פאראיאָרן און פריער האָט דער פּאָסעסאָר געהאט א רבין, וואס האָט אליין קוים געקאָנט אָנשרייבן עטלעכע ווערטער אין רוסיש. זי האָט אלזאָ גע-פרעגט דעם פּאָסעסאָר, ווער איז דאָס דער „רעבע“, וואָס ער האָט איצט? ער האָט איר געענטפערט, אז דאס איז נישט קיין „רעבע“ נאָר א יונגער געבילדעטער אידישער „פּאניטש“, וואס רעט רוסיש אויסגעצייכנט און קען אויך דייטש.

זי האָט אים געבעטן, ער זאל זען אז זיין לערער צוזאמען מיט דער עלטערער מיידל זיינער זאלן קומען צו זיי אף באזוך. דער פּאָסעסאָר איז נישט געווען קיין נאר. ער האָט פארשטאנען, אז ווען ער וועט מיר זאָגן, אז די פריצטעס טאָכטער וויל, אז איך זאָל קומען צו זיי „נאַ פּאָקאַז“*) וועל איך נישט גיין. האָט ער פאָרזיכטיק געפּלאנעוועט, אז ער זאל צוזאמען מיט זיין עלטערע טאָכטער מיך איינלאָדן גיין צו דער פריצטע אין סאָד, פון וועלכן איך פלעג ריידן מיט באגייסטערונג.

איין אָוונט, פאר זון-אונטערגאנג, האָט ער מיר געמאכט דעם פאָרשלאָג און איך האָב אים גלייך אָנגענומען און געזאָגט, אז איך בין גרייט צו גיין. האָט ער עפּעס אָנגעהויבן ווי שטאמלען און קוקן אף מיינע מלבושים. איך האָב פארשטאנען וואס ער מיינט און אין עטלעכע מינוט בין איך שוין געווען פארטיק מיט מיין טואלעט. גייענדיק, האָב איך דערזען מיין עלטערע שילערין אָנגעטאָן אין עסיק און אין האָניק, אזוי אויסגעפּוצט, אז עס האָט געריסן די אויגן. מיר האבן זיך אוועקגעלאָזט אף אונזער שפּאציר.

דער פריצטעס הויף איז נישט געווען זייער ווייט פון אונדזער הויז. עס האָט גענומען בלויז עטלעכע מינוט און מיר זענען אריין אין הויף. עס איז געווען זייער א שיינער פארנאכט, די זון מיט

---

*) אף אן אויסשטעלונג.

אירע שטראַלן אפן סאמע האָריזאנט האָט אויסגעזעהן ווי א רונדער פייער־קוגל, און מיר האָט זיך זייער געוואָלט שטיין אַף א הויכן פּלאַץ און זעטיקן מיין אויג מיטן כשופדיקן בילד. האָב איך גע־בעטן מיין בעל הבית, אז מיר זאָלן גיין באַרג ארויף. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אז ער קאָן איצט נישט, ווייל ער וויל נישט מיך מיט דער מיידל איבערלאָזן אינמיטן הויף, בעט ער מיך, איך זאל אויך אריינגיין אינעווייניק. איך האָב זיך נישט געלאָזט בעטן, ווייל איך האָב געוואָלט זען, ווי אזוי עס וואוינט די פּריצטע, וואס קומט פון „זאגראניצע"*). דערצו האָב איך דאָך נישט חושד געווען, אַז דער באַלעבאָס איז עפּעס אויסן דערמיט.

די הויז אויסערלעך האָט נישט אויסגעזעהן ווי א פּאַלאַץ אין דעם מאָדערנעם זינען, אבער עס האָט מיך איבעראשט אינעווייניק, דאָס אַלגעמיינע רייכקייט און זויבערקייט און די האַרמאָניע פון דאָס שיינע מעבל מיט די פילע ווערטפולע טעפּיכער און אנדערע חפצים, איך בין איבערראשט געוואָרן, ווייל בין דאַן בין איך נאָך אין קיין גאָר רייכער הויז נישט געווען, אחוץ אַף דער אַלעקסאנדריע אין דעם גראַף בראניצקים פּאַלאַצן, אָבער דאָרטן האָט מען נאָר געקענט פאַרבייגיין, נישט אָנרירן. דאָ בין איך אָבער געווען ווי א באַזוכער, אַ חצי גאסט צוליב דער באַקאַנטשאַפט פון מיין באַלעבאָס מיט דער פּריצטע.

ווען מיר זענען אריין אין פּאָדער־שטוב, איז אונדז אנטקעגן געקומען א יונגע פּאַניע, וועלכע האָט זיך העפלעך פאַרנייגט און געזאָגט: „ווילקאָמען, מיינע געסט!" פון די פּאָר ווערטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי איז נישט קיין דייטשקע, אבער עס האָט מיך געוואונדערט, ווי קומט א פּאָליאַטשקע באַגריסן אונדז גראַד אַף דייטש, און פאַרוואָס עפּעס מיט די ווערטער „ווילקאָמען, מיינע געסט?" מיר זענען דאָך נאָר דורך א צופאַל אריינגעקומען. עס האָט נישט גענומען לאַנג און איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז געווען א פריער אָפּגעמאַכטע זאַך. דאָס האָט מיך נישט שטאַרק

*) אויסלאַנד.

געארט, ווייל איך האָב זיך געפילט גאנץ היימיש אין דער געזעל-שאַפט פון פרייליכס. איך האָב זיך נאָר געחידושט, צו וואס מען האָט געדארפט מאכן אזא סוד דערפון.

נאָך איידער מיין בעל הבית האָט צייט געהאט מיך פאָרשטעלן, האָב איך לויט עטיקעט „מעשה קאוואליער" זיך אליין פאָרגע-שטעלט, געבעטן ענטשולדיגונג, וואס איך רעד נישט קיין פויליש, נאָר רוסיש. אזוי ווי זי איז געגאנגען עטלעכע יאָר אין דער בעלאָ-צערקאָווער פרויען-גימנאַזיע האָט זי גערעט גוט רוסיש, יעדנפאלס אסך בעסער ווי דייטש, האָט זי זיך אָנגעכאפּט אָן דעם, און מיר זענען ביידע צופרידן געווען פאָרצוזעצן אונדזער געשפּרעך אף רוסיש.

די יונגע פוילישע פריצטע איז געווען א שלאנקע, א טיפּי-שער פוילישער אויסזען, ווייט נישט קיין מיאוסע, א לעבעדיקע, א באוועגלעכע מיט שיינע העלבלויע אויגן, בלאָנדע האר; געהאלטן האָט זי זיך נישט ווי א טאָכטער פון אדעל. ווי איך בין דערנאָך געוואויר געוואָרן, איז זי געווען א צעבאלעוועטע, ווייל זי איז גע-ווען א בת יחידקע, מען פלעגט איר אלץ נאָכגעבן. פון ערשט בליק האָט זי מיר אויסגעזען רייצנד, עס איז געווען אף איר אויסגעגאָסן א מין אייגנארטיקער חן — עס האָט געשיינט עטוואס באזונדערעס אין די שטריכן ארום אירע העל-בלויע אויגן. אין אלגעמיין א פול-שטענדיקע פרויענצימער. אירע יאָרן האָב איך נישט געקענט אָפּ-שאצן, נאָר לויט די רייד פון פּאַסעסאָר איז זי עלטער געווען פון מיר מיט א פּאָר יאָר.

זי האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן וואס נאָר זי האָט געוואָלט, אפילו וועגן זאכן וואס איך האָב נישט געוואָלט. אבער ווען עס איז געקומען צו קענטעניש האָב איך פארכאפּט דעם וועג און איר גע-שטעלט אלערליי פראגן, צי זי האָט געלייענט דעם און דעם רוסישן שרייבער, די און די דייטשע פארפאסערס; צי זי האָט געלייענט די און די איבערזעצונגען. מיט איין וואָרט, איך האָב איר פאר-וואָרפן מיט פראגן און מיינונגען וועגן ביכער, וועלכע איך האָב נישט געלייענט, נאָר געהערט פון זיי, און ווען זי האָט מיר גענטנט-

פערט, אז זי האָט א געוויסן בוך נישט געלייענט, האָב איך ערשט דאן אָנגעהויבן ריידן וועגן בוך און וועגן פארפאסער. אַף אזא אופן האָט מיין מאנעווירן מיר געגעבן די אויבערהאנט אין אונדזער געשפרעך איבער ליטעראטור, און ווען איך האָב דערמאנט אזעלכע נעמען ווי געטהע, שילער, היינע און בערנע, האָט זי שוין מורא געקראָגן פאר מיר מיט איר דייטש. איך האָב איר, אפן אמעריקאנער לשון גערעט, פשוט „פארבלאָפט", פארטומאַניעט. שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אז איך האב זיך אומזיסט געפלייסט, ווייל ווי מיינע קענטענישן זענען געווען באשרענקטע, בין איך נאָך אלץ לגבי איר געשטאַנען העכער אין ליטעראטור, און ווער רעט נאָך אין דייטש.

אינמיטן פון אונזער געשפרעך איז אריינגעקומען די אלטע פריצטע, אן אלטיטשקע און א טויבע. ווען די אלטיטשקע איז אריינגעקומען האָט זי געשטריקט א זאָק און אַ קוק געטון אויף מיר איבער די ברילן, זי האָט נאָך פארמאָגט א שיינעם אלטן געשטאַלט, סמנים פון יונגער גראציע. איך האָב זיך פאר איר פארנייגט, ווי אן אַלטער קאַוואַליער. קיין סך צייט האָט זי בײַ אונדז נישט צוגענומען, מיין בעל הבית האָט זיך מיט איר פארנומען, און מיר זענען פון זיי נישט געשטערט געוואָרן. זי האָט מיך געפרעגט, צי איך קאָן טאַנצן, ווייל אין הלכות טאַנצן איז זי געווען א מומחה. איך האָב איר געענטפערט, אז אַף אנדערע געביטן בין איך פאָלקאָמענער ווי אין טאַנצן; פון טענץ קען איך נאָר די פּאָלקע און א פּאָלקע-מאַזורקע, ניט מער. דער שטאָלץ פון דער פּוילישער „אדעל-געבוירענע" האָט אבער פארלאנגט א געביט וואו זי זאָל שטיין העכער פארן „זשידעק". עס האָט זיך איר נישט אנדערש ווי געוואָלט מיך כאפּן בײַ מיין שוואכער זייט, און עס איז איר געלונגן. אַף דער פראגע, צי איך בין א גוטער רייטער. האָב איך געענטפערט: „ניין, איך בין נאָר א פּאָר מאָל געפאָרן רייטנדיק." יעדנפאלס וואָלט איך איר געווען דאנקבאר, ווען זי זאָל מיר געבן א געלעגנהייט צו ווערן א גוטער רייטער. קענטיק, אז אַף דעם האָט זי נאָר געוואַרט און זיך אָפּגערופן: גוט! זי וועט מיר לערנען רייטן אַף א פערד, אבער

מיטן באדינג, אז איך זאָל איר לערנען אויסנייען. איך האָב איר גאראנטירט, אז מיט איין מאָל אָדער צוויי מאָל ווייזן וועט זי קע-נען די „תורה" פון אויסנייען, בעת איר וועט נעמען פיל לענגער מיך אויסלערנען רייטן אף א פערד. זי האָט געשמייכלט און גע-זאָגט, אז איך זאָל נישט זיין אזוי באשיידן. הכלל, מיר האָבן גע-דארפט באשטימען א טאָג, ווען אָנצופאנגען. צוליב פארשטענדלעכע טעמים האבן מיר באשלאָסן אויסצומיידן די טעג — שבת און זונטיק און שוין באשטימט די ערשטע „לעקציע" פון רייטן אף דעם קומענדן מאָנטיק. זי האָט אפילו געוואָלט, אז דאָס זאָל זיין אינדערפרי און האָט צוגעזאָגט צו פועלן בא מיין בעל הבית, אז ער זאָל מיך לאָזן פריי, אבער איך האָב איר געזאָגט, אז איך וויל נישט קיין טובות, און וואלט וועלן זיך לערנען רייטן אפן חשבון פון מיין אייגענער, פרייער צייט. זי האָט איינגעשטימט אויך אף דעם. אונדזער שמועס האָט זיך מיט דעם געענדיקט, דאן האָט זי זיך געווענדט צו דעם פּאסעסאָרס מיידל, מיין שילערין, און איר גע-פרעגט וועגן אירע דערפאָלגן אין לערנען.

איך האָב געפונען פאר נויטיק זיך אריינצומישן, האָב איך איר ארויסגעהאָלפן און געזאָגט, אז איך וואלט וועלן, זי זאָל בע-סער הערן ווי מיין שילערקע דעקלאמירט. מיין שילערין האָט פאר-געטראָגן עטלעכע פון קרילאָווס פאבלען, צווישן אנדערע „ראז-באָרטשיוואיא ניוועסטא"*), וועלכע זי האָט דעקלאָמירט זייער אויסדריקלעך און פיין, אז די יונגע פוילישע פריצטע האָט זיך פארטראכט און זיך געפילט כמעט ווי געטראָפן. שפּעטער, בא א גע-לעגנהייט, האָט זי מיך געפרעגט, פארוואס איך האָב מיין שילערן געהייסן פאָרטראָגן גראד די דערמאָנטע פאבל? איך האָב איר גע-ענטפערט, אז איך האָב דערביי נישט געהאט קיין שום כונה, (מסתמא — געטראָפן אין פינטל) האָט זיך די יונגע פריצטע שטארק צע-לאכט.

מאָנטיק בין איך געקומען מיט א צוואנציק מינוט שפּעטער

*) א כלה — אן איבערקלייבערקע.

ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט. דריי פערד און אַ מיטל־יעריקער פויער זענען שוין געשטאַנען גרייט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין רייט־קליידער. באַם באַגריסן זיך, האָט זי סאַרקאַסטיש באַמערקט אין פּויליש: „טענטאָ יעסט זשידאָווסקי זאַראַז"*). מיר איז דאָס נישט געפעלן און איך האָב גלייך געענטפערט אויך אין פּויליש: „אי פּאָלסקי פּאָטשעקאַי"**). מיר האָבן זיך קעגנזייטיק פאַרשטאַנען, דאָך האָב איך געפונען פאַר פּאַסיקער זיך צו אַנטשולדיקן און גע־זאָגט: עס איז פאַראַן אַ רוסיש ווערטל: „נאַנאַוווסיאַ טאָ פּראָ־דאַוווסיאַ"***). ערשט דאַן האָט זי באַגריפן, אַז זי איז אומגע־רעכט, האָט אָנגענומען מיין אַנטשולדיגונג און געזאָגט ווייטער אין פּויליש: „טערעס יעסטעם קוויט"****) און מיר זענען צו־געגאַנגען צו די פערד.

מיט דער הילף פון דעם קוטשער האָט זי זיך אַרויפגעזעצט אויף איר פערד. איך בין אַרויף אויפן פערד לייכט, און אַרויספאָרנ־דיק איז געווען צו דערליידן, ווייל מיר זענען נישט געלאָפן. אַוויילע שפּעטער האָט זי מיט אירע שפּאָרן אַ קיצל געטאָן איר פערד אין בויך און אָנגעהויבן גאַלאָפּירן. ווען דער פערד גאַלאָפּירט, איז נישט אַזוי שווער איינצוזיצן אויפן זאָטל, אָבער ווען ער לויפט „רייס", דאַן איז פאַר אַ נישט געניטן רייטער שווער איינצוזיצן. ווען זי איז מיט איר פערד געלאָפן גאַלאָפּ, האָב איך ווי עס איז מיטגעהאַלטן, אָבער „רייס" האָב איך נישט געקאָנט איינזיצן אין זאָטל און בין שיעור נישט אַראָפּגעפאַלן. ווען דער קוטשער האָט דאָס באַמערקט, האָט ער איר געזאָגט, אַז זי זאָל נישט „רייסן" און איז צוגעקומען נאָענט נעבן מיר. ווען איך בין געווען נעבן איר, האָב איך איר געזאָגט, אַז זי מוז זיין גרויסמוטיק צו איר שילער און זען, אַז ער זאָל זיך נישט פילן אומבאַקוועם. דערויף האָט זי געענטפערט:

*) דאָס איז אַ אידישער „באַלד".

**) און אַ פּוילישער „וואָרט אַביסל".

***) האָסטו זיך פאַרדונגען, האָסטו זיך פאַרקויפט.

****) איצט זענען מיר קוויטירט.

„ליוביש קאַטאַטסיא, ליובי אי סאַניטשקאַ וואָזיט“*). ווילסטו קע-נען רייטן, האָט זי געזאָגט, מוזטו זיין גרייט אראָפּפאלן פון פערד. ביז דו וועסט נישט פארלירן דעם פּחד פארן אַראָפּפאַלן, וועסטו נישט קאָנען רייטן. דו וועסט זיין א רייטער ערשט דאן, ווען דו וועסט עטלעכע מאָל אראָפּפאלן.

בשעת מעשה האָב איך געטראכט, אז זי איז טאקע גערעכט, אָבער איך האָב דאָך נישט געוואָלט פאר איר אין די אויגן אראָפּ-פּאלן פון פערד און איך האָב איר געזאָגט, אז אויב איך זאל אראָפּ-פּאלן פון פערד איצט, דאָס ערשטע מאָל, וואלט איך פארלאָרן דעם חשק צו רייטן, און אויב זי וויל, אז איך זאל ארויס א גוטער שילער פון איר לערנען, מוז זי מיך לערנען שטופנווייז.

איך האָב געביטן דעם געשפּרעך, און איר געפרעגט: צי זי שפּילט שאַך?

האָט זי מיר געענטפערט, אז נישט, נאָר אין קאָרטן שפּילט זי יאָ; און אויב איך וויל, קאן איך קומען אן אָוונט שפּילן אין קאָרטן.

ווען איך האָב דאָס שפּעטער דערציילט מיין בעל-הבית, האָט ער זיך זייער שטארק צעלאכט און געזאָגט: „געפונען מיט וועמען צו שפּילן אין קאָרטן! דאָס גאנצע געלט פונם זמן קאָנט איר פאר-שפּילן אין א פּאָר „קאָנען“. ביי דער פּריצטע, האָט ער געזאָגט, שפּילט מען נישט ווייניקער ווי 10, 25 און 50 רובל אַ קאָרט.“ ער האָט אליין ביינעוואוינט איין אָוונט, ווען זייערע א קאָמפּאניע האָט געשפּילט אין קאָרטן, האָט איינער פארשפּילט אריבער דריי טויזנט רובל. אפילו ווען ער, דער פּאָסעסאָר הייסט עס, שפּילט מיט זיי אמאָל און צוליב אים שפּילט מען „קליין“, קאָן זיך אויך טרעפן, אַז אימיצער זאָל פארלירן עטלעכע הונדערט רובל.

איך האָב ארגומענטירט, איינגעטענהט מיט אים, אז איך מיין נישט שפּילן גרוים אין „באנק“ אָדער „טערטל-מערטל“, האָב איך געזאָגט, וואלט איך נישט געשפּילט, אבער אין א „66“ אָדער אין „פּרעפּראנס“ וואָלט איך נישט מורא געהאט צו שפּילן. איך האָב

*) ליבסטו צו פאָרן, ליב אויך צו שלעפּן דאָס שליטעלע.

גערעט מיט אזא זיכערן טאָן, אז ער איז געוואָרן א בעלן זען ווי איך שפּיל „66‟ און „פּרעפערענס‟. ער האָט גלייך אוועקגעשיקט נאָך זיין שוואָגער, וואס האָט געהאלטן א שיינק נישט ווייט פון זיין הויז, און מיר ביידע האבן זיך דערווייל געזעצט שפּילן אין „66‟ (אָהן 20 און אָן 40).

קיין זייער גרויסע חכמה איז מיר נישט אויסגעקומען צו ווייזן, ווייל מיר איז געגאנגען א קאָרט. האָב איך באַ אים געוואונען עט־לעכע פּארטיעס. ווען זיין שוואָגער איז געקומען, האבן מיר זיך געזעצט שפּילן אין „פּרעפערענס‟. מיר איז דאָ אויך געגאַנגען, אחוץ נאָך וואס איך האָב גוט געשפּילט. דער סוף איז געווען, אז מיין בעל הבית איז אזוי צופרידן געווען מיט מיין שפּילן, אז ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן, מיר זאָלן באַ דער פּריצטע ביידע שפּילן בשותפות. ער וועט מיר געבן דאָס געלט צו שפּילן, און אויב ער וועט פארלירן און איך וועל געווינען, זאל איך גוט מאכן זיין פאר־לוסט. איך האָב אים באדאנקט און דעם פאָרשלאָג נישט אָנגע־נומען צוליב פארשטענדלעכע טעמים. ער האָט אבער געזאָגט, אז ער איז צופרידן צו גיין מיט מיר צו דער פּריצטע, און אויב זיי און איך וועלן זיין גרייט צו שפּילן וועט ער אויך מיטשפּילן.

איין אָוונט, ווען מיר זענען געקומען אהין שפּילן אין קאָרטן, ווי איך האָב דער יונגער פּריצטע צוגעזאָגט, האָט זי מיך אָנגע־קוקט מיט א בליק פון פארוואונדערונג און ענטוישונג, אזוי ווי זי וואָלט געזאָגט: וואס פארא „פּריץ‟ דער זשידעק איז!

איך האָב דעם בליק פארשטאַנען, אין הארצן איר געגעבן „גע־רעכט‟ און זיך באַמיט צו פאררירכטן דאָס וואָס איך האָב קאַליע געמאכט. אבער ווי אזוי? אן אויסגאנג האָב איך געפונען אין דעם, וואָס איך האָב זיך אנטשולדיקט און געזאָגט, אז א צווייטן מאָל וועל איך שוין קומען אליין. זי האָט זיך באַ די ווערטער פאר־רויטלט.

כדי ארויסצוקריכן פון דער פארלעגנהייט, האָב איך גענומען דאָס טעשל קאָרטן, וועלכעס איז געלעגן צופעליק, און געזאָגט, אז איך קאָן אויסוואָרפן קאָרטן. ביידע פּריצטעס, סיי די אלטע און

סיי די יונגע, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם און יעדע איינע האָט געוואָלט זיין די ערשטע. האָב איך דער יונגער אריינגעקוקט אין די אויגן און איר געזאָגט, אז וואס שפּעטער צו האלבע נאכט צו, אַלץ בעסער וועט זיין. איז זי מרוצה געוואָרן . . .

וועגן דער אלטער פּריצטע און אירע פארהעלטעניש׳ן האָב איך זיך געגעוג אָנגעהערט ביים פּאָסעסאָר אין הויז, פון אים אליין און פון זיין פרוי. איך האָב איר אַלזאָ איצט, ביים אויסלייגן די קאָרטן, געקאָנט זאָגן זייער אסך פון איר פארגאנגנהייט און געגנוואַרט.ביידע, מוטער און טאָכטער, זענען געווען דערשטוינט. געשטערט אביסל צו א פולער אילוזיע האָט נאָר דאָס, וואס מיין בעל-הבית און די יונגע פּריצטע האָבן געמוזט איר אַלעס איבערזעצן אף פּויליש, ווייל זי אליין האָט נישט פארשטאַנען קיין רוסיש. דערצו האָב איך קיין חשק נישט געהאט צו שרייען צו איר, ווייל זי איז דאָך געווען טויב.

ווען עס איז געקומען דערצו, אז איך האָב איר באדארפט לויט די קאָרטן פאָרויסזאָגן די צוקונפט, האָב איך דערפרייט איר אַלט הארץ. איך האָב געוואוסט, אז זי האָט געהאט „וויגרעשניע בי- לעטן“*) און אז זי האָט ליב געהאט צו שפּעקולירן, האָב איך איר צוגעזאָגט הרים וגבעות, פיל נחת פון איר טאָכטער און א ליכטיקן גן עדן אף יענער וועלט.

אזוי איז פארבייגעלאָפן א פּאָר שעה. אין דער צייט וואס מען האָט דערלאנגט כיבוד האָב איך שטיל געזאָגט דער יונגער פּריצטע, אז עס וואָלט געווען ראטזאמער, איך זאָל איר אויסוואַרפן קאָרטן ווען קיין פרעמדער וועט דערביי נישט זיין. זי האָט מיר ממזריש- קלוג אָנגעקוקט און געזאָגט: „איר האָט רעכט“...

זי האָט אבער געוואָלט זיין זיכער אין דעם און געפאָדערט באשטימען א טאָג און שעה. האָב איך איר צוגעזאָגט, אבער מיט דעם באדינג, אז ווען מיר וועלן רייטן זאָל זי נישט לויפן „רייס“.

*) מלוכה לאָטעריי בילעטן.

מיין באַדינגונג איז אָנגענומען געוואָרן, די צייט באַשטימט און מיר זענען אוועק אַהיים.

אַפן וועג אַהיים האָט מיין בעל הבית אָנגעהויבן עפּעס ווי אונטערשטאַמלען, פאַרוואָרפן ווערטער, פרעגן פראַגעס. דאָס האָט מיך געבראַכט דערצו, אַז איך זאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן די פאַרהעלטענישן פון דער פּריצישער מיידל צו מיר. יענע נאַכט האָב איך אַסך געטראַכט און בין געקומען צום שלום, אַז פאַר אַ מיידל וואָס האָט שטענדיק געלעבט אין לוקסוס און מן הסתם אין יונגער פריילעכער געזעלשאַפט, איז זייער שווער צו זיין אָפּגעריסן אַ לענגערע צייט פון יונגע מענטשן. אַחוץ דעם האָט מיין בעל הבית אַליין געזאָגט, אַז דעם זומער האָבן זיי קיין פרעמדע געסט נישט געהאַט, אַפילו קיין עלטערע מענטשן אויך נישט. איז דאָך קיין חידוש נישט, וואָס זי איז אַזוי גערן צו פאַרברייינגען מיט מיר, ריידן אַביסל רוסיש, אַמאָל אַ שפּאַס טאָן און איבערהויפּט זיין אין דער געזעלשאַפט פון אַ יונגן מאַן. אָבער מיך אַליין אַלס יונגן „זשידעק" האָט זי אַפילו אין זינען נישט.

אַ פּאָר טעג נאָכדעם האָט די יונגע פּריצטע צוגעשיקט מיט אַ שייגעץ אַ צעטעלע, וואו זי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זי וועט האַלטן וואָרט, נישט „רייסן" מיטן פערד, און אַז איך זאָל קומען היינט אַרום 4 אַזייגער אַרויספאָרן רייטנדיק. איך האָב איר געענטפערט, אַז איך דאַנק איר פאַר דער איינלאַדונג און איר געבעטן, אַז דער אַרויספאָר זאָל זיין נישט 4, נאָר 5 אַזייגער, ווייל איך וויל נישט, אַז מיין בעל הבית זאָל דענקען, אַז מיין פאַרגעניגן מיט איר צו פאָרן איז אַף זיין צייט. ווען איך בין געקומען פּונקט פינף אַזייגער איז אַלעס געווען פאַרטיק, נאָר אַף די פערד אַרויפשפּרינגען. זי האָט מיר אַפילו קיין צייט נישט געגעבן אַף אַריינגיין באַגריסן איר מוטער. איר אויסרייד איז געווען, אַז עס איז שפּעט און מיר וועלן קיין צייט נישט האָבן אַרויספאָרן אַהין, וואו זי פּלאַנעוועט צו פאָרן. איך האָב באַמערקט אַפן גוים אַקסלען אַ גרויסע ביקס און אַ לעדערנע לאַנגע טאָרבע איבערן האַלדז, אויך אַ קליינעם טרומייטער.

איך האָב פֿארשטאַנען וואס דאָס מיינט און זיך געמאכט נישט ווײסנדיק. באלד האָט זי נערוועז א געשריי געטאָן: „פּשאַקרעוו, נאם נימא טשאסא!“*). דער גוי איז צוגעלאָפֿן צו איר פֿערד, האָט איר געהאָלפֿן זיך אויפֿזעצן און א שטארקן פֿייף געטאָן. באלד זענען צוגעלאָפֿן דריי שיינע הינט, און מיר האָבן זיך א לאָז גע־טאָן, כמעט גלייך אָנגעהויבן גאלאָפּירן מיט די פֿערד. איר זיצן און רייטן אפֿן פֿערד איז געווען אזוי שיין און עלעגאנט, אז עס איז געווען א פֿארגעניגן צו־קוקן. מיר האָבן אזוי גאלאָפּירט באַ א דריי־פֿערטל שעה. אַף די פֿערד האָט זיך אָנגעהויבן באוויַיזן א ווייסער שוים און מען האָט מיט זיי געמוזט גיין לאנגזאם. אָבער נישט לאנג, ווייל מיר זענען פֿאַרבייגעפֿאָרן א טייכל און א קאלט ווינטל האָט געבלאָזן, האָט דער גוי געזאָגט, אז מיר זאָלן צוליב די פֿערד אַביסל אונטערלויפֿן. זי האָט א קוק געטאָן אַף מיר, ווי איינער זאָגט: איצט וועסטו ווידער האָבן א טענה. איך האָב איר געבעטן, זי זאָל נישט זייער שנעל לויפֿן, ווייל דער וועג איז נישט גלאטיק, און ווען איך זאָל אראָפּפאלן, וואָלט איך זיך געקאָנט שטארק צו־שעדיקן. זי האָט זיך צולאכט און איבערגעחזרט דעם פּזמון, אז איך וואָלט ערשט דאן געוואוסט, אז איך בין שוין א גוטער רייטער. אָבער איך האָב שוין גאָר נישט געטראַכט וועגן דעם, נאָר וועגן גאָר, גאָר אַנאַנדער זאך, נישט קיין געפֿערלעכע, נאָר א לעבערלעכע אַ קאָמישע זאַך...

עס האָט געטראָפֿן א צרה מיט מיינע הויזן, מיט מיינע גאנץ געוויינלעכע הויזן, וועלכע זענען נישט געשאַפֿן געוואָרן צום רייטן. מיין שניידער האָט אפּנים נישט געוואוסט, אז איך וועל אַריינפאַלן אין אַזאַ שמאלץ־גרוב צו אזא יונגער פּראוואָגלטער פּריצטע, וועל־כע האָט באין ברירה, אין א נויט־פאַל, מיך גענומען פאר איר ריַי־טער־באַגלייטער, ווי דאָס גוישע ווערטל זאָגט: „יאַק נימא ריבע, טאָ אי ראַק ריבע**). מיין איינציקע נחמה איז געווען, אַז אָט, אָט

*) הינטיש בלוט, מיר האָבן קיין צייט נישט!

**) באַ א דוחק אין פֿיש איז אַ ראַק אויך אַ פֿיש.

און עס ווערט פינסטער. אבער דער גאנצער אָוונט איז פונדעסט-וועגן געווען א פארשטערטער צוליב דעם אומבאקוועמען, קאָמישן צופאל. קיין זאך איז מיר מער נישט איינגעגאנגען. איך געדיינק נישט וואס ווייטער איז פאָרגעקומען, קענטיק אז מיין שטימונג האָט זיך איר איבערגעגעבן, דער שמועס האָט זיך געצויגן ווי פון פעך און איך גלויב אז ביידע זענען געווען צופרידן, ווען מיר זענען געפאָרן צוריק. איך האָב געוואָלט זיין וואס גיכער אין דערהיים, מחמת נעט האָבן אין זיך אזא טבע, הויבן זיי אָן נאָכלאָזן, איז זיי נישט אָפּצושטעלן. איך האָב דערום געמוזט בעטן די יונגע פריצטע, אַז דאָס מאָל זאָל זי זיין גרויסמוטיק און פאָרן פארביי דעם פאָסע-סאָרס הויז און איך וועל דאָרט אראָפּ פריער. זי האָט דאָס געטאָן פילייכט נישט אזוי פון גוטסקייט וועגן, ווי צוליב פטור ווערן פון אַ יאָלד...

אויף מאָרגן איז געקומען א שייגעץ מיט א צעטעלע פון דער פריצטע, זיך נאָכפרעגן וואס איך מאַך, צי איך בין פולשטענדיק געזונט?

אויף מאָרגן אָוונט האָב איך געבעטן די קינדער, זיי זאָלן מיר געבן אביסל קאנווע, אביסל „בליטשקע"*) און אַ פאָר „אוזארן", און איך בין אוועק צו דער פריצטע אין הויף. איך האָב זיך גע-לאָזט מעלדן און בין אויפגענומען געוואָרן פון דער יונגער פריצטע זייער ווארים און פריינטלעך. איך האָב איר דערקלערט דעם ציל פון מיין קומען. זי האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט: „גוט, איצט בין איך אייער שילערין. אָבער האָט מיטלייד מיט מיר, איך בין נישט מער ווי א שוואך פרויענצימער." זי האָט אויך אויסגעדריקט א וואונטש, אז איך זאָל בלייבן ביז שפּעטלעך, כדי איך זאָל איר קאָנען אויסוואַרפן קאָרטן. איך האָב געשפּאסט און געזאָגט, אז זי דאַרף אייגנטלעך נישט וועלן, אז איך זאָל איר אויסלייגן קאָרטן, ווייל דאן קאן איך געוואָר ווערן פון אלע אירע סודות פון דער פאר-גאנגנהייט, און קאן אפילו וויסן וואס זי טראכט פאר דער צוקונפט.

*) באנוול.

איך וואלט געקאָנט שווערן, אז זי האָט דאָס גענומען גאנץ ערנסט און האָט געזאָגט, זאל זיין וואס עס איז, אבי איך זאל איר אויס-לייגן אין קאָרטן.

פונדסעטוועגן האָט זי מיך געפרעגט, צי איך קאן האלטן א סוד ?...

דעם אָוונט האָב איך איר קיין קאָרטן נישט אויסגעלייגט. איך האָב זיך מיט איר פארנומען מיטן אויסנייען, און זי איז געווען צופרידן מיטן „אוזאָר" וואס זי האָט אליין געמאכט. ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן קלויבן אוועקצוגיין, איז זי שטאַרק צוגעשטאַנען איך זאָל נאָך בלייבן און איר אויסוואַרפן קאָרטן, אבער איך האָב געפונען א תירוץ, אז עס איז נישט שיין צו קומען אהיים פון איר הויז אזוי שפעט, און אז זי זאָל בעסער אראנזשירן אין אנאנדער אָוונט, ווען אימיצער פון דעם פּאָסעסארס פאמיליע זאָל דאָ זיין מיט מיר. זי האָט אף דעם געענטפערט: „פּאַן יעסט פּראַוו"*). איך האָב זיך אויפגעהויבן, גענומען מיין הוט, און זיך דערלויבט איר ארומנעמען באַם טאַליע. זי האָט מיר נישט געשטערט. איך האָב זיך געזעגנט און אוועק.

מיר האָט געשיינט אז ווען איך זאל געווען זיין צודרינגלעך באַם געזעגענען זיך וואלט איך איר אָן ווידערשטאַנד געקענט געבן אַ קוש, יעדנפאלס וועל איך נישט שווערן, ווען איך בין אוועק פון דער פּאַניענקע און בין געבליבן מיט זיך אליין, האָב איך זיך אוועק-געזעצט און געטראכט דערמאָנענדיק זיך אין די אלע ערשטע שטי-פערייען וואס מיר האבן ביז דאן געשטיפט און אין די שטיפערייען וואָס מיר האבן א באגער צו שטיפן. בא דעם גדאנק האָב איך דער-פילט, אז איך בין פארליבט אין אַן אנדערער.

ביים פּאָסעסאָר אין הויז האָט מען אף מיר אָנגעהויבן קוקן מיט גרויס דרך ארץ, איבערהויפּט די בעל-הביתטע האָט מיך שטאַרק געקעבלט. די שענסטע פארציע פיש פלעגט זי מיר געבן.

---

*) דער הער האָט רעכט.

האָט זי געהערט, אז איך האָב ליב מילכיקן באָרשט, פלעגט זי מאַכן אָפט באָרשט. צום אָנבייסן פלעגט זי מיר געבן די שענסטע רעטעכלעך, פרישינקע אוגערקעלעך, אַן איי, פלעגט זי אליין זאָגן, ערשט היינט געלייגט פון דער הון. באַטאָג נאָכן וואַרעמעס פלעגט זי מיר דערלאַנגן טיי מיט צוויי ערליי וואַרעניעס. מיין בעט און אַנדערע זאַכן מיינע האָט מען אָנגעזאָגט דער דינסט צו האַלטן אין דער בעסטער אָרדנונג. די בעל הבית׳טע האָט מיר אָנגעפאַנגען צו דערציילן אינטימע פאַמיליען-זאַכן, וואָס פאַר א שיינעם טאַטן זי האָט געהאַט און אנדערע זאַכן וועגן דער גאַנצער משפחה אירער. זי פלעגט מיך אָפט אוועקנעמען פון לערנען מיט די קינדער און פאָרן ווייזן די מילן, וואָס זיי האָבן געהאַט נישט ווייט פון דער פאַסעסיע. אָוונט-צייט האָט די בעל הביתטע נישט איינמאָל געזאָגט, פאַרוואָס זאָל איך נישט בעסער פאָרן מיט איר עלטערער מיידל אַפן „דושע הובניק״*), אנשטאָט אַף אַ געוויינלעכער לאָדקע מיט אַלע קינדער. עס איז מער ראָמאַנטיש, פלעגט זי זאָגן און דערביי רויט ווערן.

הכלל, דאָס גאַנצע הויז-געזינט, באַזונדערס די בעל-הבית׳טע, האָבן געטאָן אַלץ מעגלעכע צו געפינען חן אין מיינע אויגן, מיר צו געבן צו פאַרשטיין, אז זיי באַטראַכטן מיך פאַר אַן אייגענעם, ווייל זיי ווילן מיך האָבן פאַר אַן אייגענעם... זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז איך האָב א גביריש מיידל, מיט וועמען איך פיר א ליבע שוין אַסך יאָרן. וואָלט דער בעל-הביתטעס שוועך נישט געווען קיין פלאַפלער וואָלט איך אַליין נישט געוואוסט אַף זיכער וואָס דאָ גייט פאָר, ווייל מיט אָפענע דבורים איז מען נישט אַרויסגעקומען. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען און איך האָב זיך געלאָזן שיין באַדינען און וואויל באַהאַנדלען.

איימאָל, זייענדיק בא דער פריצטע, האָב איך זיך ארויסגעעדט, אז איך וואָלט וועלן זיין אין שטאָט קומענדע וואָך. זאָגט מיר די יונגע פריצטע, אז גראָד די וואָך, דאָנערשטיק, פאָרט זי מיט

---

*) קאַנו שיפל.

איר מוטער אין שטאָט, און אויב איך וויל קאָן איך מיט זיי מיטפאָרן. עס איז געווען א פראגע וועגן פאָרן צוריק, ווייל איך האָב געוואָלט בלייבן אין שטאָט א וואך צייט. האָט זי מיר געזאָגט, אַז אָדער מיין בעל הבית וועט שיקן נאָך מיר, אָדער זייער פור וועט זיין אין שטאָט. איך בין געווען זייער צופרידן פון איר אָנבאָט. איך האָב דאָך געוואוסט, אז זי וועט נישט פאָרן אנדערש ווי נאָר מיט 4 פערד „נאשפּיץ‟, און וואס נאָך בעסער האָב איך זיך געקאָנט ווינטשן? פאַר גרויס צופרידנקייט האָב איך דערציילט מיין בעל-הבית, אז איך וועל פאָרן מיט דער פריצטע אין שטאָט אַריין, האָט ער געפונען עפּעס א תירוץ און איז אויך מיטגעפאָרן.

אַ שעה פריער, איידער דער עקיפּאזש איז צוגעפאָרן צו אונדז מיטביידע פריצטעס, בין איך שוין געווען גרייט. דער פּאָסעסאר איז נאָך נישט געווען פארטיק און מען האָט געמוזט ווארטן אַף אים אַ ווײַלע. איך האָב זיך נישט געוואָלט אריינזעצן אפריער נעבן דער פריצטע, כאָטש זי האָט מיך איינגעלאדן, און איך בין געווען אין א פאַרלעגנהייט. לאָזן דעם בעל הבית זיצן נעבן דעם קוטשער איז מיר אויסגעקומען צו פריקרע. האָב איך געווארט צו זען, וואס וועט זיין. ווען מיין בעל הבית איז ארויסגעקומען, האָט ער נישט געטראַכט קיין רגע און איז גלייך אַריין צו די פריצטעס, און איך האָב זיך געזעצט ביים קוטשער אַף דער קעלניע. איך האָב גראָד הנאה געהאט פון דעם פלאץ. עס איז געווען אינטערעסאנט צו זען, ווי מען טרייבט 4 פערד אין איין שפּאן. אַחוץ דעם דאָס קנאַקן מיט דער בייטש; הגם יעדעס מאָל וואס דער קוטשער האָט זיך צעלאָזט מיט דער בייטש א קנאק טון, האָב איך געמיינט, אָט, אָט טרעפט ער מיך מיט דער בייטש.

אינמיטן וועג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אן אכסניה. נאָכדעם ווי מיר האבן זיך ארומגעוואשן, איבערגעביסן, זיך אָפּגערוט און מיר זענען צוגעגאנגען צום „פאיעטאָן‟*), האָט מיר מיין בעל הבית מיט אן אומצופרידענעם טאָן געזאָגט, אז איך זאָל זיך

*) וואָגן.

אַריינזעצן אין „פּאיעטאָן“. איך האָב נישט געוואָלט, האָט ער מיר פאַרזיכערט, אז דאָס איז פאר אים א טובה און איך זאָל דאָס טון. איך בין אַלזאָ אריינגעגאנגען און האָב זיך געזעצט נעבן דער יונגער פּריצטע, און מיין בעל הבית האָט פארנומען מיין פּלאַץ אויף דער קעלניע.

פאָרנדיק האָבן מיר גערעט, געזונגען פארשידענע לידער, געשפּאסט און געשטיפט. איך ווייס נישט, ווי ווייט אונדזער שטיפן וואָלט דערגאנגען, ווען ניט די אָנוועזנהייט פון דער מוטער און מיין בעל הבית. יעדנפאלס זענען מיר ביידע געווען גוט אויפגעלייגט, און איך בין געווען אויסערגעוויינלעך צופרידן פון דער רייזע.

ווען מיר זענען געקומען נעענטער צו דער שטאָט, האָב איך דערקלערט דער יונגער פּריצטע, ווי וויכטיק עס איז, אז מיין בעל הבית זאָל ניט אריינפאָרן אין שטאָט, זיצנדיק מיטן קוטשער אויף דער קעלניע. דאָס איז פאר אים א באליידיקונג, און אחוץ די גייסטיקע יסורים וואס ער וועט דערפון האָבן, קאָן ער דורכדעם אָנווערן דעם רעספּעקט צווישן די, מיט וועמען ער האנדלט. איך האָב איר געגעבן צו פארשטיין, אז עס איז נישט שיין פאר מיר צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ. זי האָט אפילו געהאט א טענה, אז מיך האָט זי איינגעלאדן און אז ער האָט זיך אליין איינגעלאדן, דעריבער איז זי נישט פארפליכטעט צו אים. איך האָב איר געבעטן, אז צוליב מיר זאָל זי עס טון, און אז איך וועל שוין איינאָרדנען אזוי, אז עס זאָל נישט אויסקומען אז זי בעט אים זיך אריינזעצן נעבן זיי. איך האָב איר געהייסן זאָגן דעם קוטשער, אז ער זאָל זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאסענדן פּלאַץ, ווייל מיר ווילן זיך ארומרייניקן פון שטויב.

גאָר נישט ווייט פון דער „גרעבליע“ פון שטאָט, נעבן א שיינק, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. דער קוטשער איז אראָפּ העלפן דער פּאניע זיך אָפּרייניקן. איך האָב זיך אויך ארומגעטרייסלט און געזאָגט צו מיין בעל הבית, אז ער איז פול מיט שטויב, ער זאָל אויך אַראָפּגיין זיך אָפּרייניקן. ער האָט אזוי געטאָן. דערנאָך זענען מיר אַריין אינעווייניק אין שיינק און אויסגעטרונקען א פּאָר פלאשן

ביר. ווען מיר זענען ארוים פון שיינק בין איך גלייך ארויף צום קוטשער אף דער קעלניע. דער פּאסעסאָר איז געבליבן שטיין, ביז די יונגע פריצטע האָט אים געזאָגט „פּראָשע פּאן"*) און אים אריינגעבעטן אינעווייניק.

ווען מיר זענען אריינגעפאָרן אין שטאָט איז שוין געווען נאָך זון-אונטערגאנג, די באוועגונג אין גאס שטילער ווי עס איז געוויינלעך אינמיטן טאָג. אפשר דערפאר האָט דעם קוטשערס בייטש אזוי שטארק געקנאקט, און אלע פארבייגייענדיקע מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן ווער דאָרט פאָרט...

*) ביטע הער!

נ אָ כ ו ו אָ ר ט :

אַ לערער באַם פּאָסעסאָר.

נאָך אין מיינע גאָר יונגע יאָרן האָב איך זיך איבערצייגט אַף וויפיל אומשטענדן און צופאַלן זיינען די טרייב-קראפט אין לעבן פון מענטשן.

אין דער אמתן — ווען וואָלט איינפאַלן צו באַהויפּטן, אַז אַ לערער אין א דאָרף באַ א אידישן פּאָסעסאָר זאָל ציען צו זיין פּערזאָן אויפמערקזאמקייטן, וואָס האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען נישט געוויינטלעכע פּאסירונגען.

דעם בלינדן צופאַל האָט זיך פאַרגלוסט שטעלן א שטאָטישן בחורל מיט זייער באַשיידענע קענטנישן אַף איין הויך, אין איין ריי מיט א געבוירענע „מיוחסת“ און נאָכמער — דער בחורל האָט אָפט געשפּילט א דאָמינירנדיקע ראָלע.

איך האָב זיך פרי איבערצייגט, אַז בלינדערהייט פירט דער צופאַל דעם מענטשן צו זאַכן, מעשים און פועל יוצאס, וואָס דער געוויינלעכער גאַנג פון לעבן קען עס בשום אופן נישט פאָראויסזען.

———:———

33־טער קאַפּיטל.

די געשעענישן אַנטוויקלען זיך ביז... מיין פאָטער׳ס טויט.

א שמועס מכּח הויכע ענינים. — די פאַנעקע ציט מיר די עצמות. — דער בילד אין דער ראַם. — אַ הינדל אין פוּ־טער. — פראַקטיצירט! פּראַקטיצירט! — מקנא א קליין מיידעלע. — די טרויעריקע בשורה. — אַלץ האָט אַ סוף.

אין די פּאָר טעג וואס איך האָב פארבראכט אין שטאָט, נאָך דער אינטערעסאנטער, לוסטיקער רייזע אין דער געזעלשאפט פון דער יונגער, לעבענסלוסטיקער, שיינער „פאַניענקע“, בין איך געווען פול מיט די איינדריקן פון מיינע איבערלעבונגען אין פארלויף פון די עטלעכע זומער חדשים אין דאָרף, פון דעם פארהעלטניסמעסיק פרייעלעכן און זאָרגלאָזן לעבן, וואס איך האָב דאָרט געלעבט. עס איז געווען נאַטירלעך, אַז איך זאָל אָט די איינדריקן טיילן מיט מיין פאָטער, וועמען איך האָב זיך צוגעוואוינט צו באַטראכטן נישט בלויז ווי א טאַטן, נאָר אויך ווי אַן עלטערן, קלוגן פריינט. א מערק־ווירדיקן איינפלוס, וואָלט מיין פאָטער געקענט האבן אף מיר, מערקווירדיק זענען געווען אונדזערע באַציאונגען. ווען איך בין גע־וואָרן 17-18 יאָר, האָט ער מיר שוין קיין באַליידיגונגס־וואָרט נישט געזאָגט, און האָט שוין דאן גאָר נישט געשטערט מיין פרייהייט. מיר האָט געשיינט, אַז ער וואלט געקענט מיט איין רגע, מיט איין וואָרט, מיט איין מינע אין מיר אויפוועקן דאָס שענסטע וואס איך האָב פארמאָגט. איך האָב גערעט מיט אים ווי מיט א קלוגן פריינט, אָדער ווי מיט א לערער וועלכער לאָזט זיך אַרונטער צו זיין גלייכן, צייטנווייז, ווען ער פלעגט פריילעך ווערן, פלעגט ער מיר געבן האָפנונג אז פון מיר וועט עפּעס דאָך ווערן. פארקערט, ווען ער

פלעגט פאַראומערט ווערן, פלעגט ער מאָלן מיין צוקונפט מיט זייער טונקעלע פאַרבן. די לעצטע צייט פאַר זיין טויט, פלעג איך אַסך טראַכטן פון מיין פאָטערס רעטזעלהאַפטן כאַראַקטער. איך בין געקומען צום שלום אַז אָפט טראַכט ער גאַנץ אַנדערש און מיט דעם דאַזיקן צו אָפטן טראַכטן אַנדערש, איז ער אַזוי געוואָן פאַרנומען, אַז ער האָט קיין צייט נישט געהאַט אפילו פאַר אַזאַ גרויסע זאַך ווי אַ קינדס דערציאונג. מיין פאָטער האָט מער פון אַלץ געזוכט אַ פּאָ-זיטיוון ענטפער אויף אַ פּאָר שאלות און איז געשטאָרבן אַ צווייפלער.

איך האָב אים דערציילט מיט וועמען און ווי אַזוי איך בין גע-קומען צופאָרן, אים איבערגעגעבן אַלע פרטים וועגן מיין באַקאַנט-שאַפט מיט דער פריצטעס טאָכטער און וועגן די ספּעקולאַציעס וואָס ווערן געמאַכט בײַ דעם פּאָסעסאָר אין הויז, בנוגע מיר און זייער עלטערער טאָכטער. ער האָט מיך געדולדיק אויסגעהערט און אַריינ-דרינגענדיק מיט זיין בליק טיף אין די אויגן אריין, האָט ער מיר ווי פאַרבייגייענדיק אַ פרעג געטאָן:

„נו, און וואָס הערט זיך מיט יהודיתן?"

מיין טאַטע האָט פון איר געהאַלטן אַן עולם ומלואה; זי איז אים זייער געפעלן געוועזן אַלס כלה פאַר מיר. ער האָט געוואָלט דעם שידוך פיליכט מיט מער אויסרעכענונג ווי איך. זי ווידער האָט זייער געערט מיין טאַטן און זיך פאַרהאַלטן צו אים מיט גרויס רעספּעקט.

זיין פראַגע האָט מיך שטאַרק פאַרוואונדערט.

— „וואָס הייסט, וואָס הערט זיך מיט יהודיתן?" האָב איך אים איבערגעפרעגט. „איז דען בײַ דיר אַ ספק, אַז איך האָב אַנ-דערע אין זינען? דאָס וואָס איך האָב דיר נאָר וואָס דערציילט איז בלויז אַ צופעליקע פּאַסירונג, וועלכע האָט נישט קיין שום ווערט. איז דען ביי דיר אַ צווייפל, אויב יהודית וועט זיין מיין כלה און שפּעטער מיין פרוי?"

— „יאָ," האָט ער געענטפערט, „אפילו אין דעם איז מיר באַ-שערט צו זיין אַ צווייפלער. וואָרים אפילו דיין יהודית איז נישט אַנדערש ווי אַנדערע מיידלעך, וועלכע דו וואָלסט געוויס אָנגערופן

לייכטזיניק, ווען זי זאל איינוויליקן א כלה צו ווערן פאר אַנאַנדערן מיט גינסטיקערע פּערספּעקטיוון. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אירע עלטערן ווילן נישט דעם שידוך און זיי וועלן אויסנוצן אַלע מיטלען כדי צו צעשטערן, און — לאָמיר זיך נישט נאַרן — זיי האָבן דאָך רעכט. וואס פאר א תכלית קאָנען זיי זען פאר זייער טאָכטערס צוקונפט מיט דיר צו הייראַטן?"

— „זיי וועלן איר געבן א גרויסן נדן?"

— „קאָן זי דאָך נעמען א רייכן מאַן און זיין גליקלעך."

אַף א מינוט האָב איך גערדיינקט, אַז מיין פאָטער איז גערעכט, אָבער באַלד האָבן מיינע געדאַנקען אָנגעהויבן פּראָטעסטירן, און איך האָב געזאָגט:

— „ערשטנס, דאַרפסטו וויסן, אַז מיין יהודית איז נישט לייכטזיניק..."

מיין פאָטער האָט א שמייכל געטאָן.

— „איך האָב נישט געזאָגט, אַז זי איז לייכטזיניק," האָט ער זיך פאַרענטפערט.

— „איך האָב נאָר געזאָגט, אַז דו, ווי אַנדערע יונגע מענטשן, וואָלטן אָנרופן אַזעלכע האַנדלונגען לייכטזיניק. יעדנפאַלס, לאָמיך הערן וואס דו האָסט צו זאָגן."

דער אופן ווי ער האָט געזאָגט די ווערטער, זיין אַרויסרופנדי-קער טאָן, האָט מיך אַביסל פאַרדראָסן און מיך נערוועז געמאַכט, און איך האָב זיך אָפּגערופן:

— „טאַטע, דו ווייסט, אַז איך בין שוין נישט קיין קינד, און אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל מיט דיר ריידן ווי מיט א טאַטן, און אין דער זעלביקער צייט ווי מיט א פריינט, זאָלסטו מיר ערלויבן זיין פריי און זאָלסט נישט נעמען פאַר אומגוט ווערטער, וועלכע וועלן אפשר נישט זיין אנגענעם צו הערן פון אַן אייגן קינד."

מיין פאָטער האָט אויסגעשטעלט א פּאָר גרויסע אויגן, גרעסער ווי איך האָב באַ אים ווען עס איז געווען. דאָך האָט ער מיט פרייד געזאָגט:

— „אָט אַזוי, אָט אַזוי, איצט פיל איך, אַז דו ביזט שוין נישט

קיין אינגל. אבער עס ווענט זיך נאָר וואס דו וועסט זאָגן און ווי אזוי דו וועסט זאָגן."

— „ווי אזוי איך וועל זאָגן דאָס וואס איך האָב צו זאָגן, דאַרף דאָ נישט שפּילן קיין ראָלע, טאַטע. אמאָל קאָן א מענטש זיין א שלעכטער זאָגער, דאָס הייסט, ער קאָן נישט גוט פאָרמולירן און ארויסברענגען זיינע געדאנקען, און דאָך קאָן ער זיין א לאָגישער דענקער און האָבן אן אמתן באגריף. אָבער לאָמיך דיר ענטפערן אַף דעם וואס דו האָסט אָנגערירט: מער פון אלץ אַף דער אָנצוהערעניש, אז יהודית׳עס עלטערן קאָנען נישט זען, און אז אפילו דו זעסט נישט, קיין תכלית פאר איר מיט מיר צו הייראַטן. מעגלעך, אז דו ביסט גערעכט. אבער דו, ווייניקער פון אלעמען, זאָלסט דאָס זאָגן, ווייל א קינדס תכלית ווערט באזאָרגט אַף וויפיל עס איז מעגלעך פון די עלטערן."

— „יאָ, מיין זון," האָט מיר דער טאַטע איבערגעשלאָגן, „דאָס איז גאנץ ריכטיק. אבער נישט תמיד דערלויבן די אומשטענדן צו טון ווי מען וויל."

— „נו יאָ, די אומשטענדן," האָב איך געזאָגט. „אונטער דעם פאנצער „אומשטענדן" באהאלטן זיך אסך נישט געוויסנהאַפטיקע טאַטן. אסך זאכן שרייבט מען צו צו די אומשטענדן. אפילו פאַרברעכער און אויסוואורפן מאָטיווירן זייערע מעשים מיט „אומשטענדן." דערפאר אָבער הערט מען זעלטן אז מען זאָל צושרייבן צו אומשטענדן שיינע, גרויסמוטיקע טאַטן. זעלטן ווען ווערט עמיצער צוגעבן, אז אומשטענדן האָבן אים גרויס געמאכט. דו גיסט צו, אז עלטערן דארפן, ווי וויט זיי קאָנען נאָר, טראכטן פון זייערע קינדערס צוקונפט אָדער, ווי דו רופסט עס, תכלית; אז זייער קינדס צוקונפט דאַרף שטיין העכער פון זייער אייגענעם פארגעניגן; אז די איבערגעבנקייט און ליבע צו א קינד דאַרף געמאָסטן ווערן נאָך די נוצן וואס א זאך קאָן ברענגען דעם קינד, און נישט נאָך די עגאָאיסטישע, באפרידיקטע געפילן וואס א קינד ברענגט צו עלטערן. ווען דו, טאַטע, וואלסט געווען פריער געטראכט וועגן א תכלית פאר מיר, אָנשטאָט איצט, וואָלסטו פון מיר נישט געמאכט

דאָס וואס דו האָסט אומבאוואוסטערהייט געמאכט פון מיר, נעמ-לעך, א גאָרנישט. און דאָס איז געשען, טיילווייז, צוליב דיינע עגאָאיסטישע געפילן, ווייל דאס וואס דו האָסט פון מיר געמאכט איז דיר צייטנווייז געפעלן געוואָרן. דו האָסט אין מיר געוואָלט זען א שיין אידישן שייגעצל. שפּעטער האָסטו געוואָלט זען אין מיר דאָס וואס האָט באפרידיקט דיין געמיט. ווען דו ביזט צייטנ-ווייז פריינגעזאָנען געווען, האָסטו פון מיר געוואָלט מאכן א פריי-געזאָנענעם מענטשן — אַז איך זאָל קוקן אַף אבערגלויבן ווי אַף א פינצטערניש. ווען דו ביזט פרום געווען, האָסטו געוואָלט, אַז איך זאָל זיין בלינד און פרום. דו האסט אבער פארגעסן, אז פון איין בוים קאָנען קיין צוויי סאָרטן פרוכטן נישט ארויסקומען. אָט האָסטו געוואָלט, אז איך זאָל לערנען אידיש, ווי אלע פארצייטיקע אידן, און אָט האָסטו געוואָלט, אז איך זאָל גאָר פון די אמאָליקע לערעס נישט וויסן. אין חדר האָסטו מיך ווייניק געשיקט און אין גימנאַזיע האָסטו מיך נישט געלאָזט גיין. מיט איין וואָרט, דו האָסט פון מיר געמאכט א גייסטיקע קאליקע. דאָס וואָס איך בין נישט קיין קערפּערלעכע קאליקע, איז דער נאַטור צו פארדאנקן.

אליין ביזטו אָרים געווען און געוואָלט האָסטו, אז איך זאָל זיין אין דער געזעלשאפט פון רייכע, וואס עס איז דיר נאָר טיילווייז געלונגען, צוליב מיין שיינער קליידונג און מיין קערפּערלעכן גע-בוי. אבער דאָס האָט בלויז מיין געשמאק אויסגעאיידלט און מיין פארלאנג גרעסער געמאכט, אָבער דערגרייכן דאָס שיינע, דאָס גרעסערע און העכערע איז נישט קיין לייכטע זאך; עס איז דאָ א גרויסע מחיצה — א וואנט פון אָרימקייט. גאָר אָרים וועל איך נישט קאָנען לעבן און פאר רייכטום זענען קיין אויסזיכטן ניטאָ, סיידן דורך נסים, און אין נסים האָסטו מיך געלערנט נישט צו גלויבן. בלייבט מיר איבערצולאָזן אלץ אפן צופאל, זאל אלץ גיין מיטן גאנג פון דער נאַטור."

די ווערטער ארויסגעזאָגט מיטן נויטיקן טראָפּ, מיט פּאטאָס און די דרייסטקייט, מיט וועלכע איך האָב זיי ארויסגעזאָגט, — דאָס אלץ האָט אים באטריבט און טרערן האָבן זיך באוויזן אין

זיינע אויגן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געקאָנט. איך האָב זיך אָפּגערוט א רגע, געמאכט א הפסקה, כדי אים צו געבן א געלעגנהייט צו זיך צו קומען, אבער ער איז נישט אזוי גיך געקומען צו זיך, האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט און געזאָגט:

— „רעד ווייטער!"

איך האָב מיטלייד געקראָגן מיט אים און בין איבערגעגאנגען צו דער פראגע וועגן יהודיתן:

— „וואָס אמבאלאנגט יהודית׳ס לייכטזיניקייט אָדער, ווי דו וואָלסט עס וועלן אָנרופן, פּראקטישע אויסרעכענונגען, וויל איך דיר זאָגן, אז קיין זאך אין דער וועלט, אחוץ מאטעמאטישע פּראָבלעמען, קאָנען נישט אויסגערעכנט ווערן אפריער אף זיכער. אלע אויסזיכטן, מיט א קליינער אויסנאם, לאָזן זיך אוים אנדערש ווי זיי האָבן געשיינט אין אָנפאנג. אָפט קוקט א זאך אוים צו זיין נישט פּראקטיש און נישט דערגרייכבאר, און דערפאר נישט ראטזאם צו שטרעבן דערצו. דאָך קאָן א קליינע אָנשטרענגונג מאכן די זאך דערגרייכבאר און צופרידנשטעלנדיק אין יעדער באַציאונג.

קיין צווייפל, אז אלע עלטערן וואָלטן וועלן זען דאָס בעסטע אף זייערע קינדער. אבער וואָס אייגנטלעך איז בעסער און וואָס ערגער פאר א קינדס צוקונפט, — דאָס קאָן קיינער זיך נישט אונטערנעמען צו זאָגן פאָרויס. אלץ איז אָפּהענגיק פון דער בלינדער נאַטור. שטיצן זיך אף נדן פון עטלעכע טויזנט רובל אין דער וועלט פון קאָמערץ האָט אזא ממשות, ווי א רעגן-שירם אין א שטארקן רעגן-שטורם; איין דריי פון ווינט און אוים רעגן-שירם. איין גע-שעפטס-דורכפאל און אוים מיטן נדן. דער קרן שפּילט די ראָלע. אמת, איך בין נישט דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט און וואָס איך וואָלט געקאָנט זיין. איך וויל זיך אויך צוטוליען צו דעם וואָרט „אומשטענדן" און זאָגן, אז ווען דו וואָלסט מיך נישט געוועזן צע-באלעווען, ווען דו וואָלסט מיך געלאָזט גיין אויף איין סטעזשקע, וואָלט איך געקאָנט ערגעץ וואו צוקומען. אזוי בין איך אין ערגעץ ניט דערגאנגען און שטיי נאָך ביז איצט — נישט אהין און נישט אהער."

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַף א רגע, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און באלד פאָרטגעזעצט:

— „פונדעסטוועגן בין איך גאָר נישט אראָפּגעפאלן ביי זיך. נעם דעם דורכשניטלעכן בחור פון רייכע עלטערן, צו וועלכן מיין יהודית קאָן דערגרייכן, און דו וועסט זען, אז קיינער פון זיי, צו וועמען זי קאָן צוקומען, שטייט נישט העכער פון מיר. אין פילע הינזיכטן שטיי איך העכער פון זיי. דעריבער איז קיין צווייפל נישט, אז יהודית מיט איר פארשטאַנד, מיט איר אינטעליגענץ, זעט דאָס שוין איצט און וועט עס ווייטער זען און וועט נישט גיין קעגן אירע שיינע אינערלעכע געפילן צו מיר. איינמאָל האָט זי מיר גע-שוואָרן, הייליק געשוואָרן ליבע, טרייהייט און איבערגעבנקייט, וועט זי האלטן וואָרט, סיידן עפּעס אויסערגעוויינלעכעס וועט פּאסירן."

ביי די ווערטער האָט מיין פּאָטער מיר איבערגעשלאָגן און מיט א סענטימענטאלן טאָן אין זיין שטימע געזאָגט:

— „ערגעץ וואו ווערט געזאָגט, אז ליבע איז ליכט אין לעבן, אז די ליבע איז הימליש. מיר דוכט, אז דאָס זענען בלויז שיינע ווערטער. די ליבע איז א געפיל וואס באציט זיך נישט בלויז צו די צוויי געשלעכטן, צו מאן און פרוי, נאָר דער מענטש טראָגט דאָס דאָזיקע געפיל אין זיך זיין גאנצן לעבן. קינדווייז טראָגט ער די ליבע צו עלטערן, אין די יונגע יאָרן צום אנדערן געשלעכט, אין די עלטערע יאָרן צו קינדער און דאס גאנצע לעבן צו אן אידעאל, צו עפּעס וואס איז אים טייער. א מענטש אָן געפיל פון ליבע צו עפּעס איז א אומנאָרמאלער מענטש."

איך האָב פאָרטגעזעצט:

— „וואָס אמבאלאנגט יהודית'ס עלטערן איז דער פאָטער אי-רער א פּראָגרעסיווער מענטש. ווען איך וועל צוריקקומען פון דאָרף, דענק איך זיך מיט אים צו טרעפן און איך וועל זיך מיט אים דורכריידן. איך האָף, אז עס וועט מיר געלינגען. טאָמער אבער איז ער אן עקשן און וועט נישט צושטימען מיט גוטן, וועט ער דאָס מוזן טון מיט בייזן, ווייל עס איז שוין צו ווייט אוועק. פארגעס נישט, טאטע, אז מיר זענען באפריינדעט — אויב נישט פארליבט

— שוין פון א יאָר עלף, ווען דו האסט נאָך אפילו נישט געדענקט, אז איך האב דעם מינדסטן באגריף פון ליבע צום אנדערן גע-שלעכט.״

ווען איך האָב געענדיקט, האָב איך באמערקט, ווי מיין פאָ-טער האָט זיך געפונען אין א מאָדנער סיטואַציע. ער האָט נישט געוואָלט צוגעבן און אין דער זעלבער צייט האָט ער געהאט א באַ-גער מיך ארומנעמען און גוט אָנקושן, אבער זיין שטאָלץ האָט נישט דערלאָזן. איך האָב נישט געפונען פאר נייטיק צו זיין דרינגענד צום ענין און מיר האָבן אָנגעהויבן ריידן וועגן עפּעס אנדערש.

ער האָט מיר געזאָגט, אז ווי אים דוכט, האָב איך גוטע פיי-איקייטן צו מסחר און ער זעט נישט איין, פארוואס איך זאל נישט אריין אין געשעפט.

איך האָב זיך אזוי שטארק צעלאכט, אז ער האָט זיך דערפילט באליידיקט.

איך האָב אים גלייך געמאכט אסך לייכטער זיך פילן, ווען איך האָב געזאָגט:

— „ווערן אזא געשעפטס-מאַן, ווי דוד פארך אָדער ווי אנ-דערע, וואס רייסן ארויס פון מויל יענעמס שטיקל ברויט, וואָס נאַרן, שווינדלען און באטריגן דעם קויפער און פארקויפער? הייסט דאָס געשעפט? פאר אזא ביליקן שפיל און אזא עקלהאפטן ספעק-טאקל וועל איך נאָך צייט האבן ווען איך וועל קיין אנדער ברירה נישט האָבן, ווען איך וועל זיין געצוואונגען דערצו. פאָרלויפיק בין איך דאָס נאָך נישט.״

אָננעמען ווידער א שטעלע אלס לערער אפן ווינטער אין אן אנדער דאָרף וויל איך נישט. דאָ וואו איך בין איצט, ביי דעם פאָ-סעסאָר, וואלט מיר געוועזן ליב צו בלייבן. אָבער די שטעלע מוז איך אויפגעבן צוליב דער בעל הבית׳טע, וועלכע מאכט מיר אומ-באַקוועם מיט אירע אָנצוהערענישן וועגן איר עלטערער מיידל. קורץ, איך רעכן אפן ווינטער מער נישט פאָרן אלס לערער אין א דאָרף.

מיין פאָטער האָט גאר נישט געזאָגט וועגן דעם, אבער עס איז

קענטיק געווען, אז דאָס האָט אים חלילה נישט פאַרשאַפט קיין צער; אדרבה, ער האָט אויסגעקוקט גאַנץ צופרידן.

אויף מאָרגן, ווען מיין פאָטער איז אַהיימגעקומען, האָט ער מיר געבראַכט א בריוו. ער האָט מיר דערציילט, אז צום קלייט איז צו־געפאָרן א שפאַן מיט פיר פערד „נאַשפּיץ" און א פאַניענקע איז געזעסן אינעווייניק אין „פאַיטאָן". דער קוטשער איז אראָפּ און האָט געפרעגט, צי איסאַק אבראַמאָוויטש איז דאָ; אויב נישט, האָט מען אים געהייסן איבערגעבן א בריוו פאַר אים.

דער בריוו איז געווען פון דער יונגער פריצטע, וועלכע האָט מיך געבעטן צו קומען צו איר אויף דער אכסניה, ווייל זי פאַרבלייבט אין שטאָט נאָך צוויי טעג. פון העפלעכקייט וועגן בין איך אריבער־געגאַנגען צו איר. זי מיט איר מוטער האָבן אין דער אכסניה פאַר־נומען צוויי צימערן, און די אַלטע האָט אפילו נישט געהערט, ווי איך בין אריינגעקומען. די פאַניענקע האָט — נאָכן באַגריסן זיך — א פרעג געטאָן: ווי לאַנג איך דענק צו פאַרבלייבן אין שטאָט און דערביי צוגעגעבן, אז זי איז געבליבן אויף נאָך צוויי טעג צוליב מיר. איך האָב איר העפלעך געדאַנקט און איר ערקלערט, אז איך מוז פאַרבלייבן אין שטאָט נאָך א פיר, פינף טעג. עס איז קענטיק גע־ווען, אז זי איז נישט צופרידן געווען מיט מיין ענטפער. פונ־דעסטוועגן האָט זי געפרעגט, צי איך וואָלט וועלן ארויספאָרן מיט איר מאָרגן צו דער „אַלעקסאַנדריע"? איך האָב מיט פרייד אָנגע־נומען איר פאָרשלאַג, און מיר האָבן אונדזער שפּאַציר רייזע באַ־שטימט אויף מאָרגן ארום דריי אזייגער נאָכמיטאָג.

ווען איך בין געקומען צו דער באַשטימטער צייט, האָב איך נאָך דעם שפאַן נישט געטראָפן גרייט, ווי דאָס האָט תמיד פּאַסירט, ווען מיר פלעגן אָפּמאַכן א רייזע צוזאַמען.

דאָס האָט מיך געוואונדערט. עס האָט זיך אבער באַלד ארויס־געוויזן, אז די יונגע פריצטע האָט געוואַרט אויף מיר, כדי צו באַ־שליסן ווי אַזוי מיר זאָלן פאָרן, רייטנדיק אָדער אין „פאַיטאָן". איך האָב נאָך גוט געדענקט דעם שפּיצל וואָס מיינע הויזן האָבן מיר אָפּגעטאָן אין דאָרף, בעת איך בין געפאָרן רייטנדיק, דערצו בין איך

נאָך געגאַנגען אין נייעם קאָסטיום, אַזוי אַז איך האָב לאַנג נישט געטראַכט און אויסגעדריקט א וואונטש צו פאָרן אין „פּאיטאָן“. זי האָט גלייך געגעבן א באַפעל דעם קוטשער און אין צוואַנציק מינוט צייט איז אַלץ געווען פאַרטיק, און מיר ביידע, צוזאַמען מיט איר מוטער, זענען אַרויסגעפאָרן.

די וואָס האָבן מיך באַמערקט זיצנדיק אין אַזאַ „פּאיטאָן“, האָבן זיך געוווּנדערט גוט ... וואַקן קום איך דערצו.

עס האָט גענומען נישט מער ווי א האַלבע שעה און מיר זענען געווען ביי דער „אַלעקסאַנדריע“. געוויינלעכע געסט פלעגט מען אַריינלאָזן נאָר אין געוויסע טעג און געוויסע שטונדן. אָבער ווען דער קוטשער האָט אָנגעקלונגען און געזאָגט ווער עס געפינט זיך אין „פּאיטאָן“, האָט מען געעפנט דעם פּאַראַדנעם טויער און מיר זענען אַריינגעפאָרן. איך פלעג גיין אָפט אין דער „אַלעקסאַנדריע“, אָבער אויף די וועגן, וואו מיר זענען איצט געפאָרן, בין איך פריער קיינמאָל נישט געווען. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין א פּאַלאַץ, וואו עס האָט זיך געפונען נאָך א גאַסט, א פרוי, וועלכע האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער אַלטער פריצטע, און זיי האָבן זיך פאַרשמועסט. די יונגע האָט דערווייל אויסגענוצט די געלעגנהייט און מיט א באַצויבערנדן שמייכל מיך איינגעלאַדן צו נעמען מיט איר א שפּאַציר.

ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען האָט זי א פרעג געטאָן א לאַקיי, וועלכער וועג פירט צו א געוויסן גראַפס מאָנומענט. זי האָט מיר דערקלערט, אַז זי זוכט דעם פּלאַץ, וואו מען קאָן זיך שפּילן אין באַהעלטעניש. ווען מיר זענען ענדלעך צוגעקומען אַהין בין איך נשתומם געבליבן: עס איז געווען א זעלטן שיינער פּלאַץ, ווי ספּעציעל געמאַכט פאַר אַזאַ שפּיל. איך האָב זיך געטראַכט, ווער ווייסט ווער עס האָט זיך דאָ געשפּילט אין באַהעלטעניש? איך האָב געפאַנטאַזירט, ווי שטיפעריש איך וואָלט זיך דאָרט געשפּילט מיט א מיידל פון מיין גלייכן.

מיר האָבן אַרומגעשפּאַצירט א ווײַלע. דאַן האָט זי מיר פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן שפּילן אין באַהעלטעניש. איך האָב זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, אָבער איך האָב איר געזאָגט, אַז זי מוז מיר

ערקלערן ווי אזוי צו שפּילן. זי האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט, אז אזעלכע שפּילן קאָן יעדער איינער. דערביי האָט זי געפרעגט:

— „ווי אלט איז דער פאניטש?“

איך האָב איר געענטפערט:

— „צווישן אכצן און ניינצן“.

זי האָט שעלמיש ווי צו זיך אליין געזאָגט:

— „עלטער פון א קינד.“

זי האָט מיר אָנגעוויזן אף א סלופּ און מיר ערקלערט, אז ווען מען טוט א צי אַ קייטעלע פאלט ארויס א פלאך שטיקל מעטאל, וואו עס איז אויסגעקריצט אז די פרוי דארף אָפּזוכן דעם מאן, אָדער דער מאן דארף אָפּזוכן די פרוי. איך האָב איר געבעטן, זי זאל אַ צי טון דאָס קייטל. עס האָט א קלונג געטאָן און א שטיקל מעטאל ווי א מטבעה די גרויס, איז ארויסגעפאלן, וואו עס איז געווען אויסגעקריצט, אז די פרוי מוז געפינען דעם מאן. הייסט דאָס, אז איך דאַרף זיך באהאלטן צוערשט.

איך האָב קיין צייט נישט פארלאָרן און איך בין געגאנגען זיך באַהאַלטן, אבער איך האָב נישט געוואוסט פון די אלע פאַרבאָרגענע פלעצער, וואו מען האָט זיך געקאָנט באהאלטן, אזוי אז עס זאָל נעמען פיל צייט, איידער זי וועט מיך געפינען. הקיצור, עס האָט נישט גענומען לאנג און זי האָט מיך גלייך אָפּגעזוכט. דאן האָט זי זיך באהאלטן, און ווי פלינק איך בין, דוכט זיך, געווען אין אזעלכע זאכן, דאָך איז מיר אָנגעקומען ניט גרינג איידער איך האָב זי געפונען. עס האָט זיך מיר געדוכט, אז איך הער איר קול גאנץ נאָענט נעבן זיך, און דאָך איז זי נישט געווען נעבן מיר. אָט שרייט זי אויס, אז זי וועט מיר געבן א פאטש, אויב איך געפין זי נישט אין די נאָענטסטע פאָר מינוט; אָט שרייט זי אויס, אז זי וועט זיך לאָזן אַ קוש טון, אויב איך וועל זי געפינען. און מיר דאכט זיך, אז אָט, אָט, אין דעם קאסטן איז זי, אָדער אין דער קאיוטע שטייט זי. אָבער אומזיסט, נישטאָ. איך האָב געטראכט באַ זיך:

„זאָל שוין זיין אפילו די צווייטע שטראָף, אבי זי זאל שוין ארויס פון איר באהעלטעניש.“

דאַן האָט זי געשריי געטאָן:

— „דעם לעצטן שאנס!“

און איך האָב זי דורך א צופאַל דערזען, גראָד נישט נעבן מיר, וואו די שטימע האָט געקלונגען, נאָר ווייט, ווייט פון מיר.

איך האָב איר געפרעגט, ווי אזוי מען באגייט זיך אין אזא פאַל מיט דער שטראָף, האָט זי געזאָגט, אז דאָס איז ביי מיר אין די הענט, איך קאָן אויסקלייבן וואס איך וויל.

איך האָב שוין געוואָלט זאגן, אז איך וועל אָננעמען דעם צווייטען פסק, אָבער אין דער רגע איז צוגעקומען דער לאָקיי, וועל־כער האָט זיך מיליטעריש באגריסט און געזאָגט, אז איר מוטער רופט די פאַניענקע און אז עס איז שוין שפעט צו שפילן דאָ אין באהעלטעניש. אין דעם מאָמענט האָב איך פארשטאַנען דעם טייטש פון „שנאת חנם“. ער האָט אין מיר זיך דערוואָרבן א דם שונא...

ווען מיר זענען געקומען צו איר מוטער, האָב איך באמערקט א שטאַרקע אומצופרידנהייט אַף דער אלטערס געזיכט. אבער די יונגע פּריצטע האָט גלייך עפּעס געזאָגט דער מוטער און דער רוגז איז פארשוואונדן.

ווען מיר זענען ארויסגעפאָרן פון דער „אַלעקסאנדריע“, איז שוין געווען פינצטער. מיר זענען צוגעפאָרן צו זייער איינפאָר־הויז און די אלטע אליין האָט מיך געבעטן בלייבן בא זיי אַף אָוונט־ברויט, אבער איך האב געדאַנקט און ערקלערט, אז מיינע עלטערן וועלן זיין אומרואיק, מוז איך גיין. איך האָב זיך מיט זיי גע־זעגנט און בין אוועק.

אַף מאָרגן בין איך געוואָר געוואָרן, אז די פריצטעס זענען אָוונט־צייט אוועקגעפאָרן צוריק אין דאָרף.

איך בין געבליבן אינדערהיים איבער שבת. מאָנטיק האָט באדארפט קומען נאָך מיר א פור, אָדער פון דער פּריצטע אָדער פון דעם פּאָסעסאָר. שבת אינדערפרי איז מיין פאָטער צוגע־שטאַנען צו מיר ווי אַף א זאקוציע*), אז איך מוז מיט אים גיין

---

*) צודרענגלעך.

דאוונען אין חיים משה׳ס בית המדרש, וואו דער טאטע פלעגט דאוונען שטענדיק. איך האָב זיך פון אים נישט געקאָנט אויסדרייען און בין מיטגעגאנגען. ער האָט געזען, אז איך זאָל אָנטון מיין בעסטן קאָסטיום, אפילו די שיך זאָלן זיין אָפּגעפּוצט. מיין קליי־דונג האָט אימער געצויגן זיין אויפמערקזאמקייט, אבער דאָס מאָל מער ווי תמיד, און מיר האָט זיך געדוכט, אז אלע קוקן אויף מיר. איך האָב זיך געפילט אומבאקוועם, און געטראכט, עקאָנאָמיש בין איך אסך אָרימער פון געוויסע יונגע לייט, און פון מאנכע זאָגאר אָרימער אין יחוס, און דאָך בין איך אויסגעקליידט, ווי דער אמעריקאנער וואָלט געזאָגט, ווי א „דזשענטלמאַן", א „ספּאָרט."

מיר אליין איז דאָס געווען אביסל דערווידער.

גייענדיק מיט מיין פאָטער, האָב איך אים אויסגערעט וועגן דעם. ער האָט מיך אזוי ווייט געבראכט, אז איך האָב אים געזאָגט, אז דאָס איז נישט מער ווי צבועיאטסטווא. דאָס האָט אים שטארק פארדראָסן און ער האָט מיט מיר דעם גאנצן טאָג ניט גערעט. צו מלוה מלכה זענען געקומען עטלעכע חסידים און מען האָט זיך גע־לאָזט וואויל גיין. מיין פאָטערס מאטעריעלע לאגע האָט זיך גע־האט צו יענער צייט שטארק פארבעסערט און ער פלעגט משמח זיין די חסידים מיט א גוט ביסל בראנפן און מיט גוטע קאלטע פיש יעדן שבת אָוונט; כאָטש ער האָט שוין נישט געהאלטן פון חסידות, האָט אים אבער געפעלט די סביבה פון חסידים און אפשר נאָכמער — די אָנרעגונג צו התלהבות.

זונטיק זענען מיינע עלטערן געווען פארנומען דעם גאנצן טאָג. יהודית איז געקומען צו אונדז און האָט פארבראכט ביז זייער שפּעט אין דער נאכט. איך געדענק, אז איך האָב זי אָפּגעפירט אהיים, און ווען איך בין געקומען צוריק, איז שוין געווען ארום צוויי אזייגער פארטאָג.

מאָנטיק, ארום צוויי אזייגער נאָכמיטאָג, האָב איך געדארפט אָפּפאָרן אין דאָרף. איך האָב זיך פארטיק געמאכט און באשלאָסן, אז איך זאָל מיין פאָטער איבערבעטן פארן אוועקפאָרן. ווען איך בין געקומען אין קלייט זיך געזעגענען, האָב איך מיין פאָטער נישט

באַדאַרפט איבערבעטן; פאַרקערט, ער האָט זיך כמעט ווי ענט-שולדיקט און געפרעגט, ווען איך פאָר. ווען איך האָב אים ער-קלערט, אַז איך פאָר אין א פּאָר שעה אַרום האָט ער מיר געזאָגט:

„פאַר געזונטערהייט, אבער פאַרגעס נישט, אַז א קליין בילד אין א גרויסער ראַם, מעג די ראַם זיין פון גאָלד און ווי שיין, פּאַסט זיך דאָס נישט איינס צום צווייטן; ביידע זאַכן, אי די ראַם אי דאָס בילד, פאַרלירן זייער שיינקייט. די ראַם מוז זיין צוגעפּאַסט צום בילד און דאָס בילד צו דער ראַם."

איך האָב פאַרשטאַנען וואוהין ער צילט און באַגריפן זיין גע-פיל, און איך האָב אים באַרואיקט, אים דערקלערט, אַז איך בין נישט קיין מיאוסע מויד, וואָס מען טאָר נישט א קוש טון, ווייל זי קאָן זיך נאָך איבערנעמען; עס איז געגוג פאַר דער „וועלמאַזש-נער פּאַניע" אַז זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַזוי ווייט צו האָבן וואָס פאַר ניט איז משא ומתן מיט א זשידעק, אבער געוויס נישט מער; אַז איך זע נישט פאַר וואָסערע מעשים טובים זי זאָל דענקען עפּעס מער, דערצו האָב איך אויך א ווילן און וואָלט קיינמאָל נישט גע-וואָלט שטיין „כעני בפתח", ווי א בעטלער באַ דער טיר.

מיינע ווערטער האָבן אים באַרואיקט און מיר האָבן זיך צע-קושט.

איך האָב צוגעוואַרט אביסל ביז מיין מוטער איז געקומען, זיך צעקושט מיט איר, און איך בין אַוועק צו דעם איינפאָר-הויז, וואו דעם פּאָסעסאָרס בריטשקע האָט געוואַרט אויף מיר. ווי פאַרוואונ-דערט בין איך געוואָרן, ווען איך בין אריין אין דעם גאַסט-צימער פון דער אכסניה און איך האָב דאָרט געטראָפן די יונגע פּריצטע. זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַזא אומגעלומפּערטן געלעכטער און נער-וועז אויסגעשריען:

— „ניע פּראַוודאַ-לי ניעאַזשידאַנעי גאָסט כוזשע טאַטאַ-רינאַ?"*), אַז זי האָט באַ מיר אין דעם מאָמענט אָנגעוואָרן דעם גאַנצן חן.

---

*) נישט אמת? אן אומגעריכטער גאַסט איז ערגער פון א טאַטער.

איך האָב איר געענטפערט, אז נישט אומזיסט זאָגט א רוסיש ווערטל: „קאזשדעי פּאָ סוואָיעמו סומא סכאָדיט"*). איך ווייס נישט, צי די ווערטער זענען איר נישט געפעלן געוואָרן, נאָר זי האָט אויפגעהערט צו לאכן און האָט מיך געפרעגט, צי איך וועל נאָך פאַרברענגען א טאָג אין שטאָט. איך האָב זיך העפליך אנטשול־דיקט און איר געזאָגט, אז איך בין געקומען גרייט צו פאָרן אין דאָרף; אז איך האָב זיך מיט מיינע עלטערן געזעגנט און עס וועט נישט זיין שיין פאר מיר צו קומען צוריק אהיים. זי האָט אפילו געגעבן אָנצוהערן, אז ווען מען וויל קאָן מען אף אלץ געפינען א מיטל, נאָר אזוי ווי איך בין בעסער צופרידן צו פאָרן אין דאָרף, אָנשטאָט מיט איר צו פארברייינגען דאָ אין שטאָט, איז זי אויך מרוצה, א ברירה האָט זי? אבער זי האָט דאָס געזאָגט מיט א בי־טערן טאָן און מיט ערגערניש אף איר געזיכט, וואס האָט איר קיין פיל חן נישט צוגעבן.

זי האָט זיך גלייך געהייסן אריינטראָגן פון בראזדעס רעסטאָ־ראן א שיינעם מאָלצייט און מיך געבעטן מיטשפייזן מיט איר. איך האָב נאָר וואס געהאט אָפּגעגעסן, אבער דער חשק צו עסן הון און פוטער געבראָטן האָט מיך גובר געווען. אחוץ דעם האב איך פאר־שטאַנען, אז עס וואלט נישט געוועזן מעשה „דזשענטעלמאן" פון מיין זייט איר צו אנטזאגן און איך האָב איינגעוויליקט צו עסן. נאָכן עסן, בעת זי האָט זיך איבערגעטון, בין איך אריינגעלאָפן צו דעם זעל־ביקן בראזדען אין קראַם און האב געקויפט א שאכטל גוטע קאָנ־פעקטן און איר דערלאנגט, זי האָט באדאנקט ווי אן עכטע פוילישע דאַמע און איך בין באַ איר צוליב די קאָנפעקטן אסך טייערער גע־וואָרן. דאָס האָב איך געקאָנט מערקן דערפון ווי זי האָט געקוקט אפן שאכטל און אף מיר.

ווען זי איז פארטיק געוואָרן מיט איר טואלעט און מיר זענען שוין געוועזן נעבן דער בריטשקע זיך אריינזעצן, האָט זי אריינגע־שטופּט דעם קוטשער א פּאָר רובל און אים געהייסן צולויפן צו

---

*) איטלעכער איז משוגע אף זיין שטייגער.

בראָזדען און קויפן א פלאַש ווײַן פון א געוויסער „מאַרקע“. דערבײַ האָט זי א געשריי געטאָן: „זשיוואָ!“*).

אין א פּאָר מינוט איז דער גוי צוריקגעקומען מיט א פײַן אײַנגעוויקלטן פּעקל, וועלכן ער האָט איר דערלאַנגט צוזאַמען מיט אויסגאַב. דעם פּעקל האָט זי צוגענומען און דאָס קליין-געלט האָט זי צוריקגעגעבן דעם גוי, וועלכער איז געווען מלא שמחה און האָט זיך פאַרנייקט ביז דער ערד.

אין אווײַלע אַרום זענען מיר שוין געווען אויף יענער זײַט „גרעבליע“, הינטער דער שטאָט. איך בין געווען פאַרנומען מיט פאַרשידענע געדאַנקען. עס האָט זיך מיר געבאָמבלט אין מוח: א צובאַלעוועטע, נאָכגעגעבענע פּאַניענקע ווילט זיך נישט אַנדערש ווי נאָר אויף-צו-להכעיס א שטיף טון מיט א זשידעק און זען, ווי ווײַט זי קאָן מיט אים פירן שפּאַס. בײַ דעם געדאַנק האָב איך געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון קאַרעטע און זיך זעצן נעבן גוי אויף דער קעלניע.

נאָך אַנאַנדער געדאַנק איז בײַ מיר געווען אין קאָפּ, און דאָס האָט מיר אויסגעזען צו זײַן דער ריכטיקסטער: א צובאַלעוועטע מיידל פון אַלערלײַ וואוילטיקן ווילט זיך האָבן דעם פאַרגעניגן צו שטיפן, זאָל זײַן אַפילו מיט א זשידעק, אַבי ער קאָן מיט איר מיטשטיפן, איבערהויפּט ווען עס איז נישטאָ פון וועמען אויסצוקלײַבן, און ער איז איר נישט דערווידער. און צולעצט נאָך א געדאַנק: גראָד ווײַל א איד, ווײַל ניט איר גלײַכן, ווײַל זי דענקט אַז זי שטייט העכער, דערפאַר איז איר באַגער שטאַרקער און זי וויל צערײַצן דעם זשידעק. בײַ דעם געדאַנק האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין:

— „ניין, בײַ מיר וועסטו דאָס נישט אויספירן.“

שפּעטער האָב איך זיך געטראַכט: „און פאַרוואָס טאַקע נישט? נאָר וואָס איך בין, וואָס קען איך דערבײַ אָנווערן? פאַרקערט, מענטשן וואָלטן געלאַכט פון מיר, מען וואָלט געזאָגט, אַז מען דאַרף מיר געבן קייען שטרוי...“

ווער ווייסט, צו וואָס פאַר א באַשלוס איך וואָלט געקומען, ווען

---

*) לעבעדיקער, גיכער!

זי שרייט נישט פלוצלונג אוים : „טשעווא ווע טאק זאדומאלים ?"*).
איך האב אף איר א קוק געטון און נישט געוואוסט וואס צו ענט-
פערן. זיין אגרעסיוו האב איך נישט געוואלט. זי ווידער האט
פארשטאנען און האט מיר א וואונק געגעבן, אז דער גוי איז נישט
אידער און ער קאן נאך עפעס אויספלאפלען, דערום מוז מען זיין
פארזיכטיק.

אפ'ן וועג האבן מיר זיך אפגעשטעלט אין דער באקוועמס-
טער קרעטשמע און מיר זענען אריין אין א צימער. זי האט געהייסן
זיך געבן דאס בעסטע וואס זיי האבן געהאט צום עסן. איך גע-
דענק, ווי זי האט פון דער בריטשקע געבראכט די פלאש וויין און
געהייסן עפענען און דערלאנגען צוויי גלעזער. איך ווייס נישט ווי
בא איר, נאר בא מיר איז דאס אודאי געווען דאס ערשטע מאל אין
מיין לעבן צו זיצן מיט א פרעמדער פריילין ביי א גלאז וויין. ווי
איך בין נישט געווען פראקטיש אין אזא אויפפירונג, האב איך פונ-
דעסטוועגן באמערקט, אז אויך זי איז נישט געווען איינגאנצן ווי
בא זיך אין דערהיים, און אז אויך זי האט פיליכט דאס ערשטע
מאל אין איר לעבן דורכגעמאכט אזא דערפארונג. נאך מער, דאס
האט מיר אויסגעקוקט צו זיין בא איר א מין נאכמאכונג, א נאכ-
קרימעניש פון געוויסע אויפירונגען וואס זי האט אפשר געזען אין
איר געזעלשאפט, צווישן אירע באקאנטע פריינט און קרובים.

ביי געניטע מענטשן האט אונזער זיצן איינער נעבן צווייטן,
אונדזער עסן און טרינקען, געמוזט אויסקוקן ווי א מין פורים-שפיל
פון ווירקלעכקייט. נאך דעם ווי מיר האבן אויסגעטרונקן צו דריי
גלעזלאך וויין, זענען אירע אויגן געווארן דערהיצט, רירנד זענען
דאן געווארן אירע ריידנדיקע ליפן, איר גאנצער קערפער האט
כמעט געציטערט, איר הארץ האט מען געהערט קלאפן, די ברוסט
אירע האט זיך ריטמיש באוועגט, איר געזיכט האט אויסגעזען
ליליען-צארט און נישט אויסגעדריקט קיין צניעות. איך האב גע-
פילט אז אין דער צייט האט זיך אין איר ווי אין מיר געצאפלט דער

---

*) וואס האט איר זיך אזוי פארטראכט.

זעלבער געפיל, עס האָט אין אונדז ביידן געברענט א גלייך פייער, א באַנגער נאָך עפּעס וואס זאָל אָפּלעשן דאָס פייער, אבער נישט איך האָב געוואגט צו איר צוטרעטן און נישט זי האָט געוואגט מיך אָנרירן, אָט האָט זי זיך פארשעמט מיט איר אויפירונג און אָט האָט זי זיך געשעמט מיט איר שעמען זיך.

צופעליק אָדער דירעקט האָט איר האַנט אָנגעגריפן מיינע, אוויילע האָב איך נישט געקענט א וואָרט אויסריידן, אזוי שטארק האָט מיין הארץ געשלאָגן. דאָך האָב איך זיך קאָנטראָלירט און בין געוואָרן גלייכגילטיק, איר גאַנצער וועזן איז געווען א געמישאכץ פון יונגע אויפרעגונג מיט אביסעלע שעלמעריי, מער שטיפעריש און זאָרגלאָזיקייט, ווי ערנסטע געפילן.

אזוי זענען מיר אָפּגעזעסן באַ א שעה צייט, אויסגעטרונקן די פלאַש וויין, און דאַן זיך ווידער אריינגעזעצט אין דער בריטשקע צו פאָרן ווייטער. דער וויין אין אונדז האָט זיך אַביסעלע צעשפּילט און מיר זענען ביידע געוואָרן רעדעוודיקער. איך האָב אויסגעזונגען עטלעכע לידער פון נעקראַסאָוו׳ן, וועלכע איך האָב געקענט אויס-ווייניק. זי האָט אויך גערעט אסך און נאָך מער געכאַכאַטשעט, אָבער אלע ווײַלע ווי זי האָט געקראָגן א פארדאכט, אז איך וועל ווערן צודרענגליך, האָט זי אָנגעוויזן אפן גוי, אונדזער אָנטרייבער.

ווען די היץ פונם וויין איז פארביי, האָב איך איר געפרעגט, וואָס איז געווען די אידייע פון איר קומען אין שטאָט נאָכאַמאָל, נאָכ-דעם ווי זי איז דאָרט געווען ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק. האָט זי מיר געענטפערט, אז איך האָב אין זיך קיין ברעקל פּאָעזיע ניט; אַז איך, ווי אלע אידן, בין איינגעוויקלט אין פּראָזע. איך האָב איר געזאָגט, אז דאָס איז נישט אמת, אז די אידן זענען פון תמיד אָן פּאָעטישער פון אנדערע פעלקער. מעגלעך, אז די אידישע פּאָעזיע איז מער א רעליגיעזע, א גייסטיקע, נישט קיין קערפּערלעכע. אף דעם האָט זי געענטפערט:

— „גייסטיקע פּאָעזיע איז אף יענער וועלט.“

אין אַלגעמיין האָט מען געקאָנט זען, אז דאָ זיצט א פריילין א פּוילישע, א צעבאַלעוועטע, וואס האָט זיך אָנגעזען מיט אלערליי

צינישע בילדער, אַנגעזען מיט אויסגעלאַסנקייט; וועלכע שפּרינגט פון הויט פאַר עפּעס, אבער ווייסט נישט וואָס, וואָלט געוואָלט אום יעדן פּרייז געניסן פון דאָס אומבאַוואוסטע, אבער זי ווייסט נישט ווי אַזוי אין פּראַקטישן לעבן דאָס אָנצופאַנגען. איך האָב באַ זיך באַשלאָסן, אַז איך זאָל פאַר איר קיין ווערקציייג נישט זיין.

כדי אָפּצואָוועגדן דעם אינטערעס אַף עפּעס אַנדערש, האָב איך איר געזאָגט, אַז איצט וואָלט גוט געווען, ווען איך האָב אַ טעשל קאָרטן אויסצואָוואַרפן, ווייל דאָ איז קיינער נישטאָ און איך וואָלט איר געקאָנט אַלצדינג זאָגן. אחוץ דעם, האָב איך איר געזאָגט, בין איך אַליין אויך פאַראינטערעסירט. איך וואָלט געוואָלט וויסן פון איר פאַרגאַנגנהייט און פון איר צוקונפט. די ווערטער האָבן גע-ווירקט און מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּלענער, ווען, וואָס און ווי אַזוי. דערווייל איז די צייט נישט געשטאַנען און די גוטע צוויי פערד אויך נישט; כאָטש זיי האָבן וויניק אָפּרו געהאַט, פונדעסט-וועגן זענען זיי געלאָפן, מורא האָבנדיק פאַר דער בייטש. אינגיכן זענען מיר געווען נעבן דאָרף און זי האָט אָנגעהויבן שפּירן די בליקן פון די פאַרבייגייער, ווי איך, ווען איך האָב דערזען מיינע באַ-קאַנטע קוקן אַף מיר, מיט וועמען איך פאָר. עס האָט לאַנג נישט גענומען און מיר זענען צוגעפאָרן צום פּאָסעסאָרס הויז.

איידער איך בין אַרויס פון דער ברישקע, האָב איך געפרעגט, צוליב וואָס פאַר אַ נייטיקע זאַך, זאָל איך זאָגן, איז זי געפאָרן אין שטאָט? האָט זי זיך צעלאַכט ווידער מיט איר געוויינלעכן חן און געזאָגט:

— „פּראַקטיצירט, פּראַקטיצירט, עס וועט אייך צוניץ קומען; נישט איין מאָל וועט אייך נאָך אויסקומען צו געפינען תירוצים פאַר מיר און פאַר זיך.“ איך וואָלט איר דערויף זיכער קיין ענטפער נישט שולדיק געבליבן, אבער איך האָב קיין געלעגנהייט נישט גע-האַט דערצו, ווייל מיר זענען שוין געווען באַ דער שטוב, און די קליינע, שיינע „סייניטשקע“, מיין שילערין, איז אַרויסגעלאָפן מיך באַגריסן. האָב איך דער קלייננקער אַ קוש געטון. די פּאַניענקע האָט באַמערקט:

דריי־הונדערט־צוויי־און־פערציק

— „אַזאַ קליין מיידעלע, און האָט דאָס פאַרגעניגן.“
ווען איך האָב איר די האַנט געגעבן, האָט זי געזאָגט:
— „אפילו די קאָנפעקטן נישט פאַרזוכט.“ איך האָב איר גע-
בעטן צו געבן דער קליינער סייניטשקען אַ קאָנפעקט. זי האָט דאָס געטון און געזאָגט דערביי:
— „דו האסט אַ זיסן קוש באַקומען, איצט באַקומסטו אַ זיסן קאָנפעקט אויך; אַף מיר געזאָגט געוואָרן.“
— „וואָס דען?“ האָב איך זיך אָפּגערופן, „שטענדיק נאָר פראַזע?“
זי האָט אַ בייזן קוק געטון אַף מיר און געזאָגט:
— „ניטשעווא, ניע פראָפּאַדיאָט“*).
מיר האָבן זיך געדריקט די הענט און איך בין אריין אין שטוב, און אונדזער פורמאַן האָט זי אָפּגעפירט צו איר אין הויף.
עס איז שוין געווען גאַנץ פינצטערלעך ווען איך בין אַריין אין הויז. מיין עלטערע שילערין האָט באַלד געגרייט צום טיש און מיך געפרעגט, צי איך וויל עסן. איך האָב איר באַדאַנקט און אָפּ-געלייגט דאָס עסן אַף שפּעטער.
באַלד איז דער בעל הבית אָנגעקומען און מיר האָבן זיך צו-רעט וועגן פאַרשיידענע זאַכן. ער האָט מיך געפרעגט, וואָס די פּאַניע האָט געטון אין שטאָט, האָב איך אים געענטפערט מיט אַן ערנס-טער מינע, אַז איך ווייס נישט; עפּעס איז זי געווען פאַרנומען, אָבער מיט וואָס ווייס איך נישט. איך האָב זיך באַמיט אויסמיידן די פּאַניע אין אונדזער געשפּרעך, און עס איז מיר געלונגען. איך האָב גלייך געפרעגט מיינע שילער, צי זיי האָבן צוגעגרייט אַלץ וואָס איך האָב זיי איבערגעלאָזט צו פאַרפערטיקן.
אַלע ווי איינער האָבן זיי געענטפערט „יאָ“.
איך האָב גערופן די קינדער אַף אַ שפּאַציר פאַר אַ פּאָר שעה. די מיטלסטע מיידל האָט אַ כאַפּ געטון איר ברודערל און איר שוועס-טערל און איז מיט זיי אוועק פאָרויס, כאָטש די שיינע סייניטשקע

*) נישקשה, עס וועט נישט גיין פאַרלוירן.

האַט פּראָטעסטירט. איך האָב זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק און וואָלט אפשר גאָר נישט באמערקט, ווען נישט דאָס וואָס סיינישקע איז אווייל צוגעלאָפן צו מיר און די מיטלסטע מיידל האָט זי כאַפּ געטון און געזאָגט:

— „די מאַמע האָט דאָך דיר אָנגעזאָגט, אז דו זאָלסט נישט זיין אינדערמיט, ווען איסאק אבראַמאָוויטש גייט מיט דיין עלטע-רער שוועסטער." אַף אזא אופן האָט מען מיר שוין קיין פינגער אין מויל נישט געדאַרפט אריינלייגן.

מערקווירדיק, ווען איינער ווייזט ארויס א באַגער צו א צווייטנס פריינטשאפט אָדער אפילו ליבשאַפט נישט אין דער ריכטיקער צייט און נישט אין ריכטיקן פּלאַץ, מעג אפילו דער וואָס באַגערט די פריינטשאַפט נישט שטיין נידעריקער פון צווייטן, פונדעסטוועגן ווערט זיך דער צווייטער צד אָפּט ברעקלען. אזוי איז געווען אין מיין פאַל. ווען איך זאָל נישט געווען האָבן מיין יהודית'ן, וואָלט איך אזא שידוך אפשר נישט געווען אָפּגעשטויסן. אָבער אונטער די אומשטענדן איז מיר דער בגד נישט געווען פּאַסיק אָנצוטון און אויך נישט אומווירדיק אוועקצושמייסן. איך האָב באַשלאָסן אי-בערדולדן די עטלעכע וואָכן.

דינסטיק בין איך געווען פאַרנומען מיט מיינע שילער דעם גאַנצן טאָג. אין אָוונט בין איך געווען פאַרנומען מיט זיך. מיינע געדאַנקען האָבן מיר נישט געגעבן קיין רו. אַלץ האָט זיך מיר געוואָלט פעסטשטעלן: וואָס באַדייטן מיין טאַטנס ווערטער, אז יהודית קאָן לייכטזיניק זיין? ווי אזוי זאָל איך זיך באַגיין מיט מיין בעל הביתטעס נישט גלייכגילטיקייט צו מיר, מיט אירע אָנ-צוהערענישן וועגן איר עלטערער מיידל? וואָס פאַר א שריט זאָל איך נעמען אין באַצוג צו דער יונגער פּריצטע? און פאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט א טראַכט וועגן א תכלית? מיט איין וואָרט, מיינע געדאַנקען זענען געווען צעשרויפט, און איך בין ארומגעגאַנ-גען דעם אָוונט א פאַרטראַכטער. די בעל-הביתטע האָט דאָס באַ-מערקט און עס צוגעשריבן דערצו, אז איך בין פאַרטראַכט וועגן איר טאָכטער און אונדזער צוקונפט.

איינמאָל האָט זי מיר א זאָג געטאָן, אז א יונגער מאן ווי איך טאָר אַזויפיל נישט טראַכטן, ווייל קעסט ווארט במילא אף אים פאר יאָרן־לאנג און א שיינער נדן אויך, און אף דאָס איבעריקע זאָל גאָט זאָרגן. ער באַזאָרגט אַלעמען, יעדן פויגל אין וואלד און יעדן ווערימל אין דער ערד, וועט ער מיך אודאי באַזאָרגן.

איך האָב א שמייכל געטון און געזאָגט, אז איך בין זיכער אין איר אויפריכטיקייט און אז איך דאנק איר פאר איר ערנסטן וואונטש, אָבער אף גאָט אליין טאָר מען זיך נישט פארלאָזן: פריער אליין און דערנאָך גאָט.

אף מאָרגן איז דער בעל הבית געקומען פון הויף און דערציילט, אז ער האָט צוגעזאָגט דער יונגער פריצטע, אז איך מיט אלע מיידלעך וועלן קומען אהין פארברענגען דעם גאנצן טאָג. זי האָט געבעטן, אז די קינדער זאָלן אויך מיטנעמען ביכער, ווייל זי וויל זיי פארהערן.

איך האָב אים געפרעגט, פארוואס ער האָט געמאכט די באשטעלונג מיך נישט פרעגנדיק, און מיין בעל הביתטע האָט מיר צוגעהאָלפן און געזאָגט:

— „גערעכט, מען דארף טאקע נישט גיין, זאָל זיין אף אן אנדערס מאָל.

און וואס עפּעס צו דער יונגער פריצטע?

זינט ווען איז זי דאָס געוואָרן אזא שמעלקע מיט אונדז? און ווער דארף איר?“

זי האָט פארשטאַנען, אז נישט אומזיסט וויל די פריצע, אז מיר זאָלן קומען צו איר, און צוגעגעבן:

— „מיר וועלן זיך באגיין אָן דעם שונא ישראל. סך הכל האָט זי פיינט א אידן ווי א איד האָט פיינט חזיר, און א היינטוועלטיקן אידן נאָך מער. צו וואס זשע זאָל איסאאק אבראמאָוויטש גיין אהין? מילא מיר קאָנען זיך נישט העלפן, מען איז אין גלות, אָבער ער? א כפרה מעג זי ווערן פאר אלע אידן און פאר אים אויך!“

דער פּאָסעסאָר האָט זיך צעבייזערט אַף איר פאַר אירע רייד און זיך געזעגנט צו מיר און געזאָגט, אז אויב איך וויל נישט אַף דעם טאָג, וועט ער איר לאָזן וויסן.

איך האָב אים דערקלערט, אז עס מאַכט מיר נישט אויס וואס פאַר א טאָג, אזוי לאַנג ווי ער האָט אָפּגעמאַכט מיט איר, וועל איך זיין וואָרט האַלטן, און עס איז געבליבן, אז פרייטיק נאָך צען אזייגער זאָל איך מיט אַלע מיידלעך אריבערגיין צו דער פריצטע אין הויף.

איך האָב אפילו פארשטאַנען, אז די פּאַניענקע איז אויסן עפּעס אַנדערש ווי פארהערן די קינדער. פונדעסטוועגן האָב איך איבערגעלייענט מיט סייניטשקען נאָך אמאָל עטלעכע דייטשע פאַבלען, פארהערט די עלטערע מיידל, ווי גוט זי קען די נייע פאַבלען פון קרילאָוון, וואס זי האָט לעצטנס געהאַט אויסגעלערנט אַף אויסוויייניק, און דורכגעקוקט די „טשיסטאַ פּיסאַניא", דעם אַף ריין איבערגעשריבענעם העפט פון דער מיטלסטער מיידל, אין וועלכן מען האָט זיך איינפאַך געקאָנט שפּיגלען, אזוי ריין און שיין איז געווען איר האַנטשריפט.

פרייטיק ארום צען אזייגער, זענען מיר אַלע אַוועק אין הויף.

מיין בעל הביתטע האָט אָנגעזאָגט די קינדער נישט צו עסן קיין טריפה.

ווען מיר זענען אריינגעקומען אהין האָט זיך די פּאַניענקע באַגריסט מיט אַלע קינדער. דערלאַנגנדיק מיר די האַנט האָט זי בשעת מעשה א שעלמישן קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט:

— „ווע דאָלזשנע פּאָדגאָטאָוויט וואַשיך אוטשעניקאָוו ניע דליאַ שקאָלע, א דליאַ זשיזן"*).

האָב איך איר געענטפערט:

*) איר דאַרפט צוגרייטן אייערע תלמידים נישט פאַרן שול, נאָר פאַרן לעבן.

— „סאָוועשענאַ ווערנאַ, נאַ ניע דליאַ טאַקאי זשיזני קאַק ווע סעבע פּרעדסטאַווליאַיעטיע“*).

— „וואָט קאַקוי“**), האָט זי געזאָגט און מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט.

די בריטשקע איז געווען גרייט, און מיר זענען אַלע ארויסגע-פאָרן אין וואַלד. איך בין געזעסן נעבן קוטשער און זי מיט די קינ-דער אין בריטשקע.

זי האָט גערעט מיט דער עלטערער מיידל אויף פּויליש, ווייל פּויליש האָט זי גערעט זייער גוט; דער פּאָסעסאָר האָט עטלעכע יאָר צייט געהאַלטן א פּוילישע גואווערנאַנטקע פאַר די קינדער. הגם איך האָב קיין פּויליש נישט גערעט, דאָך האָב איך פארשטאַנען דעם גאַנצן געשפּרעך וואָס די פּאַניענקע האָט געפירט מיט די קינדער, נאָר איך האָב זיך געמאַכט נישט פארשטייענדיק. אירע ווערטער און אירע פראַגן האָבן זיך נישט געקלעפּט.

אַט האָט זי געפרעגט אויף מיר, אַט האָט זי זיך געווענט דירעקט צו דער עלטערער מיידל מיט א פראַגע, צי איך געפעל איר און יענע האָט זיך דערביי גערויטלט, און אַט האָט זי אריינגעוואָרפן ווער-טער, פון וועלכע מען האָט געקאָנט דרינגען, אַז זי מיינט נישט די הגדה, נאָר די קניידלעך... באַ מיר איז נישט געווען קיין שום צווייפל, אַז זי מיינט עס נישט ערנסט און רעדט נישט מיטן גאַנצן הארצן.

ווען עס זאָל געווען זיין דערביי א קינסטלער א מאַלער, וואָלט ער געקאָנט מאָלן א שיין בילד, ווי א געקינסטלטע, מיט מאַטער-ניש קולטיווירטע ראָזע וואָס איז געוואַקסן אויף א פעטן באָדן, ווייל נישט אנדערש נאָר איינאָטעמען אין זיך די בליאונג פון א גאַנץ גע-ווייינלעכער פלאַנצונג, וואָס זי האָט אין איר לעבן ביז איצט נישט געזען.

אונזער באַציאונג איינער צום צווייטן דעם גאַנצן טאָג איז

---

*) גאַנץ ריכטיק, אָבער נישט פאַר אַזאַ לעבן ווי איר שטעלט זיך פאָר.

**) אַזוי גאָר!

געוועז א מאָדנע. מיר האָבן זייער ווייניק גערעדט איינער צום אנ־דערן; מיר האבן געשפּילט א קינדערשע פאנטאָמימע. איך בין מיט דעם צופרידן געווען און איר האָט דאָס געערגערט. איינמאָל האָט זי דאָס ארויסגעוויזן נישט ווילנדיק. ווען איך האָב זיך צו איר געווענדט מיט עפּעס, האָט זי מיר געזאָגט: „ווע מאָזשיטיע שטשי־טאטסא מעזשדו פאלאטשאמי*). אזוי ווי די קאָמארן האָבן שטארק געביסן זענען מיר מאָמענטאל איינגעפאלן די ווערטער: „פּאלאַטש קאָמאַראָוו, קאָטאָרי באָטיאַט אוקוסיט"**). אָט די געלונגענע פאָר ווערטער האָבן איר באוואויגן זיך צו פארטראכטן און מיך אויך.

אזוי איז אוועק די צייט.

די קליינע סיינישקע האָט פאר איר געלייענט אביסל דייטש, די עלטערע מיידל האָט אומגעבעטענערהייט פאר איר דעקלאמירט א פּאָר פאבלען פון קרילאָוו, און מיר האָבן אָנגעהויבן זיך קלייבן צו פאָרן אהיים.

ווען איך האָב זיך מיט איר געזעגנט האָט זי מיך געפרעגט, ווען איך וועל איר אויסוואַרפן קאָרטן. האָב איך געזאָגט: „פּאָ־זשאלוסטיע אוסטרויטיע"***).

אף דעם האָט זי מיט איר חנעוודיקן שמייכל געענטפערט: „א ווע ראַזאוסטרויטיע!"****).

איך האָב פארשטאַנען וואוהין זי צילט, אבער איך האָב גאָר־נישט געענטפערט.

ווען מיר זענען אריין אין שטוב, האבן מיר זיך אלע צוגע־כאפּט צום עסן ווי הײשעריקן, ווייל די קינדער האבן דעם גאנצן טאָג זייער ווייניק געגעסן, נישט קוקנדיק דערויף וואס די יונגע פריצטע האָט מיטגעבראכט אסך שפּייז. איך און אפילו זי אליין האָבן אויך ווייניק געגעסן.

---

*) איר קענט זיך רעכענען צווישן תלינים.

**) א תליון איבער קאמארן, וואָס ווילן בייסן.

***) אדרבה, אָרדנט איין!

****) און איר וועט צעשטערן.

נאָכן עסן בין איך ארויס אינדרויסן. עס איז געווען א שיינער, פּראַכטפולער אָוונט. דער הימל לויטער, די בוימער האָבן זיך ווי געשושקעט איינע מיט די אנדערע, די לבנה האָט געשיינט.

פון פארשידענע זייטן איז געקומען אן אנגענעמער גערויש פון אלערליי אינזעקטן, געזאנג און אויסגעשרייען פון פארשידענע פויגלען, אויך א נאכטיגאל פון דער פּריצטעס סאָד האָט זיך גע-לאָזט הערן מיט איר נאכט-געזאנג. איינע פון די ראָמאַנטישע נעכט, פון וועלכע פּאָעטן ווערן באגייסטערט, און וועלכע דערוועקן אפילו ביי געוויינלעכע מענטשן זיסע, טרוימערישע געפילן. איך האָב זיך ארומגעדרייט ארום הויז; האָב געוואָלט מאכן א חשבון מיט זיך אליין, וואס אין מיר קומט פאָר. מיט אמאָל האב איך בא-מערקט, ווי א גוי אין א פור איז צוגעפאָרן צום הויז, און איך האָב געהערט ווי ער פרעגט, צי דאָ איז פאראַן א יונגער מאן פון בע-לאָצערקאָוו, וואס רופט זיך בינימעצקי (מיין פאמיליע-נאָמען איז געווען בינימעצקי). מען האָט אים געענטפערט אז יאָ. איידער דער גוי איז אראָפּ פון וואָגן, בין איך צוגעקומען און האָב אים געזאָגט, אז דאָס בין איך בינימעצקי. האָט ער מיר דערלאַנגט א בריוו. מיין ערשטער געדאנק איז געווען, אז דאָס מוז זיין א בריוו פון יהודית׳ס א ברודער אָדער פון אימיצן אנדערש פון איר פא-מיליע, וועלכע זענען געווען גרייט מיר אָפּצוטאָן וואס פאר א שפּיצל זיי וואלטן נאָר געקאָנט.

ווען איך האָב דעם בריוו געעפנט און דערזען אן אומבא-קאַנטע האנטשריפט, איז דער דאָזיקער געדאנק נאָך מער פאר-פעסטיקט געוואָרן אין מיין מוח, און איך האָב געוואָלט, אז דער גוי זאָל ווארטן ביז איך וועל איבערלייענען און אָנשרייבן אן ענט-פער. אָבער איידער איך האָב זיך אומגעקערט איז שוין דער גוי געווען אוועקגעפאָרן.

אז איך האָב גענומען לייענען דעם בריוו, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. עס איז געווען א שרעקלעכע בשורה, אז מיין פאָטער איז דעם דאָנערשטיק געשטארבן און אז איך מוז תיכף קומען אהיים.

איך בין געבליבן א פארשטיינערטער און האָב עטלעכע שטונדן אפילו קיין טרער נישט ארויסגעלאָזט. מיינע געדאַנקען זיינען ווי פארגליווערט געוואָרן, און איך ווייס נישט, צי איך בין גאָר אין יענעם מאָמענט אימשטאַנד געווען עפּעס צו דענקען. איך האָב טאַקע אנדערש נישט געטראַכט, ווי נאָר אז דאָס איז א שפּיצל פון יהודית׳ס פאמיליע. אבער אָט דער געדאַנק האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ביסלאַכווייז האָב איך באַגריפן די ווירקלעכקייט. איך האָב זיך בעסער צוגעקוקט צום בריף און דערקענט די האַנטשריפט פון אונדזערן קרוב, אברהם דעם טעפּערס איידים, וועלכער איז געווען אמאָל מיינער א רבי פאַר א זמן.

די גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן און האָב ביטער געוויינט. עס האָט מיך באַזונדערס געדריקט דאָס הארץ וואָס איידער איך בין אוועקגעפאָרן האָב איך גערעט צו מיין טאַטן אין אזא שאַרפן טאָן און וואָס איך בין נישט געווען ביי זיין טויט.

אױף מאָרגן האָב איך געבעטן מיין בעל-הבית, אז ער זאָל זיך מיט מיר צורעכענען און מיך אָפּשיקן אהיים, ווייל איך וועל מוזן מיין מוטער ארויסהעלפן אין קראָם. אלע האָבן געוויינט אױף מיר קוקנדיק. די בעל הבית׳טע האָט מיט טרערן אין די אויגן מיך געטרייסט און געבעטן, אז איך זאָל זיי נישט פארגעסן און זיי פון צייט צו צייט שרייבן. דער בעל הבית האָט מיך געטרייסט דערמיט, וואָס ער איז נאָך געווען אינגער פון מיר, ווען ער איז געבליבן א יתום.

די עלטערע מיידל איז געשטאַנען לעבן ארויסגאַנג זייער שיין אָנגעטאָן, אזוי, אז עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. איר אָנטאָן זיך איז נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר דער געלעגנהייט. זי איז געווען אָנגעטאָן מיט אן אנטבלויזטער העל-קאָלירטער בלוזע, מיט צוויי שנירלאַך גרויסע קאַרעלן, איין שנור האָט באַפּוצט איר האַלדז, דער אנדערער שנור איז געפאַלן אױף די צייכנס פון אירע בריסט. זי האָט אויסגעזען כמעט שיין. אירע האָר זענען געווען גלאַט פארקעמט מיט דער זעלבער ברייטער ראָזאָווע סטענגע אױף די האָר ווי איך האָב זי באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל, איך האָב אױף איר געקוקט, זי

איז אבער געשטאַנען אי פארשעמט אי קינדעריש פארטרויערט. די קאָפּ און אויגן ארונטערגעלאָזן, די אויגן זענען געווען באַ איר כמעט רויטלעך און אַף א באק האָט געבלישטשעט אנטקעגן דער זון א טרער, דער אויסדרוק פון איר געזיכט און פון איר גאנצן וועזן איז געווען גוטהאַרציקער אָבער א נאַאיווער קינדערשער. די קליינע סייניטשקע האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן. זי האָט מיך ארומגענומען ארום האלדז, ווען מיר האבן זיך געזעגנט האָט זי מיך געפרעגט, צי איך וועל שוין מער נישט קומען?

איך האָב איר פיל מאָל געקושט, אבער נישט געענטפערט, נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ, אז איך וועל נישט קומען.

דער פּאָסעסאר האָט זיך מיט מיר צורעכנט אַף א גרויסמוטיקן אופן, ווי א דזשענטעלמאן, און איך בין מאָנטיק נאָכמיטאג אַוועקגעפאָרן. איך געדיינק נישט גענוי, נאָר מיר שיינט, אז איך האָב געבעטן מיין בעל הבית, אז ער זאל דער יונגער פּריצטע דערציילן וועגן מיין אומגליק און בעטן פאר מיר אנטשולדיגונג וואס איך האב זיך נישט געקאָנט מיט איר געזעגענען.

דעם גאנצן וועג בין איך געווען פארזונקען אין פארשידענע געדאנקען, און איך האב נישט באמערקט ווי די צייט איז אוועק. אזוי ווי מיר זענען ארויסגעפאָרן שפּעט, זענען מיר געקומען אין שטאָט, ווען עס איז שוין געווען פינסטערלעך. מיר האָבן זיך אפן וועג נישט אָפּגעשטעלט איבערבייסן און אפילו נישט אָנטרינקען די פערד.

ווען מיר זענען געקומען צו דער „גרעבליע“ האָט דער אָנטרייבער געזאָגט, אז ער מוז אראָפּפאָרן צום טייך אָנפּאָיען*) די פערד. איך בין ארונטער אַף דער אנדער זייט פון דער „גרעבליע“ צו דער שטאָט און דער גוי איז אוועקגעפאָרן אָנטרינקען די פערד. עס איז געווען א הייסער אָוונט און א סך מענטשן זענען געגאַנגען פון טייך פון באָדן זיך. שטייענדיק אזוי און וואַרטנדיק אפן גוי מיט די פערד, האָב איך דערזען צאַליקן, יהודית׳ס א שוואָגער, וועלכער

---

*) אָנטרינקען.

האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק חתונה געהאט מיט אירער אַ שוועס-טער. האָב איך אים מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, אַז ער זאָל מיר זאָגן דעם אמת, צי מיין טאַטע איז געשטאָרבן, אָדער אימיצער האָט דאָס אויסגעטראכט. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט, נאָר אַז מיין פאטער איז פּלוצלונג קראנק געוואָרן, דאָס ווייסט ער יאָ. דאָס איז געווען פאר מיר גענוג, און עס איז באַ מיר מער קיין צווייפל נישט געווען, אַז מיין פאָטער איז טויט.

ווען איך בין צוגעפאָרן אהיים, האָב איך געזען, ווי עטלעכע מענער זענען ארויסגעגאנגען פון אונדזער הויז. דאָס זענען געווען די אידן, וועלכע האבן צוזאמענגעשטעלט אַ מנין און מיין ברודערל האָט געזאָגט קדיש. ווען איך בין אריין אין שטוב איז צו מיר גלייך צוגעלאָפן מיין ברודערל, אַ אינגל פון אַ יאָר זעקס-זיבן, און האָט ווי בראַווירנדיק געזאָגט:

— „דו ווייסט, מיר האבן שוין נישט קיין טאַטן און איך זאג שוין קדיש.“

דאָס הארץ איז מיר שיעור נישט צובראָכן געוואָרן פון זיינע נאאיווע ווערטער. דאן זענען צוגעלאָפן מיינע צוויי שוועסטערלאך, איינע פון אַ יאָר צען-עלף, און די צווייטע פון אַ יאָר צוועלף-דרייצן. מען האָט מיר דערציילט, אַז דאָס עלטערע שוועסטערל מיינס האָט זיך פאר צער געוואָלט דערטרינקען. באַ מיין אריינקומען איז מיין מוטער געווען אין קיך. ווען זי האָט דערהערט דאָס געוויין איז זי אריינגעלאָפן, מיר אפן האלדז געפאלן און האָט זיך יאָמערלעך צע-וויינט. אביסל שפּעטער זענען געקומען נאָך מענטשן, אייגענע און נאָענטע באקאנטע, און יעדעס מאָל איבערגעחזרט די זעלבע סצענע מיט די זעלבע קרעכצן און אָכצן און מיט דעם זעלבן יאָ-מערלעכן געוויין.

ווען אלע זענען זיך צוגאנגען, האָט מיר מיין מאמע דערציילט די איינצלהייטן פון דעם טאַטנס קראנקהייט און פון זיין פּלוצלונגן טויט. די דאָקטוירים האָבן עס אָנגערופן „זאקרוטשאָני קישקי“*).

---

*) פארדרייטע קישקע.

(מסתמא איז דאָס געווען אַן אַפּענדיסיטיס). קראַנק געוואָרן איז ער אַפן צווייטן טאָג נאָך מיין אוועקפאָרן, דאָס הייסט דינסטיק; מיטוואָך איז געווען א קאָנסיליום פון דריי דאָקטוירים פון שטאָט און מען האָט אים געזאָלט נעמען קיין קיעוו, אָבער אַף מאָרגן איז ער געשטאָרבן.

צווישן די, וועלכע זענען געקומען מיך מנחם אבל זיין, איז אויך געווען אליהו דעם פעטער אברהמס איידים, וועלכער איז גע-ווען דער לעצטער פארן טויט ביי מיין טאַטנס בעט. איך האָב זיך בא אים נאָכגעפרעגט וועגן די לעצטן מינוטן פון מיין טאַטן. ער האָט מיר דערציילט, אז מיין פאָטער האָט זיך נישט געריכט צו שטארבן, אָבער ווען די לעצטע מינוטן זענען געקומען, צו דער איבעראשונג פון די דאָקטוירים, און ער האָט דערפילט אז ער שטארבט, האָט ער מיין נאָמען דערמאָנט עטלעכע מאָל. ווען אליהו האָט אים געזאָגט:

— „אברהם שלמה, זאג עפּעס,“ האָט מיין פאָטער געזאָגט עפּעס וואס ער האָט נישט געקאָנט הערן; און ווען אליהו האָט גע-זאָגט „שמע ישראל“, האָט דער טאַטע א מאך געטאָן מיט דער האנט, זיך אָנגעשטרענגט און געזאָגט, אז נישט דאָס דארף מען זאָגן, די איבעריקע ווערטער האָט מען נישט געקאָנט מער פארשטיין און אזוי האָט ער פארמאכט די אויגן.

ווען מיין מוטער איז אריינגעקומען פון צווייטן צימער, איז ער שוין געווען טויט, און איר שרייען און ליארמען איז געווען אומ-זיסט.

מיר האָט די גאנצע צייט וואס איך בין נאָך איבערגעבליבן אין בעלאָצערקאָוו, א קנאַפּער יאָר, זיך אַלץ אויסגעדוכט, אז מיין פאָטער איז נישט טויט, כאָטש איך פלעג גיין די ערשטע פּאָר וואָכן יעדן טאָג אַפן „הייליקן אָרט.“ איין טאָג, ווען יהודית איז גע-קומען צו אונדז, בין איך מיט איר אוועק אַפן בית עולם. זי האָט דאָן מער פון מיר געוויינט; איך האָב זי באדארפט טרייסטן און איר אָפּרייסן פון דעם קבר.

אַ אידיש ווערטל זאָגט: „וואָס די ערד דעקט צו מוז פארגעסן ווערן.“

און כך הוה, די וואונד, וואס מיין טאַטנס טויט האָט איבערגעלאָזט אין מיין הארצן, האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז פארהיילן און איך האָב אָנגעהויבן טראכטן וועגן פּראקטישע זאכן.

מיין שאַנס צו הייראטן יהודיתן איז מיט מיין פאָטערס טויט נאָך שוואַכער געוואָרן. איך האָב אפילו געשריבן א בריוו צו איר פאָטער, ווי אויך צו אירע שוועסטער, און איבערגעשיקט די בריוו טאקע מיט איר אליין, אבער איך האָב קיין ענטפער נישט באַקומען. אין די בריוו האָב איך אויסגעגאָסן מיין ביטער האַרץ און באַטאָנט, אז עלטערן טאָרן נישט שטיין אין וועג פון א קינדס גליק, מעג זיך זיי אויסווייזן, אז דער שידוך איז נישט קיין ריכטיקער; אז קיינער קאָן נישט פאָרויסזאָגן, וואס איז א גליק און וואס איז אן אומגליק; אז אין אזעלכע פאלן מוז מען זיך פארלאָזן אף דעם וואס דאָס הארץ פון א פארנינפטיקן קינד דיקטירט, און אז מען טאָר נישט דעם קינדס צוקינפטיקע ליבע מעסטן מיט א מעסטל פון רובלס. די הויפּטזאך איז, צי די פרוכט איז גוט; און אויב די פרוכט איז פון א גוטן בוים, מוז זי ווערן גוט ווען זי ווערט צייטיק. און אזוי ווי קיין נארן זענען זיי נישט, זאָלן זיי האָבן אינזינען דאָס ווערטל, אז פאר א נאַר טאָר מען קיין האלבע אַרבעט נישט ווייזן. דאָס הייסט, אז איך בין נאָך נישט פאָלקאָם, נישט זעלבסטשטענדיק, אבער איך האָב אין זיך אלע אייגנשאפטן, וואס קאָנען און וועלן מיך מאכן פאָלקאָם, לכל הפחות אזוי פאָלקאָם ווי א בחור פון רייכע עלטערן, וואָס זיי וועלן קריגן פאר זייער טאָכטער.

די בריוו זענען געווען פול מיט געפיל און האָבן געקאָנט רירן יעדן מענטשן, נאָר קענטיק, נישט איר משפחה.

איך בין היינט נישט שטארק איבערצייגט, אויב זי האָט מיינע בריוו איבערגעגעבן צו וועמען זיי זענען געווען אדרעסירט, ווייל אירע לעצטע האנדלונגען זענען מיר נישט געווען צום הארצן.

גאָט, וואָס פאר א רעטעניש א פרוי איז! איך האָב באשלאָסן צו פאָרן קיין אמעריקא.

דריי־הונדערט־פיר־און־פופציק

אזוי בין איך מיט מיין גאנצער פאמיליע און מיט מיין מו-
טערס א ברודער, וועלכער איז שוין געווען אין אמעריקא מיט עט-
לעכע יאָר פריער, אוועק אין דעם גאָלדענעם לאנד.

אין א חודש ארום, נאָכדעם ווי איך בין אוועק פון דאָרט, האָב
איך געקראָגן א בריוו פון דער פוילישער פאַניענקע, פול מיט
טרייסט-ווערטער און וואונטשן פאר מיין צוקונפט. זי האָט מיר גע-
שריבן, אז אויך זי האָט פארלאָרן איר פאָטער, ווען זי איז נאָך גע-
ווען אסך יונגער, און אז מען טאָר זיך נישט נעמען צום הארצן.
דערביי האָט זי מיר מיטגעטיילט, אז אין א מאָנאט ארום פאָרט
זי אוועק „זאגראניצע", אין אויסלאנד, הייסט עס, און אויב איך
בין גערן זי צו זען, זאָל איך איר שרייבן, וועט זי קומען אין שטאָט.

איך האָב נישט געפונען פאר נויטיק איר צו ענטפערן.

סוף כל סוף איז א „פאַניענקע" אויך א פרוי...

מיט דעם האָט זיך געענדיקט דער טראגי-קאָמישער עפּיזאָד.

נאָכוואָרט:

די געשעענישן אַנטוויקלען זיך ביז... מיין פאָטערס טויט.

דער מאָמענט, ווען דאָס קינד וואַרפט אַראָפּ זיינע קינדער־בגדים און שטעלט אליין א פוס, זיך נישט אָנהאַלטנדיק דערביי אָן דער פירנדיקער האַנט פון א וועלכער נישט איז „ניאַנקע“. דער מאָמענט איז א גאַנצע וועלט־פּראָבלעם.

עס איז א זאַך אַף וואָס עס לוינט זיך צו פאַרטראַכטן.

א פאָטער באַטראַכט זיין קינד תמיד ווי א קינד און שרייבט אים צו געדאַנקען און געפילן, וועלכע ער, — דער פאָטער וויל, אז דאָס קינד זאָל האָבן. ער שרייבט אים צו איינגנשאַפטן וועלכע זיינען אים — ווי א פאָטער — ליב און טייער און אָנשויאונגען וועל־כע זענען אים — דעם פאָטער — צום האַרצן.

עס מוז אין דער אמתן זיין א שרעקלעכער געפיל פאַר א פאָטער, ווען אין א שיינעם טאָג דערוויסט ער זיך, אז זיין קינד, זיין זון, טאָכטער, איז שוין נישט מער קינד נאָר א מענטש מיט געפילן, געדאַנקן, אָנשויאונגען, מיינונגען אַלץ אייגענע, אינדיווידועלע.

אין דער ערשטער מינוט — שטעל איך זיך פאָר — איז דער פאָטער שטאַרק איבערראַשט ווי פון אן אומגעהויער גרויסן שאָדן — ער האָט דאָ פאַרלוירן א טייערע זאַך און נאָכדעם דערוואַכט דער פאָטער, דער טאַטע פון קינד און עס נעמט אים אַרום אן אינער־לעכע שמחה, א פרייד, וואָס איז נאָר אים אַליין — דעם טאַטן — פאַרשטענדלעך:

„אָט דער יונגער מענטש איז דאָך מיינער, מיין בלוט און פלייש און זע נאָר ווי ער פאַרשטייט אַלץ... דער טאַטע איז שטאָלץ מיט זיין קינד.“

ער. בערנשטיין אין זיין „שמע ישראל“ איז אפילו שטאָלץ מיט

זיין זון דעם אַנטיסעמיט, וועלכער האַסט דעם טאַטן זיינעם אַלס א אידן...

די לאַגע איז אָפּטמאָל אי טראַגיש, אי קאָמיש אינײנעם.

דער פֿאָטער פֿארלירט קאָנטראָל איבער זיך און מאַכט שוואַכער די אַנגעצויגענע סטרונע.

דאָס קינד נוצט אויס די מאָמענטאַלע שוואַכקייט און לאָזט שוין דעם טאַטן צו זיך נישט קומען.

דער פֿאָטער מאַכט שלום מיט זיין גורל און וויל דערמיט כאָטש איינהאַלטן, נישט פֿארלירן אינגאַנצן זיין קינד.

דאָס קינד טייטשט אָפּט פֿאַלש אויס דעם פֿאָטערס גייסטיקן צושטאַנד אין דעם געגעבענעם פֿאַל און מיינט אז ער האָט די אויבערמאַכט און שכל הישר אַף זיין זייט און קערט זיך צום פֿאָטער מיטן רוקן.

אויב דער געראַנגל צווישן פֿאָטער און קינד קומט פֿאָר אַפּן געביט פון געפילן, עמאציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס זענען אזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער יוגנט — קען קומען צו קאָנפליקטן, וואָס פֿארשאַפֿן גרויס עגמת נפש קודם כל דעם פֿאָטער און אָפּט ביידן.

מען איז מודה אַף געמאַכטע פֿעלערן, נישט געגוג דורכגעטראַכטע מעשים, אימפולסיווע האַנדלונגען, אָבער דאַן ווען עס איז שוין שפּעט, ווען עס איז שוין אָפּגעטאָן.

„דער שכל קומט נישט פֿאַר די יאָרן" — זאָגט א אידיש פֿאָלקסוואָרט, אָבער דער יוגנטלעכער וויל בשום אופן נישט צוגעבן אַז דאָס איז אזוי... זעלבסטשטענדיקע האַנדלונגען מצד יוגנטלעכע האָבן זיכער זייער מעלה, אָבער, צום באַדוירען, אויך זייער חסרון...

פון יעדער מעלה קען ווערן א חסרון אין נישט געניטע הענט, באַ א נישט רייפֿן שכל...

———:———

34-טער קאפּיטל

דער גביר מעג אלץ.

השגחה וועגן רייך און אָרים. — בורזשואזע און פּראָלעטאַ-
רישע מאָראל. — א רייכער בעל עבירה זוכט פעטע עליות.

זייענדיק נאָך א יונגער אינגל, האָב איך געהאט א פאַרשטע-
לונג, אז גבירים און קבצנים זענען נישט נאָר צוויי באַזונדערע קלאַסן,
נאָר באַשאַפן געוואָרן פון גאָט אלס באַזונדערע מענטשן, אזוי ווי
גוים און אידן, ווי רוסן און טערקן, ווי ווייסע און שווארצע מענטשן.
איך האָב אפילו א לאַנגע צייט נישט געקאָנט פועלן באַ זיך:
פאַרוואָס זאָל דאָס אזוי זיין?
אָבער גיי פרעג באַ גאָט א קשיא!
דער געדאַנק האָט זיך באַ מיר פאָרמולירט דורך אסך באַאָבאַכ-
טונגען, און נאָכמער זיך פאַרפעסטיקט דורך אן עפּיזאָד, וואס איך
וועל דאָ ווייטער דערציילן.
איך האָב נאָך אלס קליין אינגל באַמערקט, אז וואס א גביר מעג,
טאָר א קבצן נישט; וואס איז שיין פאר א גביר איז נישט שיין פאר
א קבצן, און פאַרקערט. א גביר קאָן אויספירן וואס א קבצן קאָן
נישט. צו א גביר שמייכלט מען זיך אונטער; אפילו די אָרימע קינ-
דער שמחת תורה ביי די הקפות, ווען זיי קושן די ספר תורה, ווינטשן
זיי די גבירים אסך מער ברכות ווי די אָרימע לייט.
טרעפט חלילה א מגפה און אָרימע לייט שטאַרבן, זאָגט מען:
— „אַ דאַנק גאָט, אָרימע לייט שטאַרבן."
מען פאַרקלענערט דעם גבירס חסרונות, מען פאַרגרעסערט זיינע
מעלות, מען פאַרקוקט זיינע עולות און מען שרייבט אים צו גוטע
מעשים. ניט נאָר גיט מען אים אָפּ כבוד, נאָר מענטשן דערנידעריקן
זיך פאר אים.

קומט א קבצן צום גביר, שטייט ער באַ דער טיר. קומט דער גביר איינמאָל אין א יובל צום קבצן, גיט מען אים אָפּ דעם אויבן-אָן.

אין געזעלשאפטלעכן לעבן האָט דער גביר תמיד די דעה, כאָטש נישט תמיד גיט ער די מאה. אויב ער איז פרום, זאָגט מען, אז ער איז א ירא שמים. קאן ער אביסל לערנען, זאָגט מען, אז ער איז א מופלג. איז ער דערצו נישט קיין נאַר, זאגט מען, אז ער איז אַ חכם עתיק. איז ער אן אפּיקורס, א חצוף, א בעל תאוה, זאָגט מען: „מילא, א גביר קען זיך דערלויבן!" אין פּאָליטישן לעבן קאַן ער קריגן און קריגט טאקע אלע פּריווילעגיעס.

דאָס רוב זעען אוים די גבירים אין זייער קערפּערלעכן געבוי אנדערש ווי די קבצנים: נישט אזוי מאָגער, אָפט פעטלעך, ריינער און שענער געקליידט. זייערע הענט זענען נישט פארגרעבט, זייער עטיק איז א פיינערע, בעת א קבצן האָט כמעט גאָר קיין עטיק נישט. ווער שמועסט, אז דער גביר איז א בן גביר, איז ער פיזיש שענער, האָט א לויטערע הויט, זיינע גלידער — איידעלער. טרעפט באַ אַ קבצן אַ שיין מיידל, בלייבט איר שיינקייט פארדעקט און באקומט נישט דעם אויסדרוק א דאנק דעם שווערן שלייער פון אָרימקייט. פאסירט אז איר שיינקייט שיינט דאָך דורך אמאָל, ווערט זי אָפט פארפירט פון אַ פוסט-און-פּאסניק, פון א רייכנס א זון.

טרעפט א מיאוסע מויד באַ א גביר, באקומט זי דורך קינסטלעכע באַפּוצונגען, געשטודירטע מאניערן, און דורך איר רייכער האלטונג א געוויסן חן. דער קאָנטראסט צווישן אָרימע און רייכע קינדער איז אמאָליקע יאָרן געווען אין דער אלטער היים זייער גרוים.

לפּנים זעט אוים די גבירישע מאָראַל צו זיין א העכערע; דער באגריף פון די גבירים שיינט צו זיין א טיפערער, זייער שטרעבן אן ערנסטערער, זייער געשמאק א שענערער. דאָס איז אבער טאקע נאָר לפּנים וועגן. אין דערווירקלעכקייט איז זייער מאָראַל נישט מער ווי אַ פארפּוצטע, דער באגריף א פארטעמפּטער, דאָס שטרעבן אן איינזייטיקער, דער געשמאק אן איבערגעפירטער. בכלל זענען די גבירים האָנאָראָווע, צעבאלעוועטע, קאפּריזנע, נאָכגעגעבענע, נערוועזע סובּיעקטן.

היינט-צו-טאָג אין די ציוויליזירטע, אינדוסטריעלע לענדער איז דער קאָנטראַסט צווישן דעם רייכן און דעם אָרימאַן נישט אַזוי גע-וואַלטיק גרויס, ווי עס איז געווען אין מיינע יונגע יאָרן אין דער אַל-טער היים. דאָרטן האָט אַ רייכער זיך געשעמט מיט אַן אָרימאַן, כאָטש מען האָט געפּרעדיקט, אַז אָרימקייט איז קיין שאַנד נישט. דער אָרימאַן האָט נישט געקענט קומען אין דעם קרייז פון רייכע, סיידן אין אַן אויסנאַמס-פאַל. היינטיקע צייטן איז דאָס נישט קיין אויסנאַמע, אַז רייכע און אָרימע זאָלן באַלאַנגען צו איין געזעלשאַפט. אויסערלעך איז נישטאָ קיין גרויסער אונטערשיד צווישן זיי ביידן. דער אָרימאַן איז נישט אַזוי אָפּהענגיק פון דעם רייכן; ער נייטיקט זיך נישט אַזוי אין זיין טובה. דער גביר דאַרף נישט מאַכן דעם רחמנות-פּנים, אַז ער איז זיך מפקיר פאַר דעם אָרימאַן. זייער פּסי-כאָלאָגיע איז אין געוויסע הינזיכטן דיזעלבע, און מען קאָן זיך לעבן ווי גוטע שכנים.

און מיין געדאַנק, אַז דער גביר איז פון אַנאַנדער קלאַס מענטשן, און אַז דער קבצן גיט עס אליין צו, האָט מיך פאַרשטאַרקט דער עפּיזאָד, וואָס איז פאַרבליבן אין מיין געדעכעניש ביז היינטיקן טאָג.

אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 35, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ רייכער פאַמיליע, וואָס האָט געהאַט מער חוצפּה אין זיך ווי אַנשטענדיקייט, געווען מער שייגעץ ווי קלוג, פאַרמאָגט מער עזות ווי געלט, געהאַט אין זיך גדלות מער ווי תורה. לאָמיר אים אָנרופן בײַ זיין ריכטיקן נאָמען — לייזער טשערקאַסקי. ער האָט געוואָלט שפּילן אַן אָנגע-זעענע ראָלע אום יעדן פּרייז. האָט ער אָבער פאַרפירט אַ ליבע מיט אַ ווייבל פון זיין אייגענער משפּחה, מיט פעני טשערקאַסקים אַ טאָכ-טער, און האָט מיט איר געלעבט בפרהסיא אָן חופּה וקדושין. וואָלט ער זיך נישט געיאָגט נאָך צופיל עכט אידישן כבוד, וואָלט קיינער נישט געוואָגט אים פאָרווירפע צו מאַכן. אָבער ער איז געווען גייציק און האָט גראַד געוואָלט די שענסטע עליה. געדאַוונט האָט ער אין חיים משהס בית המדרש. אַ געוויסן שבת האָט לייזער טשער-קאַסקי פאַראָרדנט, אַז מען זאָל אים אויפרופן „שלישי“. אין בית

המדרש האָט מען געוואוסט וועגן זיינע מעשים און די שיינע עליה האָט שטארק פארדראָסן די עלטערע, פרומע, אמתע תלמידי חכמים. איינער פון די קבצנים, א איד א למדן, אן עלטערער מענטש אין די זעכציקער, האָט זיך נישט געקאָנט איינהאלטן און אויסגעשריען, אז אלע זאָלן הערן:

— „עס איז אַ חלול השם און א חרפה פאר אלע אידן, אויפ-צורופן לייזערן צו דער תורה. בכלל, ווער שמועסט נאָך צו שלישי, בשעת שיינע, פרומע אידן, תלמידי חכמים, באקומען דאָס נישט."

עס איז געוואָרן א טומל.

לייזערס „שטאָט", ווי געווייגלעך, איז געווען אויבן-אָן, אין מזרח; דער אלטער איד (איך געדיינק שוין נישט זיין נאָמען) האָט זיך געפונען גאנץ אונטן אין בית המדרש. אין עטלעכע מינוט ארום, ווען דער טומל איז אריבער, איז לייזער ארונטערגעגאנגען צו דעם אידן, האָט אויפגעהויבן זיין יונגע, שטארקע האנט און אראָפּ-געלאָזט אזא פאטש דעם אלטן געלערנטן מאן, אז ער האָט אָפּגע-קלונגען איבערן גאנצן בית המדרש. איך האָב געדענקט, אז מען וועט לייזערן צעברעכן די ביינער. אָבער ווען דער אלטער איד, מיט גערעכטן צאָרן אין הארצן און טרערן אין די אויגן, האָט אים געוואָלט אָנגרייפן, האָט מען אים דערפון אָפּגעהאלטן; און עס האבן זיך נישט געפונען געגוג מענטשן וואס זאָלן ארויסווייזן זייער מיט-געפיל מיט דעם וואס מען זאָל לייזערן באשטראָפן. די אומגע-הערטע עולה האָט מען צעריבן, פארשווייגן. נאָכן דאווגען האָבן זיך אפילו פאָרמירט צדדים, אבער דערביי איז דאָס געבליבן.

מיין יונג הארץ האָט געבלוטעט פון אזא אומרעכט. איך האָב שוין אלס אינגל פארשטאַנען, אז דאָס איז געווען דערפאר, ווייל לייזער טשערקאסקי האָט געשטאמט פון א גבירישער משפּחה און דער דערנידעריקטער און באליידיקטער איז געווען א איד א קבצן.

אָט דער אומרעכט לגבי אַן אָרנטלעכן, ערלעכן, דרייסטן תלמיד חכם, האָט אַף מיר אזוי געווירקט, אז איך האָב געקראָגן א האס צו רייכע און א געפיל פון סקעפּטיציזם צו א גאָט וואס ווייסט אלעס און זעט אלעס און רעכטפארטיקט אזא זאך.

נאַכוואָרט:

דער גביר מעג אלץ.

אין דער אַלטער היים — אמאָליקע צייטן — זענען די גבירים און די קבצנים באמת געווען צוויי באַזונדערע וועלטן.

דער גוואַלדיקער חלוק צווישן זיי האָט פשוט אויפגעריסן די אויגן. די ביידע קלאַסן זענען געווען שטרענג אָפּגעזונדערטע סאָרטן מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַפילו אינערלעך אונטערשיידעט אין אַלע הינזיכטן.

אויסערלעך איז דאָך שוין אָפּגערעט; אַף דעם ערשטן איז געלעגן די חתימה פון עושר, אַפן צווייטן — קבצן.

דאָס האָט אויך געווירקט אַף אַלע זייערע באַנעמונגען, אַף זייער מאָראַל.

די פּראָבלעם פון רייך און אָרים, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דער טיפער אונטערשייד פון גביר און אָרימאַן, האָט נאָך אינגלוויז כמעט ווי אינסטינקטיוו באַשעפטיקט מיין מוח.

35-טער קאַפּיטל.

אן אויסנאַם פון כלל.

אנשטענדיקייט און אָרנטלעכקייט ווי א סורפּריז. — יסודות פון געשעפט. — געביטן די מיינונג צו שפּעט.

נאָכדעם ווי מיין פאָטער איז געשטאָרבן און איך האָב געמוזט פירן דאָס געשעפט אין אונדזער מעל-קלייט, איז מיר איינמאָל אויסגעקומען צו זוכן קאָרענע קלייען, וואס מען פלעגט מישן מיט ווייצענע ווייסן צוגעלעגענע מעל. עס איז דאן נישט נאָר געווען א יקרות אף קאָרענע קלייען, נאָר עס איז פשוט שווער געווען צו קריגן; יעדן טאָג איז דער פּרייז געשטיגן. מיין טאטע, ווי אלע אנדערע פון זיין שטאַנד, פלעגט קויפן קלייען אין קליינע קוואנטיטעטן. איך אָבער בין א פּאָר מאָל אפילו געפאָרן צו „פּערעמאָלטשיקעס"*) כדי צו באקומען קאָרענע קלייען פון דער ערשטער האנט.

אין חיים משהס בית המדרש האָבן געדאוונט די נירנשטיינס (אגב, איז ווערט צו דערמאָנען, אז דער בית המדרש איז טאקע געבויט געוואָרן פון חיים משה נירנשטיין, א פאָטער פון זלמן און מיכל נירנשטיין).

אין דעם בית המדרש האָט מיין טאטע געדאוונט אלע זיינע יאָרן. צווישן אנדערע געשעפטן, וואס מיכל נירנשטיין האָט געפירט, איז ער אויך געווען א גרויסער פּערעמאָלטשיק. בין איך איינמאָל אוועק צו אים, צו דעם גביר, טאָמער וועט זיך מיר איינגעבן צו קויפן פון אים קלייען, כאָטש איך האָב פארשטאנען, אז בא

---

*) סוחרים וואָס פלעגן פון קאָרן און ווייץ מאָלן מעל.

אים וועל איך מוזן קויפן אין א גרויסער מאָס, און דערצו האָט מען געמוזט האבן אסך מזומן. פונדעסטוועגן בין איך צו אים געגאנגען, ווי מען זאָגט, אויספּרוּאוון מיין גליק.

מיכל נירנשטיין האָט געקענט מיין פאָטער זייער גוט און מיך אויך, כאָטש איך האָב מיט אים ביז דאן קיין וואָרט נישט געהאט אויסגערעט. ער האָט געוואוסט, אז מיין פאָטער איז נישט לאנג צוריק געשטאָרבן.

ער האָט מיך פריינטלעך אויפגענומען און נאָכגעפרעגט, וואו איך בין געווען ווען מיין טאטע איז געשטאָרבן, ווייל ער האָט מיך די גאנצע צייט נישט געזען אין בית המדרש. איך האָב אים אלץ דערקלערט.

בא דער געלעגנהייט האָב איך אים דערציילט וועגן אונדזער גאנצער עקאָנאָמישער לאגע, וועגן דעם צושטאנד פון אונדזער גע-שעפט נאָכן פאטערס טויט און אים געפרעגט, צי ער קען מיר נישט פארקויפן אליין אָדער רעקאָמענדירן צו אימיצן, וואו איך וואלט געקענט קויפן קאָרענע קלייען, און אפשר האָט ער צוגעלעגענע ווייצענע מעל פון דעם גאָר ווייסן סאָרט. ער האָט זיך פארטראכט אף א פּאָר מינוט און געענטפערט, אז אין פארלויף פון דעם חודש קען ער גאָרנישט טאָן פאר מיר, אבער איך קען פון אים קויפן אלע קאָרענע קלייען פון צווייטן פערעמאָל. וואָס איז שייך צוגעלעגענע ווייסע ווייצענע מעל, האָט ער געזאָגט, פארשטייט ער נישט וואס איך מיין, ווייל אויב די מעל איז צוגעלעגענע קען מען דאָך דאָס נישט געברויכן פאר באקן, נאָר פאר כעמישע צוועקן, און דאס איז דאָך נישט מיין געשעפט. טאָמער אבער דענק איך צו מאכן אזעלכע מיאוסע געשעפטן ווי פארקויפן שלעכטע, טוכלע מעל פאר גוטע, וועט ער צו אזא געשעפט נישט זיין קיין שותף.

איך האָב זיך ווי פארשעמט, אבער איך האָב זיך גלייך אָנ-גענומען מיט מוט און געזאָגט, אז געשעפט אין אלגעמיין איז, — מיט א קליינעם אויסנאם, — נישט מער ווי אָפּנארעריי; איינער טוט דאָס שענער, דער צווייטער מיאוסער. אבער, האָב איך גע-

זאָגט, מיר זענען אין דעם אַן אויסנאַם, (זיך שוין אויך אריינגע-רעכנט).

איך האָב אים געפרעגט דעם מקח פון די קלייען. האָט ער מיר אָנגעגעבן דעם דאַמאָלדיקן פּרייז פון קלייען (איך גלויב, אַז עס איז געווען 19 קאָפּיקעס אַ פּוד) און געזאָגט, אַז אַף דעם מקח קענען מיר איצט באַזירן אונדזער געשעפט. טאָמער וועט טייערער ווערן איז מיין גליק; טאָמער אבער וועט ווערן וועלוועלער זאָל איך אים צאָלן לויט דעם מקח פון יענער צייט.

דער אָפּמאַך פון דעם מקח האָט זיך מיר נישט געלייגט אַפן שכל און איך האָב אים נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט. ער האָט מיר גאַנץ געלאַסן, רואיק, ווי זיין שטייגער איז געווען, געענטפערט, אַז דאָס איז זיין אָפּמאַך.

איך האָב אַף דעם אָרט אָפּמאַך געזאָגט, אַז איך וויל זיך נישט מאַכן תמעוואַטע, ווי איך וואָלט נישט געזען דאָ אַן אויסערגע-וויינלעך גינסטיקע באַדינגונג פאַר זיך און אַן אומרעכט פאַר אים, און אַז איך דענק נישט, אַז אַנדערע געשעפטס-לייט וואָלטן אַזוי געהאַנדלט. ער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און גע-זאָגט:

— „אַזוי יונג און שוין אַזוי פּעסימיסטיש!“

מיינע קליידער, מיין האַלטונג, מיינע ווערטער האָבן קענטיק געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אַף אים און ער האָט געזאָגט:

— „איך פאַרזיכער אייך, אַז איך ברענג דערביי קיין שום קרבן נישט; איך וועל צו אייך נישט צולייגן. ווען דער מקח זאָל געהעכערט ווערן, זענט איר דאָך באַרעכטיקט דערצו; ווידער, ווען דער מקח זאָל נידעריקער ווערן, וואָלט איך סיי ווי מוזן אַרונטער-לאָזן איבער פאַרשידענע תירוצים, עס וואָלטן זיך שוין געפונען סיבות.“

איך האָב אים געזאָגט אָפן, אַז פון מיין זייט איז דאָס נישט שטאַרק יושרדיק.

אַף דעם האָט ער געענטפערט:

— „דאָס איז דערפאַר, ווייל איר זענט נאָך צו יונג. אַזאַ מאָ-

ראַל אין מסחר איז מעגלעך אָפּצוהיטן נאָר בּאַ גרויסע ערנהאַפטע געשעפטסלייט.״

— „איר ווילט דערמיט זאָגן, אז קליינע קרעמער און הענדלער קענען זיך אַזעלכע זאכן נישט דערלויבן, אָדער קענען נישט באַ־גרייפן״ — האָב איך אים איבערגעשלאָגן.

— „ניין,״ האָט ער געזאָגט, „פאַרוואס זאָלט איר דאָס זאָגן? זיי באַגרייפן יאָ, אבער זיי האָבן נישט קיין אַנדער אויסוואַל; די קאָנקורענץ איז זייער שטאַרק. ווען זיי זאָלן אָפּהיטן אַלע כּללים פון אנשטענדיקער מאָראַל אין מסחר, וואָלטן זיי באַדאַרפט אויפ־געבן דאָס געשעפט.״

— „נו, איז וואס פאר אן אומגליק וואָלט דאָ געטראָפן?״ — האָב איך זיך אָפּגערופן.

— „פאַרן כּלל וואָלט עס אפשר קיין אומגליק נישט געווען,״ — האָט ער געזאָגט, — „אָבער פאר די פאראינטערעסירטע פּערזאָנען וואָלט עס געווען זייער א גרויסער אומגליק, ווייל זיי האָבן נישט קיין אנדער מיטל פאר זייער חיונה.״

— „ניין, איך בין אין דעם פּרט נישט אינגאנצן מסכּים,״ — האָב איך געענטפערט — „וואָס הייסט, נישטאָ קיין אויס־וואַל? איז דען מסחר דאָס איינציקע וועג אין לעבן? איז דען בעלעצערקאָוו די איינציקע שטאָט אין דער וועלט? די וועלט, הער נירנשטיין, איז גרויס גענוג און באַשעפטיקונגען זענען...״

— „איר זענט דאָך געקומען צוליב געשעפט, נישט אמת?״ האָט ער מיר קאַלטבלוטיק איבערגעשלאָגן.

איך בין ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. איך האָב אַנטקעגן זיך געזען א טיפּ, אַן אויסערגעוויינלעכן אין דער מסחר וועלט, א סוחר, וואָס איז אָרענטלעך, וואָס וויל נישט נאַרן יענעם, וואָס וויל נישט רייך ווערן פון יענעמס נאַרישקייטן, אומדערפאַרונג, אָפּגעשטאַ־נענקייט. אין דער זעלביקער צייט — א מענטש א קאַלטן, אויס־גערעכנטן ביז דאָס לעצטע, ווייט פון סענטימענטן און פאַנטאַ־

זיעס, וואָס מאַכן דאָס לעבן — אָפּט נאָר אין געדאַנקן — דאָך לייכטער און אַנגענעמער.

— „יאָ, יאָ, טאַקע, ווענן געשעפט, — האָב איך געשטאַמלט, — אָבער איך מיין ווי אַזוי זאָל איך איינבייסן מיט מיינע שוואַכע ציינער אָט דעם גליק פאַר מיר, וואָס איר, הער נירנשטיין, לייגט מיר פאָר?“

— „וואָס פאַר אַ גליק?“ האָט ער ווי פאַרוואונדערט געפרעגט.

— „וואָס הייסט, וואָס פאַר אַ גליק?“ — האָב איך, ווי דער שטייגער איז פון אַ אידן, געענטפערט אויף דער פראַגע מיט אַ פראַגע.

— „איך פאַרשטיי נישט וואו איר זעט דאָ גליקן.“ — האָט ער נאַאיוו געזאָגט.

— „פאַר מיר איז דאָך דאָס פשוט אַ גליק — שליסן אַ גע־שעפט אויף אַזעלכע אויסערגעוויינטלעך גוטע באַדינגונגען.“

— „נישט דאָס הייסט גליק, ווייל דאָ האַנדלט זיך נאָר מכח עטלעכע רובל פּרנסה.“

— „איר זענט טאַקע גערעכט, הער נירנשטיין, אָבער פאַר דעם יעניקן וועמען די עטלעכע רובל פּרנסה פעלן, איז דאָך דאָס, מוזט איר מיר צוגעבן, אַ גליק.“

— „יונגע מענטשן האָבן געדאַרפט האָבן גאָר אַנדערע פאָר־שטעלונגען מכח גליק, נאָר מסתמא זענט איר גערעכט, — האָט ער מיר ווי צוגעגעבן, — אָבער לאָמיר פאַרענדיקן אונדזער עסק.“

— „מסכים. וויפיל וועט איר האָבן קלייען פון קומענדיקן פערעמאָל?“

— „אַן ערך צוויי טויזנט פוד.“

— „צוויי טויזנט פוד?!“

— „צוויי טויזנט פוד. אָבער אויב איר ווילט נישט, אָדער... איר קענט נישט צונעמען בא מיר די גאַנצע קלייען פון דעם פערע־

מאָל, איז אויך קיין בייז נישט, כאָטש פאַר מיר איז דאָס נישט קיין גרויסע מעלה. איך מיין אָבער, אז דער וועד עס וועט אָפּקויפן באַ מיר דאָס גאנצע קלייען, וועט פאַר אייך האָבן צו געבן אַזוי פיל, וויפיל איר קענט געברויכן.“

— „איך וואָלט זייער און זייער לוסט געהאט אָפּצוקויפן דעם פערעמאָל אינגאנצן, אָבער...“

— „איר ווילט זאָגן, אז איר האָט נישט קיין גענוג געלט דער-צו“ — האָט ער מיר איבערגעשלאָגן מיינע רייד.

איך האָב אים אָן ווערטער געגעבן צו פארשטיין, אז ער האָט געטראָפן אין פינטל.

— „וואָלט איר שוין געווען לענגער אין געשעפט, עס הייסט — שוין געניטער, וואלט איר געוואוסט, אז אין מסחר געפינען זיך תמיד אויסוועגן.“

— „דהיינו, וואָס פאַר אַ אויסוועג קען איך האָבן, אויב עס פעלט מיר געלט?“

איך בין געווען זיכער, אז איך האָב געפרעגט א חכמה׳דיקע פראגע.

— „איר קענט עס באַ מיר אָפּנעמען אין דריי מאָל, דריי פאַר-טיעס, פארשטייט זיך, ביז א געוויסער צייט, ביז א געוויסן טערמין.“

איך האָב צוגעשטימט און אים געוואָלט געבן האנט-געלט, רופט ער זיך אָפּ צו מיר:

— „מיין ליבער יונגער מאן, די עטלעכע רובל קענען אייך איצט מער צוניץ קומען. גלייך ווי די קלייען וועלן זיין פארטיק, אומגעפער אין דריי וואָכן ארום, קענט איר קריגן וויפיל איר ווילט, אין איין מאָל אָדער אין דריי מאָל. געלט וועט איר נאטירלעך דארפן באצאָלן אין דעם טאָג, ווען די סחורה וועט אָנקומען צו אייך.“

איך האָב אים באדאנקט און בין אוועק פון אים מיט דעם גערדאנק, אז אָדער איך קען נאָך נישט די וועלט, אָדער ער איז אן אויסנאם.

די צוויי טויזענט פוד קלייען האָב איך נישט געקאָנט פאַר־ברויכן; אפילו אין א יאָר צייט. פארקויפן צו אנדערע האָב איך יאָ געקענט, נאָך מיט א קליינעם ריוח, אבער איך האָב געוואוסט, אז די קלייען וועלן אריינפאלן צו מיינע קאָנקורענטן, און דאס האָט מיר אויסגעזען צו זיין נישט ראטזאם. בין איך ארומגעגאנגען איבער דער שטאָט פארקויפן די קלייען פאר אנדערע צוועקן. איי־נער האָט מיר אָנגעבאָטן א שיינעם ריוח, אבער ווידער די זעל־ביקע מעשה: איך האָב געוואוסט, אז ער וועט פארקויפן נישט נאָר צו ווייטע קאָנקורענטן, נאָר אפילו צו מיינע שכנים, און צו דוד פּאַרך אויך בתוכם. האָב איך באשלאָסן צו ווארטן ביז עס וועט מיר אָנקומען די ידיעה, אז די פּאַרטיע קלייען איז גרייט צום טראנס־פּאָרט. אונטערדעסן האָב איך די גרעסערע העלפט, און ערך איבער טויזנט פוד שוין געהאט פארקויפט אין די דערבייאיקע שטעטלעך.

צו אָט דער צייט האָט זיך געהויבן דער מקח אף קלייען מיט גאנצע פינף קאָפּיקעס אפן פוד. איך האָב געשריבן נירנשטיינען, אז ער זאָל צו מיר ארויסשיקן 600 פוד און דאָס איבעריקע זאָל ער ארויסשיקן קיין סקווערע און וואסילקאָוו, וואו איך האָב די קלייען פארקויפט מיט א גוטן ריוח, די קאָסטן פון טראנספּאָרט, פאַר־שטייט זיך, אף מיין חשבון. האָב איך געקראָגן א בריוו פון אים, אז דערפאר וואס איך האָב צוגענומען די גאנצע קלייען מיט איינמאָל רעכנט ער מיר נישט פאר „פּערעוואָזקע"*). איך האָב אין אָט דעם ערשטן וואָס איז אויך געווען דער לעצטער שטיקל מסחר, גע־מאכט א העלפט הוצאות פאר אונזער רייזע קיין אמעריקא.

ווען מסחר אין אלגעמיין וואלט געווען אין די הענט פון אזעל־כע מענטשן ווי מיכל נירנשטיין, וואלט מסחר געווען אן אידעאל,

*) טראנספּאָרט הוצאות.

נישט קיין שאכער-מאכער. לײדער איז ער נאָר געווען דער איינצי-קער, אַף וועמען די געניטע הענדלער האבן געזאָגט, אז ער איז א מלאך אין מענטשן-געשטאַלט.

זיינע באנעמונגען צו מיר — און ווי איך האָב דערנאָך אויס-געפונען, האָט ער זיך צו אנדערע באנומען נישט ערגער — האָבן מיר געמאכט זיך צו פארטראכטן, אפשר זאל איך איבערבלייבן און אַריין אין מסחר, אבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. מיר האבן שוין געהאט פארקויפט אונדזער הויז, און מיין מוטערס א אינגע-רער ברודער האָט שוין געוואַרט, אז מיר זאלן אלע פאָרן קיין אמע-ריקא.

אין א פּאָר חדשים ארום בין איך אוועקגעפאָרן פון בעלאָ-צערקאָוו, און אין מיין זכרון האָב איך באהאַלטן אַ גוטע מיינונג בלויז פון א פּאָר מענטשן. איינער פון זיי איז געווען מיכל גירנשטיין.

דריי־הונדערט־און־זיבעציק

נאָכוואָרט:

אן אויסנאַם פון כלל.

„יעדער כלל האָט אַן אויסנאַם" — זאָגט די וועלט.
אין דער אמתן איז טאַקע אַזוי:
נישט יעדער אידעאַל-פּרעדיקער איז אַן אידעאַליסט...
נישט יעדער קריסט איז אַן אַנטיסעמיט.
נישט יעדער דייטש איז אַ נאַר...
נישט יעדער ציגיינער איז קלוג.
נישט אַלע מענער זענען ווי הינט...
נישט אַלע פרויען זענען צניעותדיקע טוגנט-נשמות...
נישט אַלע ציוניסטן טראַכטן מכח פּאַלעסטינע...
נישט אַלע אַרבעטער זענען קעמפער.
נישט אַלע קאַפּיטאַליסטן זענען בלוטזייגער.
נישט אַלע סאָציאַליסטן וואָלטן וועלן די פאַרווירקלעכונג פון זייער אידייע...
נישט אַלע אַנאַרכיסטן גלויבן אין פולשטענדיקער, אינדיוויד־רועלער פרייהייט...
נישט אַלע קאָמוניסטן וואָלטן זיך צוטיילט מיט זייער אייגנטום...
און נישט אַלע סוחרים זענען אָפּנאַרער.

———:———

36־טער קאַפּיטל.

קיין קיעוו אָן א פּאַס.

אף פארבאָטענער ערד. — עכט־אידישע צרות. — קיעוו — א שווערער נסיון. — שאַפּע נומער דריי. — דער גוטער סוף.

נאָר די רוסישע אידן קענען באגרייפן וואס עס האָט געמיינט פאר א אידן — אַריינפאָרן אין איינע פון די שטעט, וואס האבן זיך געפונען אויסער דער „טשערטא אָסעדלאסטי“*) און ווער רעט נאָך — זיין דאָרטן אָן אַ פּאַס. ווען מען האָט אזא אידן געכאַפּט אָן א פּאס, האָט מען אים ראשית כל ארעסטירט און געשיקט אַהין וואוהין ער געהערט, ד. ה., וואו ער איז צוגעשריבן, וואו ער נעמט א פּאס.

געשיקט האָט מען אים מיטן „עטאַפּ“, דאָס מיינט מיט אלערליין פארברעכער. אזא נסיעה האָט אמאָל געקאָנט דויערן עטלעכע חדשים, ווייל אין דער פּארטיע ארעסטאַנטן האָבן זיך געפונען אויך פויערים, האָט מען צוליב זיי געמוזט וואנדערן איבער דערפער און וואלאסטן.

נישט איינמאָל זענען די ארעסטירטע געפערלעך קראנק געוואָרן פון אזעלכע נסיעות, זיך אָנגעשטעקט מיט פארשיידענע קראנקהייטן פון די בראָדיאַגעס**), וועלכע זענען מיט זיי מיטגעגאַנגען.

---

*) ביז דער רעוואָלוציע פון 1917 האָבן אידן אין רוסלאנד געהאט וואוינרעכט נאָר אין א געוויסן געגנט, וועלכער האָט זיך גערופן „טשערטא אסעדלאסטי.“ אין איבעריקן טייל פון גרויסן לאנד האָבן אידן קיין רעכט נישט געהאט צו קומען אהין אפילו צייטווייליק.

**) עכט רוסישער פּראָדוקט — טרעמפּס, וואָס האָבן זיך אויסגעווילט ווי א פּראָפעסיע צו וואנדערן איבערן לאנד און זוכן אוואנטורעס; פיינט געהאט ארבעטן און געוואָלט לעבן א פריען לעבן, פול מיט פּאַסירונגען ווי דאָס האָט עכט קינסטלעריש באשריבן דער שעפער פון די טיפּן אין דער רוסישער ליטעראטור — מאקסים גאָרקי.

אידן האָבן אחוץ אלע צרות געהאט נאָך א צרה א ספּעציפיש אידישע:

וואנדערנדיק מיטן עטאפּ, האָבן זיי זיך נישט געקענט אויסהיטן פון טריפות און דערפאר האבן זיי טאקע צוגעהונגערט, אויב זיי האבן נישט געהאט קיין מיטלען צו קויפן זיך כשרע שפּייזן. פאר די גלויביקע, פרומע אידן איז דאָס געווען א גרויס אָפּקומעניש. א צווייטע צרה איז געווען די אומסאניטארישע און אומהיגיענישע צושטאַנדן פון די פונקטן, וואו זיי פלעגן זיך אָפּשטעלן צו נעכטיקן. מען פלעגט פּשוט פארווערימט ווערן אין אזאַ נסיעה.

די רוסישע אידן האבן געלעבט אונטער אזעלכע שווערע, אזעלכע אומדערטרעגלעכע עקאָנאָמישע, רעכטלעכע און געזעלשאַפטלעכע באדינגונגען, אז זיי האבן געמוזט, ווילנדיק — נישט ווילנדיק, קומען אָפט אין א קאָנפליקט מיט די אויסנאַם-געזעצן און וויפיל די אידן האָבן זיך געקלינגט און געהיט פון ארייַנפאלן אין די הענט פון פּאָליציי, פלעגט מען נישט תמיד קענען אויסמיידן דאָס גיין מיטן „עטאפּ", סיידן מענטשן וואס זענען יומם ולילה געזעסן אין שטוב, אין בית המדרש, אָדער אפילו געשעפטסלייט וועלכע האָבן זיך אבער נישט אָנגעקערט מיט דער געשעפטלעכער וועלט אויסער דער „טשערטא".

צווישן קריסטן זענען געווען פּריווילעגירטע קלאסן: גראזשדאנעס, דוואריאנעס, אדעליקע, גראפן, באראָנען, פירשטן, גרויספירשטן, א. ד. ג. אידן האָבן געקענט האבן נאָר איין פּריווילעגירטע גרופּע — „פּערוועגילדייצעס"*) וואָס האָט זיי געגעבן געוויסע רעכטן, אבער דאָס האָט געקאָסט זייער פיל געלט, און נישט יעדערן איז דאָס אָנגעקומען גרינג צו קריגן. ווען מען וואָלט אין רוסלאַנד רעגיסטרירט אלע ארעסטאַנטן, נישט קוקנדיק פאר וואס פאר א פארברעכן מען איז ארעסטירט געוואָרן, וואלט אפשר אויסגעקומען, אז ניינציק פּראָצענט פון אלע בירגער, אידן ארייַנגע-

*) סוחרים פון ערשטער מדרגה.

רעכנט, זענען באשטאנען פון פארברעכער. די מכה פון פּאַס איז געווען אַזוי גרויס, אז עס האָט זיך געשאפן א ווערטל: „אַ רוסישער בירגער באשטייט פון דריי טיילן: גוף, נשמה און פּאַס.״

איך בין נישט באַקאַנט מיט דעם קאָדעקס פון די רוסישע גע-זעצן, אבער נאָך די ארעסטן נאָך האָט רוסלאַנד געמוזט האָבן מער געזעצן ווי אנדערע לענדער. וואָרים וואָס מער געזעצן א לאַנד האָט, אַלץ מער פארברעכער זענען דאָרט פאַראַן. וואָס קאָמפּלי-צירטער א מאשין איז, אַלץ אָפטער ווערט אין איר עפּעס קאַליע.

נאָכדעם ווי מיר האבן באשלאָסן צו פאָרן קיין אמעריקא, האָב איך געמוזט פאָרן קיין רעזישטשעוו נאָך געוויסע פּאַפּירן פאר זיך און פאר דער גאנצער פאמיליע, ווייל מיר זענען געווען צוגעשריבענע צו רעזישטשעוו, פון וואַנען מיין פאָטער איז געקומען. צוריק-וועגס בין איך געפאָרן דורך קיעוו. איך האָב פשוט נישט געקאָנט פועלן בא זיך צו זיין אזוי נאָענט און נישט אריינפאָרן זען די בא-רימטע שטאָט קיעוו, איבערהויפּט ווען איך האַלט בא אוועקפאָרן פון רוסלאַנד.

איך האָב קיין פּאַספּאָרט נישט געהאט און אין קיעוו איז אידן נישט דערלויבט געווען צו וואוינען, אחוץ אין א געוויסער געגנט וואָס רופט זיך „פּאָדאָל״. אבער דאָס האָט מיך נישט אָפּגעשראָקן. איך האָב זיך געטראַכט, איך וועל זיך ווי עס איז אַן עצה געבן. גע-וואוסט האָב איך, אז פילע אידן קומען קיין קיעוו פאר א קורצער צייט און נישט אַלע כאַפּט מען און מען שיקט מיטן „עטאַפּ״; און מכח א פּאַספּאָרט וועל איך ווי עס איז דורכקומען, ווייל א צייג-ניש אז איך בין געשטאַנען צום פּריזיוו האָב איך נאָר וואָס געהאט ארויסגענומען אין רעזישישטשעוו. דער באַגער צו זען קיעוו איז געווען גרעסער ווי די געפאר ארעסטירט צו ווערן.

אָנגעקומען אין קיעוו בין איך ארום איינס אזייגער בא-טאָג. דעם גאנצן טאָג בין איך ארומגעגאַנגען איבער דער שטאָט און האָב געזען אַלץ וואָס איז נאָר כדאי געווען דאָרט צו זען. צו אָוונט צו האָב איך א טראַכט געטון וועגן נעכטיקן. דאָרט וואו איך האָב גע-

געסן נאַכטמאָל, אין א גאַסטיניצע*) אַף „פּאַדאַל", האָט מיר איי-נער א מאַן געראַטן צו גיין שלאָפן אין א שיינעם האָטעל, און גראָד נישט אַף „פּאַדאַל", וואו עס פלעגן געמאַכט ווערן עפּטערע אָב-לאַוועס ווי ערגעץ אַנדערש. אַזוי ווי אַף מיר איז נישט אָנגעשריבן, אַז איך בין א איד, האָט ער געזאָגט, און אַזוי ווי איך בין צימלעך שיין געקליידעט, זאָל איך בעסער גיין נעכטיקן אין יענעם האָטעל, וואוהין ער האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס.

זיין עצה האָט מיר געקלונגען פּראַקטיש, און איך בין אַוועק אין יענעם האָטעל. דאָס ערשטע וואָס דער בעל הבית האָט מיך גע-פרעגט איז געווען, צי איך בין א איד, און דאַן צי איך האָב א פּאַס-פּאָרט. ווען איך האָב אים געענטפערט אַז איך בין א איד, נאָר קיין פּאַספּאָרט האָב איך נישט, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער האַלט עס פאַר זיין פליכט מיר צו זאָגן, אַז איך נעם די ריזיקע אַף זיך, דאָס הייסט, טאָמער מאַכט מען אָן אָבלאַווע**) און מען אַרעסטירט מיך, וועט ער נישט זיין שולדיק. נאָר וואָס דען, ער וועט מיר אָנצייגן א פּלאַץ, וואו איך קאָן זיך באַהאַלטן, אין פאַל אויב עס וועט זיין אַן אָבלאַווע.

ער האָט מיך אַרויפגעפירט אין א צימער און מיר אָנגעזאָגט, אַז אין פאַל עס וועט געמאַכט ווערן אַן אבלאַווע, וועט ער אפריער אָנקלאַפּן אין טיר, און איך זאָל דאַן צודעקן דאָס בעט און אַרויס-נעמען אַלע מיינע זאַכן און אַריינגיין אין דער שאַפע „נומער דריי", וואָס שטייט אין א געוויסן פּלאַץ אין קאָרידאָר, וואו ער האָט מיר אָנגעוויזן. איך האָב אים געפרעגט, ווי אָפט די אבלאַוועס ווערן געמאַכט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז אין דער געגענט און אין זיין האָטעל ווערן אבלאַוועס געמאַכט זעלטענער ווי אין אַנדערע האָ-טעלן. ער וואָלט זייער וועלן, ווי ווייט מעגלעך אָפּהאַלטן זיין האָ-טעל פון אבלאַוועס און דאָס קאָן נאָר געטון ווערן דאַן, ווען מען וועט בא אים נישט געפינען קיין מענטשן אָן פּאַספּאָרטן. ווי איך

*) האָטעל.
**) נאַכט־איבערפאַל פון פּאָליציי.

בין דערנאָך געוואָר געוואָרן, בין איך נישט געווען דער איינציקער, ווען ער האָט אזוי פארהיט און ווען ער האָט אָנגעוויזן, וואו זיך אויסצובאהאלטן.

די נאָכבארשאפט, וואו דער האָטעל איז געשטאַנען, איז נישט געווען פון ערשטן קלאַס. עס איז געווען נעבן אסך שיינקען און קאָרטן-שפיל-פּלעצער. ווי דער שטייגער איז אין אזעלכע ערטער, קומט עס אָפט צו א געשלעג צווישן די אָנגעטרונקענע און פאר-שפּילטע. אזוי האָט די נאכט געטראָפן א שטארקער געשלעג צווישן די חברה-לייט, ביז די פּאָליציי איז אָנגעקומען און האָט געמוזט פייפן און ארויסרופן נאָך מער זשאנדארן. ווען דער אויפזעער פון האָטעל האָט דערהערט די פייפעריי, האָט ער געמיינט, אז דאָס איז אן אבלאווע. איז ער ארומגעלאָפן פון איין צימער צום צווייטן און אָנגעקלאפּט, אז יעדער איינער וואס איז נישט אינגאנצן כשר זאָל זיך באהאלטן, וואו מען האָט אים אָנגעוויזן, ביז נאָך דער אָב-לאווע.

איך האָב זיך נישט פארלאָרן, ווי מיין געוואוינהייט איז גע-ווען. איך וויל דאָ באמערקן, אז ביז היינטיקן טאָג ווער איך נישט צוטראָגן אין דער צייט ווען עס טרעפט עפּעס אן אומגליק. פאר-קערט, איך ווער דאן גאנץ קאלטבלוטיק און באטראכט די דערשיי-נונג גאנץ רואיק. אין אַנדערע פאַלן בין איך זייער א נערוועזער מענטש, אבער ווען עס קומט צו קריטישע מאָמענטן ווער איך נישט איבערגעשראָקן, ווי אנדערע מענטשן. ווי וואונדערלעך דאָס זאָל נישט אויסקוקן איז דאָס דאָך אן אמת. איך האָב א פּאָר מאָל אין מיין לעבן אָפּגעראטעוועט מיינע אייגענע פון געפארן נאָר דורכדעם וואס איך האָב נישט פארלאָרן מיין פארשטאנד, נישט נעמענדיק אין אכט ווי גרויס די געפאר איז געווען.

אזוי אויך אין דעם פאל. איך האָב צוזאמענגענומען מיינע זאכן, פארבעט דאָס בעט אזוי, אז מען זאָל נישט דערקענען, אז אימיצער איז דאָרט געשלאָפן און איך בין אריין אין דער שאפע „נומער דריי". די שאפע איז געווען א גרויסע און איז געווען פול מיט אלערליי קליידער. איך בין אריין און האָב פארמאכט די טיר.

שטייענדיק אין דער שאפּע עטלעכע מינוט, האָב איך אפילו געקאָנט הערן וואס מען רעט אין קאָרידאָר, און ווער רעט נאָך — דעם מינדסטן ריר, וואס איז פאָרגעקומען ארום מיר. אזוי האָב איך פּלוצלונג דערהערט, אז אימיצער אָטעמט נעבן מיר. איך האָב שטילערהייט א פרעג געטון: „קטאָ זדיעס?“*) קיינער האָט נישט געענטפערט, אָבער איך האָב דערפילט, אַז אימיצער האָט זיך ארונטערגעלאָזט צום דעק פון דער שאפּע.

זייענדיק כמעט איבערצייגט, אז נאָך אימיצער איז דאָ מיט מיר אין שאפּע, האָב איך אָנגעהויבן זוכן מיט מיינע הענט, ביז איך האָב אָנגעטאַפּט א מענשלעכן קערפּער. דאן האָב איך דערהערט א שוואכע, ציטערדיקע, איבערגעשראָקענע פרויען-שטימע, וועלכע האָט מיר געזאָגט אף אידיש: „דאָס איז אַן עלטערע פרוי פון גאַסטינעץ.“

איך האָב גלייך פארשטאַנען, אז דאָ איז געמאכט געוואָרן א טעות און איך האָב מער גאָר נישט געפרעגט, ביז דער האָטעל-דינער איז אריינגעקומען אין קאָרידאָר און האָט געזאָגט גאַנץ הויך אפן קול, אז קיין אבלאווע איז נישט געמאכט געוואָרן; עס איז געווען בלויז א געשלעג פון שכורע קאָרטנשפּילער.

דערהערנדיק דאָס, בין איך ארויס פון שאפּע און נאָך מיר איז אַרויס אַ אידענע פון א יאָר פופציק. נאָך די פּערל וואס זי האָט געטראָגן האָט זי אויסגעזען צו זיין א גבירטע. איך האָב זיך שטארק צעלאכט און זי האָט זיך זייער פארשעמט. אָבער די שולד איז געווען אירע, ווייל אלעמען האָט מען אָנגעזאָגט וואו זייערע פּלעצער זענען, מענער באזונדער און פרויען באזונדער. עס איז אבער באַשערט געווען, אז אַן עלטערע פרוי זאל זיין באהאלטן מיט א יונגן מאנסביל אין אַ פינצטערער שאפּע.

*) ווער איז דאָ?

———:———

נאָכוואָרט:

קיין קיעוו אָן א פּאַס.

צווישן אסך זאכן, וואָס זעען איצט אוים אין אונדזערע אויגן — ווען מיר גיבן א קוק אַף „צוריק מיט יאָרן" — ווי א בייזער ווילדער חלום, פּאַרנעמט, בלי שום ספק, רוסלאנד מיט איר פּאַספּאָרטן-סיסטעם דעם סאַמע שפּיץ פון מזרח-וואַנט. מען קען מיט זיכער-קייט זאָגן, אַז יעדער איד, אָן שום אויסנאַם, האָט פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון דער סיסטעם און עס ליגט אים נאָך היינט אין מאָגן. משונה-ווילד קומט אונז היינט אוים דער טרויעריקער פאַקט, אַז מענטשן, באַשאַפענע אין צלם אלקים זענען געזעסן און גע-קנייטשט דעם שטערן אַף דעם, ווי אַזוי צו מאַכן מענטשן וואָס שווערער, וואָס טרויעריקער, וואָס גרויזאַמער, זייער עקזיסטענץ, וואָס מער צו דערנידעריקן זייער מענטשנווערט, ווי אָנצוטאָן מער פיזישע און גייסטיקע יסורים. מען איז אין דעם הינזיכט דערגאַנגען ביז צו אכזריות.

איינע און די זעלביקע שטאָט האָט געהאַט גרענעצן פאַר אידן, וואָס אַהין האָט מען געמעגט שטעלן א פוס און אַהער נישט.

די אידן אליין, איינגעטיילט אין קלאַסן און גרופּן בנוגע דעם געזעץ:

מיט רעכטן, באַשרענקטע רעכטן און גאָר אָן רעכטן.

עס איז געווען א באַזונדערער יחוס און זכות אויב דער זיידע האָט געהאַט באַקומען די געהעריקע פּאָרציע ריטער, שמיץ און קלעפּ זייענדיק א „ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט".

די אידן זענען תמיד געצוואונגען געווען אַרומצוגיין די הערשנדיקע בנוגע די געזעצן, פון וואס די רעגירונג האָט זייער גוט געוואוסט: — א רב — א טינטמאַכער, א סטודענטקע — א „גע-לער בילעט" א. ד. ג. אָבער מען האָט זיך נישט געמאַכט ווימנדיק, ווייל דאָס איז געווען א גאַנץ פיינער מקור פון פּרנסה פאַר די רע-גירונגס-באַאַמטע וועלכע האָבן געהאַט צו זאָגן א וואָרט וועגן דעם...

37-טער קאַפּיטל.

צוויי מאָל זיך געזעגנט.

מיינע פעטערס און זייער השגה וועגן אמעריקע. — השיבנו נאזאד. — אָרימער בעל גאוה. — איך פאַר קיין אמעריקע. — שווער זיך צו שיידן. — רחמנות אנשטאָט האַס.

עס איז דאָ א ווערטל: „דער „זיי געזונט" נעמט אוועק דעם געזונט." אין דער ריכטיקייט פון אָט דעם ווערטל האָב איך זיך צוויי מאָל איבערצייגט.

איינמאָל אין יאָר 1881, ווען מיינע דריי פעטערס, מיין מוטערס ברידער, זענען אוועקגעפאָרן. צוויי פון אָט די פעטערס מיינע זענען געווען, אזוי צו זאָגן, די וועג-ווייזער, וועלכע האבן געהאט א השפעה אויף מיין גייסטיקער אנטוויקלונג. אויב איך האב פון זיי קיין סך נישט געלערנט, איז דאָס אבער געווען זיי צו פאַרדאנקען וואס איך האָב דורכגעטראכט דאָס ווייניקע וואָס איך האָב געלערנט, וואס איז מער ווי אסך לערנען און נישט איבערדענקען.

איין פעטער מיינער איז געווען ווייניקער געלערנט, אבער ווי אַ גוטער, געניטער קרעמער שטעלט אוים זיין סחורה אין אָרדנונג און ווייסט גלייך וואו יעדע זאך געפינט זיך אין פאל ער דאַרף עפּעס האָבן, אזוי האָט ער בא זיך אין גערעבעניש איינגעאָרדנט זיין קענטעניש. ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט בלויז אויף דעם וואָס ער האָט אמאָל געלערנט. אלעס וואס ער האָט געלערנט איז געווען פריש אין זיין זכרון און ער האָט זיך באַנוצט דערמיט, ווען ער האָט נייטיק געהאט.

דער צווייטער פעטער איז געווען מער געלערנט, האָט פאַרמאָגט מער וויסן ווי יענער, אבער ער האָט נישט סיסטעמאטיזירט זיינע קענטענישן און ער האָט דעריבער זיך ווייניק וואס געקאָנט באנוצן מיט זיי.

אָם מיט די פּעטערס האב איך זיך געזעגנט אין יאָר 1881, ווען זיי זענען אוועקגעפאָרן קיין אמעריקא.

קיין קלאָרן באגריף וועגן אמעריקא האָט דאן קיינער באַ אונדז נישט געהאט און איך אליין אודאי און אודאי נישט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז איך וועל שוין מער מיינע פּעטערס קיינמאָל נישט זען, און דערפאר איז דאָס געזעגענען זיך געווען אזוי טרויעריק, נאָך שטארקער ווי מען פארלירט איינעם דורכן טויט. ווארים דער טויטער מענטש שטויסט אביסל אָפּ פון זיך דורך זיין טויטן צושטאנד און דערפאר ווערט דער פארלוסט שוואכער, בעת מיט לעבעדיקע מענטשן, ווען מען ווייסט אז זיי זענען פאר אייך פארלאָרן, איז דאָס געזעגענען זיך שטארקער ווי דער פארלוסט דורך טויט.

האָבנדיק אזא באגריף קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואס דאָס געזעגענען זיך מיט מיינע פּעטערס האָט געמיינט פאר מיר. צוויי טעג נאָכאנאנד האָב איך געוויינט. איך בין קיין שבעה נישט געזעסן, דערפאר האָב איך אף קיין אָרט נישט געקאָנט איינזיצן. איך האָב קיין קריעה נישט געריסן, דערפאר איז מיין הארץ צעריסן געוואָרן פון בענקעניש. איך האָב קיין קדיש נישט געזאָגט, דערפאר האָב איך זיי דערמאנט יעדן טאָג. איך האָב זיי קיין מחילה נישט געבעטן, אבער דערפאר האָב איך גאָט געבעטן פאר זייער וואוילזיין. איך האָב נאָך זיי קיין יאָרצייט נישט געשטעלט צום יאָר, דערפאר איז דער ערשטער בריף פון זיי געווען פאר מיר ווי א יאָרצייט.

די צייט, זאָגט מען, איז דער בעסטער רופא, דער בעסטער דאָקטאָר, די בעסטע מעדיצין, און דאס איז באמת ריכטיק. די צייט היילט אויס און מאכט פארגעסן אלע וואונדן. די וואונד איז ביסלאכווייז פארהיילט געוואָרן דורך דער מעדיצין אין דער פאָרם פון בריוו, און עס האָט אָנגענומען אן אנדער ווענדונג. איך האָב זיך דורך בריוו פאראינטערעסירט אין זייער לעבן, אזוי אז איך האָב געוואוסט אלץ וואס מיט זיי האָט פּאסירט. זיי פלעגן מיר אויסשרייבן אלצדינג און איך פלעג זיי ענטפערן רעגלמעסיק, און אָפט האָב איך אפילו קריטיקירט זייערע האנדלונגען און זיי אָנגעבאָטן מיינע עצות, וועלכע זיי האבן זיך נישט געאיילט אָנצונעמען, כאָטש

זיי האבן שפּעטער געמוזט איינזען, אז דער אינגל האָט פּאָרט רעכט געהאט. איך געדיינק א פאל וועגן איין פעטער מיינעם, ווענען איך האָב מער ליב געהאט, איך ווייס אליין נישט פארוואס, צי דערפאר וואָס ער האָט פון מיר געהאלטן, צי דערפאר וואס איך האב פון אים מער געהאלטן, יעדנפאלס, אָט דער פעטער האָט זיך איינמאָל אין א בריוו באקלאָגט פאר מיר, אז ער איז דאָ אין אמעריקא, אין דער שטאָט שיקאגא (וואו זיי זענען דורך א צופאל מגולגל געוואָרן) באַ-ליידיקט געוואָרן מער ווי ווען עס איז אין זיין לעבן אין רוסלאנד.

וואָס איז אזוינס געשען? נאָכדעם ווי דער פעטער האָט א לאנגע צייט אין שיקאגאָ געזוכט ארבעט און נישט געפונען, איז ער געקומען אין בארירונג, דורך א רעקאָמענדאציע פארשטייט זיך, מיט מר. ארמאָר, פון דער בארימטער גרויסער פלייש-פירמע „אר-מאָר און סוויפט", און אָט דער מר. ארמאָר האָט געהאט די העזה אים פאָרצולייגן, אז ער וועט אים געבן א דערלויבעניש צו עפענען א סטענד*) פון עפּל, קענדי**), סיגארעטן און אנדערע זאכן נעבן זיין גרויסער שלאכט-הויז. דאָס, האָט מיין פעטער מיר געשריבן, האָט אים אזוי דערצאָרנט, אז ער האָט זיך נישט נאָר אנטזאגט פון ארמאָרס פאָרשלאג, נאָר אפילו פון זיין פריינטשאפט, און איינער דעם צווייטן האָט מער נישט באַלעסטיקט... אגב, וויל איך דאָ באַ-מערקן, אז א צווייטער מאן, וועמען ארמאָר האָט געגעבן די פּרי-ווילעגיע, איז מיט דער צייט רייך געוואָרן און פונם סטענד האָט זיך אנטוויקלט א שיין און גרויס געשעפט.

מיין פעטערס שטאָלץ האָט אָן צווייפל געהאט א ווירקונג אַף די אנדערע ברידער זיינע, און אלע האבן זיי זיך נישט געקאָנט צושלאָגן צו קיין זאך. ווען נישט מיין מומע, די פרוי פון מיין פארהייראטן פעטער, וועלכע האָט געפונען ארבעט און פארדינט אכט דאָלער א וואָך, וואלט נישט געווען וואס צו עסן; און אזוי ווי זיי זענען געוואוינט געווען אביסל צו הונגערן, איז מען ווי עס

*) א שטיי־אָרט, אַף צו האנדלען.

**) קאָנפעקטן.

איז דורכגעקומען, ביז מען האָט אויסגעווירקט בא דער הילפּס-קאָ-
מיטע, אז מען זאָל זיי שיקן צוריק קיין רוסלאַנד.

מיין באשיידענע עצה וואס איך האָב דאן געגעבן מיין פעטער
איז געווען, נישט צו קוקן אף כבוד, ווייל דער זעלבער יחוס
און כבוד איז א שטערונג צום פּראָגרעס פון דעם גאנצן אידנטום.
איך האָב שוין דאן אלס איינגל באגריפן, אז הויפּטזעכלעך צוליב
דעם וואָס די אָדער יענע מלאכה איז נישט אָנגעשטאַנען און צוליב
די אויסנאַם-געזעצן פאר אידן זענען געווען אזויפיל לופט-מענטשן,
וועלכע זענען צוליב די צוויי סבות געצוואונגען געווען אוועקפאָרן
פון אזא רייך לאנד.

איך געדענק, ווי איך האב אים געשריבן, אז די עקאָנאָמישע
לאגע האָט זיך אין רוסלאַנד נישט פאַרבעסערט, די סאָציאַלע אודאי
נישט, און אויב זיי קענען דאָרט אין אמעריקא געניסן אלע פריי-
הייטן און דערצו האָבן עפּעס מער ווי א שטיקל שווארצן ברויט מיט
רעטאך, ווי זיי פלעגן עסן אין דאָרף סוכאָליעס, זאָלן זיי די האָפנונג
נישט אויפגעבן. איך האָב זיך איינמאָל אויסגעדריקט אין א בריוו
צו זיי: „האָרעווע מיידעלע, וועסטו האָבן א קליידעלע." איך האב
דאָס געמיינט גאנץ ערנסט, ווייל איך האָב געוואוסט, אז זיי פוילן
זיך צו.

זיי האָבן, קענטיק, שטארק געבענקט נאָך דער געזעלשאפט,
מיט וועמען צו שפּילן אין „פּרעפערענס" בא א גלעזל טיי ביז האל-
בע נאכט.

נאָכדעם ווי זיי זענען געווען אין אמעריקא א קארגן יאָר, זע-
נען זיי אלע געפאָרן צוריק אהיים. די גליקן אין דערהיים זענען
געווען די זעלביקע וואס פריער, נאָך מיט א פּראָצענט ערגער, ווייל
מען איז אָפּגעריסן געוואָרן פונם ביסעלע וואס איז פריער געווען.
אין א פּאָר יאָר ארום איז דער זעלבער מיוחס, וואס האָט געהאלטן
פאר א באליידיגונג צו שטיין ביי א סטענד, געפאָרן נאָך אמאָל קיין
אמעריקא, און אין ניו יארק האָט ער מיט א באקאנטן לאנדסמאן,
א געוויסער אליק לאנדע, פארקויפט עפּעל נישט פון א סטענד, נאָר
פון א וועגעלע, שרייענדיק „עפּל פינף סענט א קוואָרט", האָט גע-

מאַכט אַ לעבן און געשיקט הילף זיין ברודער מיט זיין פרוי צו קו-מען נאָכאַמאָל קיין אַמעריקאַ.

מיט צוויי יאָר שפּעטער זענען מיר אַלע געקומען קיין נויאָרק, און נישט איינמאָל האָב איך אים דערמאָנט וועגן דעם צוריקגע-שטויסענעם פאַרשלאָג פונם סטענד נעבן דעם שלאַכט-הויז פון „אַרמאָר און סוויפט" אין שיקאַגאָ.

דאָס צווייטע געזעגענען זיך, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק, איז געווען, ווען איך אַליין האָב געדאַרפט אוועק-פאָרן. קיין סך אייגענע האָב איך אינדערהיים נישט איבערגעלאָזן, אַחוץ עטלעכע גליד-שוועסטער-קינדער. פונדעסטוועגן וועל איך ביז מיין טויט געדענקען יענע נאַכט, ווען איך האָב פאַרלאָזן מיין געבורט-שטאָט.

ווען מיר האָבן אַלץ פאַרקויפט און זענען געווען גרייט אוועק-צופאָרן — עס איז געווען נאָך סוכות — האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דעם ווינטער דאַרף איך זיך שטעלן צום פּריזיוו, נישט צו איין און צוואַנציק יאָר, ווי געוויינלעך, נאָר צו צוואַנציק יאָר. אַזוי האָט מען מיך געהאַט פאַרשריבן אין מיין „מעטריקע"*). צוגעשריבן בין איך געווען צו רעזשישטשעוו, האָב איך זיך געמוזט איבערשרייבן קיין בעלאָצערקאָוו; און אַזוי ווי איך בין געווען אין דער „פּערווע לגאָטע**) האָב איך עס געהאַלטן פאַר ראַטזאַם צו איבערוואַרטן דעם פּריזיוו, אין פאַל טאָמער וועל איך דאַרפן צוריקקומען קיין רוסלאַנד זאָל איך קענען קומען, כאָטש איך האָב, דעם אמת געזאָגט, אַזאַ וואונטש נישט געהאַט.

מיר האָבן אַלזאָ אויף אַ שטיקל צייט פאַר ווייניק דירה-געלט גע-דונגען אַ שטוב באַ אַ גוי, נישט ווייט פון שטאָט, און איבערגעוואַרט ביז נאָכ'ן פּריזיוו. דער פּריזיוו האָט זיך געענדיקט אַ דינסטיק אין נאָוועמבער, און מיטוואָך דעם גאַנצן טאָג בין איך געווען פאַרנומען

*) געבורט-שיין.

**) ערשטע מדרגה פּריווילעגיע.

אַרויסצוקריגן א „סווידיעטעלסטוואָ“*), אז איך בין אָפּגעשטאַנען דעם פּריזיוו.

ווען איך האָב געהאַט מיין „סווידיעטעלסטוואָ“ האָב איך ערשט דאַן געדאַרפט פאָרן קיין רעזשישטשעוו נאָך א פּאַס. האָב איך אָפּגעמאַכט מיט מיין אינגסטן פעטער דן, וועלכער איז מיטגעפאָרן מיט אונדז אויף אונזערע הוצאות, אַז איך וועל אַרויספאָרן דאַנערש־טיק אָוונט, זיין פריייטיק אין רעזשישטשעוו, קריגן א פּאַס און דאַן אים מיט מיין פאַמיליע טרעפן אין קיעוו שבת. אזוי איז געווען. שבת דעם גאַנצן טאָג זענען מיר ביידע אַרומגעגאַנגען איבער קיעוו, אויסגעווען איבעראַל. ווען איך האָב אים געפרעגט, וואָס פאַר אַמעריקאַנער שטאָט קאָן פאַרגליַכן ווערן מיט קיעוו, האָט ער גע־זאָגט, אַז נויאָרק און אפילו שיקאַגאָ איז א פיל גרעסערע שטאָט ווי קיעוו, אבער אַזויפיל „קאָליאַסן“**) ווי מען זעט דאָ אויף „קרים־משאַטיק“, און אַזויפיל רייכטום האָט ער אין אַמעריקע נישט גע־זען. יעדערער, האָט ער געזאָגט, אַרבעט.

דאָס האָט מיך געפרייט צו הערן, ווי עס שיינט דערפאַר ווייל א קבצן פילט זיך באַקוועמער צווישן קבצנים.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך גלייך דערזען, אַז מיין פעטער דן האָט א טעות געהאַט מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט, אַז אין אַמעריקע זענען נישטאָ קיין רייכע, אַז אַלע אַר־בעטן; און ווען איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז אין דער צייט וואָס ער איז געווען אין אַמעריקע, מיט זעקס יאָר פריער, איז אַזאַ רייכטום נישט געווען. יעדער בעל הבית פון א פאַבריק, ווי קליין אָדער גרויס זי איז געווען, איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין „אָוועראָלס“***) און האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין וואָס פאַר עס איז אָפּטיילונג פון דער אַרבעט, אָבער דאָס רייכטום, האָט ער געזאָגט, איז אַזוי שנעל געוואַקסן

*) א ציוגניש.
**) קאַרעטן.
***) אויבערהויזן פאַר אַרבעט.

אין אמעריקע, אז אין א פּעריאָד פון זעקס יאָר זענען שוין די גע-שעפטלעכע פאַרהעלטענישן געוואָרן אנדערע.

ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, האָב איך אין בעלאָצער-קאָוו אחוץ עטלעכע גליד-שוועסטער-קינדער קיינעם נישט איבער-געלאָזט. נישט מיט אלעמען בין איך געווען שטארק באפריינדעט און נישט אלע האָבן געוואוסט, אז מיר פאָרן אוועק קיין אמעריקע, ווייל קיין גרויסער כבוד איז דאָס דאַן נישט געווען; מען האָט זיך דאַן נאָך געשעמט מיט אמעריקע. איך בין צוליב דעם אוועקגע-פאָרן באנאכט און דערפאר איז מיר נישט אויסגעקומען זיך גע-זעגענען מיט אסך מענטשן.

דער צוג נאָך רעזשישטשעוו פלעגט אָפּגיין האלב צוויי אַזייגער פארטאָג. באנאכט בין איך אוועק צו מיין פעטער משה חסיד, מיט וועמעס קינדער מיר זענען געווען מער באפריינדעט, ווייל זיי זענען געווען אינטעליגענטער און זיי האבן געוואוסט פון אונדזער אוועקפאָרן.

איך האָב אהין באשטעלט דעם איזוואשטשיק צו קומען נאָך מיר. ביים פעטער משה אין הויז איז דאַן געווען נאָר איין מיידל, עלטער פון מיר מיט א יאָר פיר. מיר זענען ביידע געזעסן און גערעט אזוי הארציק אזוי ווי מיר וואָלטן וועלן אָפּריידן פאַר דער גאנצער צייט וואס מיר וועלן זיין אָפּגעריסן איינס פון אנדערן. פון צייט צו צייט האבן מיר ארויסגעלאָזט א טרער.

ווען עס איז געקומען די צייט זיך צו שיידן, איז אונדז געווען זייער שווער זיך אָפּרייסן, כאָטש מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט ליב געהאט; פארקערט, מיר פלעגן דאָס רוב זיין ברוגז, אָפט נישט רעדן. אבער אין דער לעצטער מינוט האָבן מיר זיך אָן אלץ פאַר-געסן, קיין חשבון זיך נישט אָפּגעגעבן, און זי האָט מיט א צע-בראָכן הארץ, מיט א וויינענדיקן קול און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט: „איסאַקעניו, דו און די אנדערע זאָלן אָן מיר אויך נישט פארגעסן!"

אירע פשוטע הארציקע ווערטער האָבן מיר אזוי לאנג גע-קלונגען, ביז מיר האבן איר אין א פּאָר יאָר ארום ארויסגעשיקט

אַ שיפס-קאַרטע, און דאָ האָט זי געהייראַט און אױף דער עלטער רייך געוואָרן און איז אין קאליפאָרניע אין רעכטן מיטן פון איר גליק געשטאָרבן.

ווען איך בין ארויס פון איר הויז און אלץ ארום מיר איז שטיל געוועזן, טאַקע שטיל ווי די נאכט אליין, האָב איך זיך מיט נייגעריקייט צוגעקוקט צו יעדן הויז, צו יעדער גאַס, צו יעדע זאך באזונדער. מיר האָט זיך געדוכט, אז אלץ, אלץ ארום מיר ווינטשט מיר פאָרן געזונט, אז אלץ ווינטשט מיר א גליקלעכע צוקונפט.

ווי אין א קאליידאסקאָפּ זענען פארביי מיר דורכגעלאָפן אַלע מיינע יאָרן: איך האָב זיך דערזען אין אלע מיינע אינגלשע מעשים, סיי גוטע, סיי שלעכטע. איך האָב געוואָלט בשעת מעשה אַריינזווינגן אין זיך ווי א שוואָם די זיסע און ביטערע געפילן פון מיין איבערגעלעבטער יוגנט, כדי קיינמאָל מער נישט צו פארגעסן. נאָך אמאָל, נאָך אמאָל און ווידער אמאָל האָב איך געקוקט אױף איטלעכע דערשיינונג פון מיין געבורטשטאָט — ווי איך וואָלט עס צום ערשטן מאָל געזען — וועלכע איך פארלאָז היינטיקע נאכט אױף אייביק. איך האָב פאר מיינע אויגן איצט געזען מיין גאנצע פארגאנגענהייט; איך האָב זיך לענגער אָפּגעשטעלט אױף דאָס ביסעלע גליק וואָס איך האָב דאָ גענאָסן אלס קינד, האָב אבער אויך אין דעם מאָמענט דערשפירט א פיזישן ווייטיק אין מיין פארוואונדעטע הארץ וואָס מיין געליבטע, — מיין ערשטע צאַרטע, ריינע קינדישע ליבע — האָט מיך פארוואונדעט.

איך האָב, אמת, אין דעם מאָמענט געפונען א טרייסט אין דעם וואָס איר אויסוואַל, ריכטיקער געזאָגט דער אויסוואַל פון אירע עלטערן, איז דורכוים נישט צוגעפּאסט פאר איר, אבער דאָס האָט מיין שווער הארץ נישט לייכטער געמאכט. אין אָט דעם קאליידאסקאָפּ בילדער, איבערלעבונגען, געדאנקען און געפילן האָט זיך ווי א בליץ דורכגעטראָגן דאָס בילד ווי איך — דער פאַרליבטער בחורל שטיי מיט געדריקטע פויסטן אפן בעלאצערקאווער וואָקזאַל און באַגלייט מיט מיינע בלוטפארלאָפענע אויגן מיין געליבטע, וועלכע פאָרט קיין קיעוו זיך נייען דעם אויסשטייער — די חתונה-קליידער,

כדי צו גיין צו דער חופה מיט א צווייטן. מיין נשמה-צושטאַנד אין יענעם מאָמענט איז ווי מיט אן אָנגעגליטן אייזן אויסגעברענט אין מיין הארצן, ווי עס ברענט א העלישער פייער פון שנאה און פאר-אכטונג צו אלע די, וואס זענען געווען די סיבה פון מיין בזיון און מיינע גייסטיקע ליידן.

קומענדיק נענטער צום וואקזאל, זענען מיר אין מיינע געדאנקען ארויפגעשוואומען די אומשולדיקע קינדער-יאָרן, די נשמהדיקע, גע-פילפולע יאָרן, די שוואכע, קלעגלעכע אויסזיכטן אויף די יאָרן פון דער צוקונפט, דער גאנצער מורא׳דיקער צושטאַנד פון די מענטשן בכלל און פון אידן פון מיין קלאַס בפרט, וואס איז געווען א רע-זולטאַט פון דער דאן עקזיסטירנדיקער רעכטלאָזיקייט פון דעם צאַ-רישן רעזשים.

קיין זאך, פון וואָס מענטשן האבן הנאה, נישט שאדנדיק קיי-נעם; קיין זאך וואס קאן באפרידיקן א נאָרמאלן אינטעליגענטן מענטשן אין זיין עקאָנאָמישן צושטאַנד, איז נישט געווען דער-לויבט. דעריבער האָט די עקזיסטענץ קיין יסוד און קיין באָדן נישט געהאט. איך בין נישט געווען פארביטערט, איך האָב קיין פלוך, קיין קללה נישט געטראָגן אויף מיינע ליפּן, ווי אסך אנדערע, וועל-כע זענען געצוואונגען געווען צו נעמען דעם וואנדער-שטעקן אין דער האנט. איך האָב נאָר באדויערט, ווי א פאָטער באדויערט זיינס א קינד, וואס איז אוועק אין שלעכטן וועגן צוליב שלעכטע קאָמ-פּאניאָנען. איך האָב מער רחמנות געקראָגן מיט גאנץ רוסלאנד, אפילו מיט די וואס זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון פארשאַפן אונדז אל-דאָס-בייז.

———:———

נאָכוואָרט:

צוויי מאָל זיך געזעגנט.

אין פּרט פון געזעגענען זיך זענען דאָ חלוקי דעות. א טייל זאָגן, אז דער וואָס פאָרט אוועק אף א ווייטער רייזע פון וועלכער ער קלערט זיך שוין נישט מער אומצוקערן — פילט דעם ווייטיק פון צושיידן זיך שטארקער ווי דער וואָס בלייבט אפן אָרט.

אנדערע ווידען זאָגן — פארקערט — אז דער איבערגעבליבע-נער פילט דעם ווייטיק באַם צושיידן זיך אסך שטארקער טיפער ווי דער וואָס פאָרט אוועק.

ווער עס זאָל נישט זיין גערעכט — מוז מען דאָך צוגעבן, אז ווען מען פארלאָזט א געבורטס-אָרט אף שטענדיק איז זייער שווער זיך צו שיידן.

נישט נאָך די אייגענע, די נאָענטסטע נאָר אפילו די באַקאַנטע, די עצם שטאָט, אָרט, גאַסן, איטלעכער ווינקעלע וואו דו האָסט פאַר-בראַכט דיין יוגנט, דיינע בעסטע און שענסטע יאָרן, יעדע קלענסטע ערינערונג ווערט אזוי ליב, אזוי טייער, אז ערשט אין דעם מאָמענט פון צושיידונג פילסטו ווי דו ביזט איינגעוואקסן אין דער גאַנצער סביבה און דאָס הארץ ווערט צוריסן, עס טוט באַנג דאָס אַלץ אי-בערצולאָזן.

מען גלויבט אפילו, אז אן ארעסטאנט וואָס איז אסך יאָרן אָפּגעזעסן אין תפיסה, לעבט איבער אָט דעם געפיל באַם פארלאָזן זיין תפיסה-קאַמער, די איבערגעבליבענע קאַמעראַדן, די סביבה...

דריי־הונדערט־אכט־און־אכציק

אינהאַלט:

קאַפּיטל		זייט
	פאָרוואָרט פון מחבר	7
1.	שריפות	11
2.	מען ארעסטירט מיין טאַטן	18
3.	מיינע ערשטע חדר-טעג	28
4.	מען ברוקירט צוויי גאַסן	42
5.	א קרוב אַף קעסט	51
6.	די באָד	62
7.	דריי קינדער און אַלע ווערן מיר קראַנק	70
8.	מען באַגייט קעגן מיר צוויי עולות	75
9.	צוליב מיר פּאַטשן זיך צוויי סערעבעס	84
10.	יום-טובים	92
11.	סלאַווישע רציחה	104
12.	איך ווער אין שטוב א „בעל הביתטע"	114
13.	קאָלאָסאַלע דערפאָלגן — אפן קארוסעל, אין דער „ארמיי" און בא דער דינסטמיידל	125
14.	צוויי געווינסן	139
15.	איך באקום א צונאָמען	150
16.	מיין פּאָטערס מינדלעכע צוואה	155
17.	איך פּרוביר אויס צי עס איז דאָ א גאָט	161
18.	איך פאָר מיט מיין פּאָטער צום רבי'ן	166
19.	איבערגעלעבט אן עפּידעמיע פון א מילדער כאָלעריע	173
20.	אין דאָרף צום פעטער	178

קאפיטל | זייט

21. אַ באנקראָט צוליב אַ „בעבור שנדר" 194
22. צוויי עלטער-פעטערס 201
23. איינער פון די דריי אינגלעך, וואָס קערן איבער אַ לאָדקע מיט דריי מיידלעך 206
24. מיינער אַ פעטער צעברעכט זיך אַ פוס 215
25. מיין טאטע פארמישט אין אַ קאָנספיראציע 224
26. באַ מיינעם אַ לערער אין הויז מאכט מען אן אָביסקע 230
27. צירק און טעאַטער 234
28. מפלות און דערהויבונגען 245
29. אַ שכן — אַ דם שונא 259
30. אַ סדרה אומגליקן 268
31. איך מוז פאָרן אַף ירידן 278
32. אַ לערער באַם פּאָסעסאָר 290
33. די געשעעניש ביז מיין פּאָטערס טויט 324
34. דער גביר מעג אַלץ 358
35. אַן אויסנאַם פון כלל 363
36. קיין קיעוו אָן אַ פּאַס 372
37. צוויי מאָל זיך געזעגנט 379